STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11106

DOS VINTSHFINGERL

Mendele Mokher Sefarim

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Printed in Soviet Union

מענדעלע מויכער־ספאָרים

געזאמלטע ווערק

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע פון א. גורשטיין, מ. ווינער
און י. נוסינאָוו

באנד V

צווייטער טייל

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1937

מענדעלע מויכער־ספֿרים

דאָס ווינטשפֿינגערל

צווייטער טייל

טעקסט־רעדאַקציע פֿון י. נוסינאָוו

פֿאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע 1937

צווייטער טייל

פ י נ פ ט ע ר ב ו כ

ד ע ר ע ר ש ט ע ר ק א פ י ט ל

„תמשילהו[1], דו מאכסט אימ, דעמ שיינעמ מענטשנ, דאָס אנטיקל פונ גאָטס וועלטל, געוועלטיקנ, במעשי ידיך[2], איבער די ווערק פונ דיינע הענט" — אזוי זאָגט דער פאָסעק אונ רעכנט אויס א צעטל פונ אלע באשעפעניש, וואָס ליגנ דעמ מענטשנ אונטער די פיס: שאָפ אונ רינדער אלערליי, אויכ כייעס אינ די וועלדער, פייגל אינ דער לופט אונ פיש אינ דעמ יאמ. נאָר צו כאפנ פיש אונ פייגל אינ נעצ, צו הערשנ איבער בעהיימעס איז נאָכ ניט אזא כידעש, — פאָרט בעהיימעס, נעפאשעס, מישטיינסגעזאָגט, אָנ א פיצל פארשטאנד. מער כיידעש איז, ווי דאָס שיינע מענטשל קליגט זיכ צו כאפנ אפ דער ווענטקע אויכ זיינ גלייכנ טאקע, ברידער אונ שוועסטער, זיינ פלייש אונ בלוט.

אָט די דאָזיקע גרויסע קונצ, די מעשונע־ווילדע בערייִשקייט זיינע קומט ארופ אפנ געדאנק, ווענ מע גייט אפ דער יורדיקע, א הינטערגעסל אזעלכס אינ גלופסק, אונ מע קוקט אָנ לייווי באָכערס הייזל דאָרט.

לייווי באָכערס דאָזיקע הייזל איז איינס פונ יענע הייזער, וואָס זיינענ א פלעק אפנ פאָלק יִסראָעל אונ פארשווארצנ אימ פאר דער וועלט דאָס פאָנעמ. נאָר שיינע, קאָשערע יִידנ גייענ פארביי, זיי

---

1 טאמשילייהו.

2 בעמאאסיי יאָדעכאָ.

שווײַגן און שפײַען אויס — גאָרנישט! יאָ, זיי שווײַגן, אָבער דער סאָטן שרײַט דערופ קוילעס און איז שטארק מעקאטרעג. עס שרײַען אויך טויזנטער אומגליקלעכע נעפאשעס נעבעכ, וואָס פאלן ארײַן אין די הענט פון רעשאָים — הענדלער מיט לעבעדיקער סכוירע, און זייערע ביטערע קוילעס, זייער געוויין מיט בלוטיקע טרערן דערגרייכן ביז דעם זיבעטן הימל. זיי, די קאָשערע ייִדן, קוקן אוועק, שפײַען, פונעם שפײַען אָבער ווערט אָט די פארשימלטע בלאָטע אין דעם ייִדישן לעבן. פרעמדע, פון אנדערע פעלקער, כאפן זיך בא די נעז און שרײַען: אײַ־אײַ־אײַ, אנ איפעש בא אײַך, ייִדישע קינדער!..

ס'איז שוין האלבער טאָג.

די לאָדן פון לייווי באָכערס הײַזל זײַנען נאָך צוגעמאכט. אין א באזונדער כיידערל דאָרט מיט א פענצטער ארויס אין א גערטנדל, הינטער דעם הײַזל, זיצן א פאָר באטאָגטע ווײַבער בא א גלעזל קאפע מיט פוטערגעבעקסלעך. איינע — א באלײַבטע, א בײַכיקע, א דיקע, קורץ־געוואקסענע ייִדענע, אָנגעגאָסן פון אויבן ביז אראָפ, איין שטיק פלייש, אָן א סימען האלדז. דאָס פּאָנעם איז אונטן־צו מעגושעם ברייט, מיט א צווייגאָרנדיקן גיידער און פעטע אראָפ־הענגענדיקע פּאָר באקן, ווי די פאמפּעשקעס, מיט געלע פליאמעס, צווישן וועלכע עס שלענגלען זיך רויטלעכ־דינע עדערלעך, און אויבן־צו איז עס צוגעשפיצט מיט א קליין שמאָל שטערנדל, אונטער וועלכן עס זיצן פארטיפט גרויע, פײַכטע אייגעלעך מיט א גלאנץ. די גאנצע געשטאלט אירע איבערהויפּט זעט אויס ווי א היטל צוקער: אונטן, מעכילע, ברייט און אלץ שמעלער, שמעלער ביז צום קעפל. דער מאלעכ האָט בא איר געבוירן ווערן זיך, אפּאָנעם, געפלײַסט, ווי א בעריע א מעשאָרעס אין באקאליי־קלייט, אײַנגעפאקט איר נעשאָמעלע און ארויסגעלאָזט אפ דער וועלט אזא סכוירע אין א שקארמיצ. אין דער וועלט האָט די סכוירע, אין איר צײַט, שטארק געגאָלטן; אצינד, אין די עלטערע יאָרן, איז זי לייווי באָכערס ווײַב און איז באקאנט אונטער דעם נאָמען: „די מומע שיינצע".

אקעגן זשע די אנדערע ייִדענע איז א מאָגערע, א הויכע, מיט אײַנגעפאלענע באקן, דינע פארבליווטע ליפּעלעך, א דין, שפּיצעכ־דיק נעזל און בלויע שטעכנדיקע אייגעלעך, אין וועלכע עס צינדט זיך אמאָל אָן א פײַערל. אין דער יוגנט האָט זי געמוזט זײַן שיין,

נאָר אצינד איז זי אָפּגעבליאקעוועט, געקנייטשט, און זעט אויס אינ־
גאנצנ ווי אנ אָפּגעשלאָגענע הוישײַנע — דאָס איז האָדל די מעקלערנ
מיט איר קאָוועד אליינ.

די מומע שײנצע פּאקט געשמאק אָפּביידע באקנ און בעט
אלצ האָדלענ, זי זאָל אויכ געשמאק עסנ.

— זאָלסט מיר געזונט זײַנ, האָדל, עפּעס עסטו מיר גאָר ווי א
קינד: פּאמעלעכנ, צו שטיקעלעכ, קוים־קוים וואָס דו קײַסט. אָט
נעמ, נעשאָמעניו, איכ בעט דיכ, א שטיק טאקע, אזוי, אזוי מיט־
אמאָל, און עס! די פּוטערגעבעקסלעכ זײַנענ מיר הײַנטיקס מאָל
זייער געראָטנ, טאקע כאנצעס קאבאָלע, ארײַנגעלייגט אינ זיי גענוג אייער
און פּוטער, צימערינג, אינגבער אויכ ניט פארגעסנ. אָט האָסטו דיר
א פּארברוינטס, נעמ, איכ בעט דיכ, און עס, עס!

— געזונט זאָלסטו מיר זײַנ, שיינצעניו, לעבנ מײַנס, — מאכט
האָדל, מיט כיינ צונויפשנירנדיק די ליפּעלעכ אינ א לאנג, שמאָל
פּיסקעלע און טוט, ווי א פייגעלע, א זופּ פונעמ גלעזל קאפע, —
וואָס דענ טו איכ? איכ עס מיר, נישקאָשע. זייער געראָטענע בא
דיר פּוטערגעבעקסלעכ! דער מאלכעס מעג זיי עסנ. אזא מאזל,
ריבוינעשעלוילעמ, זאָל איכ האָבנ, וואָס פאר א גוטע באלעבאָסטע,
שיינצעניו, דו ביסט!

אָט אזוי זיצט זיכ דאָס פּאָרל, טוט זיכ וויל און פירט דער־
בײַ א געשפּרעכ איבער פיל זאכנ, דערמאָנענדיק זיכ אָנ דער יוגנט,
אָנ אלטע אמאָלדיקע צײַטנ. ביידע האָבנ מוידוויײַז געהאט איינ ברויט,
דערצויגנ געוואָרנ אָפּ איינ אָרט, און ביידע האָבנ דערנאָכ, שוינ אינ
די יאָרנ, גענומענ פלוצימ און צוגעדעקט דעמ קאָפּ — כאסענע,
הייסט עס, געהאט... שיינצענ איז דאָס מאזל געגאנגענ, און זי איז
מיט דער צײַט געוואָרנ א באלעבאָסטע מיט א געשעפט אליינ פאר
זיכ. זי האָט באקומענ אינ שטאָט א נאָמענ, צו איר אינ הויז קומענ
לײַטישע מענטשנ אזוינע און אזוינע, און לעבט זיכ אָפּ איר וועלט
אינ אוישעך און אינ קאָוועד. שיינצע היט אָפּ ייִדישקײַט, איז
שטארק געוואָרנט אינ די דרײַ ווײַבערשע מיצוועס. שאבעס און יאָנ־
טעוו גייט זי אינ שול כאפּנ א „ברוך הוא וברוך שמו" [1], זעט ווי

---

1 „באָרוכ הו אוואָרוכ שמוי".

וויַבער שפּרינגען „קאַדיש" — שפּרינגט זי אויך, הערט ווי וויַבער וויינען, קלאָגן באַ די טכינעס — וויינט זי, קלאָגט זי אויך. אפן קאָפּ טראָגט זי א טיכל, אראָפּגערוקט קימאַט ביז די אויגן — עס זאָל קיין איין האָר ניט ארויסקוקן, כאָלילע. דאָס טיכל אפן קאָפּ איז בא איר א גרויסער יִיכעס, זי נעמט זיך דערמיט שטאַרק איבער, עס האָט דאָך איר צוגעדעקט די כאַרפּע און באַוויַזט דער וועלט, אז זי האָט געגומען א מאַן מיט כופּע און קידושן. אלטע וויַבער, מינע געבעטעס אזוינע, קומען אָפּט צו איר נאָך א נעדאָווע, און זי גיט זיי עטלעכע גראָשן, אמאָל אויך אן אלט קליידל, זאָקן א פּאָר אויסגעטרעטענע. זי איז זיי אויך מעכאַבעד מיט לעקעך און בראָנפן א ביסל; זיי טונקען, טונקען, מאַכן בראָכע, פאַרקרימענדיק זיך, און ווינ־טשעווען איר אלדאָסגוטס אפ דער־וועלט און א שטול אין גאַניידן אפ יענער־וועלט. שיינצע איז געבענטשט מיט פּאַרנאָסע, מיט פיל גליק, עס גייט איר מער ניט אָפּ ווי קינדער — קינדער האָט זי נישט, און דאָס פאַרומערט איר דאָס לעבן.

— גיי פרעג גאָט א קאשע, — איז דער שטייגער אירער זיך צו קלאָגן, טאַפּנדיק זיך בעשאַסמיַיסע אלץ באַם קאָפּ, — וואָס העלפּט עס? שוין א צוגעדעקטער קאָפּ, באַרעכאָשעם, און פּאַרט גאָרנישט, אלץ טאַקע וואָס פריִער... מיסטאָמע איז רעכט, מיסטאָמע באַדאַרף אזוי זיַין בעוונותינו הרבים[1]...

ווערטער א ביסל! טאַקע גאָר ווי א צידקאָניעס...

האָדלען זשע אקעגן גייט עס שלים־שלימאַזל. קינדער האָט זי דאַפּקע יאָ — און דאָס איז בעעמעס טאַקע א גרויס וווּנדער! נאָר א קאַפּצנטע, ניט פאַר קיין יִידן געדאַכט, איז זי, נעבעך, א גרוי־סע. זי פאַרשטייט אן אייסעק אזוי ווי שיינצע, עפּשער נאָך צען מאָל בעסער, האָט שוין געפּרוּווט איבערדינגען, ווי מע זאָגט, אלע אווידעזאָרעס, זיך שטרעקן אין אלע עקן, נאָר אומזיסט די מי. איר איז נישט באַשערט געוועזן זיַין א באַלעבאָסטע מיט א געשעפט אליין פאַר זיך, און געמוזט ווערן א מעקלערן, זיך דרייען אַרום שיינצען — און דאָס האָט זי געשטאָכן ווי מיט א מעסער. א דאַמ־סוינע איז זי שיינצען בא זיך אין האַרצן. בא א שמועס מיט איר

1 באַוווינוויסייִנו האָראַבים.

איז זי צוקער־זיס, מיט א צונויפגעשנירט פּיסקעלע און מיט שײַנענדיקע אייגעלעך, דאכט זיך, די נעשאָמע גייט איר אויס פאר גרויס פרייד, וואָס יענער איז אזוי גוט, שטייט אפּ אזא שטופּע! נאָר אינמיטן געשפּרעך טוט זי שיינצען א פּיק, רוקט איר ארײַן א שפּילקע, א שטעכווערטל גלאט אזוי זיך, אָן א מיין קלוימערשט.

— אוי, שיינצעניו־קרוין, נעשאָמע מײַנע, מיט דיר צו זיצן איז מײַן לעבן. איך קוועל גאָר אָן אָנקוקנדיק דיך. אָן אײַנאָרע הײַנט א גראפּיניע, און אמאָל?.. געדענקסטו דאָרטן, דאָרטן?.. ווער וואָלט עס זיך געריכט דענסטמאָל?.. און נאכעס, כ'לעבן, האָב איך פון דיר. דער אייבערשטער זאָל מיך נאָר ווערן מעזאקע זײַן צו דערלעבן בא דיר קינדער... קרעכצ נישט, שיינצעניו, זײַ זיך נישט מעצאער. איך ווייס, הייס ווי שלעכט ס'איז, ווי ביטער אָן קינדער, וואָס דען האָט געטויגט דאָס גאנצע כאסענע האָבן?

— דער זינדיקער מענטש טוט וואָס ער קאָן, און ווײַטער... ווייס איך? גיי פרעג קאשעס דעם ריבוינעשעלוילעם. וועמען ער גיט געלט, וועמען — קינדער. אָן געלט צו זײַן איז אויך ווייסט און ביטער, — טוט די מומע שיינצע האָדלען צוריק מיטן צינגעלע א פּיק.

— דאָס איינציקע טרייסט איז מיר מײַנע קינדער, טײַערער פון גינגאָלד... נישקאָשע, שיינצעניו, זײַ זיך נאָר ניט מעצאער... האָב מיך געגונג בא דיר פארזעסן. לאָמיך שוין כאָטש גיין.

— וואָס איז אזוינס דאָס אײַלעניש אפּ דיר, האָדל? א קאטאָוועס עפּעס, זי האָט זיך פארבענקט אהיים נאָך „אירן", שוין עפּשער א שאָ, אז זי האָט איר אלטן ניט געזען.

— זאָלסטו טאקע וויסן. אזא מאזל אלע מײַנע ליבע, — דיר אויך, שיינצעניו, — וואָס פאר א מענדיע מײַנער איז! א ברילִיאנט. ווו נעמט מען נאָר צו אים דאָס שטיקעלע גליק?.. פאר דעם מיידל, נישקאָשע, וועסטו מיר דאנקען. סכוירע! איאָ, שיינצעניו? דו האָסט מיך אפּילע א ביסל געקריוודעט. נאָר — טע... האָסט געכאפּט א מעציִע! דײַן מאזל איז, וואָס נאכמענ־טרײַטל האָט זיך פארפאקט ערגעץ אין וועג און איז נישט געקומען אהער, ווי ער האָט געשריבן... שא, לאָמיך דיר כאָטש דערציילן! ווייסט וואָס איך האָב געהערט? ער האָט הײַנטיקס יאָר, צווישן אונדז גערעדט, פיר מאָל זיך מעשאדעך געווען, און בעשאָלעם אריבער די

גרענעצ מיט דער סבוירע און זי פארצוקערט דאָרט, געמאכט זייער גוטע געשעפטן. דאָס מאזל שפּילט אים, אָט דעם טרײַטלען, עס גייט אים פון טיר און טויער! עס וועט פון אים, געדענק מײַנע רייד, מיט דער צײַט אויסוואַקסן א גרויסער מיט געלט אָנגעשטאָפּטער רעב טרײַטל!.. ווו איז זי ערגעץ, דאָס מיידל?

— זי איז דאָרט בא זיך אין קעמערל. איך האָב איר געהייסן זיך אָפּוואשן, אָפּזייפן און אראָפּוואַרפן פון זיך אירע שמאטעס! אָט אזוי האָט מען עס פון זיי, — זאָגט די מומע שיינצע מיט א זיפץ, — מע וואשט זיי, מע רייניקט זיי, מע שוכט און קליידט זיי, און אז עס כאפּט די זעט, — ווערט עס פריצעס, קיינמאָל נישט צופרידן, גלײַך ווי מע וואָלט זיי דאָ געקוילעט. אוי, צײַטן, הײַנטיקע צײַטן!..

— נו, וואָס זאָל מען טאָן? ווער עס האָט די קי, האָט די מי, — טרייסט האָדל די מומע שיינצען מיט א זיס, גנייוויש שמייכעלע. — אוואדע איז אמאָל אין אונדזערע צײַטן בעסער געווען. געדענקסטו כאָטש, שיינצעניו? נו, צײַט מיר אהיים, לאָמיר כאָטש נעמען א פּאָר פּוטערגעבעקסלעך פאר די קינדער, לאָזן זיי אויך וויסן...

— ווארט נאָר, האָדל, פאר די קינדער וועל איך דיר געבן אויך לעקעך. איי, איז בא מיר הײַנט ארויסגעקומען א לעקעך, טאקע נאָר אף כידושים א לעקעך!.. הא, אז עס האלט שוין דערבײַ — טאָמער וואָלסטו גענומען א ביסל בראנפן און אײַנטונקען אויך א שטיקל לעקעך? און אז דו וועסט מיך גוט בעטן, האָדל, וועל איך אויך נעמען א קעלישעקל און מאכן מיט דיר לעכאַיִם.

— טא... אז דו ווילסט, — מאכט האָדל מיט א קנייטשעלע, און אין די אייגעלעך האָט זיך איר אָנגעצונדן א פײַערל.

באם געזעגענען זיך זײַנען ביידע כאווערטעס געווען שטארק אופגערוימט, לעבעדיק־פריילעך, זייער באריידעוודיק. האָדל האָט, גלײַך ווי באם אוועקגיין פון א געווינערן נאָך א לעקעך־און־בראנפן, אָנגעוווּנטשן דער מומע שיינצען א פולן קאָפּ, זי זאָל מעגאדל זײַן דאָס מיידל און דערלעבן פון איר פיל נאכעס, האלעווײַ זיי זאָלן געזונט זײַן און גיין איינער צום אנדערן ווײַטער אף אזעלכע סימכעס, אימירצעשעם.

אין הויז איז האָדלען צו די אויגן געקומען ביילע, אָפּגעוואשן,

אויסגעצוואָגן, שיין, ריין אָנגעטאָן, שײַנט, לײַכט, עפּעס באַקומען גאָר אַן אַנדער פּאָנעם.

— אַזאַ יאָר, אַזאַ מאַזל דער מאַמע דײַנער! — מאַכט האָדל מיט אַ מעשונעדיק קאָל, אָנקוקנדיק ביילען. — דו לויכטסט דאָך עפּעס ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן. זײַ נאָר נישט קיין נאַרעלע, טאָכ־טער, פאָלג די מומע שיינצען, וועט אַז גוט אונז אַז וויל דיר זײַן!..

דער צווייטער קאפּיטל

באם ערשטנ אריַינטריט בייל֗עס אפנ נײַעמ אָרט האָט זי זיכ געפּילט, עפּעס איז זי גאָר אפ א נײַער וועלט. אלצדינג, וואָס דאָרט, איז איר אויסגעקומענ עפּעס מעשונע: די מענטשנ, דאָס גאנצע פירונג דאָרט מעשונע, אונ זי אליינ אויכ מעשונע. זי קוקט זיכ אָנ אינ שפּיגל, וואָס בא איר אינ קאמערל אפ דער וואנט, אונ דערקענט זיכ נישט — דאכט זיכ, נישט זי, אונ פאָרט טאקע זי. עפּעס האָט זי באקומענ א נײַע הויט. זי טאפּט זיכ פאר די שיינ פארקעמטע, מיט מאנדל־אייל געשמירטע האָר, וווּנדערט זיכ אפ איר ארויסגעשטעלט העלדזעלע, ריינ אָפּגעזייפטע הענטעלעכ, אפ איר שיינ, צוגעפּוצט קליידעלע, געניית נאָכ דער לעצטער מאָדע — אונ שמאָכט. עס טוט איר האנאָע. וואָס זאָל זי דאָ איבערטראכטנ? אזוי, מיסטאמע, באדארפ זײַנ, מיסטאמע איז אינ גלופּסק שוינ אזא אײַנפיר, אויספּוצנ דינסטמיידלעכ ווי א טאָק.

מע באדארפ דאָכ וויסנ, אז אינגאנצנ איז דאָכ בייל֗ע גאָר א קינד — א יאָר פופצנ — זעכצנ, אונ געבוירנ איז זי ווו? אינ קאפּצאנסק, טונוואנע זי האָט ביז איצט קיינ פוס ניט ארויסגעשטעלט, פאר זיכ ניט אָנגעקוקט די ליכטיקע וועלט! געהערט האָט זי נאָר, אז ס׳איז דאָ ערגעצ העט־העט אפ יענער זײַט ראָגאטקע א גרויסע שטאָט גלופּסק, די בעסטע אפ דער גאנצער ערד, וואָרעמ זי איז דאָכ באזעצט מיט ליטער ייִדנ, אָנ אײַנאָרע, אקעגנ א הונדערט קאפּצאנסקנ איינינעמ — אונ דאָרט איז עס א ביסל א לעבנ, איַי־איַי־איַי!

דאָס, וואָס די גלופסקער זײַנען דימענטיקע מענטשן, קאָשערע, שיינע, פײַנע לײַט, איז בא איר געווען גאַנץ זיכער, דערום האָט זי דאָך דעם בעסטן באַווײַז: פריִער האָדל די מעקלערן, אַצינד — די מומע שיינצע. מיסטאַמע האָט זי דאָך ניט אומזיסט זויכע געווען בא דער וועלט צו הייסן „מומע“, זי האָט מיסטאַמע פאַרדינט פאַר אירע מײַסים־טויווים. אַזוינע, וואָס א וועלט־מומע, איז ווי געוויינטלעך א יידענע א צנוע. הײַנט אויך די אַלע אַנדערע פאַרשוינען דאָ, אויך אַזעלכע גוטע, לעבעדיקע, צוגעלאָזטע. „קיין אײַנאָרע, — טראַכט זי בא זיך, — עפּעס אַזויפיל טעכטער! אהא, איך פאַרשטיי — קעסט־קינדער. אַצינד איז שוין רעכט. דאָס זיצן דאָ אף קעסט יונגטן מיט די מאַנען. א געבענטשטע פון גאָט איז די מומע שיינצע טאַקע!“ ביילע האָט אַלצדינג געטײַטשט נאָך איר פאַרשטאַנד, נאָך דעם שטייגער לעבן אירן אין קאַפּצאַנסק, און אַנדערש האָט זי טאַקע נישט געקאָנט טײַטשן. אַנדערש האָט זיך איר אין קאָפּ גאָר ניט געלייגט. אַז זי איז אף מאָרגן פרי צוגעגאַנגען צו שיינצען מיט א פרעג: „באַלעבאָסטע, זאָגט מיר, וואָס האָב איך צו טאָן?“ און די מומע האָט מיט א שמייכעלע, עפּעס גאָר טאַקע ווי אַן אישע־צנוע, געענטפערט: „אײַל זיך, טאָכטער, נישט אַזוי, עס וועט נאָך קומען דײַן צײַט אויך“, — האָט זי עס אָנגענומען פּאָשעט, מיסטאַמע איז דער שטייגער דאָ אַזוי, ליב צו האָבן דינסטן, אַרבעטן מיט זיי פאַמעלעכן, מיט ראַכמאָנעס.

און ס'איז בא איר געבליבן אָפּגעפּאַסקנט, אַז א יידישע שטאָט איז טאַקע דאָס גלופּסקעלע, די יידעלעך דאָ — צאַדיקים, זייער פײַנע לײַט, זייער גוטע אײַנפירונגען!..

באַנק געטאָן האָט ביילען שטאַרק איין זאַך נאָר — פאַרוואָס איז די מאַמע דאָ נישטאָ און זעט נישט מיט אירע אייגענע אויגן, ווי דעם קינד, אָן אײַנאָרע, איז עס גוט. ניכײַ זאָל זי נאַכעס האָבן פאַר דעם צאַר, וואָס זי האָט, נעבעך, פון איר געהאַט! און אַזויווי ביילע איז דערווײַל געזעסן ליידיק, מיט פאַרלייגטע הענט, אַליין פאַר זיך אין קאַמערל, בענקענדיק נאָך די איריקע, האָבן זיך איר געצעשפּילט די געפילן, און זי נעמט זיך אויסשטעלן אין אירע געדאַנקען א בריוו אַהיים.

נישט אַזוי גרינג אָבער טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. יידן מיט

בערד אפילע, וואָס זײַנען, דאכט זיך, אי מעשונע קלוג אי געניט, ווילדע בעריעס אפּ אויסצוזעצן יענעם פעלער, אוועקצורײדן איבער אלצדינג, וואָס אין דער וועלט, — אפילע זיי פילן, נעבעך, בא א בריוו שרײַבן אמאָל דעם טויט; זיי טענטלען, טענטלען מיט דער פּען, קוועטשן זיך, רײַבן דעם שטערן, און עס גייט נישט, כאָטש צערײַס זיך, עס קלעפּט זיך נישט איין וואָרט צום אנדערן, עס זײַנען גאָר טאקע ריינע בעהיימעס — הײַנט אפשיטע שוין ביילע, א קליין קאפּצאנסקער מיידל, נישט אזא בעריע, נישט אזא כאכאָמע, ווי זיי!.. נאָר דאָך, מעגלעך עפּשער טאקע, ווײַל זי איז נישט אזא כאכאָמע, ווי יענע, האָבן עטלעכע ווערטער בא איר אין מויעך זיך יאָ געראַמט; ס'איז אויסגעקומען עפּעס אפּ דעם שניט פון די באקאנטע „פירגריסלעך", מאָשל לע-מעשקע פארווירצט מיט קאפּצאנסקער דײַטש, — יענץ מין דײַטש, וואָס יידישע קינדער שנײַדן אין א געשריפטס, מעלאמדים אין דעם כומעש און ווײַבער אין די טכינעס, ווײַל אנדערש פּאָרט זיך עפּעס נישט, און עס לייגט זיך טאקע נישט די צונג, ווי אשטייגער, נעם זאָג א הונט: „גיי, זײַ מויכל, ארויס!" און ניט אפּ יעוואָניש: „פּאשאָל וואָן!" אָדער גיי רייד מיט א קו, מיט א קעלבל יידיש.

דעריקער אין דעם בריוול, וואָס בא ביילען אין קאָפּ, איז געווען א ליב צו האשעם־ייִסבאָרעך. אָנגעהויבן האָט זי עס אזוי:

„געלויבט און געדאנקט דער לעבעדיקער פאָטער אין הימל, דאָס ער איז מיט דעם עלנטן, באשירעמט דעם פארוואָגלטן, דער־הויכט דעם געפאלענעם. עס האָט זיך אנטפּלעקט באשײַמפּערלעך זײַן גנאָד, די גרויסע ניסים מיט מיר, מיך צו פירן דאָ אפּ דעם רעכטן וועג, און ארײַנגעבן מיך אצינדערט אין א גוט אָרט" אאוו.

פארטיק מיט דעם אויסשטעלן דאָס בריוול אין קאָפּ, הייבט זיך אָן בא איר א נײַע דולעניש: ווי קומט די קאץ איבערן וואסער, וויאזוי, הייסט עס, גיט מען עס שווארץ אפּ ווײַס ארויס? שרײַבן אליין קען זי נישט; בעטן עמעצן פון די „קעסט־קינדער" דאָ, פּאסט איר עפּעס נישט!.. וואָס זשע דען? זי טראכט, טראכט און עס פאלט איר אײַן — הערשעלע!..

„יאָ, הערשעלע!.. ער וועט מיר אָנשרײַבן... וואָס איז עס אזוינס, וואָס מיר גלוסט זיך אלץ אים זען, און זע איך אים, פּיקט עס, פּיקט אָט־אָ דאָ, דאָ אין הארצן? א ברודער איז ער מיר? ניין!

א כאָסן? ניין! וואָס דען? עס קיצלט עפּעס צו לאַכן... א שיין געלעכטער, הא, עפּשער איז דאָס טראַכטן אזעלכעס אַן אווייַרע? נאָר ווי איז מיר, אז עס טראַכט זיך אליין!.. עפּשער באַדאַרף איך ניט וועלן... ניט וועלן אים זען? אוי, ווינד איז מיר, עס ווילט זיך דאָך אָבער יאָ, און אצינד דאַפקע גראָד נאָך מער!.. ריבוינעשעלוילעם, איך בין זיך מוידע! ריבוינעשעלוילעם, זינדיקן בא זיך אין הארצן אלע מיידלעך אזוי, אָדער איך נאָר, אז אָך און וויי צו מיר, איך אליין?"...

אזוי טראַכט בא זיך ביילע, און אין די אויגן שטעלן זיך איר טרערן.

שיינצע און לייווי, איר מאַן, זייַנען געווען א גלייַך פּאָרפאָלק. טאַקע א זיווּג מן השמים[1]. ביידע האָבן געאַרבעט אין דער פּאַר־נאָסע, אַרויסווייַזנדיק זייער בעריעשאַפט איטלעכער נאָך זייַן גאַנג. און ווען שיינצע האָט בא דער וועלט פאַרדינט דעם נאָמען „מומע", האָט אויך לייווי פון זייַן זייַט קאָשער פאַרדינט בא איר דעם נאָמען „באָכער". אזא מייוון אף „סכוירע", ווי ער, אזא מייַסטער אין זייַן זאַך איז צווישן זייַן כעוורע קיינער נישט געווען. בא א שווערער זאַך אמאָל פלעגט מען זיך ווענדן צו אים. ער פלעגט דער כעוורע פּאַס־קענען שייַלעס און פאַרענטפערן אלע האַרבע קאַשעס. מע באַדאַרף וויסן, אז די אלע כעוורעלייַט, וואָס האַנדלען מיט „לעבעדיקער סכוירע", זייַנען דורכגעטריבענע מאַמזיירים, יאָלדן מיט ביינער. זיי דרייען און פאַרדרייען קעפּ, בלענדן און פאַרפירן הונדערטער נעפאַשעס מיט אלערליי האַמצאָעס. ס'איז דאָ צווישן זיי אלע מינע פּאָקוסניקעס, קאָמעדיאַנטן, וואָס מאַכן די שפּיל, פאַרשטעלן זיך, קעדיי יענע צו פאַרפירן, פאַר כאַסאַנים, פאַר מענטשן מיט געשעפטן, פאַר אגענטן, פאַר גלאַט אזוי זיך גוטע, שיינע, קאָשערע יידן, אוקעדוימע נאָך אזעלכע אָנשטעלן, ווי עס פּאַסט צום איניען. הייַנט אז אזוינע לייַט האָבן טאַרבעס פאַר לייווינן, האַלטן פון אים ווי פון א רעבן, איז מיסטאַמע לייווי א „באָכער" טאַקע וואָס א באָכער הייסט.

לייווי באָכער איז אין דער היים נישט געווען בעשאַס ביילעס

---

1 מין האַשאָמאַיִם.

אַרײַנטרעטן צו אים אין הויז; ער איז געפֿאָרן ערגעץ אין אַן אָרט, וווּהין כּעוורע האָט אים אַרויסגערופֿן, ער זאָל זיי עפֿענען די אויגן אין אַ האַרב שטיקל אַרבעט. די מומע שײַנצע, וואָס האָט שטאַרק געהאַלטן פֿונעם מאַן, ניט געטאָן קיין שום זאַך אָן אים, האָט געהאַלטן דערווײַל ביילען, ווי נאָר מעגלעך, אָפּגעזונדערט פֿון דעם איבעריקן עולם אין אַ קאַמערל פֿאַר זיך, געגעבן איר קלוימערשט, פֿון יוצא וועגן, עפּעס אַרבעט, ווי, אַשטייגער, אויסלאַטען העמדער, אײַנצײַען קנעפּלעך, אונטעראַרבעטן זאָקן, און אַלץ זאָגן איר, אַז דער באַלעבאָס וועט קומען, אימירצעשעם, דענסטמאָל וועט זי, נישקאָשע, האָבן גענוג אַרבעט. די מומע שײַנצע איז זיך באַגאַנגען מיט איר זייער גוט, זי אונטערגעפּילעוועט, געמיינט דערמיט גאַנץ פּאָשעט, דאָס שטיקל „סכוירע” זאָל אַ פּאָנעם האָבן, לייווי זאָל באַם אָנקוקן עס צופֿרידן זײַן און וויסן, אַז דאָס ווײַב זײַנס איז אַ מענטש, מע מעג זיך אָפּ איר פֿאַרלאָזן.

אַז לייווי איז אין אַ קורצער צײַט אַרום געקומען אַהיים און האָט געזען ביילען, איז ער פֿאַרצאַפּלט געוואָרן פֿאַר פֿרייד, אַזוי איז זי אים געפֿעלן.

— הערסטו, מײַן ווײַב, — רופֿט ער זיך אָן צו שײַנצען, — דאָס מיידל איז אַ שיין שטיקל סכוירע! אַצינד איז זי נאָך רוי, אַ ביסל טערפּקע, נאָר מיט דער צײַט וועט אויס איר ווערן אַ קיילע. עס קאָן זייער געמאָלט זײַן, אַז זי זאָל אַמאָל נאָך אָנשפּאַרן אין די ווײַטע מעקוימעס, אַהינצו, אַשטייגער, צום פּעטער יישמאָעל. מע וועט קאָנען פֿאַר איר הייבן אַ גרויסע אַפּיטעקע. ביז דענסטמאָל אָבער, ביז עס וועט זיך אָפּ איר געפֿינען דער עמעסער מייוון, מוז מען זי לערנען מענטשלעכקײַט, אַלע שיינע מאַנירן, ווי צו געפֿעלן.

די רעבעצן ביילעס איז די ערשטע צײַט געווען איינע פֿון די „קעסט־קינדער”, זייער אַ געשײַטע, אַ דורכגעטריבענע, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט איר דעם אַלעפֿבייז. ביילע אָבער האָט געהאַט אַ פֿאַרשטאָפּטן קאָפּ און נישט פֿאַרשטאַנען קיין וואָרט. דערצו איז זי נאָך געווען אַ שעמעוודיקע און אַ שטיק אַקשנטע אויך. נאָר דאָס איז זיך געווען דערווײַל, ווי אָפּ קאַטאָוועס. שפּעטער אַ ביסל האָט לייווי גענומען דאָס טײַטל און אָנגעהויבן אָפּ זײַן שטייגער צו לערנען ביילען, ער מיט זײַן קאָוועד אַליין. און דעם שוואַך מוז מען לייווי

באָכער נאָכזאָגן, אז ער פלעגט זיך מיט דער דערציִונג פון זײַנע „לערן־מיידלעך”, ווי זיי האָבן בא אים געהייסן, באשעפטיקן זייער געטרײַ; ער האָט געקנעלט מיט זיי טאקע, ווי א גוטער מעלאמעד, און אָנגעווענדט אַלע מיטל ארויסצוטרײַבן פון זיי דאָס קליינשטעטלדיקע ווילדקײַט, דאָס נארישע, שמיילדיקע אקשאָנעס, פריִער מיט גוטן, מיט מוסער־זאָגן, און אז עס האָט ניט געהאָלפן קיין רייד, פלעגט ער שוין געברויכן די הענט, א שטעקן און א רימען אויך. נאָר עפּעס ניט אזוי, — זײַנען געפלויגן פעטש, קלעפּ, וויפל ס'איז נאָר ארײַן. אמאָל איז מען אויך געזעסן בא אים פארשפארט אין א קעלער, אָן עסן, אָן טרינקען, ביזוואנען מע איז בעסער געוואָרן.

איינמאָל האָט לייווי ארײַנגעפירט אין קאמערל צו ביילען איינעם פון זײַנע לײַט, קעדיי צו הערן זײַנע מעווינעס אף איר און אף וויפל ער וועט אָפּשאצן איר ווערט. באם ארײַנקומען מיט אים האָט לייווי געזאָגט מיט א שמייכעלע:

— טאָכטער, אָט האָב איך דיר געבראכט א כאָסן — אָבער א כאָסן גאָר אנטיק!

דער כאָסן איז דאפקע נישט געווען קיין שעמענדיקער און באלדטאקע אָנגעהויבן טרײַבן מיט איר קאטאָוועסלעך, עפּעס ווי צוגעזאָגטן געוואָרן צו איר. זעענדיק, אז ביילע האלט אראָפּגעלאָזט דאָס פּאָנעם און שווײַגט, נעמט ער זי אָן באם נאקעטן העלדזל, גלעט זי, טאָרעט זי, כאָטש איין קוקעלע זאָל זי אף אים טאָן, זאָגן אים כאָטש איין וואָרט. ביילע שטופּט אים אָפּ פון זיך, רויט ווערנדיק ווי פײַער. דאָס גיט אים אָבער נאָך אונטער מער קוראזש, ער כאפּט זי ארום און וויל איר טאָן א קוש; ביילע לאָזט אים אראָפּ צוויי הייסע פײַערדיקע פעטש, רײַסט זיך אויס אים פון די אָרעמס און אנטלויפט — און דער כאָסן בלײַבט געפּלעפּט. ביילע האָט דערמיט זיך שטארק פארשולדיקט, און נאָך אין דעם אייגענעם טאָג טאקע האָט איר לייווי גוט מעקאיעם־פּסאק געווען מיט א רימען, זאָגנדיק איר דערבײַ מוסער אזוי:

— אָט האָסטו דיר דײַן ערלעך אויסקומעניש פון מיר, דו כצורפע איינע!... נא, נא דיר איצטער פאר דײַנע גענג, אז דו זאָלסט געדענקען אף ווײַטער!.. עס זאָל דיר ליגן אין טאם, און קליגער ווערן ווײַטער. נא, נא!.. א מיידעלע באדארף זײַן א שטיליטשקע, א

גוטעטשקע, ליב האָבן מענטשן, צו איטלעכן זײַן צוגעלאָזט, מיט א פרײַנטלעכן פּאָנעם, באַדאַרף אַרויסשלאָגן זיך פונעם קאָפּ שמײכלקײַט, זאַבאַבאָנישע, ווילדע זאַכן. א מײדעלע באַדאַרף וויסן דערעכערעץ — דערעכערעץ איז פריִער פון אַלע זאַכן!

אַצינד ווײסט שוין ביילע דאָס אָרט, וווּ זי געפינט זיך, ווער אַזוינע איז האָדל די מעקלערן און די מומע שײנצע. אַצינד האָט זיך איר „אַנטפּלעקט באַשײַמפּערלעך די גנאָד און די גרויסע ניסים", דאָס גוטסקײַט און פרומקײַט פון די דאָזיקע שײנע נעפאַשעס, און זי שטעלט אַצינד אויס בא זיך אין די געדאַנקען א בריוול אַהײם, פול מיט קינעס, מיט קלאָג, שוין נישט אַפּ קאַפּצאַנסקער דײַטש, „פּירגריסל"-לאָשן, נאָר אַפּ ריין ייִדיש — אַפּ דעם לאָשן פון איר צע-בראָכן האַרץ און שווער, ביטער געמיט.

נישט צו דערקענען איז ביילע אין דער שײנער האַלבאָשע אירער און אַלץ מיטאַנאַנדער. אירע שוואַרצע געדיכטע האָר זײַנען אונטערגעשאָרן ביז דעם לעפּל פון די אויערן, דאָס ווײַס-געשטיקטע קליידל אויסגעשניטן ווײַט ביז דער ברוסט, אַפּ דעם נאַקעטן האַלדז — א שמאָל רויט בענדעלע, און די אַרבל קוים וואָס דערגרייכן ביז צו די עלנבויגנס. דאַכט זיך, א פּריצע, נישט צו פאַרזינדיקן, וואָס גייט איר אָפּ? נאָר נישט פאַר אײַך געדאַכט, ייִדישע טעכטער, איר ביטער האַרץ! מע זעט עס איר אַרויס אין די בלייכע באַקן, אין די בלויע רינגען אַרום די געשוואָלענע ברענענדיקע אויגן און אין דער גאַנצער מינע אירער. זי איז געעלטערט אַפּ א צען יאָר, אינגאַנצן ווי איבערגעביטן געוואָרן. און ווי זי זיצט זיך דאָ אַמאָל אַזוי בא זיך אין קיידערל, שטאַרק פאַרומערט, רוקט זיך שוועבנדיק אַרײַן, שטיל ווי א קעצעלע, די מומע שײנצע. ביילע ווערט פאַרציטערט און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

— איך האָב מיך שוין טאַקע נאָך דיר פאַרבענקט, — מאַכט די מומע שײנצע, צושאַרנדיק זיך צו ביילען מיט גוטע, זיסע ריידע-לעך, — לײַווי מײַנער האָט זיך געקליבן צו דיר אַצינד, זאָג איך: גיין, לאָז מיך! זאָלסטו טאַקע וויסן, ווי ליב דו ביסט מיר, וואָס דען? נעם כאָטש, זאָג איך דיר, און קוק זיך אָנעט אין שפּיגל, ווי שיין, אָן אײַנאָרע, דו ביסט. א העלדזועלע א ביסל, אַזא מאַזל זאָל איך האָבן. העטעלעך מעכײַע, ווי א ייִדישע טאָכטער איך בין! אַזוי

זיס, אזוי כיינעוודיק... פוקען מעגן זיי זיך דאָך אלע דאָ. אָט אזוי, טאָכטער, אזוי בין איך אמאָל אויך שיין געווען אין דײַנע יאָרן. מע האָט זיך אפּ מיר געהאנגען. אוי, האָב איך געברענט א וועלט! וואָס דען, נארעלע? כ'האָב אצינד נאָך האנאָע, ווי א יידישע טאָכטער איך בין, באם דערמאָנען זיך יענע גוטע, פריילעכע יאָרן... אוואדע הייסט עס אצינד, איך בין אלט, נאָר ווי דו קוקסט מיך אָנעט אָט־אָ, — מאכט די מומע שיינצע מיט א שמייכעלע, אויסשטרעקנדיק זיך ווי גרויס זי איז, דאָס קעפּעלע פארוואָרפן אהינטער, דאָס בײַכעלע אויסגעפּוצט פאָרנט־צו, און נעמענדיק זיך מיט בײדע הענט בא די זײַטן, — אָט ווי דו קוקסט מיך אָנעט־אָ, איז נאָך שיינצע גאָר נישקאָשעדיק!.. זײַ, זאָג איך דיר, נארעלע, קיין שוטע ניט, פאָלג!.. וואָס שווײַגסטו?

— וואָס זאָל איך ריידן? — ענטפערט ביילע, קיין קוק נישט צו טאָן אפּ דער מומע שיינצע. — איך וויים נישט, וואָס איר ווילט פון מיר האָבן.

— א זאָג א ביסל, וואָס וויל מען פון איר האָבן! דײַן טויווע, טאָכטער, וויל מען האָבן, מע וויל, דער כאָסן זאָל דיר געפעלן. יענער פייגערט נאָך איר, נאָך אירס א וואָרט, א קוק, דער רועך נעמט אים שיר נישט צו, אזוי פארליאפּעט איז ער אין איר. נא דיר, זאָגט ער, נא, נעשאָמעניו, דיר מאטאָנעס! נא דיר א בראסלעטל, אוירינגלעך קארעלענע, א פינגערל, א קייטעלע א גאָלדנס, ווייס איך וואָס דאָרטן נאָך אזוינס, און זי... עפּעס גאָר טאקע א שטיין. גיי טו אזעלכער טויוועס! אײַ, פּע, א כארפּע, א בושע, ווי א יידישע טאָכטער איך בין!

— ווען באדארף עס אָנגיין מײַן טאכלעס צו פארזאָרגן? איך האָב טאטע־מאמע ביז הונדערט און צוואנציק יאָר.

— מע האָט שוין געהערט, געהערט אזעלכע זאכן... נאריש־קײַטן! א נאר בין איך, וואָס איך טײַנע דאָ מיט איר אזוי לאנג. צום לעצטן מאָל פרעג איך דיך: יאָ?

— ניין!

— עהע, ווידער די אָנשטעלן! — צעשרײַט זיך די מומע שיינצע, ארויסגייענדיק פון די קיילים, שאָקלענדיק מיטן קעפּעלע, און דינע רויטע עדערלעך טרעטן איר ארויס אפּ די פּעטע, מיט שמאלצ

אָנגעגאָסענע באקנ. — אויכ מיר א מענטש ביילצע! אומזיסט ווערסטו עס פרעסנ מײַנ זאלצ אונ ברויט, גייג אינ מײַנע קליידער? זי מיינט, זי איז אויכ עפּעס; מיינט, אזביידע צדאָדים האָבנ זיכ שוינ אויסגעגליַכט, אלצדינג איז פארטיק. עס פעלט נישט מער איר הסקעם, זי זאָל זאָגנ: יאָ. האָב נישט קיינ טאָעס, ביילצע! ווער הערט דיכ? דו ביסט נישט מער, כצופּע איינע, ווי א גוילעמ, א שטיק פליישביסטו, א נעווילע!.. די זאכ, זאָלכטו וויסנ, הענגט נאָכ דערוויַל אינדערלופטנ, נאָכ נישט אויסגעגליַכט זיכ מיט דעמ מעקעכ... אצינד פארשטייסטו שוינ, ביילצע, הערכט וואָס מע רעדט צו דיר?

— אוי, דערבארעמדיקער גאָט! — צעוויינט זיכ ביילע אונ ברעכט די הענט. — ראטעווע מיכ, ריבוינעשעלוילעמ, ראטעווע מיכ פונ יידישע הענט!

— האלט מויל, כצופּע! ווארט נאָר, ווארט, פּיסקעוואטע, אָט וועט שוינ קומענ לייווי אונ דיר וויַזנ, ווער עלטער איז. וועסט שוינ, נישקאָשע, ליגנ ווידער דאָרט אינ קעלער, דארנ, קווארנ, רויענ ווי א הונט. מײַז, ווערעמ וועלנ עסנ דײַנ לײַב. דער רועכ, נישקאָשע, וועט דיכ שוינ כאפּנ! — צעלאָזט זיכ די מומע שיינצע אפ איר צינגל אונ רוקט זיכ ארויס אינ קאס.

ביילע נעמט זיכ אָנ מיט ביידע הענט בא די האָר פונעמ קאָפּ אונ טוט זיכ א וואָרפ מיט א געוויינ אפ דער קאנאפּע.

דער דריטער קאפּיטל.

צווישן די „קעסט-קינדער" לייווי באָכערס זייַנען געווען אויך אַזוינע דימענטיקע, גוטע פון דער נאַטור, אַפּ וועלכע מע האָט געמעגט טאַקע אָכצן און קרעכצן: אוי, נעבעך, ברילִיאַנטן אין דער בלאָטע! ווי נידעריק, געפאַלן די וועלט האָט זיי געמאַכט, האָט דאָך אין זיי זיך געקלאַפּט א מענטשלעכ האַרצ מיט געפילן פון ראַכמאָנעס.

די בעסטע פון זיי איז געווען די „טערקיניע".

די דאָזיקע „טערקיניע" מיטן נאָמען גיטל איז געווען א מעלאַמעדס א טאָכטער פון דאַלפּוינעוקע, א קאַפּצאָניש שטעטל, פול אָנגעזעצט מיט לויטער קאַפּצאָנים-דאַלפאָנים, נאָר קאָשערע, אָן כאָכמעס, עמעס פרומע, ניט איבערגעשפּיצטע ייִדן. באַדאַרפ דער רועכ אָנטראָגן אַהין אין שטעטל עפּעס א שלימאַזל, א יונג מיט ביינער, וואָס לאָזט אַרויס א קלאַנג אָט-וואָס: ווער פון די דאַלפּוינעווקער מיידלעכ, נעבעכ, פאַרלאַנגט אופגעריכט צו ווערן, זען פאַר איר א וועלט, א גליקלעכ לעבן פון איר האַנט-אַרבעט, זאָל זיך לאָזן נאָכ אים קיין סטאַמבול, דאָרט ווו ער ווינט. עפּעס א קלייניקייַט סטאַמבול, אַז ייִדן דערהערן סטאַמבול! עס שמעקט דאָכ שוין א ביסל מיט ערעציִסראָעל! עפּעס מאָלט זיך אויס אין קאָפּ מעשונע: טערק — יערושאַלמי, שטרייַמל — טורבאַן, אויסגעמישט אינײנעם. מיסטאַמע גיבן זיך א שאָט צו דעם פאַרשוין פון אַלע זייַטן ייִדעלעכ, איטלעכער מיט א געבעט:

— טאטעניו, הארצעדיקער, נעמט, נעמט מײַן טאָכטער!

דער „הארצעדיקער טאטעניו" דערבארעמט זיך, קלײַבט זיך אויס עטלעכע שיינע מיידלעך, צווישן זיי גיטלען, די שענסטע פון אלע, און פירט לעמאזל די דאָזיקע גליקלעכע מיט זיך אוועק. דער שפּיץ איז: נאָך פיל דרייעניש, פּאָרעניש קומט אָן גיטל אין שטוב צו לייווי באָכער און ווערט דאָרט א „טערקיניע", נישט אָנקוקנדיק אפילע א טערק אין די אויגן.

גראָד האָט צו יענער צײַט, ווען די מעַסע מיט ביילען, זיך באַדאַרפט טרעפן א געשיכטע מיט איינער, די עלטסטע דאָרט, וואָס האָט בא אלע געהייסן די „אָפּיצערקע". א געשיכטע א שרעקלעכע, א טרויעריקע, וואָס האָט אָנגערירט אלע כאווערטעס אירע בא דער לעבער. עס האָט זייער גוט באוויזן, ווי טיף אין דער ערד זיי, נעבעך, ליגן, אז אָך און ווי צו זייער קאָפּ, צו זייער לעבן! און זינט יענער געשיכטע האָט זיך די „טערקיניע" נאָך מער זיך צוגעלאָזט צו ביילען, זי געהאלדזט, געליבט, געוויינט אפּ איר קוקנדיק, עפּעס גאָר טאקע ווי א געטרײַע עלטערע שוועסטער האלדזט, קושט דאָס קליינע שוועסטערל אירס, א יעסוימע.

געשטאמט האָט די „אָפּיצערקע" פון עפּעס א שטעטל, ווײַט ערגעץ אין פוילן. די עלטערן אירע, אָפּגעקומענע באלעבאטים, זײַנען געווען פון שיינעם שטאנד, פון די פּאָרנעמסטע אין שטעטל. געלעבט האָבן זיי אָרעם, מיט בארעכענונג, זיך נישט צוגעלאָזט קיין ווילטיק, דאָך האָט זיי דאָס אָרעמקײַט ניט דערנידעריקט, ניט פאר־גרעבט, ניט בייז געמאכט, ווי אנדערע אָרעמעלײַט. אין דעם הויז־געזינד האָט געהערשט פרידן, ליבשאפט, א בראָכע פון גאָט, איינער דעם אנדערן איז גרייט געווען דעם לעצטן ביסן פונעם מויל אוועק־צוגעבן, וואָס גאָט גיט, אבי אינייינעם. דרינען האָבן געמעגט פיל רײַכע לײַט זיי מעקאנע זײַן, אזעלכע, וואָס באָדן זיך אין מילך און פוטער און זײַנען צווישן זיך קידער־ווידער.

די געליבטסטע באם גאנצן הויזגעזינד איז געווען איידל, די עלטסטע טאָכטער. אלע האָבן זי געשעצט, אירס א וואָרט איז גע־ווען בא איטלעכן טײַער. און איידל האָט עס טאקע מיט רעכט פאַרדינט, ס'איז געווען וועמען ליב צו האָבן. שיין איז זי געווען, עפּעס טאקע גאָר א בילד. דער ריבוינעשעלוילעם, דער גרויסער־

מײַסטער, א מאָלער אײנער אין דער װעלט, האָט גענומען די פֿײַנסטע מאטעריאלן, װעלכע ער פֿארמאָגט: דאָס װײַסקײַט פֿון ליליען אף באקן, דאָס רויטקײַט פֿון קאָראלן אף ליפּן, דאָס בלויע פֿונעם הימל אף אויגן, דאָס שװארצקײַט פֿון ראָבן צו די האָר, צוגעגעבן דערצו דעם זיבעטן חיין, ליבלעכקײַט, גוטסקײַט און צירלעכקײַט, אויסגעמישט דאָס אלצדינג אינײנעם, געטאָן א מאך — און עס איז ארויס פֿארטיק א בילד-שײנע אײדל!.. איר פֿיגור, א הויכגעוויקס׳קע מיט געקרײַזלטע לאנגע סאמעטענע לאָקן, װי א הויך צװײַגהאַפֿטיק יונג ביימל. גוט איז זי געװען אָן א גאל, א בעריע גאָר אנטיק. פֿון איר בערײשקײַט האָט געזונגען אין שטוב איטלעכס װינקעלע. מע האָט עס ארויסגעזען אין די שײנע פֿריש-שמעקנדיקע בלומען-טעפּלעך, אין די געשטיקטע זילבער־קלאָרע פֿאָרהענגלעך אף די פֿענצטער, אויך אין דעם מעש און קופּערוארג, װאָס האָט געשײַנט, געפֿינקלט, פֿארנומען די אויגן. זי האָט גענײט, געשטיקט, געװאשן, געטאָן אלצדינג אין דעם באלעבאטישקײַט און פֿארהיט, די מאמע זאָל קײן שװערן בײג זיך נישט געבן. אויסער דעם האָט זי נאָך מיט איר נײען און שטיקן פֿאר אנדערע צו ביסלעך פֿאַ־דינט אויך.

ויהי היום[1] איז װי פֿונעם הימל אראָפּגעפֿאלן א׳ן שטעטל א יונגערמאן, א פֿײַנער, אָנשטענדיק, לײַטיש געקלײדט, מיט דעם נאָמען שמערל. געהײסן האָט עס, אז ער איז פֿון גאנץ װײַט און האָט מיט פּריצים דאָ ארום געשעפֿטן. ייִדן פֿונעם שטעטל — לײדיקגײער, װאָס גײען ארום גאנצע טעג שלינג־און־שלאנג, האָבן ניט מער װאָס צו טאָן, נאָר רײדן, שמעקן, טאַפּן און אָפּגעבן זיך מיט יענעמס געשעפֿטן, — האָבן אין דעם דאָזיקן פֿארשוין באקומען, באָרעכאשעם, א נײַעם אײסעק אף צו רײדן, ארויסצװײַזן חאָכמעס און בויך־סװאָרעס. יעדן טאָג האָט מען ארויסגעלאָזט װעגן אים אנדערע מינע פּאָטשטן: שמערל א׳ז א חאָשעװ אין די הויכע פֿענצטער, שמערל פֿארמאָגט קוירעכס אויצרעס, שמערל איז א מאכער בא די גרעסטע פּריצים, שמערל איז אזוינער, שמערל איז אזוינער און אזוינער, שמערל איז ניט קײן באװײַבטער, און אויב אזוי, הע-הע, באדארף מען דאָך ניט שװײַגן... שײנע־ייִדן רוקן זיך צו אים אָפּ־

[1] װײַהי האיוים.

שטעקנ א שאָלעם־אַלייכעם; מעקאבלים שטעלנ אופ הענט צו נעמענ בא אים א נעדאָווע; שאדכאָנים לויפנ ווי די פארסאמטע אויסזוכנ פאר אים א שידעכ.

שמערל אָבער איז א באָכער, וואָס קוקט נישט אפ געלט, נאָר אפ שיינקייט, דער איקער איז בא אים דאָס קערנ — אונ איידל געפעלט אים בעסער פונ אלע בסולעס, וואָס קומענ נישט צו איר מינדסטנ נאָגל. זיינענ די שאדכאָנים נישט פויל, נעמענ די פּאָלעס פונ דער קאפּאָטע אינ דער האנט, די פיס אפ די פּלייצעס אונ לויפנ מעשוגענערווייז צו איידלס עלטערנ, שיטנ זיי אָפּ מיט נייַנ מאָס רייד, לויבנ אינ טאָג אריינ אונ זאָגנ: „איינ קיש־מערל! נישטאָ קיינ בעסערער פאר זייער טאָכטער ווי שמערל, ווי רעב שמערל! שמערל איז אזוינער אונ אזוינער, א מושלעם מיט אלע מײַלעס. סטייטש שמערל, עפּעס א קאטאָוועס רעב שמערל, עפּעס זאָגט זיכ עס אזוי גרינג: שמער... רעב שמערל, אז מע זאָל אפילע אויסגיינ עק וועלט, זוכנ מיט ליכט, וועט מענ, אָסער כאזער, נישט געפינענ זיינ גלייכנ! טאקע די גאנצע מייסע פונ אָנהייב ביז צום סאָפ, פונ רעב שמערלס טאָנ קומענ אהער, איז נאָר ריינע ניסים. עס ווייזט באשיימפערלעכ, אז ס'איז טאקע נאָר א זיווע̇ג מנ השמים[1], פערציק טעג איידער איידל איז געבאָרנ געוואָרנ, האָט מענ דאָס שוינ, פארשטייט איר, אויבנ אינ הימל אויסגערופנ, וואָס דענ? זאָגנ זשע דעם ריבוינעשעלוילעמס דייעס אונ שטעלנ זיכ אינ א זיווע̇ג אים אקעגנ, הייסט עס ווי געמישט זיכ ניט אינ זיינ זאכ, אריינשטעקנ די צונג אהינ, אינ דעם סיידער האָוילאָם, גאָר אומגעבעטנ. פע, מיעס, דאָס פאסט נישט פאר א יידנ! וועכוצ לאָזע, יאָ פאסט, ניט פאסט, קאָנענ דאָ טייַנעס אונ קאשעס טאקע אויכ גאָר ניט העלפנ, געסמאהע אייַכ פארפול! פארשטייט איר, וואָס דאָס הייסט אזוינס?.. לאָכיינ מוז מענ זיכ איילנ, כאפּנ די מעציע מיט ביידע הענט, קעדיי אנ אנדערער זאָל זיכ נישט פעדערנ אונ זי, די מעציע, כאסוועשאָלעם, נישט אויסכאפּנ"...

דער טאטע איז בא זיכ אינ הארצנ גרייט — אָכ, מעכעטייסע, פארוואָס ניט? נאָר מיטנ מויל מאכט ער: אי!.. קלוימערשט וויל ער נאָכ האָבנ א יישעוו. דאָס הייסט, גלאט אזוי א קווענקלעניש פונ

1 מינ האשאָמאיִם.

דערעכערעצ וועגנ. די מאמע ווידער, א ייִדענע ווי אלע ייִדענעס, וואָס האָבנ עפּעס א ברענענדיקנ יעיצערהאָרע צו כאסענע מאכנ קינדער, כאפּט זיכ באלד אָנ אינ דעמ שידעכ מיט לייַב אונ לעבנ, באלד טאקע אינ דער הייסער מינוט — אונ איידל איז לעמאזל א קאלע געוואָרנ. דער כאָסנ האָט טאקע, עמעס, נישט פארלאנגט קיינ נאדנ, דאָכ האָבנ די מעכוטאָנים זיכ מיסכייַעוו געווענ צו געבנ דער טאָכטער נאדנ קעפּי זייער מעגלעכקייַט[1] אונ מאכנ איר שאבעסדיקע אונ יאָנטעוודיקע מאלבושימ גאנצ נעגידישלעכ. גלאט אזוי פּאטערנ דאָס עלטסטע, געליבטסטע קינד איז זיי ניט אָנגעשטאנענ, לאָז דער מאנ איר נישט האָבנ אמאָל אויסצוּווארפנ: איכ האָב דיכ פונ א שטאָל ארויסגענומענ, פונעמ טאטנס הויז דעמ עוויענ, נאקעט אונ באָרוועס ביסטו געווענ, איכ האָב דיכ ערשט באקליידט אונ געמאכט אויס דיר א מענטש לייַטנ גלייַכ... „לעולם תקח"[2], האָט דער כאָסנ געטראכט, מאכנדיק מיט א שמייכעלע, צוליב געטאָנ אונ גענומענ. באלד נאָכ די טנאָיִמ האָט דער כאָסנ געייַלט אָפּצושטעלנ כופּע ווי צומ גיכסטנ. זייַנע געשעפטנ, האָט ער דערקלערט, פאָדערנ עס אצינד, ער זאָל געשווינד פאָרנ אהיימ. אונ ווי שווער די עלטערנ איז געווענ דאָס שיידנ זיכ מיט זייער טיפ אינ האַרצנ אייַנגעבאקענער טאָכטער, דאָס שענסטע צירונג פונעמ הויז ארויסצולאָזנ, האָבנ זיי עס דאָכ פאר ליב אָנגענומענ אונ זיכ געטרייסט דערמיט, וואָס די טאָכטער זייערע איז, באָרעכאשעמ, פארזאָרגט, אָנגעטראָפנ א אזעלכנ, וואָס פארשטייט זי צו שעצנ. זיי האָבנ זיכ אָנגעטאָנ א קויעכ מעסאלעק צו זייַנ דעמ נאדנ, האָבנ אייַנגעפאקט איר די גארדעראָבע אונ זי ארויסבאגלייט מיט טרערנ אינ די אויגנ, מיט בראָכעס אונ ווינטשעניש אָנ א צאָל.

דאָס יונגע פּאָרפאָלק איז אוועקגעפאָרנ אונ האָט אונטער־וועגס זיכ אָפּגעשטעלט אינ גלופּסק, — ניט ווייַל דער וועג איז גע-

---

1 אינ דעמ טעקסט פונ „קאָרבאָנעס", וואָס מיר דרוקנ אינ די „בייַלאגעס": „פאר־מעגלעכקייַט".

2 לעוילאָמ טיקאכ.

גאנגענ אפ גלופסק, נאָר ווײַל די געשעפטנ האָבנ, לויט ווי שמערל האָט געזאָגט, עס אזוי געפאָדערט, אראָפצונעמענ זיכ פונעם גלײַכנ וועג אונ ארײַנפאָרנ אהינ אפ א קורצער צײַט. אונ אזויווי ס׳איז באמ פאָרפאָלק געווענ דער האָניק־זיסער כוידעש נאָכ דער כאסענע, האָט שמערל, ווי א געטרײַער ליבער מאנ, זיכ געפלײַסט צוצוטיילנ דעמ ווײַב פארגעניגנ אונ אויסגעזוכט אנ אכסאניע דאפקע נישט אינ דער מיט שטאָט, ווו עס קאָכט, רוישט שטענדיק, נאָר ערגעצ דאָרט א ביסל אינ דער זײַט, ווו ס׳איז רויִק שטיל, ווו מע זעט א גרעזעלע, א ביימעלע אונ מע הערט אמאָל אויכ א קאָל פונ א שפילפייגעלע. ער האָט זיכ נישט געקארגט אונ גענומענ דאָרט דרײַ שיינע צימער, ווי אימ שטייט אָנ.

דער באל־אכסאניע, א ייִד מיט א בײַכל, מיט א געלער באָרד, א לעבעדיקס, א רירעוודיקס, האָט באגעגנט שמערלענ מיט א שיינעמ ברייטנ באָרעכאבע, עפעס ווי א גוטער אלטער באקאנטער זײַנער פונ גאנצ לאנג. האגאמ דאָס איז נאָכ נישט אזא שטארקער באווײַז, ווײַל איטלעכער, ווער עס איז א וועג־מענטש, ווייסט, אז די באל־אכסאניעס זײַנענ צומ גרעסטנ טייל מיט שײַנענדיקע צורעס, מיט זיס־שמייכלענדיקע ליפעלעכ, ווייכ, גוט ווי די וועלט, קוועלנ, פרייענ זיכ באמ ערשטנ באגעגעניש מיט נײַ־אָנגעקומענע אָרכימ, גלײַכ ווי עס וואָלטנ צו זיי געקומענ צוגאסט לײַבלעכע נאָענטע קרויווימ. נאָר ווי די מײַסע איז, שמערל איז געווענ א זייער אָנגעלייגטער גאסט. דער באל־אכסאניע האָט, ארופלייגנדיק די האנט אפנ הארצנ אונ א שאָקל געבנדיק דאָס קעפל מיט דער געלער באָרד, פארזיכערט בא זײַנ ייִדישקײַט, אז זיי מעגנ זײַנ רויִק, אלצדינג, נישקאָשע, וועט זײַנ אינ אָרדענונג. אונ אז ער האָט געכאפט הינטערווײַלעכס א קוק אפ דעמ שיינעמ ווײַבל דאָ אונ מאמזעריש זיכ דערוווּסט אינ דעמ שמועס, אז דאָס איז שמערלס ווײַב, ערשט נאָכ דער כאסענע, האָט ער ביידנ אָפגעגעבנ גאנצ ייִדישלעכ א מאזלטאָוו מיט גנייוויש בלינצלדיקע אייגעלעכ, מאָנענדיק דערבײַ לעקעכ, ווי דער שטייגער, מיט א שמייכעלע, אינ וועלכנ עס ליגט עפעס אזוינס, וואָס א רועכ יענעמ אינ טאטנס טאטנ!..

דאָס ערשטע באגעגעניש אײדלס אפ דער אכסאניע איז געווענ א הויכע דארע ייִדענע, וואָס איז ארײַנגעפלויגנ, ווי א באָמבע, צו

איר אין צימער, באַלד טאַקע באַם אָנקומען, מיט א גדולע, א פרייד, וואַרפנדיק אייגלעך אַפ איידלען, אַפ שמערלען, גלײַך ווי זי וואָלט געזען דאָ פאַר זיך א שוועסטער אירע מיט א ברודער, אַפ וועלכע זי האָט אזא לאַנגע צײַט ארויסגעקוקט. זי האָט, לאָזנדיק זיך צו שמערלען, געעפנט א מויל צום ריידן, נאָר שמערל האָט זיך א בייזער געטאָן, איז זי געבליבן ווי דערוואָרגן. ער האָט זי אָפּגעשיקט צו אַלדי שוואַרצע יאָר, און אַזוי געשווינד ווי זי איז ארײַנגעלאָפן, אַזוי געשווינד איז זי ארויסגעלאָפן.

— אָט דאָס האָסטו דיר, נעשאָמע מײַנע, גלופּסק מיט אירע מעשונע-ווילדע, וועלט-באַרימטע קאַפּצאָנים! אָט דאָס איז עס די עכטע גלופּסקער סכוירע, וואָס נישטאָ ערגעץ אַנדערש איר גלײַכן! אָט מיט אַזאַ ברייטקײַט רײַסט זיך צו יענעם אין הויז ארײַן א גלופּסקער קאַפּצן נאָך א נעדאָווע. טרעפט ער נישט דעם באַלעבאָס אין איין צימער, נעמט ער אים זוכן ווײַטער, ווײַטער אין צווייטן, דריטן און גלײַך טאַקע אין דער ספּאַלניע; טאָמער דרעמלט יענער, קײַכט ער, הוסט ער, און וועקט אים אוף. עט, נישקאָשע, ווער מיר, וואָס מיר צווישן ייִדן צערעמאָניש אַזוינע זאַכן? בא דיר, נעשאָמע מײַנע, איז דאָס א נײַס, איך קען שוין גוט די גלופּסקער קאַפּצאָנים מיט זייערע גענג. אָט נעם, נעשאָמע מײַנע, און שפּײַ אויס זיבן מאָל! — אַזוי האָט געזאָגט מיט א זיס שמייכעלע שמערל צום ווײַב, וואָס איז געבליבן א רעגע פאַרגאַפט.

איידל האָט נאָך דעם טאַראַראַם אין דער היים און אַפן וועג זיך גוט אויסגעשלאָפן, גוט אויסגערוט אַפ דער אכסאַניע, קיינער האָט זי נישט געשטערט, אַנדערע אָרכים האָט מען דאָרט גראָד דעמלט נישט געזען, ס'איז שאַ, שטיל, אַלצדינג אין דער צײַט ווי געהעריק — און איידל איז צופרידן.

אַפ דער אכסאַניע פלעגט אָפּט צו שמערלען ארײַנקומען עפּעס א ייִדל, א ריר-עוודיקס, א געשטופּלטס, דאָס רעכטע אויג זײַנס מיט א בעלמע, א ווײַס פינטעלע, שטאָק בלינד, נאָר אָפן, נישט צוגעמאַכט. דאָס בלינדע אייגל איז אָבער קיינמאָל ניט שטיל געשטאַנען, עס האָט אין אַלצדינג נאָכגעטאָן דעם זעענדיקן, גלײַך ווי עס וואָלט אים געדינט פאַר אַן איידעס. האָט זיך דאָס געזונטע אויג געוואָרפן, געקוקט בייז, האָט זיך דאָס בלינדע אויג מיט דעם ווײַסן פינטעלע

אויכ געוואָרפנ, אָנעמענדיק א בייזע מינע. האָט יענצ מאמזעריש געווונקענ, לויכטנדיק, פריילעכ, איז דאָס בלינדע מיט דעמ פּינטעלע אויכ נישט פויל געווענ ארויסצוווייַזנ, ווינקענדיק מאמזעריש, שטיקלעכ, גלייַכ ווי גערעדט: אָדאָמ א מענטש, קאטשקע רוק זיכ! — אונ דאָס האָט דעמ פּאָנעמ צוגעגעבנ א ווילדנ אויסדרוק, עפּעס אזוי כאלאָשעסדיק, אז עס וואָלט פיל גלייַכער געווענ אי פאר דעמ ייִדל אי פאר דער וועלט, ווענ דאָס בלינדע אייגל זאָל אימ געווענ אויסרינענ, פארכאפּט ווערנ אייַנגאנצנ...

לייַדנ האָט איידל ניט געקאָנט דאָס ייִדל, ער איז איר געווענ פּריקרע בא איטלעכס מאָל קומענ זייַנס אינ שטוב. נאָר דעמ מאנ אירנ צוליב, וואָס האָט מיט אימ געשעפטנ אונ פארברענגט מיט אימ גענוג צייַט, מערסטנטייל ניט אינ דער היימ, האָט זי זיכ געניט אימ שיינ אופּצונעמענ יעדעס מאָל.

שמערלס פארפאלנ ווערנ שאָענלאנג אינ שטאָט, שמערלס צערודערטקייַט, זייַנ פארטראָגנקייַט שטענדיק, האָט זייער גוט באוויזנ איידלענ, אז איר מאנ איז, אפּאָנעמ, א גרויסער סויכער מיט שיינע געשעפטנ, באָרעכאשעמ, אונ ווי ליב עס וואָלט איר געווענ, דער מאנ זאָל לעבנ איר זיצנ, גיינ מיט איר שפּאצירנ, האָט זי עס דאָכ מויכל געווענ, שטארק האנאָע האָבנדיק בא זיכ אינ הארצנ דערפונ, וואָס דער אייבערשטער האָט זי געבענטשט מיט א מאנ א בעריע, בא וועלכנ, ס'איז א האָפּענונג, עס וועט איר זייַנ זייער גוט, אימירצעשעמ.

איינמאָל קומט שמערל אהיימ צו לויפנ גאָר אינ איינ אָטעמ, שטארק פארטראָגנ, אונ דאָס ייִדל מיטנ בלינדנ אייגל ראפּטומ נאָכ אימ. שמערל נעמט אוועק דאָס ווייַב אינ א ווינקל אונ שושקעט איר דאָרט אינ אויער אריינ עפּעס קורצע איבערגעהאקטע דיבורימ, גיכ, געשווינד, מיט א געבעט:

— איידעלע, נעשאָמעניו!.. א געשעפט! עס טרעפט זיכ א געשעפט... א גוט געשעפט... האָב אָבער ווייניק אצינד געלט... עס דערגייט נישט... עטלעכע הונדערטער... וואָס טוט מענ?.. דער ייִד אָט־אָ וויל לייַענ... אָבער געווענדט איז א ביסל אינ דיר... ער, פארשטייסטו מיכ, דעמ ווייַבס פארלאנגט ער אונטערשריפט... דייַנ אונטערשריפט אפּ דעמ וועקסל... אוי, העלפ, נעשאָמע!.. גיכער... נישטאָ קיינ צייַט... א רענדל א מינוט... נא, קעצעלע, נא!..

אונ באלד טאקע, אינ דער הייסער רעגע, ליגט שוינ פאר איידלענ א וועקסעלע, וועלכנ זי שרײַבט אונטער, נישט צו ריידנ א קרומ וואָרט. אדרעבע, פארקערט, עס טוט איר נאָכ האנאָע אפ דעמ קאָוועד, וואָס מע האָט איר דאָ אָפּגעגעבנ, אונ וואָס זי קאָנ דעמ מאנ ברענגענ א נוצנ. עס הייסט אזויפיל ווי: עפּעס זײַנענ מיר אויכ, באָרעכאשעמ, שטיקלעכ מענטשנ, אונדזער כסימע, הא, האָט אויכ עפּעס א ווערט, מיר מאכנ אויכ געשעפטנ!..

דאָס יידל נעמט דעמ וועקסל, גוט צוקוקנדיק זיכ צו דער אונטערשריפט מיט דעמ זעענדיקנ אויג, יענצ בלינדע מיט דעמ פינטעלע טוט זיכ א וואָרפ אונ קוקט זיכ קלוימערשט אויכ צו. דאָס זעענדיקע שײַנט, טוט מאמזעריש א ווונק, אונ דאָס בלינדע אויכ. אָפּגעקוקט, לייגט ער דערנאָכ דאָס וועקסעלע גאנצ געפּאסנ צונויפ, באהאלט עס גוט אינ טאש בא זיכ, רוקט זיכ באלד טאקע פונ דער שטוב ארויס, אונ שמערל נאָכ אימ.

יענער טאָג איז געוועזנ א גוטער, א פרייילעכער פאר איידלענ. איבערקלערנדיק אלצדינג, וואָס מיט איר איז געשענ אינ דער לעצטער צײַט, די גרויסע פארענדערונג פלוצימ אינ איר לעבנ, האָט זי אופגעהויבנ די הענט מיט א דאנק צו זײַנ ליבנ נאָמענ פאר אזא טײַערנ מאנ, אזא גליק, אזא מאטאָנע, וואָס איר איז געקומענ גאָר אומגעריכט. פאר גרויס סימכע נעמט זי א בייגעלע פּאפּיר מיט א פענ אונ זעצט זיכ שרײַבנ א בריוו צו די עלטערנ אהיימ. זי איז באלד אָבער זיכ מעיאשעוו אונ לייגט אָפּ דאָס שרײַבנ אפּ שפּעטער א ביסל, ווענ זי וועט שוינ קומענ אפנ אָרט מיט איר מאנ בעשאָלעמ אונ זיכ ארומקוקנ, זענ אלצדינג דאָרט מיט אירע אויגנ, דאָס גוטס, דאָס גרויסע גליק, וואָס זי האָט געטראָפנ, דעמלט וועט זי אינ א לאנגנ בריוו צו אירע ליבע באשרײַבנ גאנצ קלאָר, פּינקטלעכ איטלעכס פּיצעלע באזונדער, זיי דערפרייענ מיט גוטע בסורעס אונ דערצו טאקע מיט שיינע מאטאָנעס — דעמ טאטנ, דער מאמענ אונ דעמ איבעריקנ הויזגעזינד. יאָ, דאָס וועט מעגלעכ זײַנ צו טאָנ, אימירצעשעמ, אינ א קורצער צײַט ארומ, וואָרעמ קעפּי עס זעט אויס פונעמ הײַנטיקנ געשעפטל, וואָס איז אָפּגעמאכט געוואָרנ אונ געבראכט אינ אָרדענונג מיט דעמ אייבערשטנס הילפ, דאכט זיכ איר, אז דער מאנ האָט שוינ דאָ נישט מער וואָס צו טאָנ. אנ עק, א סאָפ, באלד

פאָרן זיי פונדאנענ אוועק, און זי וועט אינגיכן טאקע קומען אין איר רו אריַין. איבעריקנס, טראכט זי באַ זיך, וועט זי איבערליידן היַינט וועגן דעם מיט איר שמערלען און אגעוו טאקע אויספרעגן איִם וועגן דעם געשעפט היַינט, — פארוואָס ניט? עפּעס איז זי דאָך דער־צו אויך א שטיקל שוַיכעס, זי האָט דאָך אונטערגעשריבן א וועקסל.

און ווי איידל זיצט זיך דאָ אזוי אופגערוימט, אויסמאָלנדיק באַ זיך אין די געדאנקען איר גליקלעכ לעבן שפּעטער, אימירצעשעם, רוקט זיך אריַין צו איר אין צימער דער באלעבאָס פון דער אכסאניע, שטיל, מיט א שיַינענדיק פּענעמל, טוט זיך א בוק, אָנקוקנדיק זי אָן ווערטער און מעשונע פינטלענדיק מיט די אייגעלעך.

— איר זיַיט דאָ אליין, הא, איינע אליין? — מאכט ער נאָך א רעגע שטילשוויַיגן, מיט א זיס שמייכעלע, שטרעקט אויס די האנט, ריַיבנדיק די פינף שפּיצן פינגער איינע מיט די אנדערע, עפּעס ווי געבנדיק איר אָנצוהערעניש.

— וואָס איז? — טוט איידל זיך א כאפּ, שארף אָנקוקנדיק אים.

— גאָרנישט! — שמייכלט ער עפּעס אזוי צוגעלאָזט צו איר. — איר פארשטייט נישט וואָס איך וויל? איך וויל וואָס... וואָס א באל־אכסאניע באדארף וועלן וויל איך — געלט!

— אָט וואָס? — רופט זיך אָן איידל מיט א גרינג געמיט. — מיַין מאן וועט קומען, וועט ער איַיך געבן.

— אָ-וואַ, אָ-וואַ! איך מוז באלד, פארשטייט איר מיך, די רעגע טאקע, אפ עטלעכע טעג ערגעץ פאָרן, גענייטיק איך מיך אין... אין... — זאָגט ער, געבנדיק א שטרעק-אויס די האנט און א ריַיב מיט די שפּיצ־פינגער: — די קלינגערס, מיין איך. פאָרן באלד מוז איך. וואָס טוט מען? גאנצ מעגלעך, צוריקומענדיק וועל איך איַיך שוין נישט טרעפן, איר וועט שוין זיַין אפּן אָרט, מע קוקט דאָך אפ איַיך דאָרט אוודע שוין שטארק ארויס... אָ-וואַ, א מיַיסע, כ׳לעבן! ווייסט איר וואָס? נעמט כאָטשע, זיַיט מויכל, און שריַיבט מיר אונטער אָט דעם כעזשבן. לאָז כאָטש זיַין ריין צערעכנט זיך פאר מיַין פאָרן. נישקאָשע, גוט געלט, נישקאָשע!.. זיַיט מיר געזונט און לאָזט גריסן איַיער רעב שמערלען! וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר, וואָס דאָס איז פאר א רעב שמערל? גאָלד און זילבער! איר וועט ערשט שפּעטער דערפילן, וואָס איז אזוינס רעב שמערל, איַיער רעב שמערל!..

איידל שרײַבט אונטער, עס פאַרשטייט זיך, דעם כּעזשבנ, געזעגנט זיך זייער פֿײַנ מיט דעם באַלעבאָס, שטארק צופרידנ מיט אים, וואָס ער האלט אזוי פונ איר מאנ, לויבנדיק אים אינ טאָג ארײַנ. זי פארזיכערט אים, אז דאָס געלט וועט דאָ געצאָלט ווערנ, לויט [דער] רעכענונג, אונ [זי וועט] זיך נאָכ לאָזנ זענ, נישקאָשע, מיט א שיינער מאטאָנע.

שפּעטלעכ באנאכט איז שמערל אהיימ געקומענ זייער לוסטיק, דאָס פּאָנעמ פארפלאמט. ער כאפּט ארומ דאָס ווײַב, פלאָנטענדיק מיט דער צונג עפּעס האלבע ווערטער, ווי א שיקער:

— פארטיק, געלייגט דעמ טאטנ!.. באשפּריצט מיט מאשקע — אונ יעלה ויצמח[1], ברעכ טעפּ! יעלה[2], עס וועט אופגיינ ווי אינ א באקדייזשע, ויצמח[3], ווי אינ א גאָרטנ שפּראָצ... שפּראָצ... ראָצנ!

— פע! וואָס איז דאָס פאר א לאָשנ? — רופט זיך אָנ איידל שטארק פארוואונדערט, אויסרײַסנדיק זיך פונעמ מאנס הענט.

— אײַ־אײַ־אײַ, שמייליק!.. קוקט נאָר אָנ די כסידעסטע דאָ... דיר מיכ נישט אָנ... הא, נישט צופרידנ? נו, איז אינה מקודשת[4], געסמאהע דיר פארפול!.. יבנה המקדש[5]... פארשטייסט, וואָס יִבאָנע איז טײַטש אפ יעוואָניש? — טוט שמערל א זאָג אָנגעצונדנ, אָנקוקנדיק דאָס ווײַב בייז, אונ לאָזט אויס מיט א פֿײַפ.

— נו, געגנוג, געגנוג! גיי שוינ, גיי בעסער שלאָפנ, — נעמט איידל אײַנ דעמ מאנ מיט גוטע רייד, אראָפּשלינגענדיק זײַנע מיִעסע ווערטער.

זי נעמט אימ אונטערנ אָרעמ, לייגט אימ ארײַנ אינ בעט, אָנזאָגנדיק אימ, ער זאָל שלאָפנ.

א גאנצע נאכט איז דערנאָכ איידל געלעגנ בא זיך אפ איר געלעגער אונ נישט געקאָנט קיינ אויג צומאכנ. דעמ מאנס אופירונג הײַנט האָט איר געשלאָגנ צומ הארצנ — פע, עפּעס אזוי גראָב!

1 יאאלע ווע׳יִצמאכ.
2 יאאלע.
3 ווע׳יִצמאכ.
4 אייגאָ מעקודעשעס.
5 יִבאָנע האמיקדאָש.

אזעלכע ווערטער האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געהערט. עס קומט איר ארופ אפנ געדאנק אלדאָסבייז: ווייס איכ, ווו ער איז געוועננ? מיט וועמענ דאָרט ער איז זיכ צונויפגעקומענ? א מאנצבל, א קאשע אפ א מאנגצבל!.. דער קאָפ שפאלט זיכ איר טראכטנדיק און איבערטראכטנדיק, און פאר גרויס פארדראָס פארלויפנ איר די אויגנ מיט טרערנ. „ניינ, ניינ,— גיט זי זיכ דאָס וואָרט, — ווייטער וועט עס אימ בא מיר שוינ אזוי ניט זיינ! פונ היינט אָנ וועל איכ שוינ קליגער ווערנ. מע באדארפ אימ האלטנ איננ די הענט. אָנ מיר קיינ טריט! אָנ מיר ניט אפ א האָר!.. א וויב באדארפ אלצדינג וויסנ — וויסנ אלצדינג באדארפ א וויב!"...

אָט אזוי האָט זיכ איידל געגעבנ דאָס וואָרט זיכ אפ ווייטער מיט דעמ מאנ אופצופירנ, צו נעמענ אימ איננ די הענט אריינ, זייער ביידנס טויווע וועגנ טאקע צוליב. דאָס האָט זי א ביסל בארויקט, און זי איז לעסאָפ איינגעשלאָפנ.

דער פערטער קאַפּיטל

אופגעשטאַנענ אַפ מאָרגנ איז אײדל שפּעטלעכ אונ איז נאָכ געבליבנ ליגנ אַפ איר געלעגער, מאַכנדיק בא זיכ אינ קאָפּ א פּלאַנ, וויאַזוי נעמט מענ עפּעס דעמ מאַנ אינ די הענט אַרײַנ, אַז ער זאָל פאַר איר דאָס נײַניעריקע באַקומענ. דאָס אײנציקע מיטל, וואָס זי געפינט צו דעמ, — איז ברויגעז צו ווערנ. ברויגעז זײַנ איז בא ווײַבער איבערהויפּט דאָס בעסטע מיטל אַקעגנ די מאַנענ, בעשאַס עפּעס נאָר א מילכאָמע צווישנ זיכ, באַזונדערס אינ דער ערשטער צײַט נאָכ דער כאַסענע. דער שטאַרקסטער מאַנ אַפילע קאָנ זיכ ניט האַלטנ פעסט אַקעגנ אַנ אָנגעברויגעזט ווײַב מער ווי עטלעכע טעג. דערנאָכ מוז ער בעכאַרפּע אובעבושע אַנידערלײגנ דאָס געווער אונ בעטנ ראַכמימ, ווערנ א שטיל שעפּעלע — ביז צומ צווײטנ רויגעז.

אײדל גרײט זיכ צו אָנצוהײבנ הײַנט טאַקע די מילכאָמע, מיט אַלע קלײזײַענ. זי נעמט אָנ, אַפ א פּראָבע, א בײזע מינע, א ברויגעזדיקע, פאַרקרימטע צורע, זי פאַרדרײט די נאָז, שטעלט אויס א פּאָר אויגנ, איז פאַרטיק, *אָנגעלאָדנ*, אונ וואַרט, קוימ ווײַזט זיכ דער מאַנ מיט א „גוט־מאָרגנ”, וועט זי באַלד *אויסשיסנ*. אומזיסט אָבער איר וואַרטנ — ער, ווי אַפּצעלאָכעס, ווײַזט זיכ נישט. דאָס טראָגט זי נאָכ מער אונטער, עס קאָכט אינ איר ווי אינ א קעסל. זי ווײסט שוינ ניט, וואָס צו טאָנ. ליגנ נאָכ אונ וואַרטנ איז קײנ טאַכלעס נישט, ווײַל ווי לאַנג קאָנ מענ אַזוי ליגנ? אײנ ברײרע, מוז מענ, בלײַבט בא איר, אופשטײנ, נאָר אַרײַנ צו אימ דאָרט אינ צווײטנ

כיידער — דאָס ניט, אפ קיינ פאל ניט! זי דרייט זיך ארומ בא זיך אינ צימער נאָך נישט רעכט אָנגעטאָנ, איז ברויגעז, פלאמ־פײַער, טראכטנדיק: צו אימ — ניינ, ניינ! אונ דערווײַל הערט זי זיך טאקע צו מיט איינ אויער צו יענעמ צימער — דאָרט אָבער איז שטיל. ווערט זי דאָכ, ווי דער שטייגער איז פונ אנ אישע, טאקע ציקאווע אונ עפנט פאמעלעכנ א ביסל די טיר — קיינ שאָרכ! האלט זי עס מער נישט אויס, טוט שוינ מיטאמאָל אנ עפנ די גאנצע טיר, א קוק ארײַנ — ער איז ניטאָ!.. ס'איז א צעפוקעניש, שווער צו האלטנ א פארדרוס אינ זיכ, נישט אויסצוגיסנ עס. זי מאכט מיט א פארקלעמט הארצ: אָ, אנ עק! דאָס לעצטע מאָל וועט עס אימ בא מיר זײַנ. ער גייט זיך אהינ, ערגעצ צו זײַנע דאָרט, פארברענגט זיך די צײַט מיט ווייס איכ ועמענ, אונ ארנ זאָל עס אימ אָנהייבנ א ווײַב... א לאָשנ א ביסל נעכטנ באנאכט אקעגנ א ווײַב! הא! זאָל איכ עס שווײַגנ? ניינ!.. הא, — טוט זי זיך א כאפ, — וואָס איז מיט מיר? ווי קומט צו מיר אזעלכע מיִעסע געדאנקענ?.. אזוינס אפ אימ גאָר צו טראכטנ? עפעס שפילנ זיך דאָ איז ער אהער געקומענ? א מענטש מיט געשעפטנ! ער איז געווענ נעכטנ דאָס... נו, מיילע וואָס? עס טרעפט זיך אזוינס בא סאָכרימ באמ ענדיקנ א געשעפט. וואָס זשע איז מיר?.. אוי, דאָס הארצ, מײַנ הארצ!.. לאָמיכ זיך נאָר אָנטאָנ.

זי גייט ארײַנ אינ אלקערל, וואָס אינ דעמ צימער, אונ לויפט פונ דאָרט באלד ארויס דערשראָקנ, טויט, אָנ א נעשאָמע.

— וואָס איז, מאדאמ? נישטאָ דאָכ, וויי איז מיר, אפ אײַכ עפעס קיינ פאָנעמ! — טוט דאָס דינסטמיידל פונ דער אכסאניע א פרעג, ארײַנקומענדיק מיט דער בארשט אינ דער האנט, אופצוראמענ אינ צימער.

— זאכנ!.. ווו דער קאסטנ, די זאכנ, מײַנע זאכנ? — שרײַט איידל ניט מיט איר קאָל, אונ עס ציטערנ איר אלע גלידער.

— אהא, זאכנ? — מאכט דאָס מיידל אפ א מינ זינגענדיק לאָשנ מיט א נאריש געלעכטערל, ציִענדיק די ווערטער. — מער קיינ צאָרעס נישט!.. שא, נישקאָשע, מאדאמ! כי־כי־כי! נאָכ גאנצפרי, כלחוך השור [1], איידער די ציג אונדזערע איז ארויס מיט דער סטאדע

1 קילכויכ האשויר.

אין פעלד אריין, האָט די זאכן אוועקגעפירט אייער מאן, און מיר געזאָגט, שא, שא, כי־כי־כי, האָט ער מיר...

— נו, גיכער, זאָג שוין, זאָג! — טרייבט איידל אונטער דאָס מיידל. — וואָס האָט ער געזאָגט?

— וואָס געזאָגט? — מאכט דאָס מיידל לעקישעוואטע, און צוויי שורעס ווייסע ציין אנטפּלעקן זיך בא איר אין מויל. — ווארט נאָר, ווארט, לאָמיך כאָטש זיך דערמאָנען: הא, וואָס, וואָס? יאָ, אזוי, טאקע אזוי האָט געזאָגט ער: אין א שאָ ארום, געזאָגט, וועט ער קומען און אייך פארנעמען, געזאָגט, דאָרט אהין.

— ווו אהין?

— וואָס הייסט: ווו אהין? — וווּנדערט זיך דאָס מיידל, ציִענ־דיק מיט די אקסלען. — אהין איז אהין, מיסטאמע ווייסט איר ווו איז אהין. וואָס דען, איך ווייס?

— ווי שפּעט איז אצינד? — פרעגט איידל שטארק צעטראָגן.

— ווי שפּעט ס'איז אצינד, ווילט איר וויסן? — ענטפערט דאָס מיידל, פארקרימענדיק דערביי דאָס פּאָנעם מיט כיין. — שוין לאנג האלבער טאָג. צייט צו עסן, כי־כי־כי, שוין דאָס אנדערע מאָל. הונדערט אוואדע מאָל געקומען בין צו אייך איך געוואָר ווערן, און איר געשמאק געשלאָפן, אָן אייַנאָרע, האָט איר, ווי נאָך א באָד. וואָס זייט איר עפּעס אזוי בלייך?.. אוי, זאָל איך עפּשער א שפּרונג טאָן ברענגען אָנבייסן אייך?

— ניין! גיי, לאָז מיך צורו! — ענטפערט איידל און פּאטערט ארויס דאָס מיידל פונעם שטוב.

דעם גאנצן טאָג האָט איידל צוגעבראכט אין איינע צאָרעס, ארומקוקנדיק זיך ערשט, וואָס איז פאָרגעגאנגען מיט איר. די גאנצע מייַסע מיט שמערלען, אז זי הייבט דאָ אָן גוט צו באקלערן, צעגלי־דערן אין די געדאנקען, קומט איר אויס מעשונע־ווילד, דער אָנהייב מייַסע נאָך ווילדער ווי דער סאָף. סטייַטש, סטייַטש! פּלוצים קומט, ווי פון הימל אראָפּגעפאלן, עפּעס א שמערל. ווער שמערל, וואָס שמערל, פונוואנען שמערל? ווייסט אים דער גוטער־יאָר! גלאט אזוי א שמערל, א ייִד, א מאנצבל איז ער, א יונגערמאן איז ער — און געגוג! ס'איז א כאסענע, עס שפּילן קלעזמער, א סימכע, א פרייד, מע טאנצט, מע שפּרינגט. זי, ווי א קאָשערע ייִדישע טאָכטער,

צייט אונטער דער כופע, פארלאָזנדיק זיך אף די עלטערן, מיסטאמע ווייסן זיי דאָך וואָס זיי טוען, מיט וועמען זיי מאכן איר כאסענע. וואָס דען? די עלטערן ווידער האָבן זיך פארלאָזט אף די שאדכאָנים, גאנצ ערלעכע יידן, וואָס קענען, כאָלילע, ניט זאָגן קיין ליגן... און די שאדכאָנים האָבן געטאָן זייער זאך אף דעם סמאך, וואָס איז א קלאנג אין שטאָט, צווישן דעם אוילעם, און אז עס קלינגט, איז טוירעס לאָקשן. דעם אוילעמס א קלאנג איז א באסקאָל — א מאלעך, זאָגן זיי, האָט אף דעם זיוועג אויסגערופן דאָרט אין הימל. דער עמעסער שאדכן, אזוי הייסט עס, איז גאָט, און זיי, די שאדכאָנים, זיינען נישט מער ווי זיינע שליכים...

אָט אצינד ערשט עפענען זיך איר די אויגן, און זי זעט די גראָבע מיעסע פעלער, ווי שענדלעך דאָס איז צו פארבינדן זיך מיט א מענטשן איידער מע קען אים פריער גוט, ווער ער איז און וואָס ער איז. אצינד ערשט גיט זי זיך א כאפ: גוואלד, ריבוינעשעלוילעם! ווי נאריש מיר יידן זיינען, ווי שלעכט מיר טוען, וואָס מיר לאָזן זיך איינריידן, זיך פארבלענדן אין שידוכים פון יענע ליגנערס, וואָס באדינען זיך נישט ריכטיק מיט דעם ווערטל „זיוג מן השמים"[1], ווייל עס טויג זיי צו דער פארנאָסע. אף אלצדינג בא א שידעך, ווי קרום, נישט גלייך ער מעג זיך זיין, האָבן זיי טאָמיד דאָס דאָזיקע איינע ווערטל, די איינע טשוווע אף אלע טייַנעס. אדעראבע, ענטפערן זיי, אלע טייַנעס אקעגן דעם, אשטייגער: עס געשיקט זיך נישט דאָס, געשיקט זיך נישט יענץ, ס'איז א ביסל קרום, א שטיקל מום — אדעראבע, אָט דאָס גופע טאקע דינט ערשט פאר דעם בעסטן באוויַיז, אז ס'איז פונעם אייבערשטן, אז כאָטש עס דאכט זיך אין פלוג, ס'איז א ביסל נישט אזוי, קומט דאָך אויס פאָרט טאקע אזוי... נאראָנים גלייבן, און עס פאלט זיי גאָר ניט איַין צו פרעגן: וויאזוי ווייסן עס אָט יענע ליגנערס, וואָס אויבן איז אויסגערופן געוואָרן, וואָס גאָט וויל? האָט עס דען גאָט זיי דערציילט? און אויב יאָ אזוי, ווי די דאָזיקע ליגנערס זאָגן, אז זיי זיינען שליכים פון גאָט, וואָלטן דאָך אלע שידוכים, וואָס ווערן דורך זיי אויסגעפירט, באדארפט האָבן א האפט, א קיעם אף אייביק. הייַנט פארוואָס זעען מיר אזויפיל אום-

1 זיוווג מין האשאָמאַים.

גליקלעכע פּאָרפּאָלקנ, אזויפיל געווייִנ און טרערנ, סינע און קריג, גרושעס און אגונעס צווישנ אונדזערע ייִדנ?..

— אוי, — רײַסט זיכ איר ארויס א זיפצ טיפ פונעמ הארצנ, — ס'איז א שווינדל! די גאנצע זאכ מיט די זיווּגימ איז נישט מער ווי א נארישקײַט, אָפּנארערײַ און באטריגערײַ. דאכט זיכ, עס ליגט אויבנ־אופ, אזוי דײַטלעכ, אז מע ברויכט נישט קיינ איבערגעשפּיצטנ סייכל דאָס צו פארשטיינ, די מינדסטע ייִדענע אפילע קאָנ עס אויכ באפארשטיינ מיט איר מויעכ. זי זעט עס ארויס בא זיכ אלייִנ אזוי באשײַמפּערלעכ אצינד. נאָר, גוואלד, ווו איז אָבער געווענ איר סייכל פריִער? ווו איז געווענ דער סייכל פונ טאטע-מאמע, נישט גוט צו באטראכטנ זיכ פריִער? צו וואָס איז אזוי דער ברענ צו כאסענעס, גיכער־גיכער צונויפפּאָרנ קינדער? ריבוינעשעלוילעמ! מענטשנ, אכוצ וואָס זיי זײַנענ זכאָרימ און נעקייוועס, זײַנענ זיי דאָכ עפּעס דערצו אויכ מענטשנ מיט א נעשאָמע, מיט א פרײַענ ווילנ, מיט מענטשלעכקײַט, מיט געפילנ — און עס באדארפ דאָכ בא זיי אנדערש זײַנ ווי בא בעהיימעס... צוליב כאפּעניש און אײַלעניש, אָנ בארעכענונג איז זי, ווי עס לאָזט זיכ אויס, ארײַנגעפאלנ גאָט ווייסט ווּעמענ אינ די הענט ארײַנ און איז אצינד אינ א גרויס אומגליק. זי איז באקעטבלויז, נאָר אינ אייִנ סיצנ קליידל אפ איר לײַב, אָנ א גראָשנ געלט און עלנט ווי א שטייִנ אינ דער פרעמד. וואָס וועט זײַנ דער סאָפ אירער דאָ און דער סאָפ פונ אירע עלטערנ דאָרט, אז זיי וועלנ באקומענ די ווּיסטע בסורע וועגנ זייער אומגליקלעכער טאָכטער? אזא אומגליק, אזא שאנדע! ס'איז א בושע אינ פּאָנעמ און א ווייטעק אינ הארצנ!

דאכט זיכ, געגוג ביטער, געגוג פינצטער, און פלוצימ — גייִ טרעפ א מענטשנס הארצ! — גיט איר א שײַנ א שטיקל האָפענונג:

— נייִנ! — מאכט זי מעיאשעוודיק זיכ זײַנ צוריק. — אומעגלעכ! לאָמיכ נישט זינדיקנ מיט די רייד, כוישעד אימ זײַנ אומזיסט. עס קאָנ זיכ אויסלאָזנ גאָרנישט... מע באדארפ ווארטנ, האָבנ געדולד, לאָז דערווײַל זײַנ שא! גוט וואָס דער באלעבאָס פונ דער אכסאניע איז גראָד אצינד אוועקגעפאָרנ אפ א פּאָר טעג. לאָז ער נישט וויסנ, לאָז דערווײַל זײַנ שא!..

זי שטעלט זיכ קוקנ אינ פענצטער. קוקט, קוקט און נעמט זיכ

ארויס די אויגן קוקנדיק — נישטאָ! אזוי איז איר פארגאנגען דער טאָג אין לייד, אין אנגסטן, נישט צו נעמען אין מויל אַרײַן עפּעס עסן. באנאכט איז זי אנידערגעפאלן אף איר געלעגער, ווי א דער־הארגעטע.

אף מאָרגן פרי קומט אַרײַן דאָס יידל מיט דעם בלינדן אייגל. איידל ווערט ווי פון טויט לעבעדיק, דערזעענדיק פאר זיך א באקאנטן מענטשן, האגאמ ער איז בא איר פריִער נישט געווען אזא כּאָשעוו, און זי טוט זיך א לאָז, גאָר נישט ווילנדיק, אים אנטקעגן מיט א ברייטן באָרעכאבע:

— אוי, א זייער אָנגעלייגטער גאסט, כ'לעבן! ווען איך זאָל געווען וויסן, ווו איר וווינט, וואָלט איך נעכטן נאָך געקומען צו אײַך אהיים... איר האָט געהערט?.. זאָגט, עפשער ווייסט איר עפּעס?.. עפשער, הא, ווייסט איר ווו... ווו ער איז? — רעדט, פרעגט איידל אין איין אָטעם, ווערגנדיק זיך מיט טרערן, נישט אראָפּצונעמען פונעם יידל קיין אויג.

— איך האָב געהערט, געהערט! — רופט זיך אָן דאָס יידל שטארק בייז, מאכנדיק דערבײַ מיט דעם גראָבן פינגער אהין און אהער. — ער זאָל אזוי וויסן פון זײַן לעבן צו זאָגן, דער מאמזער, דער גאזלען, ווי איך ווייס פון זײַן געביין! הערסטו, אָט דאָס בין איך דאָך טאקע געקומען. עפשער ווייסט א י ר?

— מ י ך פרעגט איר? — מאכט איידל, פארקרימענדיק זיך, און שפרינגט אָפּ ווי אן אָפּגעבריטע פונעם יידל אף עטלעכע טריט צוריק.

— געננוג געלט, געננוג צײַט קאָסט ער מיך, אָט דער קאָלבויניק! — רעדט זיך דאָס יידל זײַנס, אלץ טאקע בייז. — א־א, פייגערן זאָל ער דאָרט, ווו ער איז. קיין גוטס זאָל אים נישט זײַן, ווײַל ער וועט לעבן, פאר מײַן געלט. אײַ, איך זאָל וויסן, ווו ערגעץ ער איז — הע־הע־הע, וואָלט אים שוין, נישקאָשע, א רוער אין זײַן מאטן אַרײַן!..

איידל באדעקט דאָס פּאָנעם מיטביידע הענט, כליפּעט, וויינט, צאפּלענדיק מיט די אקסלען, מיט אלע איווורים. דאָס יידל באַ־טראכט זי שווײַגנדיק, מעסט זי אויס פונעם קאָפּ ביז די פיס מיט דעם געזונטן אויג, און יענצט מיט דעם ווײַסן פינטעלע ארבעט אויך, ווארפנדיק זיך ארויף און אראָפּ.

— ווינט נישט, איך בעט אײַך, א שאָד אײַערע אויגן, ווי איך בין א ייִד! — בעט זי דער ייִד עפּעס אזוי גערירט, ווי עס רײַסט אים שטארק דאָס הארץ. — נו, גענוג, טוט מיר די טויווע! האָט ראכמאָנעס אף אײַערע יונגע יאָרן און לאָז זײַן גענוג געוויינט!.. לאָמיר זיך ניט נארן, איר זײַט דאָך א קלוגע, און לאָמיר באַטראכטן די זאך געלאסן, אזוי ווי עס איז. אינעמעסן האָט איר דאָך דאָ גאָרנישט פארלוירן. אדעראבע, זאָלט איר מיר געזונט זײַן, אדעראבע, אין דער ערד ארײַן אזא... איר מעגט נאָך אופהייבן די הענט צו דעם, וואָס לעבט אייביק, און מאכן א בראָכע „באָרוך שעפּאָטראני״! נישקאָשע, כ׳לעבן.

— אוי, איך בין געקוילעט! — קלאָגט זיך איידל, ווישנדיק די אויגן. — בין געבליבן אזוי ווי איר קוקט מיך אָן אָט-אָ. האָב נישט מער ווי דאָס איינציקע קליידל אף מיר. אינגאנצן אָט־אָ מײַן פארמעגן! וואָס קאָן איך אצינד טאָן, ווו זאָל איך אצינד גיין, מיך קערן, ווענדן?

— עט, כ׳לעבן... ווי איך בין א ייִד! — טרייסט דאָס ייִדל זי מיט גוטע ווערטער. — גאָט איז מיט אײַך, איר זײַט דאָך דאָ עפּעס צווישן ייִדן, ניט אין א וואלד ערגעץ צווישן גאזלאָנים אָדער אין א העק ערגעץ, א מידבער, צווישן ווילדע כײַעס, כאָלילע! פארלירט נישט, איך בעט אײַך, די האָפענונג!

— אָבער אצינד, אצינד איז דאָך שלעכט, פינצטער און ביטער, א שרעק! — ווענדט זיך איידל צום ייִדל, מיט וועלכן זי הייבט אָן איבערבעטן זיך אין הארצן פאר זײַנע גוטע, עמעס-ייִדישע טרייסטווערטער, און נעמט זיך אויסגיסן פאר אים איר שווער געמיט: — אוי, ביטער! צום לעבן נישטאָ קיין גראָשן, און בין נאָך שולדיק אנדערע. ער איז אוועק און מיך איבערגעלאָזט דאָ פאר א מאשקן, א צוגאָב דערצו, וואָס איך בין געבליבן, וויי איז מיר, א וויסטע אגונע. אף דער אכסאניע קומט. מע האָט שוין ארײַנגעשיקט מאָנען. דעם לאנגן גרויסן כעזשבן אונטערגעשריבן האָב איך... הײַנט קומט דאָך טאקע אײַך אויך. איר האָט דאָך אף מיר א וועקסל...

— נו, בעכיין? זאָל מען נעמען בא אײַך די נעשאָמע? זאָלט איר זיך צערײַסן, זיך נעמען שטארק צום הארצן און כאסוועכאָלילע שטארבן, אָדער זיך, סאָנע־ציִען, א מײַסע אָנטאָן, מיר נישט, דיר

נישט? גאנצ סייכלדיק, כ'לעבנ!.. אדעראבע, ווײַל עס קומט פונ אײַך אנדערע, דעריבער טאקע ליגט אפ אײַך די שולד אָפּצוהיטנ, ווי גאָט איז אײַך ליב, אײַער געזונט, טײַער צו האַלטנ אײַערע שיינע אויגנ, אײַער לײַב אונ אַלצ מיטאנאנדער, קעדיי איר זאָלט קאָנענ, פארשטייט איר מיך, ארבעטנ, פארדינענ אי פאר זיך אי פאר יענעמ, זיך ארומצאַלנ ביסלעכווײַז מיט אײַערע באַלעכויוועס. נישקאָשע, עס האָט זיך בא יידנ אזעלכע זאכנ שוינ געטראָפנ. איר זײַט ניט די ערשטע, ניט די לעצטע... איכ, פונ מײַנ זײַט, אָכ, בינ גרייט צוווארטנ. אבי געזונט, זײַט איר בא מיר א גרויסער באָטועכ... נו, וואָס זשע, זאָלט איר מיר געזונט זײַנ, איז דאָ פאר אזא אומגליק? אײַ די מוירע, וואָס איר בלײַבט אנ אגונע—עט! נאָכאמאָל טאקע עט, נארישקײַטנ, כ'לעבנ! מיר וועלנ, מיט דעמ אייבערשטנס הילפ, מיסטאמע געפינענ דערופ אויכ א טאכבולע, נישקאָשע!..

איידל פילט זיך זייער גערירט פונ אזעלכע קוויקנדיקע טרייסטווערטער אונ ווייסט נישט רעכט ווי צו דאנקענ דעמ יידל פאר זײַנ גוטסקײַט, וואָס ער שטייט איר בײַ אינ דער נויט. זי בעט זיך איבער מיט אימ שוינ אינגאנצנ בא זיך אינ הארצנ אונ דערלאנגט אפ אימ שווײַגנדיק א פרײַנטלעכנ בליק, וואָס איז פיל בעסער ווי גערעדט.

— אָט ווייסט איר וואָס, — זאָגט דאָס יידל מיט א געבעט, אָנעמענדיק זיך באמ הארצנ, — דערווײַל, איידער ווענ, איידער וואָס, וואָלט איך אײַך געבעטנ, קומט, כ'לעבנ, צו מיר אפ קווארטיר. א שטוב איז בא מיר א גרויסע, כאדאָרימ זײַנענ דאָ גענוג פאר מיר מיט מײַנ ווײַב, אונ פאר אנדערע אויכ, וועט זיך געפינענ פאר אײַך אויכ א צימער. הא, וואָס זאָגט איר?

איידל קווענקלט זיך עפּעס, אָנ ווערטער.

זאָגנ יאָ, איז עפּעס פריקרע. וואָס פאר א פּאָנעמ וועט עס האָבנ פאר זײַנ ווײַב? זאָגנ זשע ניינ, איז נאָכ ערגער: זי איז דאָכ געבליבנ חי אפנ וואסער, נישט האָבנדיק ווו אנידערצולייגנ דעמ קאָפּ... דאָס יידל אָבער האָט, ווי ארײַנקוקנדיק גוט אינ איר הארצ, אונטערגערוקט איר אזעלכע ווערטער, וואָס זאָלנ זי נעמענ.

— בא מײַנ ווײַב, — זאָגט ער, — וועט עס שטארק אָנגעלייגט זײַנ, ווי איך בינ א ייד!.. איך זאָל אזוי לעבנ, ווי איר וועט איר

דערמיט מאכן גרויס פארגעניגן. זי איז, לעבן זאָל זי מיר, זייער א גוט מענטש, א מאכנים־אוירעכטע, נישטאָ איר גלייכן, איטלעכער איז איר ליב. א שעם האָט זי, אפ אלע ווייבער געזאָגט געוואָרן!.. פארדינען וועט איר, נישקאָשע. איך וועל שוין טראכטן, אז איר זאָלט פארדינען. מיילע, וואָס איז דאָ צו ריידן? עט, גאָרנישט! מיר וועלן זיך, אימירצעשעם, נאָך אָפּרעכענען, אבי געזונט... אָט גיי איך באצאָלן פאר אייך אפ דער אכסאניע.

„א יידישע נעשאָמע קאָן מען טאקע ניט שאצן! — טראכט זיך איידל נאָך דעם, ווי דאָס יידל איז ארויסגעגאנגען. — אפן אָנבליק איז ער, דאכט זיך, עפּעס נישט אזוי, און וואָס אָבער פאר א גוט הארץ ער האָט! א ייד בלייבט טאקע א ייד... ווי מיעס ער מעג זיך זיין פון דרויסן, אזוי שיין, אזוי ריין איז ער אינעווייניק. יידישע קינדער זיינען טאקע, ווי עס שטייט, ראכמאָנים בניי ראכמאָנים... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאר די זינד, איך האָב עס פריער אין אים גאָר ניט ארויסגעזען און אים נישט געקאָנט ליידן".

בעשאס איידל טראכט דאָ אזוי, באדויערט און האָט שטארק כאראָטע, וואָס זי האָט אין הארצן אומזיסט־אומנישט פיינט געהאט פריער אזא קאָשערע נעשאָמע, קומט אריין דאָס יידל צוריק, נעמט ארויס איידלען פון דער אכסאניע און פירט זי אָפּ צו זיך אהיים — צו זיין ווייב שיינצע.

עס פארשטייט זיך, אז זיין ווייב איז שיינצע, איז ער, דאָס יידל, הייסט עס, מיט דעם בלינדן אייגל — איר מאן; ער, לייווי באָכער, מיט זיין קאָוועד אלייז!

אין דער דאָזיקער גאנצער מייסע מיט איידלען איז שמערל, דער מאן קלוימערשט, און לייווי באָכער געווען יאדאכאס. דער באל־אכסאניע, אן אויסגעדריכערט ליולקעלע, א געוועזענער מעשאָרעס, א פאקטער, וואָס פארשטייט אן אייסעק, האָט אויך בא זיי געטאנצט אין קאָן. די דאָזיקע פארשוינען האָבן דאָ געמאכט די שפּיל גאָר ווי אין טעאטער. איטלעכער האָט געשפּילט זיין ראָליע ווי א מייסטער. האָדל די מעקלערן, וואָס איר שטייגער ארבעט איז ליפן, שמעקן, ארייַנשטעקן א צונג און ארייַנווארפן זיך אין דער מיט, געבעטן צי ניט געבעטן — זי האָט, ווי א שאלאטן-שאמעסטע, זיך אויך געדרייט, הינטן־ארום, אין דער שפּיל. זי האָט עס אָנגע-

שמעקט שמערלען באלד בא זײַנ אָנקומענ מיט אײדלען. דאָס איז זי, האָדל, ארײַנגעפלויגנ ווי א באָמבע אינ דער הײסער רעגע טאקע צו אימ אפ דער אכסאניע, אונ פאר גרויס פרײד, שטארק צעטומלט, האָט זיכ איר געעפנט דאָס מויל, אונ שיר-שיר וואָס זי האָט נישט אָנגערופנ שמערלען בא זײַנ עמעסנ נאָמענ נאכמענ־טרײַטל. זי וואָלט געקאָנט אָנמאכנ א גוטע כאסענע, עפענען, נישט אינ דער צײַט, אײדלען די אויגנ. נאכ... נאכ... דער אָנהײב פונ נאכמענ, זײַנ אײגנטלעכער נאָמענ, האָט זיכ איר שוינ געקויקלט אויס דעמ האלדז. א גליק, וואָס שמערל האָט זיכ געכאפט באצײַטנס, אפ איר א היק געטאָנ אונ זי, מעכילע, ארויסגעטריבנ.

דער פינפטער קאַפּיטל

דאָ, בא לייווי באָכער אינ הויז, שטעלט זיכ פּאָר אײדלענ א נײַע וועלט מיט נײַע צאָרעס. די פריִערדיקע צאָרעס זײַנענ געווענ א רעקעכל אקעגנ די ווײַטערדיקע, א האקדאָמע נאָר צו דער מײַסע, וואָס הייבט זיכ ערשט דאָ מיט איר אָנ.

די מײַסע אלײנ איז זייער א שרעקלעכע, אָבער, אוי ווײ! א גאַנצ געוויינטלעכע! א מײַסע, וואָס טרעפט זיכ קימאַט יעדנ טאָג מיט נאָכ פיל אנדערע, אזוי ווי אײדל אינ זאק ארײַנגענארטע, אומגליקלעכע ייִדישע טעכטער; א מײַסע, וואָס האָט נאָכ פונ גאַנצ לאַנג ווי א פארשלעפּטע קרענק זיכ ארײַנגעכאפּט, גאָר עפּעס מײַסע־סאָטנ סאַקע, צווישנ אונדז ייִדנ, צווישנ אזא קאָשער פאָלק, אָפּגעהיט פונ זינד, ווי דאָס פאָלק ייִסראָעל, אונ עס איז זי נישט פּאָטער צו ווערנ ביז אצינד!.. דער טאַמציס, דער אינהאַלט פונ אזא מײַסע איז קימאַט טאָמיד דער אייגענער, אונ מע פארשפּאָרט ווענג דעם א סאַכ צו ריידנ. עס הייבט זיכ אָנ מיט גוטנ, דערנאָכ גייט עס מיט בייזנ. עס האָט אינ זיכ אלערליי טאַמענ — זויער אונ ביטער, קאַלט אונ ווארעמ, עסעניש אינ זיכ אונ יעסורימ, ווייטעקנ פונעמ לײַב. ס'איז דאָ דרינענ, פונ אײנ זײַט: גריזאָטע אינוויייניקסטע, אינ דער נעשאָמע, פונעמ פילנ די שולדיקײַט אָפּצוהיטנ זײַנ אייגענעמ ווערט, דעמ מענטשלעכנ קאָוועד אונ אָרנטלעכקײַט; פונעמ פילנ מוירע פאר זינד, בושע פאר גאָט אונ פאר לײַט, וואָס זײַנענ אײַנגעוואָרצלט אינ דעמ מענטשנס הארצ. אונ פונ דער אנדערער זײַט: אָנ־

געטאָנענע יעסורימ, געבענטע, געבראָטענע לייד — צוואנג, פײַנ, קלעפּ, הונגער אונ קאָלאמינע פּוראָניעס, אויסגעצוארטע וועקסלענ, באלע־כויוועס, שלעק, אָנשיקעניש, מיִעסע יעיצערהאָרעס אזעלכע, וואָס רייצנ, צעקאָכנ די געבליטנ. עס ווערט אינווייניק אינ זיכ פונ די אלע דאָזיקע זאכנ א שטורעמ, א קאָכעניש, א ראנגלעניש, א שווערע, שטארקע מילכאָמע, אונ דער זינדיקער מענטש, פלייש אונ בלוט, האלט ניט אויס — אונ פאלט !..

איידל, נעבעכ, איז געפאלנ !..

א היפּשע צײַט האָט זי ווי מיטנ טויט זיכ אוועקגעראנגלט מיט די אלע גרויסע ביטערע יעסורימ, וואָס מע האָט איר אָנגעטאָנ, אלצ זיכ געשטארקט, אײַנרייידנדיק זיכ ניסימ־וועניפלאָעס, עפּשער וועט איר געראָטנ צו דערווייכנ מיט אירע בלוטיקע טרערנ די הערצער פונ די פײַניקער אירע, זיי זאָלנ זי אָפּלאָזנ ; אָדער עפּשער גאָר וועט איר געשענ א נעס פונ זייערע הענט שטילערהייט אנטרונענ צו ווערנ — נאָר די צײַט אָבער האָט איר באוויזנ, אז דאָס אלצדינג איז כאלוימעס. גיכער איז צו רירנ א שטיינ, ווי יענע רעשאָימס פארשטאָקטע הערצער, אונ שטילערהייט ארויסגאנווענענ זיכ איז גאָר ניט קיינ גוט מיטל, דאָס קאָנ נאָר פארגרעסערנ דאָס אומגליק אונ ברענגענ פיל צאָרעס זיכ אונ אירע ליבע. „אצינד — האָט זי זיכ בארעכנט — בינ איכ ווייניקסטנס אליינ אומגליקלעכ, שא, שטיל, פארדעקט די כארפּע, ווער קענ מיכ, ווער ווייסט מיכ? ס'איז נאָכ פאָרט א האָפענונג דאָ אפ שפּעטער, אויסקויפנ זיכ אמאָל פונ די שיינע־לײַט, ווערנ פרײַ ; גאנווע איכ מיכ אָבער ארויס, אינ פאל ווענ ס'איז מעגלעכ, וועלנ די שיינע־לײַט, נישקאָשע, מיכ געפינענ, ווו איכ וועל זײַנ. זיי וועלנ טרעפנ צו מיר אהיימ, אײַנגעבנ אפ מיר די וועקסלענ, עס וועט זיכ ארויסשטעלנ, אינ וואָס פאר א הויז איכ בינ געווענ. טאטע־מאמע וועלנ זיכ שעמענ צו ווײַזנ פאר לײַט, וועלנ פאר גרויס צאר, כאָלילע, שטארבנ, די שוועסטער, נעבעכ, וועלנ פארזיצנ, נישט קאָנענ קומענ צו קיינ שידוכימ, אונ פונעמ גאנצנ הויזגעזינד וועט ווערנ א טעל"...

פאר איידלענ איז קיינ אויסוועג נישט געווענ. זי האָט געליטנ, זיכ געראנגלט ביז די לעצטע קויכעס — אונ איז געפאלנ !..

יאָ, איידל, נעבעכ, איז טאקע געפאלנ, אָבער טיפ געזונקענ

איז זי נישט. מע האָט בא איר צוגענומען דאָס געזונט, אָבער די בעשאַמטע, א מאַטאָנע פון גאָט, — דאָס צונעמען בא איר האָט מען נישט געקאָנט. עס האָט אין איר זיך געקלאַפּט א מענטשלעכ הארצ מיט געפילנ פון גוטסקייט און ראכמאָנעס. זי האָט געפילט דאָס ביטערע הארצ פון פיל אנדערע אומגליקלעכע כאוורטעס דאָרט, איז זיי בייגעשטאנען אין די נויטנ, געווען פאר זיי בעשאס אמאָל א קאס, א רוגזע, א גוטע מייליצטע, זיך ארויסגעשטעלט פאר זיי אקעגנ לייווין און דער מומע שיינצע, נישט קוקנדיק דערופ, וואָס זי פלעגט אָפּט דורכ דעמ האָבנ יעסורים, צוציִען צו זיך סינע און לייד.

די כאוורטעס האָט דאָס הארצ געצויגנ צו איידלען, זי איז בא זיי געווען דער קאָפּ. מאלווינקע, א יאָדערדיק מיידל, א קלוגס, א לעבעדיקס, א פריילעכס, מיט א ברייט פּאָנעם און א פּאריסנ בעזל, האָט איידלען געקרוינט מיט דעמ נאָמען „אָפּיצערקע" — און אזוי האָט זי געהייסנ בא איטלעכנ. די „טערקיניע" אפילע, וואָס פריִער איז זי געווען די עלטסטע, האָט מויכל געווען אפּ איר קאָוועד און איז צוגעקאָכט געוואָרנ צו איידלען, האָט אין איר געקלעפּט נאָכ פיל מער פון אלע אנדערע.

נאָר די מומע שיינצע אליינ, זי האָט איידלען פּיינט געהאט שטארק פונעמ גאנצנ הארצנ, קיינ אנדער נאָמען פאר איר האָט זי נישט געהאט, ווי די „אגונע", קעדיי צו שטעכנ זי דערמיט. די מומע שיינצע האָט, ווי עס איז באקאנט, געוועלטיקט בא זיך אין הויז גאָר א שרעק, געוואָלט, אז כוצ איר דאָרט זאָל קיינער נישט טאָרנ אופהייבנ א קאָפּ, האָבנ עפּעס א ווילנ. דער שטייגער אירער איז געווען זיך אלצ צו קלאָגנ אפּ הייַנטיקע צייַטנ, אפּ הייַנטיקע מענטשנ.

— נישטאָ, — פלעגט זי קרעכצנ, — נישטאָ אמאָלדיקע יאָרנ! אמאָל איז א באלעבאָסטע געווען א באלעבאָסטע. עס האָט מיט איטלעכער פאר איר אינ שטוב געמאָרדעוועט. און הייַנט? הייַנט ווילט זיך עס „זיי" אויכ האָבנ א דייע... אויכ מיר מענטשנ!

איז איינע געווענ זייער שיינ, פלעגט עס די מומע שיינצענ אינ הארצנ שטארק פארדריסנ, און פלעגט זיך שטעלנ מיט יענער פארהערנ, דערציילנ איר פון יענע גוטע יאָרנ, ווי שיינ זי איז געווען אמאָל, אז מע האָט זיך פּאָשעט אפּ איר געהאנגען. פונדעסט־

וועגן האָט זי זיך נישט איבערגענומען און געהאט פאר דער באַלע־באָסטע דאָס נײַגיעריקע...

קיין אנדערע ווערטער זײַנען בא דער מומע שיינצען ניט גע־ווען פאר איינער, וואָס עפּעס נאָר נישט אזוי, ווי:

— אויך מיר א מענטש, דו כצופע איינע!.. א גוילעם ביסטו, אַן אָנ־געמאָלטער גוילעם, א שטיק פלייש, א שטיק סכוירע, ווײַטער גאָרנישט!..

א דאַם־סוינע איז דעריבער די מומע שיינצע געווען איידלען אי פאר איר שיינקײַט אי פאר דער האָזע אירער צו מענטשלען זיך אליין און אײַנצוגעבן אירע כּאווערטעס סייכל, אז זיי זײַנען אויך מענטשן, מישטיינסגעזאָגט, פונקט פארקערט פון איר טוירע. זי פלעגט בא איטלעכער געלעגנהײַט זיך באקלאָגן אפ איידלען, אז זי האָט פארגעסן דאָס פיל גוטס, וואָס מע האָט איר געטאָן, בעשאס בלײַבנדיק אן אגונע, אײַנגעטונקט אין כויוועס, נאקעט, הונגע־ריק; ווען נישט לייווי אירער, ווען נישט זי, די מומע, הייסט עס, ווו וואָלט אהינגעקומען איר געביין?

בא דער מומע שיינצען האָט, נאָך איר שטייגער דענקען, איר שטייגער דערציִונג, זיך געקאָנט טאקע לייגן אין קאָפּ, אז זי איז גערעכט, און זי פלעגט אויסלאָזן געוויינטלעך דאָס צעטל כסאָ־דים אירע מיט א טײַנע:

— ריבוינעשעלוילעם, וואָס איז הײַנט פאר א וועלט? וואָס זײַנען עס הײַנט פאר א מענטשן?..

איידלען האָט אין דער מיִעסער לאגע אירער צוגעגעבן קראפט אויסצוהאלטן די ביטערע פּײַן אָט דער דאָזיקער געדאנק, וואָס גאָט איז א יודע לבבות[1], ווייסט דעם מענטשנס הארצ, דער איקער איז אים א ריינע, אומבאפלעקטע נעשאָמע. גרויסע צידקאָניעסן, צנועס זײַנען, ווי עס שטייט געשריבן אין ספאָרים, אויך געווען געפאנגען אמאָל אזוי, ווי זי, געפּײַניקט, געצווונגען געווען, נעבעך, — און דער גוטער גאָט האָט זיי מויכל געווען די זינד צוליב דער ריינער נע־שאָמע זייערער. ער האָט געזען זייער פּײַן און זיי געהאָלפן אויס־צוקומען מיט דער צײַט. איידל האָט אויך געהאָפט אויסגעלייזט צו ווערן פון־נעם געפענקעניש, האָט אלץ געהאָפט, געהאָפט—און לעסאָף...

1 יודייא לעוואָוויס.

דער סאָפ אירער איז געווענ, ווי דער סאָפ פונ אלע אומגליקלעכע, איר גלײַכנ — א קרענק, א פלאָג, וואָס האָט זיכ צו איר צולעצט ארײַנגעכאפט אינ די ביינער. א היפשע צײַט איז זי אוועקגעלעגנ אינ שפיטאָל, אינ אנ אָפּגעזונדערטנ כיידער דאָרט, אָפּגעריסנ פונ דער וועלט, פארוואָרפנ, פארגעסנ, ווי א פארדארטע בלומ, א צעבראָכנ קיילע, א שארבנ, וואָס נוצט נישט מער קיינעמ, וואָס מע מײַדט עס אויס אונ שײַעט זיכ עס אָנצוקוקנ.

די מומע שיינצע איז אינ דער גאנצער צײַט אפילע קיינ איינציק מאָל נישט געקומענ געוואָר ווערנ צו איר. זי האָט אויכ פארבאָטנ אונ שטארק אָפּגעהיט, אז די כאווערטעס אירע זאָלנ אהינ צו איר די נאָז נישט ווײַזנ. זעלטנ נאָר פלעגט זיי נאָכ פיל מי געראָטנ איבערצושיקנ איר א ביסל אײַנגעמאכטס, צומ קוויקנ זיכ, דורכ מאלווינקענ, וואָס פלעגט זיכ אײַנשטעלנ ביגנייווע ארײַנצוכאפנ זיכ צו איידלענ מיט דער איבערגעפּעקלטער טרייפער סכוירע.

אז האָדל די מעקלערנ איז איינמאָל אוועקגעזעסנ א פאָר שאָ בא שיינצענ אינ צימערל, שוינ זאט אָנריידנדיק זיכ מיט איר איבער דער הײַנטיקער פארדאָרבענער וועלט אונ די הײַנטיקע שלעכטע צײַטנ, שוינ מעקאיעמ זײַענדיק אויכ אײַנטונקענ א שטיקל לעקעכ, פארזוכנ דעמ ביטערנ טראָפּנ אונ זיכ שוינ געקליבנ אוועקצוגיינ, האָט זי זיכ פלוצימ א כאפּ געטאָנ, גלײַכ ווי זי וואָלט זיכ דערמאָנט אָנ עפּעס זייער א וויכטיקער זאכ.

— אוי, שיינצעניו, גוט וואָס האָב מיכ דערמאָנט! האָב מיר געקאָנט אוועקגיינ — אונ דיר נישט קיינ וואָרט. דו הערסט, שיינצעניו? נעכטנ גיי איכ מיר גראָד פארבײַ דעמ שפיטאָל, טראכט איכ מיר: הא! לאָמיכ, כ׳לעבנ, ארײַנגיינ צו דער יעפּייפּע דײַנער, צו דער אגונע, ווי זי הייסט בא דיר, א קוק טאָנ, וואָס זי מאכט. אוי, וואָס זאָל איכ דיר זאָגנ, נעשאָמע מײַנע? מאכנ זאָלנ אזוי, ריבוינעשעלוילעמ, אונדזערע סאָנימ, אלע וואָס ווינטשנ אונדז בייז! ס׳איז זי נישט צו דערקענענ, אזוי פארענדערט האָט זי זיכ. ווו שיינקײַט, ווו לײַב — אינגאנצנ, באהיט זאָל מענ ווערנ, הויט אונ ביינ! איכ זאָל דערלעבנ זענ אזויפיל גוטס, ווי עס האָט מיר זיכ געשטעלט טרערנ אינ די אויגנ אונ געריסנ דאָס הארצ, קוקנדיק אפ איר, ווי זי ליגט שוואכ, צעבראָכנ אפנ בעטל דאָרט. זי האָט אָנגעשטעלט

אפ מיר א פּאָר געשוואָלענע, פאַרלאָפענע אויגנ אונ געקוקט שווייַגנדיק מיט א זיפצ. זי קוקט, קוקט, אונ פונ די אויגנ קאַפּ־קאַפּ הייסע טרערנ. איכ טרייסט זי, שטאַרק זי, ווי דער שטייגער איז, מיט ווערטער, כאָטש אינ הארצנ בא מיר ווייס איכ זייער גוט, אז ס'איז אומזיסט די רייד: זי איז א צעבראָכענער שארבנ. פונ גאָטס ווענג האָב איכ געזאָגט, ניט אויסגערעדט זאָל עס זייַנ, א ליגנ, אז דו גריסט איר גאָר פרייַנטלעכ אונ פרעגסט, וואָס זי מאכט. קוים האָט זי עס דערהערט, איז זי פארציטערט געוואָרנ מיט אלע איווּרים. עס האָט זיכ אינ איר אָנגעצונדנ דער גענעם — די אויגנ פלאַמ־פייַער, אונ פונעם מויל גיסט זיכ פּעכ אונ שוועבל: בייזע, שטילע קלאָלעס. האלעוויַי ווי דו האָסט זיי נישט געהערט, אזוי זאָלנ זיי דיר ניט שאטנ. לאָזנ זיי אויסגייַנ צו סאָנימס קעפּ, צו מעשוגענע הינט, האלעוויַי, ריבוינעשעלוילעמ!

— אָמיינ! — צעלאָזט זיכ די מומע שיינצע אפ א קאָל, אופשפּרינגענדיק פונעמ בענקל, גלייַכ ווי א שלאנג וואָלט זי א ביס געטאָנ. — נו, אדעראבע, זאָג, איכ פרעג דיכ, וואָס איז הייַנט פאר א וועלט ?.. אָט האָסטו דיר דעמ דאנק פאר דער טויווע, וואָס מיר האָבנ איר געטאָנ!.. דער מאנ מייַנער איז איר בייַגעשטאנענ אינ די נויטנ בעשאס זי איז געבליבנ א וויסטע אגונע, נאקעט אונ בלויז, עלנט ווי א שטיינ, כאָטש נעמ אונ ווארפ זיכ אינ וואסער אריַינ. נישט גענוג, וואָס ער, מייַנער, האָט זי נישט געמאָנט זייַנ אייגנ געלט, א גאנצער קאפּיטאל, וואָס קומט אימ פונ איר, האָט ער נאָכ אויכ אנדערע אויסגעצאָלט כויוועס פאר איר. א פארלוירענע, א פארפאלענע נעמענ מיר זי צו זיכ אינ הויז אריַינ. נא דיר, נא, אלצדינג וואָס א מענטש באדארפ!.. זי עסט אונדזער זאלצ אונ ברויט, טראָגט אונדזערע קליידער. פארשטייסט, וואָס איר פעלט? זי עסט, טרינקט, פּוצט זיכ, לעבט אונ טוט זיכ אָנ ווילטיק, אלצ פונ אונדזער גוטס. אוואדע האָט מענ זיכ וואָס צו באקלאָגנ! איַי וואָס, עס מאכט זיכ אמאָל עפּעס אזוינס, ניט דאָ געדאכט, ניט פאר אונדז געדאכט, מיילע וואָס, ווער איז דריגנע שולדיק?.. וויאזוי זשע, פרעג איכ דיכ, זאָל מיר נישט צעזעצט ווערנ דאָס הארצ הערנדיק, אז אזוינע, איכ בעט דיכ מעכילע, אז... אז...

— שיינצעניו, נעשאָמעניו, איכ בעט דיכ, עס דיר נישט אָפּ

אזוי דאָס הארץ, האָב ראכמאָנעס אפ דײַנ געזונט ! אומזיסטע קלאָ־לעס פארשווינדנ מיטנ רויך אפ פוסטע פעלדער, אפ וויסטע וועלדער. איך שווער דיר, שיינצעניו, דו זאָלסט אזוי לעבנ, אזוי געזונט זײַנ, ווי איך האָב כאראָטע, ווי בייז איך בינ אפ מיר אליינ, וואָס איך האָב דיר גאָר דערציילט אזוינס. נו, באדארפסטו נאָך א בעסערנ באווײַז, ווי שטארק כאראָטע איך האָב ? איך בעט דיך, הארצ, קרוינ, טײַערע נעשאָמע מײַנע, נעמ עס דיר נישט אזוי שטארק צומ הארצנ, שא, כ׳לעבנ, בארויק זיך א ביסל ! ווענ נישט מיר צוליב, טו זשע עס, איך בעט דיך, צוליב דיר טאקע, צוליב דעמ נעפעש דײַנעמ. א ראכמאָנעס, נעבעך, אפ דײַנ געזונט !..

אזוי האָט געזאָגט האָדל, פארשנירנדיק די ליפעלעך מיט א קאָל פונ געבעט, ווי בא די טכינעס, אונ זיך אופגעהויבנ פונעמ זעסל, ווארפנדיק הינטערווײַלעכס אנ אויג אפ א גרויסנ, בײַכיקנ בוטל מיט ווישניק, וואָס שטייט פארוקט אינ א ווינקל.

— ווייסטו וואָס, שיינצעניו ? — מאכט האָדל. — איך טראכט, אז אצינד וואָלט דאפקע דיר נישט געשאדט נעמענ א קאפעלע ווישניק צו בארויִקנ זיך.

— וואָס מיינסטו, איך וועל דיך טאקע פאָלגנ, — ענטפערט די מומע שיינצע, סאָפענדיק ווי א גאנדז, שיר ניט צעשמעלצנדיק זיך פאר פעטקײַט, — נאָר מיט דעמ טנײַ, אז דו, האָדל, זאָלסט מיר נישט אָפזאָגנ אויך פארזוכנ. זייער גוטער ווישניק !

— אך, פונ דײַנ געזונט ווענג וויפל איך וועל קאָנענ ! — לאָזט זיך האָדל אײַנריידנ אונ נעמט זיך העלפנ שיינצענ אופצוהייבנ דעמ בוטל.

אוועקגעגאנגענ איז האָדל, ווי מע זאָגט, בעגילופנ, גאנצ פריי־לעך. דער מומע שיינצענ האָבנ זיך צעשפילט די געבליטנ, — די עדערלעך, הייסט עס, נישט, כאָלילע, די „נערוונ״, — זי האָט זיך צוגעלייגט שלאָפנ, פארגעסנדיק זיך אָנ איידלענ אונ ניט זעענדיק זי אפילע אינ כאָלעמ.

איידל איז אינ א צײַט ארומ ארויס פונעמ שפיטאָל שטארק פארענדערט. שלאפ, צעבראָכנ, געל ווי וואקס, אויסגעדארט, אויסגע־טריקנט, די האָר אויסגעקראָכנ, אינ אנ אלט, אָפגעבליאקעוועט קליידל, אונ, נישט האָבנדיק קיינ אָרט, ווו דעמ קאָפ אנידערצולייגנ, איז זי

בלויז, הונגעריק, פארשמאכט צוגעקומענ אָוונט-צײַט צו לייווי באָכערס הויז. די מומע שיינצע האָט, דערזעענדיק זי פונדערווײַטנס, פאר־שפּארט פאר איר די טיר — אונ זי, נעבעכ, איז געבליבנ געפּלעפּט, נישט צו וויסנ, ווו די ערשטע צײַט כאָטש זיכ אהינצוטאָנ, ווו די נאכט איבערצולעבנ.

די נאכט יענע, — איינע פונ די שיינע זומער-נעכט, ווי עס האָט אינ אָנהייב אויסגעזענ, א שווארצ־כיינעוודיקע מיט א הימל־בלויענ שלייער אונ א שטערנטיכל, שײַנענדיק ווי ברילִיאנטנ, א ליבלעכע, א מילדע, א פרײַנטלעכע, אונטערטראָגנדיק יעדנ אונטער דער נאָז שמעקעדיקע רייכעס פונ גרינוואַרג, אלערליי קרײַטעכצער אונ לאָזנדיק הערנ דעמ אוילעמ אנ אומזיסטיקנ קאָנצערט פונעמ סאָלאָוויי, דעמ וועלט־בארימטנ זינגער; דאכט זיכ שיינ, פײַנ, א לעבנ גאָר א מעכײַע — פּלוצימ איז זי, ווי אזוינע, וואָס קומט איר אָנ דער שיגאָענ, עפּעס אינגאנצנ איבערגעביטנ געוואָרנ! עס רוקט זיכ אפ איר אָנ א שווארצ-פינצטערער וואָלקנ, זי באקומט א פארכמורעט פּאָנעמ, א מעשונע־ווילדע געשטאלט, אויס ליבלעכקײַט, אויס מילד־קײַט, — זי איז קאלט — אײַז! אויסגעלאָשנ מיטאמאָל ווערנ בא איר די ליכט, זי הייבט אָנ שטארק קאפּריזענ, בלאָזנ פונ זיכ, גאָר א שרעק. עס בלאָזט, עס שטורעמט, עס קערט די וועלט. גרעסער, גרעסער ווערט דאָס פינצטערניש, עס הײַלט, עס סווישטשעט אונ עס שפּרינגענ, טאנצנ, דרייענדיק זיכ, עפּעס נאָר רוכעס. פאר־שטומט ווערט דער סאָלאָוויי, ליגט באהאלטנ צווישנ בלעטער פונ צווײַגנ, אונ דער אוילעמ צעלויפט זיכ געשווינד אינ די הײַזער, גאנצ זיכער בא זיכ, אז הײַנטיקע נאכט האָט ערגעצ אינ וואלד זיכ אופגעהאנגענ א מעכאשעפ.

אפ דעמ אנדערנ טאָג אינדערפרי האָט מענ בא לייווי באָכער אינ גאָרטנ געפונענ איידלענ הענגענדיק אפ א בוימ...

ווענ איז עס אָנגעגאנגענ אזא נעפעש, מישטיינסגעזאָגט, ווי איידל, אשטייגער, אז זי האָט זיכ געהאנגענ?

— כן יאבדו [1] !..

איז דענ אזעלכע ווערט גאָר פונ איר צו ריידנ, זי אפ דעמ

1 קיינ יוירווידו.

מויל צו ברענגען? עס פארשטייט זיכ, אז ניין, א שיינע ריינע קאפּאָרע!.. אָנגעגאנגענ איז זי נאָר אירע כאוועריטעס, אזעלכע נעפאשעס, אזא „סכוירע”, ווי זי אליינ, מישטיינסגעזאָגט. דער טאָג פונ איידלס טויט איז בא זיי אלע געווענ א טרויער. איר לעבנ פונ אָנהייב אָנ אונ דער וויסטער סאָפ אירער האָט זיי גערירט בא דער לעבער, שטארק אָנצוהערעניש געגעבנ, ווי ווײַט אומגליקלעכ, ווי טיפ דערנידעריקט זיי זײַנענ — אונ זיי האָבנ זיכ שטארק פארטראכט...

ניט מאכנדיק קיינ לאנגע, גרויסע צערעמאָניעס, האָט מענ איידלענ, אזוי ווי זי איז, ארײַנגעוואָרפנ אינ א מיסט-וועגעלע, געפירט צום בעסוילעם אונ זי באגראָבנ ווי א הונט אונטער דעם פלויט דאָרט.

אפ דעם פרישנ קייווער איז געשטאנענ די טערקיניע אונ מאלווינקע, אראָפּגעלאָזט די קעפּ, אונ ביטער געיאָמערט, געקלאָגט.

— ע-עכ! — טוט מאלווינקע א זאָג, ווישנדיק זיכ די אויגנ אונ א מאכ געבנדיק מיט דער האנט. — פארפאלנ! פארבײַס די ליפּנ — אונ שא, שוועסטער!..

— אוי, עס קאָכט, זידט דאָס הארצ, איבערפול מיט ווייטעקנ, אונ עס לויפנ אויס, גיסנ זיכ אליינ הייסע ביטערע טרערנ, — רופט זיכ אָנ די טערקיניע, אָנכאפנדיק זיכ באם הארצנ. — אז אָכ אונ וויי צו אונדזער לעבנ, אז אָכ אונ וויי צו אונדזער טויט... אָט האָסטו דיר אונדז דאָ אונטער דעם פלויט אונ דאָרט, — זע נאָר, אוי־וויי, איבער דעם פלויט!..

— איבער דעם פלויט, זאָגסטו? — מאכט זיכ מאלווינקע קלויםערשט נישט פארשטייענדיק. — שפינענ־געוועב זע איכ דאָרט מיט הוילע הײַטלעכ פונ פליגנ.

— אָט דאָס, שוועסטער, ביסטו, בינ איכ, זײַנענ מיר אלע, — מאכט די טערקיניע, אָנשטעלנדיק א פּאָר רויטע פארשוואָלענע אויגנ פונ בלוטיקע טרערנ. — יאָ, זייער גלײַכ טאקע געזאָגט: שפינענגעוועב, שפינענ! די שפינענ אונדזערע פארפלאָנטענ אונ נאָגנ אונדז, געפאנגענע אינ דער נעצ, נאָגנ, נאָגנ ביז צו לעצט, גייענ זיכ ווײַטער זייער וועג, זוכנ פרישע נײַע קאָרבאָנעס — אונ מיר, אויסגענאָגטע פליגנ, הענגענ, פוילנ!.. אוי, א צעזעצעניש! — צעווייגט זיכ שטארק די טערקיניע, שלאָגנדיק זיכ אינ הארצנ. — לאָמיכ כאָטש א ביסל זיכ אויסריידנ דאָס הארצ. הערט א מײַסע! יענע,

וואָס פײַניקן, פאַרפירן, נאָגן, זיי זײַנען עס די פײַנע לײַט, און די געפײַניקטע, פאַרפירטע, אויסגענאָגטע זײַנען... דו ווייסט וואָס? א כאַרפּע, א שאַנדע צו זאָגן. יענע פײַנע לײַט, געהויכט, געהויבן אין דער וועלט, דאָרט, אַף יענער זײַט פּלויט, האָבן דעם אויבנאָן אויך אַפן בעסוילעם, דאָ אַף ד ע ר זײַט פּלויט. זע נאָר, זע, וואָס פאַר א מאַציייוועס אַף זיי מיט קינעס, קלאָג-לידער און לאַנגע שוואָכים! און איידל, די גוטע, די טײַערע איידל, וואָס מע האָט איר פאַרוויסט איר וועלט, פאַרגיפט איר לעבן, — זי ליגט דאָ באַגראָבן, ווי א הונט, אונטערן פּלויט! טאַטע-מאַמע, דער לעבעדיקער גאָט ווייסט ווי זיי זײַנען ערגעץ, קאָנען אפילע ניט האָבן די האָפענונג זיך אַמאָל אויסצווויינען אַף זייער טאָכטערס קייווער... אוי, מײַן אומגליקלעכע איידל, צו וואָס מענטשן האָבן דיך געבראַכט... אוי, ווו ביסטו, אל מלא רחמים [1], גוטער, דערבאַרעמדיקער גאָט?!...

— וואָס העלפט דאָס קלאָגן, וואָס העלפט דאָס וויינען, אַז ס'איז גאָרנישט צו מאַכן? שאַ, שוועסטער, שאַ, — בעט מאַלווינקע די „טערקיניע", זי זאָל נישט וויינען, און זיך אַליין צעוויינט.

— איך בין אויך געווען א קינד, א געליבט, ציטעריק קינד, — צעגיסט זיך די טערקיניע אין א נײַעם קוואַל טרערן, — די מאַמע האָט געגוג מי מיט מיר געהאַט פון מײַן געבוירן אָן. ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז בין איך פאַר אירע אויגן געוואַקסן, און איטלעכער טאָג וואַקסן מײַנס האָט איר אָפּגעקאָסט געזונט. נעכטווײַז האָט זי איבער מיר ניט געשלאָפן, ניט דערעסן, ניט דערטרונקען, ביז זי האָט דערלעבט נאָך א צײַט יאָרן צו זען איר קינד אויסגעוואַקסן, ווי א בליִענדיקע רויז; פּלוצים קומען מענטשן צום גרייטן, מענטשן אָן האַרץ, און האָבן אומבעראַכמאָנעס די רויז אירע אויסגעריסן, צעטראָטן!.. לאָמיך זשע כאָטש אַצינד זיך דאָ אויסוויינען! לאָז אין דעם דאָזיקן פרישן קייווער אַהין צו איר פאַלן מײַנע בלוטיקע טרערן, זי זאָל וויסן, אַז עס באַקלאָגט און באַוויינט זי איר געטרײַע, ווי זי אומגליקלעכע, שוועסטער...

---

[1] אייל מאָליי ראַכמים.

דער זעקסטער קאפיטל[1]

די דאָזיקע „טערקיניע“ האָט טכילעס, אינעם אָנהייב פאלנ אירס, געפילט, ווי די אלע אומגליקלעכע איר גלײַכנ, אז זי זינקט וואָס ווײַטער, ווײַטער אלצ נידעריקער, נידעריקער אינ טיפנ שמוצ.

נאָר די זינד דאָס איז דער געוויסער שרעקלעכער שלאנג באָא, גרויס אונ לאנג ווי א באלקנ, אונ דער זינדיקער — דאָס איז, נעבעכ, דער קאָרבנ, וואָס ווערט צעטומלט פונ זײַנ בליק. אָנשטאָט צו אנטלויפנ לאָזט ער זיכ נאָכ צו נעענטער אונ גיט זיכ אימ איבער, דעמ מאשכיס, גלײַכ אינ מויל ארײַנ. עס זעט אויס נאָר טאקע, ווי א קישעפ ליגט אינ די אויגנ פונ דעמ סאָטנ, אָט דעמ שרעקלעכנ שלאנג. וויבאלד א מענטש נעמט זיכ אראָפ פונעמ גלײַכנ וועג, קור־מענדיק אינ זײַנ גוויל, ציט דאָס אימ, שלעפט דאָס אימ, ווי א שפענדל אינ א שטארקנ וואסער-ווירבל, ביז ער פארלירט דעמ פאר־שטאנד אונ פארקריכט אינ שויל-טאכטיע ארײַנ. דער געפאלענער בא־דארפ האָבנ גענוג מוט אינ זיכ אלײנ אונ צוגלײַכ אויכ הילפ פונ אנדערע, זיכ ארויסצורײַסנ פונ דעמ ווילדנ ווירבל אונ צוריק שטעלנ זיכ אפ זײַנ שטאנד. יענע גליקלעכע, וואָס זײַנענ קײנמאָל נישט געפרוווט געוואָרנ ארײַנצופאלנ דעמ סאָטנ אינ די הענט, וואָס דער וועג זייערער אינ דער וועלט איז א גליקלעכער, ניט געליטנ קײנ שיפס-ברוכ, זעגלענדיק אינ דעמ שטורמישנ יאמ פונ לעבנ, זיי טאָרנ זיכ ניט איבערנעמענ מיט זייערע צידקעס איבער

---

1 דער דאָזיקער קאפיטל איז אָנגעשריבנ ספעציעל פאר דער „יובילײ-אויסגאבע“.

די אומגליקלעכע, וואָס דער פינצטערער מאזל זייערער האָט זיי פארשלעפט און ארײַנגעוואָרפנ אינ א קאָכעדיקנ טיפנ אָפגרונט; טאָרגנישט, אויב זיי האָבנ נאָר גאָט אינ הארצנ, טײַטנ מיט די פינגער אפ זייערע פארפירטע ברידער און שוועסטער, באליידיקנ זיי, שענדנ זיי, מיט א געשפּאָט פונ רויִקע אָפגעפײַנטע מענטשלעכ. שילט נישט פארפירטע און שטויסט ניט אָפ פונ אײַכ געפאלענע, נאָר זוכט אויס א מיטל און גיט א האנט די זינדיקע, אויסצוהעלפנ זיי פונ דער זינד. פארשטעלט די זינד, וועט קיינ זינדיקער נישט זײַנ מער. זײַט איר ניט אימשטאנד צו העלפנ און דער געפאלענער בלײַבט א פארבלאָנקענדיק שעפל אפ טאָמיד, צום ווייניקסטנ לייגט ארופ די הענט אײַערע אפ דעמ דאָזיקנ קאָרבנ און זײַט זיכ מיסוואדע אפ די זינד פאר אײַכ און פאר קאָל יִסראָעל!..

עמעס, געפילט האָט טאקע טכילעס די טערקיניע, אז זי איז מיִעס ארײַנגעפאלנ אינ נעצ און נישט גוט צו בלײַבנ דאָ. נאָר זי האָט זיכ פארפלאָנטערט דרינענ אזוי, אז זי האָט זיכ קיינ ריר נישט געקאָנט טאָנ. די נעצ־פארווארפער, נישקאָשע, האָבנ זיכ געקליגט צו איר, פארדרייענדיק זי, אז זי זאָל שוינ אייביק פונ זייערע הענט נישט ארויס. געוואָלט האָט זי אפילע אנטרונענ צו ווערנ. נאָר אויספירנ איר ווילנ — דערצו האָט איר געפעלט קויעכ, גלײַכ ווי עס האָט זיכ איבערגעריסנ בא איר אינ מויעכ יענער טעלעגראפישער דראָט, דורכ וועלכנ דער ווילנ שיקט באפעלנ צו די גלידער פונעמ גוף, אז זיי זאָלנ טאָנ זייער ארבעט. נאָר אינ דער ערשטער מינוט פונ איר פאלנ איז נאָכ בא איר געווענ א שטיקל האָפענונג, טאָנ עפּעס צו ראטעווענ זיכ, אָפלייגנדיק עס אפ שפעטער. דערווײַל איז אוועק א צײַט. זי האָט אלצ מער זיכ פארפוטעט. דער ווילנ הייבט אָנ שוואכ ווערנ, און זי וואָלט שוינ טאקע באלד אינגאנצנ פארלאָרנ דעמ פארשטאנד, פארפאלנ געוואָרנ אפ אייביק, ווענ עס זאָל נישט קומענ איר צו הילפ א מײַסע גאָר אומגעריכט — די מיסע־מעשונע פונ דער „אָפיצערקע” האָט זי אָפגעמינטערט און אופגעטרייסלט איר פארכאלעשטע נעשאָמע. דער קאָל פונ איידלס בלוט האָט איר געשריִענ פונ דער ערד: ריבוינעשעלוילעמ! וואָס האָט מענ מיכ אומזיסט געפײַניקט און פארקירצט מײַנע יונגע יאָרנ? אוי, צו וואָס מענטשנ האָבנ מיכ געבראכט מיט זייער רישעס!.. שטיי אופ, שטיי

אוף, מײַן שוועסטער! טו זיך אָן א קויעך און ווער אנטרונען פון די רעשאָימס הענט!

דער גלויבן אין גילגל, דאָס הייסט, אז דעם מענטשנס נעשאָמע ווערט מעגולגל נאָכן טויט אין איינע פון די באשעפענישן, איז דאָך אין פלוג נאריש, נישט צו פארשטיין מיטן סייכל, נאָר אז מע זאָל עס גוט באטראכטן, קומט אויס, אז עס איז גאָר ניט אזוי נאריש, און א שטיק עמעס ליגט אין דרינען. מיט וואָס דען אנדערש קאָן אונדז דערקלערט ווערן אָט יענץ קאָל, אשטייגער, וואָס קלינגט טאָמיד דער „טערקיניע” אין די אויערן, וועקנדיק זי אָן אופהער? און יענע געשטאלט, די געשטאלט פון איידלען, וואָס מאָלט זיך איר אין קאָפּ און שטייט פאר די אויגן טאָמיד סײַ אין שלאָפּ סײַ אפן וואָר? מיט וואָס קאָן אונדז דערקלערט ווערן דער גײַסט, וועלכער קלאפט אין איר הארץ, מוסערט זי, לערנט זי גוט און פרום זײַן און צווינגט זי אנטרונען צו ווערן און ארופשלאָגן זיך אפ א גלײַכן וועג?..

איידל, דאָס איז זי בא איר אין הארצן, אין קאָפּ און אין אלע גלידער. דער גײַסט פון איידל — דאָס אָטעמט זי בא איר, דאָס איז איר נעשאָמע; אירע גוטע מידעס שטייען איר פאר א בײַשפיל און באלײַכטן איר וועג; נאָר דורך איידלען באקומט זי מוט, און דער אָפּגעשלאפטער ווילן ווערט פרישער און שטארקער. איידלס קאָל שרײַט אין איר מיט קויעך: שטיי אוף, שטיי אוף, מײַן שוועסטער, שטארק זיך און ווער אנטרונען פון די רעשאָימס הענט!

די „טערקיניע” נעמט אפ זיך צו טאָן, ווי ווײַט זי קאָן, ארויסצוכאפן זיך פון דער נעץ.

און ווי זי טראכט דאָ אזוי צו געפינען אן אויסוועג, ערשט נאָך א געפעש פאלט ארײַן, צאפלט זיך לעבן איר אין דער דאָזיקער נעץ — דאָס איז ביילע, א יונג קינד, נעבעך. דערזעענדיק זי, פאלט איר ארויס א שטיק הארץ אפ דער אומגליקלעכער, און פון יענער צײַט אָן האָט זי ליב באקומען ביילען זייער שטארק. ניאנטשעט זיך מיט איר, ווי אן עלטערע טאָכטער מיט דעם קלענערן שוועסטערל, אן אומגליקלעכע יעסוימעלע, ווי זי, און זוכט מיטל זיך צו באפרײַען און אויך ביילען, נעבעך. אזוינס איז אָבער נישט מעגלעך. סײַדן אז ביילע זאָל זיך געפינען דאָ מיט איר איינעם בא

ליווי באָכער אין הויז. אָבער וואָס וועט זײַן, אז ביילע וועט, ווי א לעבעדיקע סכוירע, פארהאנדלט ווערן ערגעץ אין די ווײַטע ערטער? וועט זי דאָך אייביק איר מער נישט זען. אָט דאָס האָט איר זייער פארומערט דאָס לעבן, און זי האָט אָנגעהויבן צוצוקוקן זיך צו ליי־ווין, וואָס טראכט ער טאָן מיט איר ליבהארציקער ביילען.

דער זיבעטער קאפּיטל

„ווהינ קאָנ ער עס זיכ אזוי יאָגנ הענדומ־פּענדומ — אונ נאָכ אזוי פרי? ס'איז עפּעס נישט גלאט!“ — אזוי האָט געטראכט רעפאָעל, ארויסקוקנדיק פונעמ אָפענעמ פענצטער בא זיכ אינ פּאָדערכיידער אפ דער גאס אונ זעענדיק שטארק פארוווּנדערט, ווי הערשעלע יאָגט זיכ דאָרט האסטיק, גאָר אינ איינ אָטעמ. ער מאכט נישט לאנג שיִעס, טוט זיכ באלד אָנ אונ לאָזט זיכ גײנ געוואָר צו ווערנ, וואָס באטײַט עס עפּעס אזוינס זײַנ יאָגעניש דאָרט.

פונ אייביק אָנ איז שוינ אזוי אינ גלופּסק געשטעלט: לאָז נאָר איינער דאָרט זיכ רירנ, רירט־זיכ מיט אימ, קעסיידער איינער נאָכ דעמ אנדערנ, א גאנצע איידע ייִדנ. איינ ייִדנ פאר זיכ אליינ איז זעלטנ צו באקומענ. ייִדנ גײענ דאָרט אפנ צענדליק, מינ'אָנימ־וויַז איניינעמ. ניט ווײַל דאָס איז א וואָלוועלע סכוירע, ווי א וגער־קעס אָדער רעטעכלעכ, אשטייגער, וואָס צענ שטיק פאר א גראָשנ; נאָר פּאָשעט דעריבער, ווײַל ייִדישע נעשאָמעס קלעפנ איינע אינ דער אנדערער, ווי הערינג צונויפגעשטיקט אינ א פעסל פעסט, שווער זיכ אָפּצורײַסנ. טוט עפּעס וואָס־עס־איז איינער, טראָגט עס אונטער באלד דעמ אנדערנ. קוימ עפּנט עמעצער דאָס מויל צו ריידנ, פּאר־כאפּט זיכ אונ שלאָגט אימ איבער יענער. וויל טאָנ א טריט גרויי־נעמ, פלאָנטעט זיכ אימ פאר די פיס גימפּל, אונ לאָז אינ א וויִנ־קעלע ערגעצ זיכ באהאלטנ בערל, וואקסט דאָרט ווי פונ דער ערד אויס יענקל־שמערל...

אז רעפאָעל האָט זיך דאָ געלאָזט גאנצפרי גיין אפ דער גאס, זײַנען אים שוין פארלאָפן דעם וועג פארשוינדלעך, יאָגנדיק עפּעס גאָר אָן א נעשאָמע, נאָך נישט רעכט אָנגעטאָן. איינער אין שטעקשיכלעך, אָן זאָקן, שטופּט־שטופּט לויפנדיק די האנט אין דעם, מײַ־סע־סאָטן, א ביסל פארדרייטן ארבל פון דער קאפּאָטע; דער צווייטער האָט אין אײַלעניש צו טאָן מיט די קנעפּלעך פון די פּלודערן, מעכילע, וואָס וילן, אפּצעלאָכעס, נישט זײַן צוגעשפּיליעט; דער דריטער, נישט צו פארגינען זיך איין מינוט צײַט אפ אָפּצושטעלן זיך, האלט צווישן די פינגער די נאָז גרייט, בא דער ערשטער געלעגנהײַט זי אויסצושנײַצן, און דער פערטער פארטשעפּעט זיך לויפנדיק אין אים אנטקעגנלויפנדיקן ייִדן — און ביידע פאלן, ציִען זיך, נעבעך, אויס...

גלופּסק רירט זיך!..

— רעב ייִד, רעב ייִד! וואָס איז אזוינס אפ אײַך דאָס לויפעניש? — שרײַט פונדערווײַטנס א ייִד און לאָזט זיך טאקע אויך לויפן.

— רעב ייִד, זײַט זשע מוילכל!.. וואָס יאָגט איר, ווהי'ן יאָגט איר? רעב ייִד, א, רעב ייִד! — שרײַט צו דעם, צו יענעם אויך רעפאָעל, וואָס ווערט שוין טאקע גוט אומרויִק.

שרײַ „כײַ־וועקײַעם", נישטאָ קיין ענטפער. ייִדן האָבן נית קיין צײַט!.. מע ווײַזט אים נאָכי אלץ מיט די הענט, ווינקענדיק: אהין, אהין צום געסל. איינער נאָר, א געזעצטער מענטש, ענטפערט קורץ און שארף:

— ייִדן לויפן, לויף איך אויך!..

באם ארײַנגאנג אין געסל שלאָגט זיך רעפאָעל אָן אין עפּעס א קורצזיכטיקע, געקנייטשטע ייִדענע. זי ברעכט די הענט און טײַנעט אליין צו זיך, צושאָקלענדיק מיט דעם קאָפּ, אפ א וויינענדיקזינגענדיק קאָל, ווי מע באוויינט א טויטן:

— ווײ איז מיר, ווינד איז מיר!.. א גרויסער ווייטעק, אוי, האָט אונדז געטראָפן... ווינד איז מיר, ווײ איז מיר!

— הא, וואָס איז? — פרעגט רעפאָעל אויסער זיך פאר שרעק. — וואָס געטראָפן? ווער, זאָגט, וועמען געטראָפן?..

— איך ווייס?.. עפּעס לויפט מען... — טוט זיך א כאפּ די־

ייִדענע, אופשטעלנדיק א פּאָר אויגן, א מאך געבנדיק מיט די אקסלען, און גייט זיך ווײַטער איר וועג.

דאָס געסל איז באַלעבאַט. ייִדן אין טאַלעסקאַטנס, אָן קאַפּאָטעס, אין יארמלקעס מיט פעדערן, האַלב פארשלאָפן, נאָך נישט „פארטיקע״, שטייען בא זיך אין די טירן, די קעפּ מיט שפּיצעכדיקע בערדלעך פאַריסן, אײַן האַנט איבער די אויגן, און קוקן, קוקן. פון די פענצטער אפ ביידע זײַטן גאַס שטעקן ארויס ווײַבערשע קעפּלעך, אויסגעפּריעטע פּענעמלעך, ערשט פון אונטער די ווארעמע איבערבעטן, און שרײַען זיך איבער צווישן זיך, כאָרכלענדיק פון א צוגעלעגערטער ברוסט. אן אוילעם ייִדן, אָן אײַנאָרע, דרייט זיך, די אהין, יענע שוין צוריק. ס'איז א גערײידערײַ, א האַנטמאַכערײַ, א געווערטלערײַ, א ווערטלזאָגערײַ, איטלעכער קומט מיט זײַנס:

— שיקורים האָבן זיך געבוצקעט!.. געפלויגן פעטש... ווי סימכאַסטוירע צו די האַקאָפעס.

— ווו געגעצט?.. ווו, זאָגט איר, האָט געגעצט?.. וואָס זשע שווײַגט דער גוואַלד־גלאָק?

— א בײַטלשנײַדער האָט געלאַקכנט!.. אוי, האָט ער געלייזט, אפ א סאך קרעמער געזאָגט געוואָרן!..

— שיינע מעכוטאָנים, קאַפּצאָנים!.. געגוג אויסגעפּירט אײַך, קאַפּצאָנים, איבער אַלע גאַסן, פּאר א האַרטן דרײַער, „שאַבאַש!״— שרײַען דאָרט, אין דער מיט וועג אָפּשטעלנדיק זיך, די קלעזמער.

— אוי, מאַכט מען אים, דעם שיינעם באָכערל, דאָרט א לעווײַע, א גוטע, נישקאָשע!.. די מאַלאַכע־כאַבאָלע זײַנען שוין געקומען.

פון די אַלע זאָגעכישן האָט רעפאָעל ארויסגענומען, אז דאָ מוז זײַן א צאָרע, נישט אנדערש, אז הערשעלע איז עפּעס אין אן אומגליק,— און ער האָט זיך א לאָז געגעבן מיט אימפּעט אהין צו יענעם עק געסל, וווּ ס'איז געווען דאָס רעכטע געטומל, א בעזעמל מענטשן. ער שטופּט זיך דורך צווישן דעם אוילעם, פּליט ארײַן אין דער מיט רעדל ווי א באָמבע — און עס קומט אים צו די אויגן א מיִעסע מײַסע:

הערשעלע, צעהארגעט, צעשלאָגן, מיט א בײַל אפן שטערן, האַלט זיך פעסט מיט ביידע הענט אָן א ייִדענע בא די פּאָלעס, און א פּאָליציימאַן האַלט אים באַם קאָלנער, דערלאַנגענדיק אים הינטער־

װײַלעכס אין קארק. הערשעלע טײַנעט, בעט, שווערט זיך אפ א ביטער געוויין, און די ייִדענע — יענע, די מעכוטענעסטע, וואָס האָט ערשט ניט לאנג זיך געהעצקעט דאָרט אפ דער גאס, — פלוכט אים, שילט מיט א פיסק אפ שרויפן, ווארפנדיק די הענט אין אלע זײַטן.

— וואָס הייסט עס, הא?! — מאכט שטארק צעקאָכט רעפאָעל, א שטעל געבנדיק זיך הערשעלען גלײַך אנטקעגן.

— אײַ, רעב רעפאָעל! — טוט הערשעלע א געשריי ניט מיט זײַן קאָל, און א נײַער קוואל טרערן לאָזט זיך אים פון די אויגן. — טוט א מיצווע!.. גוואלד, לאָז זי זאָגן... זאָגן!

— וואָס הערט איר אים, דעם גאנעוו? — צעלאָזט זיך אפ א קוויטשיק קעלכל די ייִדענע, ווענדנדיק זיך דאָ צו רעפאָעלן, דאָ צום פאָליציימאן, דאָ צום אוילעם און מאָלט אויסגעמישט האלב ייִדיש, האלב גויִיש, ווי עס קומט אויס צום אייסעק: — כאָראָבי יעמו, ריבוינעשעלוילעם! איז קעשינא ארויסגעשלעפט בא מיר האָט פון דער קעשענע ער!.. ניכײַ, טאטע־פאָטער, יעמו מאקע טאקי בא־האטשקי, ווי דאָס בײַטעלע איז... יא בידנע קאָביטע, וויי איז מיר!.. וואָס שווײַגסטו, בעהיימע!? — טרײַבט זי אונטער מיט א בייזער דעם מאן, וואָס שטייט איר בא דער זײַט, א זעצ געבנדיק אים מיט דעם עלנבויגן, ער זאָל ריידן, — טשויעטע, ניכײַ טען טשעלאָוויטשע קאזשע, — רייד, הונט! א רועכ דיר אין טאטן, דאבער אים, דעם אָרל, טשי טי ני באטשיל, בעהיימע, יאק ווין, דער דאָזיקער שייגעצ...

— וואָס זאָגט איר, איך בעט אײַך, צו זײַן טאטן? — מאכט אפ איר שטייגער ריידן רייזע, ארײַנשטופנדיק זיך אין דער מיט אוילעם מיט א קויש שפײַז, ערשט אײַנגעקויפט אפן מארק. — א שיין באָכערל, כ'לעבן!.. הענ א ביסל אזעלכע אייסאָקים, הא!

— יאק ווין, אָט דער שייגעצ, כאפאל דאָס בײַטעלע, — לאָזט אויס אפ א מעשונע־שטארקן קוויטש די ייִדענע, איידעסדיקן זיך מיט דעם מאן, און בעשאסמײַסע געבנדיק אים הינטערוױַלעכס טאקע א גוטן קניפ.

—אוי, דערבארעמט אײַך! — קײַכט הערשעלע, ווײַזנדיק רייזען מיט א געבעט אפ דער ייִדענע. — דאָס טראכט זי אפ מיר אויס בעקיוונ... איך האָב זי דערקענט, אָנווײַזן לאָז זי, דאָס וויל איך נאָר, אָנווײַזן, ווהין פארפירט האָט זי יענע... יענע!

— איך זאָל עס אָנהייבן צו פאַרשטיין! — זאָגט רעפאָעל, א מאַך געבנדיק מיט די אַקסלען פאַרוווּנדערט.

— אָט יענע, רייזעניו!.. איר געדענקט, יענע, וואָס אמאָל... וואָס איבערגעלאָזט בא אײַך די זאַכן! געדענקט איר?

— אוי, א דונער האָט מיך נישט געטראָפן! — מאַכט רייזע, פאַר־וואַרפנדיק מיט דעם קאָפּ. — איך שטויס מיך שוין, אהא! איך פאַר־שטיי, פאַרשטיי, אצינד איז שוין רעכט — דאָס איז דאָך האָדל. די גוטע האָדל!.. פרעגט נישט, רעב רעפאָעל, ס'איז רעכט. איר וועט שוין שפּעטער א ביסל וויסן. זעט אָקאָרשט, לאָז מען זי אָפּפירן אהינצו, אין דער פּאָליציי.

— אין דער פּאָליציי לאָז מען זי נעמען, אין פּאָליציי! — לאָזן זיך הערן קולעס פונעם אוילעם.

— א יוישער א ביסל פון ייִדן! טאַקע נאָר ווי סדאָם, — מאָלט אין איין אָטעם די ייִדענע אָפּ אַלע קיילים. — קאָלי יא ברעשע, אָ, ריבוינעשעלוילעם, ניכײַ מעני יאַזיק סאָכנע! וואָס איז, א צוויג בין איך דען, נישט קיין ייִדישע טאָכטער, וואָס איך זאָל ליַיגן, בילן?.. לאָז אָט זאָגן איידעס... מענדיק, א קרענק דיר, סאָנים, אין די ביי־נער, וואָס שווײַגסטו? דאַבער אים, בעהיימע! — טשויעטע, פאַניע! יא סעביע אידע, גיי איך מיר, יאַק, ווי זאָגט מען עפּעס, יאַק מע־כוטענעסטע... יא ראָבילא דאָטשקע מאָיע וועסילא. ווינטשויטע מעני מאַזלטאָוו. נאַטי וואַם לעקעכ... אידע יא, ראָבי סעבי האָצ־האָצ פּאָ זשידיוווסקי, א צע טשאָלאָוויק מי, מענדיע, אידע טאָזשע. מוזיקא איגראַיע, מעכײַע. טים טשאַסאָם ביס פּרינעס אָט צע פּײַנעם באָכער...

— הענג א ביסל א מאָלן! — פאַלט רייזע אַרײַן האָדלען אין די רייד. — וואָס זאָגט איר, איך בעט אײַך, צו איר טאַטן? מע קען זי, נעבעך, גאָר ניט, ווער זי איז!

דער פּאָליציימאַן האָט געזען, אז ער האָט דאָ צו טאָן אַן אייסעק מיט צוויי צדאָדים, איז ער געבליבן שטיין, קוקנדיק אָן ווערטער צו דעם, צו יענעם, און געוואַרט.

— זײַט אים מעטאַמע! — הערט זיך א קאָל פון צווישן דעם אוילעם. רעפאָעל האָט געטאָן וואָס מע באַדאַרף... און באַלד טאַקע האָט מען די פּײַנע מעכוטאָנים אײַנעם מיט הערשעלען אָפּגעפירט אין דער פּאָליציי.

צוויי מאָל איז שוינ האָדלס עלטסטע טאָכטער, ציפּע, געווענ א קאַלע, אונ ביידע כאַסאַנימ, איינער נאָכ דעמ אַנדערנ, האָבנ אָפּגעשיקט די טנאָימ, ווײַל זי, האָדל, הייסט עס, האָט, נעבעכ, נישט געקאָנט סילעקנ דעמ נאַדנ, וואָס זי האָט צוגעזאָגט. דער איצטיקער דריטער כאָסנ האָט זיכ אויכ אײַנגעשפּאַרט, ניט אַנדערש, מע זאָל אָפּגעבנ דעמ נאַדנ, קליינגעלט אונ קלאַפּנ עד פּרוטה אחרונה [1]. ער האָט נישט געוואָלט באַשטיינ אַפּ קיינ שום באַוואָרענישנ אינ דער וועלט — ניט אַפּ א וועקסל, ניט אויכ אַפּילע אַפּ א „שטר חצי זכר" [2], אַז איבער הונדערט יאָר נאָכ איר טויט זאָל ער נעמענ יערושע די העלפט ווי א זאָכער. ניינ, האָט ער געזאָגט, א ווײַב מיט א „כאָצי־זאָכער" טויג ניט, נאָר דאַפקע אײַנגאַנצנ דאָס, וואָס מע האָט צוגעזאָגט.

האָט, נעבעכ, די צאַדייקעס, האָדל, גרויס צאַר געהאַט. אַז אָכ אונ וויי צו אירע יאָר, אָט קאָנ דער דריטער כאָסנ אויכ אָפּלאָזנ דעמ שידעכ, קאָנ דאָכ די טאָכטער אירע בלײַבנ זיצנ א מויד ביז אינ גרויענ צאָפּ ארײַנ! פאַר גרויסע יעסורימ פלעגט זי איר שווער ביטער געמיט אויסלאָזנ צו דעמ מאַנ אירנ, צו מענדיעס קאָפּ, נעבעכ, אַז ער, נאָר ער טאַקע איז שולדיק, אַזאַ בעהיימע, אַזאַ שויטע, אַזאַ לעקיש! זי האָט זיכ נישט געקאַרגט אָפּשטעקנ אימ אַמאָל א פּאַטש אויכ — אונ ער, לאָז אימ צו קיינ גנײַ נישט זײַנ, פלעגט אָנעמענ אַלצדינג פאַר ליב, אָנבייגנדיק דעמ קאָפּ, שאַ, קיטש... זי האָט נישט געלייגט קיינ קאָוועד אַמאָל אויכ אַפּ דעמ ריבוינעשעלוילעמ, אַלצ אופוואַרפנדיק אימ, אַז ער פירט דאָס וועלטל זײַנס, נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַנ, נישט מיט יוישער: ער איז מיט דעמ רײַכנ, מיט דעמ זאַטנ, מיט דעמ שטאַרקנ. דער רײַכער האָט די וועלט אונ י ע נ ע וועלט, אונ דער שטאַרקער איז פונ אויבנ. געלט גייט צו געלט, אונ דעמ אָרעמאַנ גייט עס שלימ־שלימאַזל...

אָט דענסטמאָל, אינ א בייזער שאָ, בעשאַס די מײַסע מיט דעמ כאָסנ, האָט זיכ האָדל שטאַרק פאַרעסנ, זיכ אָנגעטאָנ אינ גאַזלענ, גאָר עפּעס טאַקע א כײַע־דאָע בעשאַס אירע קינדער דאַרבנ, אונ זיכ

1 אַד פּרוטאָ אַכרוינאָ.
2 שטאַר כאָצי זאָכאָר.

געלאָזט אַפּ געיעג מיט אַלע קיילים, זוכנ ווי וויַיט מעגלעכ איר „געפּענקעניש".

אונ דאָס מאָל האָט איר גראָד געשפּילט — זי האָט געפונענ געפּענקעניש! צוויי מיידלעכ מיטאמאָל, ערשט וואָס אָנגעקומענע, שיינע, קאָשערע, גאָט די נעשאָמע שולדיקע, האָט זי מיט אירע פאַלשע גענג פארשלייערט, אינ איינ כוידעש, פאַר צוויי פארשוינענ פונ דער גור־טער־כעוורע, וואָס האנדלענ מיט לעבעדיקער סכוירע. די שיינע־לײַט זײַנענ מיט דער דאָזיקער סכוירע באַלד אריבער די גרענעצ, אונ זי האָט געכאפּט שאדכאָנעס־געלט טאקע א גראָב שטיקל. ס'איז דאָ נאָכ א סויכער, אירער א גוטער־ברודער, וועלכנ זי רעדט א שידעכ מיט ביילענ, ער זאָל זי אָפּקויפנ אַפּ אוועקצופירנ פונ לייוויג. די זאכ הענגט נאָכ לעסאטע, נישט אינגאנצנ אָפּגעמאכט, נאָר ס'איז א האָפענונג, אז עס וועט, אימירצעשעם, גיינ — אונ זי וועט, נישקאָשע, אָפּלעקנ א פעטביינדל.

האָדל האָט אופגעהויבנ די אויגנ מיט א ליוב אונ דאנק צו זײַנ ליבנ נאָמענ, בּרוך הוא וברוך שמו[1], פאַר די גרויסע ניסימ אונ גנאָד זײַנע, וואָס ער האָט באַשײַמפּערלעכ געטאָנ טאָנ איר אונ איר טאָכטער. זי האָט געסילעקט דעם נאדנ, געמאכט דער קאַלע, ניט פארזינדיקנ, א שיינע גארדעראָבע, זיכ א נײַע יופּע אונ מענ־דיענ א נײַע קאָפּאָטע, אונ זויכע געווענ פירנ מיט דער קעסל־פּויק ציפּענ אונטער דער כופּע. לייווי באָכער מיט דער מומע שיינצע האָבנ געגומענ אונטערפירעניש, אונ מע האָט געטאנצט, געלעבט די גאנצע נאכט.

אונ גאנצפרי איז האָדל די מעקלערנ איניינעמ מיט דעמ מאנ העצקענדיק זיכ געגאנגענ מיט א מארש איבער די גאסנ. ווענ הערד־שעלע זאָל ניט געווענ גראָד זי דערקענענ אונ אָנכאפּנ מיט א געשריי בא די פּאָלעס, וואָלט גלופּסק פארשלאָפנ די גרויסע סימכע אונ זיכ נישט צונויפגעלאָפנ אָפּגעבנ קאָוועד אזא טײַערער מעכוטע־נעסטע — איינער פונ אירע פײַנע פארשוינענ...

---

[1] „באָרוכ הו אוואָרוכ שמוי".

דער אכטער קאפיטל

א טיפע פינצטערע גרוב, באהיט זאָל מען ווערן, איז געווען לייווי באָכערס קעלער. יענע ווילדע אקשנטעס מיט זייערע מיִעסע קליינשטעטלדיקע גענג, ווי בושע, אשטייגער, טרײַבן פון זיך, נישט לאָזן יענעם זײַן א צו נאָענטער שמעלקע — אז זיי פלעגן ארײַן אהין, האָט די נעשאָמע זייערע זיך אויסגעלײַטערט, זײַנען געוואָרן, נישקאָשע, בעסער, ווייכער, צוגעלאָזטער און ארויס פון דאָרט פארטיקע מענטשן. א קעלער איז דאָס געווען נאָר א גענעם, און דער מאלעך-כאבאָלע פול און פול מיט אויגן איז א הונט אקעגן לייווי באָכער מיט זײַן בלינד אייגל. אין אים זײַנען געלעגן טויזנט רוכעס, און דאָס בלינדע אייגל, ווארפנדיק זיך, האָט אָנגעמאכט א פאָרכט עפעס גאָר ווי א מעס, ארומדרייענדיק זיך אפן אוילעם-האטויע. אפ גאָטס וועלטל דרייען זיך פיל אזעלכע ארום אין מענטשלעכע געשטאלטן, עסן, פרעסן צעזעצטערהייט, טרינקען, פרוכפערן זיך — דאכט זיך, מענטשן, און בעעמעס זײַנען זיי גאָר טײַוול. דאָס זײַנען דער נידעריקסטער סאָרט, פון אונטער דער ערד ביגנייווע אנטלאָפענע טײַוול, געקומענע אהער בלענדן, מאכן די שפיל, אָנטאָן צאָרעס מענטשן, און ס'איז זייערער ניט פאָטער צו ווערן, ניט אויסצורויכערן זיי ניט מיט קיין ווײַרעך, אויך ניט מיט קיין טינט, וואָס דער סאָטן אפילע מיט זײַן גאנצער קנופיע האָבן דערפאר אזוי שטארק מוידע. די גענעם-פאָליצײַ יאָגט זיך נישט אזוי נאָך די דאָזיקע דעזערטירן, דער רועך וויל זיי נישט נעמען צוריק אין דער ערד ארײַן, צו אלדי

שוואַרצע יאָר! אַדעראַבע, זיי זאָגן ברוך שפּטרנו[1] — טפו זאָלן זיי ווערן, אָט די שמוציקע, מיִעס פאַרדאָרבענע רוכעס!..

דעריבער, דערהערנדיק נאָר פון דער מומע שיינצענ ליוויס נאָמען, אַז ער וועט זי אַרײַנוואַרפן אין קעלער, איז ביילע פאַרציטערט געוואָרן און געבליבן טויט מיט אַלע איִיוורים.

שווערע מינוטן האָט איבערגעלעבט ביילע, ליגנדיק אין איינע שרעק אויף דער קאַנאַפּע בײַ זיך אין כיידער. איר ביטערע לאַגע דענסטמאָל האָט אויסגעזען ווי די לאַגע פון אַ מעס ערשט אין דעם פרישן קייווער, וואָס באַלד האָט באַדאַרפט זיך, קעפּי יענע דאָרט שרײַבן, צו אים אַנטפּלעקן דער מעשונע־ווילדער מאַלעכ-האַדוימע און דערלאַנגען אים אַ פּלעם מיט פײַערדיקע אײַזערנע ריטער. דאָס אָבער איז נישט מער טאַקע נאָר ווי אַ מאָשל, און בעעמעס איז ביילען געווען צו מוט נאָך פיל ערגער, גאָר קיין פאַרגלײַך, ווײַל אַ מעס איז דאָך מעכוייעוו צו לײַדן, וואָרעם דערויף איז ער דאָך געשטאָרבן, אַז ווערעם זאָלן אים עסן זײַן לײַב, און יענער מעכאַבל איז דאָך דערויף געשטעלט געוואָרן, אַז ער זאָל קאַטעווען, נעמען אים אין די הענט אַרײַן. זי אָבער, ביילע, אַ לעבעדיק באַשעפעניש, איז דאָך נישט מעכוייעוו זיך צו לאָזן לעבעדיקערהייט פּײַניקן. זי פאַרשטייט גאָר ניט, וואָס מע וויל פון איר האָבן. וואָס פאַר אַ רעכט האָבן דאָ „ווערעם“ עפּעס אויף איר לײַב-און-לעבן — יענע מינים ווערעם, וואָס האָבן ביז אַצינד פון איר לעבן קלאָל נישט געוווּסט, ניט געפילט דעם צאַר פון דער מאַמעס טראָגן, איר בויכווייטיק בײַם האָבן זי, איר האַרצווייטיק בײַם דערציִען זי, אירע יעסורים, קאָפּדאַרעניש, גריזאָטע, אָפּקומעניש ביז דאָס קינד האָט געפּאָקט, גע־מאָזלט, אויסגעשטאַנען אַלע קינדערשע קרענק און זיך געשטעלט אויף די פיס. פאַר זיי איז זי דאָך גלײַך בײַם ערשטן מאָל, דערזעענדיק זי, געווען אַ גרויסע, אַ פאַרטיקע, אַ שיינע, אַ ליבלעכע, ווי פון דער העלער הויט פלוצים אַזוי אויסגעוואַקסן. אַ בוים פלאַנצט אַ מענטש בײַ זיך אין גאָרטן, אַרבעט, שפּאָרט נישט קיין מי, גיט זיך דער־מיט אָפּ אַ צײַט מיט יאָרן ביז ער דערלעבט זען אַ פאַרטיקע פרוכט, — קומט איינער צום גרייטן, דער רוצח ווייסט פונוואַנען, און

1 באָרוכ שעפּאָטראַנו.

רײַסט די פרוכט אָפ... ווי מע האָט עס א הארצ צו רויבנ בא עלטערנ א קינד, דאָס טײַערסטע, דאָס בעסטע, וואָס קאָסט אזויפיל מי אונ געזונט; צו פארביטערנ זיסע געפילנ, אויסצולעשנ ליכטיקע האָפענונגענ; צו פארדארבנ א לעבנ, צו פארוויסטנ א ריינע אומשולדיקע נעשאָמע! אונ ווער? — ייִדנ!..

אינ איינע שרעק ליגט ביילע. פונ א מינדסטנ שאָרכ ערגעצ טיאָכקעט איר דאָס הארצ. זי ציטערט, פלאטערט — אָט-אָט קומט דער מאלעכ-כאבאָלע אירער אָנצוטאָנ איר גרויסע, שרעקלעכע יעסורימ.

עס הערנ זיכ טריט, עס עפנט זיכ די טיר — אונ א קאלטע, ציטערנדיקע האנט לייגט זיכ ביילענ פונ הינטנ אפ די נאקעטע אקסלענ. א פראָסט לויפט איר איבער דעמ גאנצנ לײַב, זי טוט זיכ געשווינד א זעצ אופ, שטארק דערשראָקנ, מיט אויגנ ווי א דולע.

— וואָס, קאצעניו, האָסטו עס זיכ אזוי דערשראָקנ? הא, וואָס, נישט דערקענט?

ביילע קוקט שטארק צעטראָגנ אונ זעט פאר זיכ דעמ „כאָסנ“.

יענער פארשוינ, וואָס מע האָט אימ אלצ פאָרגעשטעלט ביילענ ווי א כ אָ ס נ, איז געווענ א גוט שטיקל סכוירע. דאָס פּאָנעמ זײַנס מיט די רויטע בעקעלעכ, די דיקע ליפנ, די פליישיקע נאָז מיט די גרויסע נאָזלעכער אונ דערצו דאָס קײַלעכדיקע בײַכל האָבנ געזאָגט, אז ער איז אנ אָפגעפײַנט מענטשל, האָט ליב זיכ צוצולאָזנ טײַנעג — ער איז איינער פונ יענעמ סאָרט פײַנע־בעריעס, וואָס א קאפאָרע בא זיי די גאנצע וועלט פאר זייער נעפעשל. מענטשנ געהערנ זיכ מיט זיי נאָר אפ אזויפיל אָנ, אפ וויפל עס קומט ארויס אָדער עס קאָנ ארויסקומענ פונ זיי זיכ א נוצנ אָדער עפעס א פארגעניגנ, יענער מעג דערבײַ שרעקלעכ לײַדנ, אָפגיינ מיט שווייס, נישט דערעסנ, נישט דערשלאָפנ, עס מעג אימ קאָסטנ קאָוועד, געזונט אונ לעבנ. קוימ איז די זאכ אָפגעטאָנ, ווארפט מענ יענעמ אוועק, ווי אלטע אָפגעדינטע שטיוול. יענעמס לײַדנ בעשאסמײַסע, ווענ ער מאכט זיי דאָס פארגעניגנ, רירט זיי נישט אפ קיינ האָר, פונקט ווי דאָס לײַדנ פונ פריש-צאפלדיקע פיש אונטער דעמ מעסער: אדעראבע, לאָז זיכ עס צאפלענ, לאָז זיכ עס שלײַדערנ, ווארפנ, אָט דרינענ ערשט איז מאקע דאָס גאנצע פארגעניגנ. א שיינער נאָמענ, געלערנטקײַט, גרײַז-גרויע האָר איז אקעגנ זיי קיינ בא־

שיצונג נישט. דעם קליגסטן, אָנגעזועענסטן מענטשן מאכן זיי וואָ־כעדיק, ער פארנעמט בא זיי נישט קיין אָרט, גלײַך ווי ער איז גאָר אפ דער וועלט נישטאָ. נישטאָ בא זיי קיין הייליקײַט, קיין אכטונג צו קיינעם, קיין געפיל, קיין בארעמהארציקײַט. אין יענעמס צאָרעס און ווייטעקן זעען זיי דאָס נאָר, וואָס קומט פאָר עפּעס א ביסל מעשונע, וואָס קיצלט צום לאכן. פאַלט עמעצער, אשטייגער, ברעכנ־דיק האלדז־און־געניק, קײַכן זיי פאר געלעכטער: ווי שיין ער האָט זיך עס צעלייגט! ווײַנט עפּעס א באטריבטע, א פארומערטע, האָבן זיי האנאָע צוקוקן זיך, ווי עס פארפארבן זיך איר די בעקעלעך, מאכנדיק דערבײַ: אַכ, ווי שיין זי איז, די טרערן גיבן איר צו דעם זיבעטן כיין! עס מאכט זיי פארגעניגן, ווען איינער דראפעט זיך אפ די גלײַכע ווענט, קלעטערט, דרייט זיך אפ א שטריק פאר דעם שטיקל זינדיקן ברויט; ווען אַן אָרעמינקער, נעבעכ, לויפט, אונטערשפּרינגענדיק מיט די באָרוועסע פיס, ווינטער אין א ברענענ־דיקן פראָסט; ווען צען אָרעמעלײַט שלאָגן זיך, ווי די הינט, איבער א ביין, וואָס מע טוט זיי א וואָרפ, — דאָס זײַנען מינע באשעפענישן, וועלכע דער ריבוינעשעלוילעם, דער גרויסער מײַסטער, האָט זיי אפ א ווײַלע אוועקגעלייגט פון דער האנט, נאָכ נישט פארטיק געמאכט זיי אינגאנצן, האָט זיי געשווינד געכאפּט דער שווארציאָר, אין אײַלע־ניש, אין כאפּעניש ארײַנגעלייגט אינוויינינק אין זיי א שטיין אָנ־שטאָט א הארץ, א נעשאָמע פון א הונט אָנשטאָט א מענטשלעכע, און אזוי ארויסגעלאָזט זיי אפ צאָרעס אין דער וועלט.

— קוצעניו! — מאכט דאָס באשעפעניש עפּעס ווי געמיאוקעט, צושארנדיק זיך צו ביילען ווי א קעצעלע. — אָט אזוי, אז דו בלאָזסט זיך, מאכסט פּיסקעלעכ, ביסטו עפּעס אזוי שיין, געפעלסטו מיר עפּעס אזוי שטארק!

— גייט אײַכ, גייט! — מאכט ביילע, אָפּרוקנדיק זיך ווײַטער א ביסל.

— אָט גיי איכ, גיי, — זאָגט דאָס נעפעש און שארט זיך נעענטער צו.

— ניין, נישט אזוי. ווײַטער א ביסל, זײַט זשע מויכל! — רופט זיך אָפּ ביילע און טוט זיך ווײַטער א רוק.

— באדארפ מען דאָכ פריִער זיך געזעגענען, ווי דער שטיי־

גער איז, אָט אזוי, אזוי, — זאָגט דער פּארשוין, אויסשטרעקנדיק די האנט און וויל ארומנעמען ביילען.

— בא אונדז איז אָן הענט, — טוט זיך ביילע א כאַפּ און א רוק נאָך ווײַטער.

— ווו בא אונדז? דאָרט, מײַנסטו, אין קאפּצאנסק? דו ביסט דאָך נישט מער אין קאפּצאנסק, געפינסט זיך דאָך הײַנט דאָ. דו פארשטייסט?

— וואָס האָט איר, איך בעט אײַך, צו מיר, צו א פרעמד, אָרעם מיידל? גוואלד וועל איך שרײַען. ווו בין איך—אין א וואלד אָדער צווישן יידן? — רעדט ביילע מיט הארץ און וויינט מיט בלו־טיקע טרערן.

— אז דו וויינסט, ביסטו נאָך שענער, טאקע גאָר עפּעס א רויז, אָפּגעפרישט פון טראָפּנס טוי, שא! וואָרעם איך וועל עס נישט אויסהאלטן.

— דערבארעמט זיך, איך בעט אײַך, דערבארעמט זיך אף מיר, אף מײַנע יונגע יאָרן!

— זיס ווי צוקער! — מיאוקעט דער פּארשוין מיט א פריקרע שמייכעלע, ארײַנלייגנדיק די האנט אין דער בוזעם־קעשענע.

— דערבארעמט זיך, ווען נישט אף מיר, כאָטש אף מײַן טאטע־און־מאמע! זיי זײַנען נעבעך, אלט, צעבראָכן, א גאָטס ראכמאָנעס... אוי, איר זאָלט וויסן, ווי ליב זיי האָבן מיך, ווי שווער זיי איז געווען זיך צעשיידן מיט מיר!.. די נויט נאָר האָט געטריבן, אוי, די נויט, נויט...

— נא, מוציקל, נא-נא! — מאכט דאָס נעפּעש מיט א קאלטער לעבער, ארויסנעמענדיק פון דער בוזעם-קעשענע א גאָלדן בראסלעטל און דרייט עס ביילען הארט פאר די אויגן.

— אוועק, גאזלען! — טוט ביילע א געשריי שטארק אָנגע־צונדן און א שטופּ פון זיך דעם פּארשוין מיט דעם גאנצן קויעך, אזוי אז ער איז געפלויגן צו דער טיר און דאָס בראסלעטל איז אים פון דער האנט ארויסגעפאלן.

און באלד טאקע ווי דער ארויס, קומט לייווי באָכער ארײַן. זײַן בליק איז פײַער, און דאָס בלינדע אייגל ווארפט זיך ווילד—א שרעק. ביילע ציטערט, איז בלאס ווי די וואנט.

— אזוי, הא, מאמזעלכנ, ווּעסטו עס פירנ באַ מיר לענדער?!...

גאַרנישט, הא, העפקער, מײַנסטו, העפקער א וועלט? — זאָגט לײווי באַכער מיט א שטילער רעציכע, אָנעמענדיק ביילענ באַ ביידע אָרעמס אונ קלעמט שטארק, אזוי, אז איר פארכאפּט דער אָטעם אונ פאר ווייטעק פארבײַסט זי די ליפּנ. — איאָ, פייגעלע מײַנע, דו האָסט געשפּאסט? ענטפער, הארצ מײַנס, יאָ?

— אוי, נישט גוט!.. לאָזט מיך כאפּנ א ביסל דעם אָטעם, — זיפּצט ביילע אונ מינעט זיך פאר גרויסע אנגסטנ, ווי א יונג הינדעלע צאפּלט באַם שפּארבער אונטער זײַנע שארפע נעגל.

— הייסט עס, אפּאָנעמ, טאקע אזוי, געשפּאסט? — מאכט לײווי מיט א מעשונע־זיס מינעלע, וואָס הייסט ערגער ווי געשאָלטנ אינ טאטנ ארײַנ. — ענטפער זשע, גיכער!

— וואָס ענטפער, וואָס? — שטאמלט ביילע שטארק צעטראָגנ, אײַנבייגנדיק דעם קאָפּ.

— יאָ אָדער ניינ, וויל איך וויסנ. שארף גערעדט!

ביילע שטייט אינ איינע צאָרעס אונ קאָנ נישט עפענענ דאָס מויל. פלוצים קומט איר אפנ געדאנק די „אָפּיצערקע". די „אָפּיצערקע", דאכט זיך, שטייט איר אצינד פאר די אויגנ אינ יענער טרויעריקער לאגע, ווי זי איז צוריקגעקומענ פונ ביקער־כוילים: שוואכ, צעבראָכנ, פארומערט, פארשמאכט, אונ ווײַזט איר אפנ בוים, אפ וועלכנ זי האָט זיך געהאנגענ... „איידער אפנ בוים שפּעטער, נאָכ א געפּײַניקט, וויסט לעבנ, בעסער באלד טאקע א ריינער טויט". אזוי טראכט ביילע אונ זי זאָגט, אופהייבנדיק דעם קאָפּ, באהארצט, גאנצ שארף:

— ניינ!..

— אהא, ווילסטו, הייסט עס, איך זאָל איבערשמועסנ א ביסל מיט דיר דאָרט אינ קעלער? — זאָגט לײווי, אָנטוענדיק זיך אינ גאזלענ, אונ דאָס בלינדע אייגעלע האָט זיך אימ צעשפּילט. — יאָ אָדער ניינ? האָסט נאָכ א ווײַלע צײַט. איינס, צוויי, דרײַ...

— ניינ, ניינ!..

ווי א מעשוגענער הונט, שטיל, מיט שוימ אפ די ליפּנ ווארפט זיך לײווי אפ ביילענ.

אונ ווי ער כאפּט זי אָנ באַ די האָר, וויל זי שלעפּנ, לויפט ארײַנ די מומע שײנצע עפּעס זייער צעטראָגנ, גאָר אָנ א נעשאָמע,

דאָס טיכל אפּן קאָפּ פּאַרוקט, די האַנט אפּן האַרצן, קוים וואָס זי כאַפּט דעם אָטעם, טוט א נעם לײוויזן באַם אַקסל און רוימט אים עפּעס איַין אין אויער. ער בלײַבט גלײַך שטײן אָפּהענטיק, עפּעס גאָר ווי אײנער, וואָס מע פּאַטשט אים אויס.

— ביילעניו, האַרצעניו, וואָס איז דיר? ווײ איז מיר, עפּעס איז דאָך אפּ דיר גאָר קײן פּאָנעם נישטאָ! — מאַכט די מומע שײנצע צו ביילען מיט גרויס ראַכמאָנעס, ווי א געטרײַע מוטער. — גײ, טאָכטער, אין גאָרטן אַרײַן, גײ כאַפּן א ביסל פרישע לופט.

ביילע שטײט א ווײַלע נישט טויט — נישט לעבעדיק, ביז זי קומט צו זיך און גײט געשווינד אַרויס.

— אײַ, א רוצח אין איר טאַטן אַרײַנגעפלויגן, ברענען זאָל זי, האָדעלע די כצופּע, מיט איר מענדריקן אינײנעם! — צעפלאַקערט זיך די מומע שײנצע און שילט, נאָך דעם ווי ביילע איז אַרויסגע־גאַנגען. — אוואָדע זיצט זי דאָרט אַצינד, און גאָט דער לעבעדיקער אין הימל ווײסט, וואָס פאַר א שפּיל זי, די כצופּע, די פאַלשע קאַץ, קאָן מיט איר בײז צינגל אָנמאַכן אונדז. אָפּדאַרן זאָל איר דאָס צינגל, ריבוינעשעלוילעם! קענסט זי דען נישט, די קלאַוווטע, ווער זי איז? זי, אַז עס קומט אויס ענג, געפינט טאָמיד א וועג אויסצודרײען זיך גלאַט און אַנדערע אַרײַנדרײען אפּ איר אָרט... „ווו איז דאָס מײדל? דאָס מײדל ווו איז?" פרעגט מען און מע וויל וויסן דאָרט. מענטשן שטעלן זיך פאַר איר אַרויס, לײגן אײַן די וועלט. שלעכט! דו פאַר־שטײסט?

— ווער האָט עס דיר איבערגעגעבן דעם סאָד, וואָס דאָרט טוט זיך? — פרעגט לײווי דאָס ווײַב, וווּנדערנדיק זיך.

— ווער [האָט] מיר איבערגעגעבן? — מאַכט די מומע שײנצע. — איציק פאַקטער, וואָס רײַבט זיך דאָרט אַרום די אַדוינים און הערט זיך צו צו אַלצדינג דאָרט. דו וווּנדערסט זיך עפּשער, מיט וואָס איז הײַנט ערגער ווי פריִער, פריִער פלעגט מען...

— מײלע, צו וואָס טויג מיר מײַסעס, וואָס פריִער? — מאַכט לײווי, אַרײַנפאַלנדיק דעם ווײַב אין די רײד. — הײַנט וואָס איז?

— הײַנט איז נישט דאָס וואָס אַמאָל, — זאָגט שײנצע מיט א זיפץ טיפ פונעם האַרצן. — אַנדערע צײַטן... אויך אַן אַנדער אָדן אין שטאָט, א נײַער, ערשט אָנגעקומען, ער קען אונדז נישט, מיר קענען

אימ נישט. מע זאָגט, ער איז א פײַער, נעמענ איז בא אימ אײַ־אײַ! דו פארשטייסט?.. גאָר ניט קיינ גוטער מאסע־מאטנ.

— לאהאדאמ! — מאכט לייווי, שאָקלענדיק מיט א פינגער אנטקעגנ דעמ ווײַב. — לאהאדאמ הייסט א פײַג... גאָרנישט, נישטאָ טאָמער קומט מענ, לאָז די שאָ נישט זײַנ, פרעגנ — איז איינ וואָרט: נישטאָ! דו הערסט? נישטאָ, נישטאָ אונ נישטאָ.

— יאָ, אז יענע וועלנ זײַנ נאראָנימ גלייבנ אפנ וואָרט אונ נישט שטעלנ זיכ זוכנ דאָ. א טערעצ א ביסל פאר די בענטשליכט!

— נארישע יידענע! — שפעט לייווי אויס דעמ ווײַב, שאָקלענדיק אפ איר מיטנ קאָפּ. — מע באדארפ באצײַטנס דעמ כאָמעצ אויסראמענ, דאָס הייסט, מע באדארפ זי אָפּפירנ אהינ, צו אונדזער פײַווולענ, שא, שטיל, עס זאָל נישט קרייענ קיינ האָנ. דו פארשטייסט?

אונ דענסטמאָל טאקע, באנאכט, האָט זיכ געלאָזט הערנ א געקלאפערײַ פונ רעדער בא לייווי באָכער אפנ הויפּ. דאָס איז אוועקגעפאָרנ די מומע שיינצע מיט ביילענ, אונטער אנ אויסרייד, דורכצופאָרנ זיכ א ביסל, קעדיי זי, ביילע, הייסט עס, זאָל עטעמענ א ביסל פרישע לופט אונ לאָז זי, נעבעכ, האָבנ טײַנעג עטלעכע מינוט.

די מומע שיינצע איז דאָכ, נאָכ אלע זאכנ, פאָרט די מומע שיינצע — א טײַערע נעשאָמע!..

זעקסטער בוכ

דער ערשטער קאפיטל

די געשעפטנ רעפּאָעלס האָבנ אים געטריבנ קיינ לאָדז, זענ זיכ מיט זײַנע באלעבאטימ, די פאבריקאנטנ דאָרט, וואָס זײַנענ געשטאנענ שמאָל; נאָר מאכמעס פיל וויכטיקע זאכנ, וואָס אימ איז נייטיק געווענ אָפּצוארבעטנ דאָ אפנ אָרט, אונ טאקע א ביסל אויכ צוליב דער מײַסע מיט הערשעלענ, האָט ער אָפּגעלייגט די נעסיִע זײַנע אפּ א קורצער צײַט.

אצינד ווייסט שוינ רעפּאָעל, וואָס הערשעלעס אָנכאפּנ זיכ אָנ האָדל די מעקלערנ האָט אזוינס באטײַט; אצינד פארשטייט ער שוינ זייער גוט, אז די דאָזיקע האָדל, אפּ וועלכער מע טומלט אזוי שטארק, האָט אָפּגעטאָנ א מיִעסע מײַסע מיט א ייִדישער טאָכטער, נעבעכ, וואָס מע טאָר עס בעשומויפּנ נישט אזוי לאָזנ. ער האָט דעריבער אָנגעווענדט אלע מיטלענ, געארבעט מײַסימ, די זאכ זאָל זיכ דערוויַזנ — ווו איז אהינגעקומענ אנ אָרעמ מיידל, נעבעכ, אונ הערשעלע, וואָס זיצט דערווײַל אינײינעמ מיט האָדלענ פאר דעמ בילבל, וואָס זי האָט אפּ אימ געמאכט, זאָל ריינ ווי גאָלד ארויס פרײַ.

נאָר מער פונ אלע זאכנ האָט אימ פארהאלטנ דאָ כאנצע.

זינט אימ איז געקומענ צו די אויערנ די שלעכטע לאגע, אינ וועלכער די לאָדזער פאבריק געפינט זיכ, אונ ארויסזעענדיק דעמ קלאפּ אינ א היפּש ביסל געלט, וואָס לייבצענ שטייט פּאָר דורכ אימ צו כאפּנ, האָט ער אויסגעמײַדט לייבצעס הויז. דאָס הארצ האָט אימ

געצויגן צו כאַנצען, א פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט איר א ביסל די צײַט, אָבער קומען צו איר איז אים געווען שרעקלעך שווער. סטײַטש, מיט וואָס פאַר א פּאָנעם וועט ער קוקן לײַבצען אין די אויגן, און דרייען, אָפּליגנערן אים מיט דער צונג! און ווי שלעכט אים איז דאָ, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן, הייבט עס אים נאָך אָן אײַנוויניק צו מאָנטען אָט אזוי:

„פאַרדאָרבענער מענטש! — רופט זיך אין אים אָן דאָס געוויסן. — זען זי ווילט זיך דיר! צוליב וואָס? צוליב זיך, פון דײַן האנאָע וועגן, צוליב דײַן באַגערן. דו — אבי געכאַפּט א קוק, נאָכאמאָל א קוק, האנאָע געהאַט פון איר שיינקײַט, פאָרסטו זיך אוועק, און גאָט ווייסט ווען דו קומסט צוריק, נישט צו באַרעכענען זי, נעבעך, אז דער מויעך וועט זיך איר דאָ איבערקערן טראַכטנדיק, וואָס דײַן פאַרשווונדן ווערן פּלוצים באַטײַט, זי זאָל עס כאָטש אָנהייבן צו וויסן וואָס, פאַרוואָס?.. זי איז זיך געווען א פּאָשעט ווײַבל, פאַרשלײערט געווײנטלעך, ווי אַלע אנדערע גלופּסקער ייִדישע טעכטער, נישט צופיל צו דענקען, צופיל איבערצוקלערן; פאַר איר איז רעכט געווען אַלצדינג, ווי די וועלט פירט זיך, אזוי איז גוט, אזוי באַדאַרף זײַן. קומסטו, שיינער מענטש, צינדסט אין איר אָן א העליש פײַער, גיסט איר אײַן סייכל צו פאַרשטיין. דאָס פרײַערדיקע לעבן אירס מיט דעם גאַנג פון דער וועלט אַרום איר הערט איר שוין אויף צו געפעלן, איר וועלט אײַנגאַנצן ביסטו, דו, נאָר דו — און פּלוצים פּאָרסטו זיך אוועק, נישט צו דערקלערן איר פרײַער כאָטש פאַרשטעלט, פאַרוואָס דו פאָרסט, לאָז זי זיך נישט האַלטן פאַר א באַליידיקטע, אַן אוועקגעוואָרפענע; לאָז זי כאָטש האָבן א האָפענונג, אז דו וועסט צוריקומען, און פאַר פאַרדרוס און האַרצווייטעק נישט אויסגיין ווי א ליכט".

בא רעפאָעלן איז דעריבער געבליבן נישט צו רירן זיך פון עם אָרט, ביז ער וועט טאָן זײַן שולדיקײַט, ריידן מיט כאַנצען און דערקלערן איר אָפּן אַלצדינג.

עס האָט געקאָסט רעפאָעלן גענוג געזונט, ביז ער האָט זיך אויסגעריסן צו כאַנצען. קומענדיק שוין צו דער טיר, איז ער געבליבן א ווײַלע שטיין צעמישט. אַראָפּגעלאָזט די אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט דאָ געגאַנגען גאַנווענען. שווער ווי דער טויט איז אים געווען צו לײַבצען אין הויז אַרײַנצוקומען. דאָס איינציקע האָפענונג זײַנס איז געווען,

טאָמער גראָד, אַפּ זײַן מזל, איז לייבצע אַצינד נישטאָ אין דער היים. דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ ביסל מוט, און ער איז אַרײַן אין שטוב מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ.

דער ערשטער, וואָס איז אים אַנטקעגנגעקומען, איז געווען — לייבצע!

— באָרוך האבאָ, אַ גאַסט! — זאָגט לייבצע, קלאַפּנדיק זיך די נאָז מיט אַ פינגער און צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — איי־איי־איי, פאַר־פאַלן צו ווערן אזא לאַנגע צײַט!.. נישט שיין פון אײַך, כ'לעבן!.. האָב מיך עס גאָר ניט געריכט, אָסער... סטײַטש, סטײַטש, איר זאָלט אזוינס טאָן. איי־איי־איי!

רעפאָעל ברומלט עפּעס אָן ווערטער, צו פאַרענטפערן זיך קלוי־מערשט, און איז צעטראָגן. לייבצע איז אויך עפּעס גאָר צעטראָגן, גייט איבער דער שטוב הין און צוריק, צופּט דאָס בערדל, רײַבט זיך דעם שטערן, און דאָס פּאָנעם איז אים פאַרפלאַמט. בעגניצע, אין אַ כאַלאַטל, אין אַ מין קלאַפּנמיצל עפּעס אַפן קאָפּ, שטייט עפּעס שטאַרק צעדרייט אין אַ ווינקל, מיט גרויסע טראָפּנס שווייס אַפּ דעם פּאָנעם, בלייך ווי די וואַנט, און דאָס אויסזען זײַנס איינגאַנצן איז נאָר ווי אַ מויז, וואָס מע שלעפּט אַרויס פון זויערמילך. אין דער מיט שטוב ליגט אַ גרויסער, איינגעפּאַקטער, לעדערנער קלומעק, אָנ־געפּוישט מיט אַ בויך, נאָך נישט געקרעמפּעוועט מיט דער שטריק, וואָס פלאָנטעט זיך אַרום אים. אַ היפּשע ווײַלע איז שטיל. אַלע שווײַגן, גלײַך ווי עס וואָלט זיי אָפּגענומען דאָס לאָשן, נאָר מע זעט, אַז אין לייבצען קאָכט זיך דאָס בלוט.

— אזוי, אזוי גייט עס אין דער וועלט! — מאַכט נאָך אַ היפּשע צײַט שווײַגן לייבצע פאַרטראַכט, אָפּשטעלנדיק זיך אַנטקעגן רעפאָעלן און אָנקוקנדיק אים שאַרף. — נאָך זייער שיין, כ'לעבן, פון אײַך, וואָס איר זײַט כאָטש געקומען. איז דאָס רעכט, האַ? טוט מען עס אזוי?.. מיילע, נו!.. ווי שטייען עס, האַ, די... די אייסאָקים?

— בע! — בעקעט רעפאָעל אונטער דער נאָז, אַבי אויסצודרייען זיך ווי־עס־איז, טראַכטנדיק באַ זיך: „פּע, לייבצע האָט שוין געמוזט אָנשמעקן, ער ווייסט שוין, אַפּאָנעם, מײַנע צאָרעס"...

— אזוי, האַ, זאָגט איר: בע? — מאַכט לייבצע, פאַרדרייענדיק די נאָז, נישט אַראָפּצונעמען קיין אויג פון רעפאָעלן, טראַכטנדיק באַ

זיך: „העה-הע! ער ווייסט שוין אלצדינג. זײַן „בע" הייסט, אפּאָנעם, ער האָט אָנגעשמעקט, וואָס בא מיר אין שטוב גייט אצינד פאָר. נאָר... טאַ!" — וואָס קוקט איר עפּעס אזוי, רעב רעפּאָעל, און שווײַגט?
— עט!.. איך קוק מיר אפּנ קלומעקל, קוק איך מיר. ווער קלײַבט זיך עס דאָ בא אײַך אין וועג ארײַן, רעב לייבצע?
— הייסט עס אָט, איר פארשטייט!.. אדעראבעע, אזוי איז נאָך גלײַכער, אז איר פארשטייט, — ענטפערט לייבצע מיט א מינעלע פון א יידן א פּיקייעך, וואָס שטויסט זיך אפּנ ווונק. און, ווענדנדיק זיך באלד טאקע צום איידעמל, טוט ער אים א זאָג:
— מעגסט דערווײַל גיין, בענציע, אין דײַן קלײַזל ארײַן דאָרט. די זאך בלײַבט לעסאָטע אזוי, ווי מע האָט גערעדט.
— זאָל איך גיין אזוי טאקע אין כאלאטל אָדער ארויסנעמען פונעם קלומעק די לאסטינגענע קאפּאָטע מײַנע? — טוט בענציע א פרעג.
— נישקאָשע אזוי אויך. וואָס איז דען א כאלאטל? דאָס ערשטע מאָל דען איז דיר גיין אהין, אין קלײַזל, אין א כאלאטל?..
„אָווא, דאָס שטעקעלע, פארפאקט דאָס שטעקעלע!" — מאכט צו זיך אליין מיט א קנייטשעלע בענציע, לאָזנדיק זיך גיין מיט די פיסע-לעך צו דער טיר, טוט א קוש די מעזוזע און רוקט זיך ארויס פון דער שטוב שטיל, ווי א קעצעלע.
— אָט אצינד קאָנען מיר שמועסן גאנץ אָפן, — זאָגט לייבצע, אָנעמענדיק זיך באם בערדל, און טטשירעט אויס איינ אייגל אפּ רעפּאָעלן. — צו וואָס לאָמיר זיך דאָ נארן, קיין סוידעס אין דער וועלט איז נישטאָ... די מײַסע דערפון איז אזוי: ס'איז, פארשטייט איר מיך, א צעשטערט לעבן!.. אדעראבעע, זאָגט, איר קענט דאָך אים, מײַן איידעם, נו וואָס? א יונגערמאן א פײַנער, א טאטנס א קינד, א צאצע. איך פונ מײַנ זײַט האָב אים ליב, אינ מײַנע אויגנ האָט ער דעם זיבעטן כיין, בינ פונ אים צופרידן. איז דאָך, דאכט זיך, גוט. נאָר וואָס העלפט עס אָבער, אז זי, דאָס ווײַבל, איז א נאר!.. איר פארשטייט וואָס? זי, — א טריאטער, כ'לעבן! — איז נישט צופרי...
לייבצע דערעדט נישט דאָס וואָרט און ווארט, קוועטשנדיק זיך, ווי א געווינערן, מיט אזא מינע, אז רעפּאָעל זאָל אים דאָס וואָרט פונעם מויל ארויסנעמען.

— נישט צופרידן, — כאַפּט רעפאָעל און רעדט ארויס דאָס גאַנ־צע וואָרט, פילנדיק בעשאסמײַסע, ווי א שטיין איז אים פונעם הארצנ אראָפּ, ווײַל ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזנ, איז לייבצעס צעטראָגנ־קײַט נישט וועגנ געלט-אײַסאָקימ מיט אים, נאָר עס באַטײַט גאָר עפּעס אנדערש.

— אָ־אָ־אָט!.. נישט צופרידנ. נישט ליב, זאָגט זי. — זאָגט לייבצע, אויסשפּײַענדיק דרײַ מאָל. — פּע! איך דערקענ גאָר עפּעס נישט פון א צײַט מײַנ טאָכטער, אזוי געענדערט האָט זי זיך. זי רעדט עפּעס אזוינס, וואָס פּאסט גאָר ניט פאר אונדז, פאר אונדזער שטאנד. האָט איר געהערט א זאָג א ביסל — פּײַנט א מאנ! און ווער, נאָך ווער? א געלעכטער, כ׳לעבנ, אזא... אזא... אינגאנצנ, איך בעט אײַך מעכילע, אזא... עס איז נאָר עפּעס ווי א קישעף, אײַנעמס אנ אָפּגע־טאָנענע זאך. איר ווילט עס עפּשער נישט לײַדנ, אײַך איז עפּשער ניט אָנגענעם אזוינס צו הערנ?.. אדעראבע, זאָגט, זײַט מויכל, זאָגט, זאָגט!

„אָט פונוואנענ די כמארע רוקט זיך אפ מיר אָנ! — טראכט בא זיך רעפאָעל, און עס באשלאָגט אים א קאלטער שוויים. — לייבצע, אפּאָנעמ, האָט אָנגעשמעקט דאָ דאָס גאנצע שפּיל... מײַנ ארבעט, מיינט ער, איז עס, און פּאָדערט מיך דאָ אופּ, אים עס צו דער־קלערנ. א מײַסע מײַסע!..״

— אהא, איר שווײַגט! — מאכט לייבצע נאָך דעם, אז ביידע האָבנ א ווײַלע געשוויגנ. — איאָ, איר האָט מיר ניט וואָס צו ענט־פערנ?.. נו, הערט זשע אויס מיך. מיילע, זאָגסטו, הייסט עס, טעכ־טערל, פּײַנט! נו, שא, האָב זיך פּײַנט און בא דיר בלײַב עס. ווע־מעס אייסעק איז דאָס צו וויסנ דײַנע כעפציעס? ליב-סמיב, פּײַנט-סמײַנט — נארישקײַטנ!.. זאכענישנ אזוינע, נישט ווערט די רייד. וואָס צווישנ מאנ און ווײַב, ווער גיט עס ארויס? שא!.. איז דער קישעף אָבער, צו אלדי רוכעס, עפּעס אזוי גרויס, אז נײַנ! איך קאָנ מיט אים, זאָגט זי, אינ איינ שטוב ניט זײַנ. זיצנ, זאָגט זי, מיט א מענטשנ, וואָס מע האָט פּײַנט, איז אנ אווײַרע. ברענגט מיך ניט, זאָגט זי, צו קיינ זינד. איך בינ נישט קיינ בעהיימע, א מענטש, זאָגט זי, בינ איך, א מענטש מיט א ווילנ, מיט א דייע!.. איר הערט א ביסל א זאָג, פון מעכילע, אזא, אזא... בעקיצער, אזוי לאנג, אזוי־

ברייט — ביז ס'איז געקומענ דערצו, מע זאָל נעמענ דאָס באַלעבעסל, נעבעכ, אימ מיט האקל-באקל, האק־אונ־פאק, אָפּשיקנ צו די על־טערנ זײַנע אהיימ... אוי, האָב איכ עס הײַנט א טאָג פונ מײַנע, פונ דער טאָכטער אונ פונ דער מאמענ, קאַלט אונ ווארעמ!.. ווייסט איר וואָס, — לאָזט אויס לייבצע מיט א געבעט: — פאר אײַכ, רעב רעפאָעל, האָט מענ זיכ נישט צו שעמענ, איר זײַט דאָכ א היימי־שער מענטש, אונדזערער א גוטער-פרײַנט. אָט, כ'לעבנ, קומט, לאָמיר ארײַנגייִנ צו כאנצענ, ס'איז אצינד דאָרט בא איר כוישעכ. איר וועט זי, אזוי טאקע ווי איר קענט, א ביסל אויסשטראָפנ, געבנ איר צו פארשטייִנ, אז זי איז א שויטע, א נאריש ווײַבל, ווייסט אַליינ נישט, מישטײַנסגעזאָגט, וואָס זי וויל. אײַערע ווערטער, נישקאָשע, וועלנ ווירקנ. איר זײַט בא איר — דאָס זאָג איכ אײַכ בעסאָד, צווישנ אונדז — א גרויסער כאָשעוו. הײַנט וועט איר דאָכ מעקאַיעמ זײַנ א מיצווע אויכ — ארײַנלייגנ זיכ אינ שאָלעמ צווישנ מאנ אונ ווײַב, צונויפירנ א פאָרפאָלק... אָט, קומט, כ'לעבנ, קומט.

לייבצע שלעפּט רעפאָעלנ בא דער האנט אונ גייט פאָרויס. רעפאָעל — אז אָכ אונ ווי צו אימ, וואָס זאָל ער, נעבעכ, טאָנ? — לאָזט זיכ פירנ, נישט ווילנדיק, איבער א לאנגנ קאָרידאָר אונ שלעפּט זיכ אימ נאָכ, ווי א קו א קעלבל.

באמ עפענענ די טיר אינ כאנצעס כיידער לאָזט זיכ פונ דאָרט הערנ יענטלס קאָל, וואָס שטייט אונ טײַנעט האלב מיט גוטנ, האלב מיט בייזנ מיט דער טאָכטער אירער, וואָס זיצט אונטערגעשפּארט דעמ קאָפּ מיט ביידע הענט בא א טישל אינ א ווינקל. קוימ איז לייבצע ארײַנ מיט רעפאָעלנ, ווערט מיטאמאָל איבערגעהאקט דער שמועס.

— נישקאָשע, יענטל! אייגענע מענטשנ. רעב רעפאָעל האָט עפּעס צו שמועסנ מיט כאנצענ א פּאָר ווערטער. — רופט זיכ אָנ לייבצע, ווינ־קענדיק צומ ווײַב, וואָס האָט אזויפיל געהייסנ: מעגסט ארויסגייִנ, זײַ מויכל.

יענטל אָבער וויל זיכ נישט אָנשטויסנ אפנ ווונק אונ שטייט פארווונדערט, מאכנדיק מיט די אקסלענ, קוקט אָנ דעמ מאנ מיט א קרומ פּאָנעמ, וואָס האָט אזויפיל געהייסנ: האָסט געמעגט, כ'לעבנ, נישט ארײַנקומענ, דו לעקיש איינער!

— נו, זיצט, זייט זשע מוחל, זיצט, מיר בעטן, — זאָגט ליבצע, אונטערוקנדיק רעפאָעלן א בענקל פונקט אנטקעגן כאנצען.

שטארק צופרידן מיט דעם אופטו זײַנעם, רוקט ער זיך צו באַלד צום ווײַב, רוימט איר אײַן עפעס אין אויער — און בײדע גייען ארויס.

ליבצעס פינצטער מאזל איז באשײַמפערלעך טאקע שוין אזוי געווען — דער טאָכטער צו העלפן אין אלע אירע האנדלונגען פונעם אָנהייב אָן ביז איצט, פונקט אקעגן זײַן ווונטש. ס׳איז מיסטאמע פונעם הימל אזוי אָנגעשריבן געווען, אז ער אליין מיט זײַנע מעשו־נע געענג זאָל אָנמאכן א פארדרייעניש בא זיך אין שטוב, עס זאָל דורך אים אליין ארויסקומען דאָס, פונקט פארקערט וואָס ער וויל.

שלימאזלדיקער ליבצע! גיט עס בא ייִדן נאָך שלימאזלדי טאטעס אזוינע? ס׳איז קעדײַ צו וויסן...

רעפאָעל און כאנצע זיצן, אָנקוקנדיק זיך פארוווּנדערט אקעגן עטלעכע מינוט, נישט צו ריידן א וואָרט. דערנאָך איז רעפאָעל צום ערשטן ארויס מיט א ביטער שמייכעלע:

— איר ווייסט, כאנעלע, צו וואָס דער טאטע האָט מיך אהער גע־בראכט? דער טאטע וויל, איך זאָל „אײַערן", איר פארשטייט, פאריכטן בא־אײַך דאָס מאזל און אײַך טאקע א ביסל אויסשטראָפן.

— הייסט עס, דעם טאטנס א מענטש?! נו, שטראָפט זשע מיך, אז איר האָט זיך עס אונטערגענומען, — מאכט כאנצע א ביסל מיט פארדראָס.

— ניין, כאנעלע, אויסשטראָפן באדארף מען נישט אײַך, נאָר מיך, — זאָגט רעפאָעל מיט א זיפץ פונעם הארצן.

— דאָס הייסט אָנצוהערעניש געבן, — מאכט כאנצע, רויט ווערנ־דיק ווי פײַער, — אז דרינען, וואָס צווישן מיר און מײַנעם, איז אײַער שולד, און זיפצט אצינד דערופ...

— אײַ, פלאָגט מיך נישט, איך בעט אײַך, אײַ, איר זאָלט וויסן מײַן הארץ!..

— נו, וואָס זשע וואָלט געווען, אז איך זאָל וויסן? וואָלט איך געהאט פארגעניגן פון אײַער געטרײַשאפט און איבערגעבעטן אײַך פאר מײַנע רייד אצינד?

רעפאָעלן האָט זיך נישט געלייגט די צונג באלד טאקע אָפצוענט־

פערן איר, וויסנדיק בא זיך, אז ווען כאנצע זאָל וויסן זײַן הארץ, צוליב וואָס ער איז דאָ געקומען, וואָלט זי קיין גרויס פארגעניגן נישט געהאט, און אים איבערבעטן אוואדע נישט באדארפט.

— אָדער עפשער מיינט איר, אז איר פארדינט, מע זאָל אײַך אויסשטראָפן דערפאר, וואָס איר זײַט אזוי לאנגע צײַט נישט געקומען צו אונדז אין שטוב ארײַן, און איר פילט אײַער שולד ? — ווארפט כאנצע ארײַן א שטעכווערטל.

רעפאָעל איז שטארק צעטראָגן. ער קוקט אף כאנצען מיט ליבשאפט, מיט געבעט און שווײַגט.

— שווײַגן הייסט גערעדט, — זאָגט כאנצע, זייער גערירט פון זײַן בליק, אזוי אז טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן, און עס רײַסט איר דאָס הארץ, קוקנדיק אף אים. — איך בעט אײַך, ערגערט זיך נישט, נעמט מיר נישט פאר אומגוט, וואָס איך האָב מיך א ביסל דאָ געהיצט. וואָס זאָל איך טאָן? ס'איז בא מיר הײַנט שוין אזא טאָג. אוי, א טאָג! אוי, שטיי איך עס אויס !..

— טײַערע, גוטע כאנעלע ! — מאכט רעפאָעל, אופשטייענדיק צעקאָכט פונעם בענקל, וויל אָנעמען בא דער האנט כאנצען, אויסגיסן פאר איר זײַן שווער ביטער הארץ, נישט צו באמערקן, ווי יענטל גייט דערווײַל ארײַן גאנץ שטיל און מאכט זיך קלוימערשט ווי זי זוכט עפּעס.

— מאמע ! — טוט זיך א כאפּ כאנצע, אזוי אז רעפאָעל זאָל וויסן ווער דאָ איז. — וואָס זוכסטו עס, מאמע, עפּעס אזוי ?

— גאָרנישט, גאָרנישט ! א שפיזל איז פונעם זאָק נישטאָ. דאָ זוך איך, איז נישטאָ. מע באדארף גיין א קוק טאָן בא מיר ערגעץ דאָרט, — ענטפערט יענטל, ארומקוקנדיק זיך און גייט ניט ווילנדיק ארויס.

יענטלס מיין איז גאָר געווען אכטונג צו געבן צו דער טאָכטער, וואָס זיצט מיט א יונגנמאן אָן א שומער. ווײַבער פילן עפּעס בא זיך אין הארץ בעסער ווי די מענער. פריער, אז כאנצע האָט געוווינט מיט דעם מאן, ווי דער שטייגער איז, האָט יענטל זיך נישט געמאכט דערויס, אז די טאָכטער פלעגט בלײַבן מיט רעפאָעלן בא זיך אין כיידער. אצינד אָבער, אז כאנצען קאָן זיך פארגלוסטן זאָגן, אז דער מאן איז איר נישט צום הארצן, הע-הע ! טראכט זיך יענטל,

באדארף מען זיך צו דיר א ביסל צוקוקן. דאָס הארץ האָט איר עפּעס געזאָגט, נישט רעכט צו וויסן וואָס געזאָגט. דאָס שפּיזל איז געווען נאָר אַן אויסרייד. כאַנצע האָט פאַרשטאַנען דער מאַמעס מיין, און רעפאָעל האָט אויך געוווּסט, וואָס דאָס שפּיזל אירס באַטײַט אַזוינס. ביידע האָבן געהאַט פיל, זייער פיל איינע די אַנדערע צו זאָגן, און ביידע האָבן אײַנגעזען, אַז דערצו איז נישט דאָ דאָס אָרט און נישט די צײַט אַצינד.

— אײַ, כאַנעלע, האָב איך צו ריידן און צו ריידן! נאָר...

— אוי, רעפאָעל, האָב איך עס צו דערציילן און צו דערציילן! נאָר... לאָמיר אָפּוואַרטן. איך וועל שוין אײַך צו וויסן געבן.

— גיי איך, הייסט עס, — זאָגט רעפאָעל מיט אַ ביטער שמייכעלע, — גיי איך דערווײַל אַוועק דערמיט, אַז איך האָב אײַך געזאָגט מוסער.

— און דאָס מוסער-זאָגן האָט נישט געהאָלפן!..

באַם אַרויסגיין שלאָגט זיך רעפאָעל אָן בא דער טיר מיט יענטלען, וואָס האָט זיך געיאָגט אָנצוזאָגן דער טאָכטער די גוטע בסורע, אַז דאָס שפּיזל, געלויבט דער אייבערשטער, האָט זיך געפונען!..

דער צווייטער קאפּיטל

רעב אָשער דער מעקלער איז די לעצטע צײַט מיט רעפאָעלנ שטארק ניט צופרידנ געווענ.

ווי איטלעכנ איז באקאנט, בלאָזט רעב אָשער דער מעקלער פונ זיכ ניט אזוי שטארק, איז מויכל אפ קאָוועד אונ קאָנ אראָפּ־שלינגענ יענעמס א גראָב וואָרט, נישט צו באַליידיקנ זיכ, כאָלילע. אימ ארט נישט, אז יענער האלט אימ פאר א ליגנער. ווו מע באדארפ, קענ ער זיכ מאכנ ניט הערנדיק, ניט זעענדיק, ניט וויסנדיק אונ טוט זיכ טאקע זײַנס. צו די אלע דאָזיקע שיינע מײַלעס איז ער אויכ ניט פויל אפ א גאנג. הונדערט מאָל א טאָג ווערט אימ ניט נימעס לויפנ צו יענעמ מיט עפעס אנ אייסעק, אפילע יענער ווארפט זיכ דערפונ אָפּ מיט הענט אונ מיט פיס. איז פאר אימ פארשפארט די טיר, שטופט ער זיכ ארײַנ דורכנ פענצטער. אזוי ארײַנ אָדער אזוי ארײַנ — אלציינס, אבי ארײַנ! בא דער וועלט הייסט עס: רעב אָשער איז א בעריע, א מענטש מיט אנ אײַזערנעמ כאראקטער — ער קריכט! הייבט ער אָנ עפעס א זאכ — ארבעט ער, קריכט, שטופט זיכ ביז ער דערגרייכט טאקע דאָס, וואָס ער וויל.

פונדעסטוועגנ האָט רעב אָשערס קריכנ מיט זײַנע פּראָיעקטנ צו רעפאָעלנ די לעצטע צײַט אימ פּאָרט נישט געהאָלפנ. זײַנע ווערטער זײַנענ צו רעפאָעלנ צוגעשטאנענ אזויפיל ווי אנ ארבעס צו דער וואנט. איינמאָל האָט רעפאָעל זיכ אפ אימ צעבייזערט, ווײַזנדיק אימ די טיר מיט א געשריי, אזוי אז אפילע אזא יידנ, ניט קיינ באל-

גײַװע, װי רעב אָשער איז, האָט עס שטארק אונטערגעטראָגן, ער איז, נעבעך, געשװינד ארױסגעלאָפן אפ דער גאס, בײז װי א רוצח, און פאר אנדערע דאָרט אױסגעגאָסן אפ רעפּאָעלן זײַן צאָרן:

— האָט איר געהערט, ייִדישע קינדער, א ייִד זאָל נישט האָבן קײן ביטאָחן — מע זאָל זיך נישט לאָזן ספּעקולירן, מאכן געשעפטן! א שײנער מאסע-מאטן, כ'לעבן, װאָלט געװען, אז מע זאָל געװען װעלן נאָר גײן אפן אײַזערנעם בריק אין מאסע-מאטן!.. װי פון דער קעשענע האָט ער מיט זײַן אײַנגעשפּארטקײַט מיר ארױסגענומען א פארדינסט... איך זאָג אײַך, ברידער, אָט פון די אופגעיוירענע, פון די כאקראָנים, איז נישט אײנער קײן לײַט. דאכט זיך, א מענטש — א סױכער, א קעפּל א פלײַענדיקס, האָט געכאפּט, דאכט זיך, דעם סטרי פון אונדזערע סאָכרים דאָ, געדרײט, געהאנדלט גאנץ נישקאָשעדיק — און לעסאָף האָט די קליפּע טאקע זיך ארױסגעװיזן — שטײ, טפררו!.. נישטאָ בא אזױנע קײן גלױבן, קײנער פון ייִדישע קינדער איז ניט באגלײבט: ניט גדאליע דער שניט-קרעמער, ניט פײַטל דער צעלניקער, ניט אפילע רעב אידל דער כאלפן, און גאָט אלײן אפילע אױך ניט!.. איר פארשטײט? טאקע „כל באיה לא ישובון” [1] — איז אײנער א ביסל געכאפּט, זאָל א רועך טאקע אין זײַן טאטן — קײן סױכער װעט שױן פון אים נישט זײַן...

א ייִד האָט נישט בא אים קײן נעמאָנעס, א ייִדנס א װאָרט איז גאָרנישט, אױסציִען, סאָנע-ייִסראָעל, זאָל ער זיך פאר אים, װעט ער אים נישט געבן אפ באָרג, סײַדן קלאפּ און צײל. א ייִדנס א טראטע, א װעקסל הײסט בא אים א קװיטל אפ אױלעמהאבע — און בא אזעלכע איז נאָר אױלעמהאזע, פּאָשעט גראָב, מעזומאָנים. אױלעמ־האבע איז גאָרנישט. מאלאָכימ ניטאָ, שײדימ און רוכעס, לעהאװדל, נאָר אײַנגערעדטע זאכן. טאָמער מײנט איר, איך שפּאס? בא מײַן ייִדישקײַט! טױזנט מאָל אװאדע האָב איך געשװױרן בא מײַן כײלעק אױלעמהאבע, און בא אים האָט עס-אזױפיל אױסגעמאכט עפּעס אזױ װי... מאָסקװע מעג גלײבן, לײַפּציק גלײבט אױך א ייִדן, און אז עס טרעפט זיך אמאָל א „קוימעמיִעס”, נו, מא ראש? מאָסקװע קערט זיך נאָך נישט איבער, דער דײַטש, נישקאָשע, גלײבט און

---

[1] „קאָל באָעהאָ לוי יעשוווּן”.

באָרגט ווײַטער. פּע, זאָג איך אײַך, איז מיר דער כאַקרענ, פּע, פּע, ייִדישע קינדער !..

יענער פינצטערער מאָרגנ, וואָס רעב אָשער איז פאַר גרויס פאַרדראָס פונ דער הויט געשפּרונגענ, איז געווענ א פּאָר טעג ארום נאָך רעפאָעלס באגעגעניש בא לײבצענ אינ הויז. רעפאָעל איז דענסט־מאָל געזעסנ בא זיך צו הויז אינ איינע צאָרעס, באטראכטנדיק זײַנ לאגע, אונ ס'איז אים אָנגעזאלצנ אפנ הארצנ. די געשעפטנ זײַנע טרײַבנ אים אינ וועג ארײַנ, אונ ער קאָנ זיך אָבער נישט רירנ פונעמ אָרט. מיט כאַנצענ מוז ער דאָך רײדנ, ארויסזאָגנדיק איר דעמ גאנצנ עמעס, די ווייטעקנ זײַנע, אונ ווארטנ אפּ דער גע־לעגענער צײַט דערצו, ביז זי וועט אימ שרײַבנ, לויט ס'איז אָפּגע־רעדט געוואָרנ צווישנ זײ. אונ אצינד, נאָך דעמ, וואָס דאָ טוט זיך אזוינס צווישנ איר מיט דעמ מאנ, איז ער נאָך צענ מאָל מער מע־כויעוו צו רײדנ מיט איר. נאָר וואָס צו רײדנ אונ וואָס וועט ארויס־קומענ פונעמ רײדנ — דאָס ווייסט ער אלײנ נישט רעכט גוט דער־ווײַל. די לאגע איז אצינד פארדרײט, פארפּלאָנטערט נאָך מער ווי פריִער. ער פילט אָבער, אז אזוי לאָזנ די זאך טאָר ער נישט אונ קאָנ טאקע נישט; הערשעלענ, נעבעכ, איבערלאָזנ אזוי אינ דער מיט — טוט אים אויכ זײער לײד. ביטער! ער איז אינ דער קלעמ, דער קאָפּ שפּאלט זיך אימ טראכטנדיק, אונ פּלוצימ — באָרוכ האבאָ, א גאסט! רעב אָשער איז דאָ מיט זײַנע פּראָיעקטנ. עס פארשטײט זיך, אז רעב אָשער האָט געכאַפּט זײַנ ערלעכ אויסקומעניש אונ איז אוועק ווי אנ אָפּגעקאָכטער, נעבעכ. פּאָטער געוואָרנ פונ אזא גאסט, האָט רעפאָעל זיך ווײַטער פארטיפט אינ די געדאנקענ, איז אוועק־געזעסנ א היפּשע צײַט פארשמאכט, נישט צו באמערקנ ווי רעב אווראָמ איז ארײַנ.

— א גאָט־העלפ! — זאָגט רעב אווראָמ, נאָך דעמ ווי ער איז אקעגנ א פּאָר מינוט געשטאנענ בא דער טיר, אונ רעפאָעל האָט אפּ אימ זיך נישט אומגעקוקט.

— הא, וואָס?! — מאכט רעפאָעל שטארק פארדולט, ניט אומ־קוקנדיק זיך.

— גאָרנישט! א גאָט־העלפ, זאָג איך, נעמט נישט פאַר אומ־גוט, וואָס איך שטער אײַך.

— א־א, רעב אוורהאָם?

— איך וואָלט אײַך, אָסער, ניט געשטערט, נאָר... איך האָב צוגעזאָגט, איך בין דאָ אצינד מיט א באקאָשע.

— איר מיך, רעב אוורהאָם, שטערט? אָ, ניין, ניין, קיינמאָל נישט! זיצט, איך בעט אײַך, און לאָמיר הערן אײַער באקאָשע.

— רייזע איז גאָר אויס מענטש. קלאָגט זיך עפּעס אף אײַך, רעב רעפאָעל. עפּעס פון א צײַט, זאָגט זי, אז איר עסט נישט, טרינקט נישט. וואָס מע זאָל ניט געבן צום טיש, נעמט מען עס צו קימאט אינגאנצן צוריק. זי ברעכט זיך, זאָגט זי, דעם קאָפּ טראכטנדיק, וואָס זאָל עס זײַן. זאָל אײַך עפּשער דאָס עסן נישט געפעלן? נאָר זי שפּאָרט נישט קיין מי, טוט, זאָגט זי, אלצדינג וואָס מעגלעך, דאָס עסן זאָל האָבן דעם זיבעטן טאם, קארגט נישט קיין אייער, קיין שמאלץ, זוכט אויס אלע מינע געריכטן, וואָס נאָר דאָ: א ראָסל־פליישל, זאָגט זי, אן עסיק־פליישל, א זראזעלע, א צימעסל מיט א העלדזל אָנגעפילט אמאָל מיט פארפעלעך, אמאָל מיט קאשע און גריוון, צוגעדעמפּט, פארברוינט, אזוי אז דער מאלכעס מעג עס עסן. עפּשער, זאָגט זי, זײַט איר, כאסוועשאָלעם, עפּעס ניט מיט אלעמען? פארוואָס זשע שווײַגט איר, זאָגט זי, און טוט עפּעס נישט? דערופ איז דאָך דאָ אף דער וועלט בא אונדז א לייב רויפע. וואָס טוען אנדערע? איז ניט א דאָקטער, א רויפע, איז דאָ א שפּרעכער, אזוינער און אזוינער. עס פאלט איר אָפּ א שטיק געזונט, זאָגט זי, אָנקוקנדיק, וואָס פאר א שלעכט פּאָנעם די לעצטע צײַט איר האָט. אָט דאָ ערשט ניט לאנג האָט זי מיך שטארק געבעטן: גייט, זאָגט זי, צו אים ארײַן, און דערגייט זיך בא אים. איר זײַט דאָך, כ'לעבן, זאָגט זי, עפּעס א מאנצבל. וואָס דען? גייט מען און מע טוט א קוק, וואָס איז אזוינס מיט אים... נו, רעב רעפאָעל, טאקע, בעמעס טאקע, הא?! וואָס זשע פּאָרט איז אזוי די מײַסע?

—עט... אזוי... עס מאכט זיך אמאָל מיט א מענטשן... מיט וועלכן מענטשן מאכט זיך ניט אמאָל א קרענקונג?

— איר נעמט אײַך עפּשער צום הארצן די מײַסע מיט דעם יאָסעמל? אוודע, אוודע איז דאָס א קרענקונג, מיך קרענקט עס אויך זייער. לייזער־יאנקל, אָלעוואשאָלעם, האָט אים איבערגעלאָזט אף מיר. נאָר פונדעסטוועגן, הא... און אז ס'איז שוין יאָ געקומען צו רייד,

פרעג איך אײַך טאקע: ווי האלט עס עפּעס אצינד מיקויעכ אים, מיקויעכ דעם שקאָצ?

— אלצ נאָכ אינ דעם אייגענעם שטאנד וואָס פריִער. הער־שעלע שטייט אלצ טאקע אפ דאָס זײַניקע: לאָז זי, די ייִדענע, זאָגנ, ווו איז ערגעצ דאָס מיידל? אונ יענע ווידער האלט זיכ אירס: לאָז דער שייגעצ אזוי וויסנ יענעם איבער די קעשענעס קריכנ, ווי זי ווייסט פונ וואָס צו זאָגנ! דערווײַל איז שלעכט.

— איז דענ ניטאָ דערצו עפּעס א מיטל, ראכאש, אשטייגער, דאָס אלטע, געוויסע מיטל? ווי געשיקט זיכ עס?

— דאָס מיטל האָב איכ שוינ געפּרוווט טאָנ. נאָר ווי עס זעט אויס האָט עמעצער, א פארבאָרגענער, פונ דער ייִדענעס צאד, אויכ געטאָנ דאָס אייגענע מיטל... אצינד איז די זאכ אזוי: אָדער ביידע זאָלנ זיצנ, אָדער די גאנצע מײַסע פארײַבנ אונ ביידע זאָלנ ארויס פרײַ.

— לאָזט זי אָפּ, כ׳לעבנ, אָט די ייִדענע, ווי הייסט זי דאָרט. צו וואָס, איכ בעט אײַכ, נאצכאָנעס? אָט לאָזנ ביידע ארויס פרײַ, אונ מיט אנ עק!

— עס גייט דאָ נישט, רעב אווראָמ, אינ נאצכאָנעס, ווי נאָר דרינענ — ס׳איז דאָכ א ראכמאָנעס אפ א נעפעש, אפ א ייִדישער טאָכטער, נעבעכ. גאנצ געוויס, אז די דאָזיקע האָדל האָט זי, איר פארשטייט, ערגעצ פארפירט.

— ווענ אפילע אזוי, פרעג איכ אײַכ, נו־נו־נו?! וואָס איז דאָ אזוי די מוירע, פארשטיי איכ נישט, אז ערגעצ אוועקגעפירט? אופּעסנ וועט מענ דאָכ זי נישט, כאָלילע, צווישנ ייִדנ פארפאלנ ווערנ וועט זי נישט. וועט זיכ אויסזוכנ, נישקאָשע!

— אוי, רעב אווראָמ, ווי זאָגט מענ אײַכ עפּעס... ס׳איז נישט קיינ ריינע זאכ! האָדל, איר פארשטייט, האָדל שטייט נישט אינ קיינ גוטנ רופ...

— וואָס, אשטייגער, מיינט איר דערמיט, רעב רעפאָעל? עס מוז דאָכ אלצ האָבנ עפּעס א גאנג.

— עס האָט אוואדע א גאנג... דאָ שטעקט עפּעס אזוינס, וואָס א שרעק!..

— אײַ־אײַ, גאָט איז מיט אײַכ! וואָס קאָנ דאָ, פארשטיי איכ

נישט, אזוינס שטעקן? לאָז זײַן, כ׳לעבן, געוונג געזעסן. א ראַכמאָ־נעס, כ׳לעבן, אפ דעם שקאָצ.

— און איר מיינט, רעב אווראָם, אז דער שקאָצ אײַערער וויל ארויס אזוי אָנ אנ עק, איידער עס וועט זיך דערווײַזן, ווו ערגעצ דאָס מיידל איז אהינגעקומען? איר זאָלט זען, ווי ער לייגט זיך פאר איר אוועק. דאכט זיך, א שטילינקער, א שעמענדיקער אפנ בליק. אָבער וואָס פאר א באהארצטקײַט, וואָס פאר א שטארקײַט ער האָט אינ זיך, צו שטיינ שטאָל און אײַזנ פאר זײַנ גערעכטער זאך. ער איז בא מיר אצינד דערפאר שטארק געהויבנ, גאָר לעילא ולעילא[1]. איך האָב אים ליב באקומענ טיפ פונעם הארצנ. ניינ, רעב אווראָם, ער איז נישט קיינ צעקראָכנס, קיינ שלימעזאלניק, ווי א יעשי־וועבאָכער, א קלויזניק. עס וועט פונ אים זײַנ א מענטש... שא! מע קלאפט, דאכט זיך, אינ דער טיר, — טוט זיך א כאפ רעפאָעל אינ דער מיט געשפרעכ, צוהערנדיק זיך, — ארײַנ, ארײַנ!

עס קומט ארײַנ א יונגע, בילד־שיינע, אויסגעפוצטע דאמע, און, בלײַבנדיק שטיינ בא דער שוועל, ווארפט זי א בליק דאָ אפ דעם, דאָ אפ יענעמ פונ אונדזערעביידע מאנצבילן, ניט וויסנדיק צו וועמענ זיכ צו ווענדנ. רעב אווראָמ ווערט, אפנ יידישנ שטייגער, באמ דערזעענ אנ אישע, עפעס פארשעמט און קערט אוועק אינ דער זײַט דאָס פּאָנעמ. רעפאָעל שטייט אופ און גייט מיט א פרײַנטלע־כער מינע דעם גאסט אנטקעגנ.

— איך באדארפ צו רעב רעפאָעלנ, האָב מיט אים וואָס צו ריידנ, — רופט זיך אָפּ די דאמע, דורכנעמענדיק רעפאָעלנ מיט די אויגנ.

— איך בינ גרייט מיט פארגעניגנ אײַך אויסצוהערנ, — ענט־פערט רעפאָעל מיט א פארבייג.

— דאָס, וואָס איך האָב צו זאָגנ, איז נאָר אונטער פיר אויגנ.

רעפאָעל האָט פארבעטנ די אומבאקאנטע אינ א באזונדער ציידער, ווינקענדיק צו רעב אווראָמענ, אז ער זאָל בלײַבנ אפנ אָרט.

א היפשע צײַט איז רעב אווראָמ אוועקגעזעסנ איינער אליינ פאר זיך, און געדאנקענ מעשונעדיקע זײַנענ אים מיט גוואלד געקראָכנ אינ

1 לעיילאָ אולעיילאָ.

קאָפּ, גלײַך ווי ניטאָ איבער דעם קאָפּ זײַנעם קיין באַלעבאָס — העפקער א וועלט! עס האָט זיך דאָרט געדרייט האָדל, זיך אנטפּלעקט עפּעס גאָר כאַלאָשעס! עס דרייט זיך אויך הערשעלע מיט דער קאפּצאנסקער בסולע זײַנער דאָרט, — און רעב אווראָם טוט זיך א כאפּ, א פּאטש געבנדיק מיט א פּאָר פינגער זיך אין שטערן און מאכנדיק „אהא!״ גלײַך ווי ער וואָלט געטראָפן ראשעס א באוואָרעניש מיטן „קלוימער״. אהא! אצינד פארשטיי איך, וואָס ער מיינט, וואָס רעפאָעל מיינט, וואָס איז דער טײַטש „ערגעצ פארפירדט״... פּע, פּע, — מאכט ער, אונטערהייבנדיק די יאַרמלקע, און פּאָכט מיט איר איבערן קאָפּ ווי אָפּצוטרײַבן פון זיך פליגן־זלידנעס. די פליגן אָבער טוען זייערס — געדאנקען קריכן, פּיקן דעם מויעך, די אומבאקאנטע יעפּאסטויאר פּוצ ארײַן אויך אין דער מיט. עס מאָלט זיך אויס אין קאָפּ א שיינע געשטאַלט, א ליכטיקע צורע, שײַנענדיקע אויגן, עס צעגיסט זיך א ליבע ווארעמקײַט — דעם יעיצערטאָוו, אײַ, ווערט נישט גוט!.. רעב אווראָם ראנגלט זיך מיט די געדאנקען, כאפּט זיך צו באשעפטיקן מיט ערנסטע זאכן: א נעמטאָן א פּײרעק מישנײַעס, צענעמען א הארב שטיקל „בארטענוראָ״, זיך פארנעמען מיט א שיין שטיקל „זויהאר״. נאָר אומזיסט די מי, געדאנקען באפאלן אים ווי די היישעריקן, ס'איז זיי מיט קיין זאך נישט צו נעמען. זעצ אין קאָפּ טוירע, אז אים קריכן גאָר עפּעס אנדערע זאכן! עס מאָלט זיך, עס דענקט זיך דער רועך ווייסט וואָס אזוינס... רעב אווראָם נעמט זיך גאנצ יידישלעך זיפצן און דערבײַ טאקע, ווי דער שטייגער איז, שרײַבן מיט א פינגער אפן טיש איין מאָל „פּטום הקטורת״[1], נאָכאמאָל „פּטום הקטורת״[1], אליין נישט צו וויסן, אז ער שרײַבט און וואָס ער שרײַבט.

— אכ, רעב אווראָם, האָט מיר קיין פאריבל נישט! — מאכט רעפאָעל, ארײַנקומענדיק עפּעס שטארק צעטראָגן, און לאָזט זיך אין אײַלעניש צו דער קליידער־שאפע איבערצוטאָן זיך.

— איך זע, איר אײַלט זיך זייער, מיר איז שוין אויך צײַט צו גיין, — זאָגט רעב אווראָם, אופהייבנדיק זיך פונעם בענקל, און לאָזט זיך גיין צו דער טיר.

---

1 „פּיטום האקטוירעס״.

— ניטאָ קיין מינוט צײַט. איך מוז באַלד טאַקע לויפֿן, קומט, קומט אַרײַן צו מיר הײַנט. געדענקט זשע, נאָך הײַנט, רעב אוורהם!

„ס'איז עפּעס ניט גלאַטיק, — דענקט זיך אין רעב אוורהמס קאָפּ באַם אַרויסגיין פֿון רעפֿאָעלן, — ווער זאָל עס זײַן די יעפּאַס־טויאַר?.. אַ קרויווע? וואָס זשע איז ער אַזוי צעטראָגן? האַ, עפּ־שער אַ ווײַב?! אײַ וואָס, עס הייסט דאָך — ער איז אַן אַלמען? אַ קאַשע אַף אַ ליטוואַק!"... באַלד אָבער האָט רעב אוורהם כאַראַטע, איז ברויגעז אַף זיך דערפֿאַר, וואָס אים קאָן גאָר אײַנפֿאַלן אַף רעפֿאָעלן אַזוינס צו טראַכטן. סטײַטש, סטײַטש, רעפֿאָעל, אַזאַ קאַשע־דער, ערלעכער מאַן, מיט אַ גוט האַרץ! ער שאָקלט פֿאַר גרויס פֿאַרדראָס מיט דעם קאָפּ, נעמענדיק זיך באַ דער באָרד, און לאָזט זיך גיין געשווינד.

דער דריטער קאפיטל

די מומע שיינצע, וועלנדיק, ווי עס האָט געהייסן, אָנטאָן פאַרגעניגן ביילען, איז זי מיט איר דורכגעפאָרן זיך פארנאכט אפ א שפאציר, אָטעמען א ביסל פרישע לופט. ארויס פון שטוב זיינען זיי אינצווייען און געקומען צוריק איז איינע, — די מומע, זי אליין.

די „טערקיניע" איז געווען פאַשעט אויס מענטש פאר גרויס אגמעסנעפעש וועגן ביילען, נישט צו וויסן, וואָס אזוינס איז מיט איר געשען און ווו איז זי אהינגעקומען. פאר יעסורים קאָן זי ניט איינזיצן אפ איין אָרט, נאָר ארויס — ארײַן, פון שטוב אין גאָרטן, פון גאָרטן אין שטוב, אומעטום צוקוקנדיק זיך, נישטערנ[דיק], עפּ-שער וועט זי עפּעס אָנשמעקן.

זי זיצט זיך אמאָל אזוי, א פארנאכט, שטארק פארומערט, צווישן געדיכטע צווייַגן אין דעם גאָרטן, הינטער דער שטוב, און ווי איר אפן הארצן, אזוי איז דער הימל — פארומערט, באלייגט מיט שווארצע פינצטערע וואָלקנס. אין דער לופט ארום און ארום שמעקט טישעבאָוו! דאָס גרינווארג דאר, אָפּגעבליאקעוועט, ביימער רוישן, זאָגן קינעס אפ די בלעטער, וואָס הייבן אָן געל צו ווערן, און אפ דעם אויסגעקראָכענעם שפּיץ קאָפּ זייערן, ווארפנדיק זיך אין אלע זייטן, ווהין דער ווינט טראָגט. אומעטיק, פארזאָרגט שטייען די פייגל איטלעכער אפ זיין ריטל, איטלעכער אפ זיין צווייַגל, קראצנ-דיק זיך מיטן שנעבעלע אונטער די פליגעלעך, אויסשטעלנדיק אן

אייגעלע — א קוקעלע אהינ, א קוקעלע אהער, א טרייסל מיט די פּעדערלעכ, א גענעצ — אונ פּוצ ארייַנ אינ די נעסטנ — שלאָפנ, ניט זאָגנדיק קיינ שירע, ווי דער שטייגער זייערער איז מינכע־צייַט. אויכ דעמ האָנ, דעמ באלטייַווועניק, פארגייט די לוסט נאריש צו מאכנ זיכ הייַנט מיט די ווייַבער זייַנע. ס'איז גאָר ניט דער שטעל, גאָר ניט דאָס קריי, וואָס טאָמיד, עס קומט אויס עפּעס געפּייַפּט ווי פונ א פּאָסעלנ שויפער. ער שטייט פארטראכט, אויסשטרעקנדיק דאָס העלדזל, בלינצלט מיט די אייגעלעכ, אויסדרייענדיק דאָס פּענעמל אמאָל רעכטס, אמאָל לינקס, אונ אינגאנצנ, מישטיינסגעזאָגט, זעט ער אויס לעקישעוואטע. פּלוצימ טוט ער א שאר מיט די פּיסלעכ, א רוק זיכ אינ דער זייַט, א קראצ מיט אנ ארפּגעלאָזט פליגל די ערד, פארנעמט די ווייַבער זייַנע אונ — א גוטע־נאכט! אוועק מיט זיי אינ זייַנ רו ארייַנ... א שטילער טרויער שוועבט אינ דער לופט, א מאָרעשכוירע — ארומ אונ ארומ! ביטער אונ זויער איז אפנ הארצנ. עפּעס בענקט זיכ, טרוימט זיכ, עס ציט ערגעצ אהינ — אהינ.. אונ די נעשאָמע וויינט אינוויייניק שטיל, צעגיסנדיק זיכ אָנ ווערטער.

זיצט זיכ אזוי די „טערקיניע” צווישנ די צווייַגנ פארומערט, פארטיפט אינ אירע געדאנקענ. דערווייַל פאלט צו די נאכט. וואָס ווייַטער, ווייַטער ווערט טונקעלער. דיביימער זעענ אויס עפּעס אומגעלומפּערט, באקימענ א מעשונע פארענדערט פּאָנעמ, אונ דער קויעכ-האמדאמע, אָט דער פּאָקוסניק, פארבלענדט די אויגנ מיט אויסגעדאכטע פּאָקוסנ. פונוויַטנס, אינעמ טונקלקייַט, דאכט זיכ דער „טערקיניע” אויס, איידל הענגט אפ א בוימ, הוידעט זיכ אונ ווינקט איר: „קומ, שוועסטער, קומ זיכ הוידענ מיט מיר אפנ בוימ!” זי טוט זיכ א כאפּ דערשראָקנ, אונ איידער נאָכ זי רירט זיכ פונעמ אָרט, לאָזנ זיכ איר הערנ טריט, אונ באלד טאקע קומט איר צו די אויגנ די מומע שיינצע, שטייענדיק דאָרט אינ גאָרטנ מיט איציק פּאקטער — א מינ באשעפעניש אזעלכס, וואָס איז געלייַטזעליקט פונ זייַנ ליבנ נאָמענ מיט א רוקנ, זייער געשמייַדיק זיכ צו בייגנ, צו בוקנ, מיט א קופּערנעמ שטערנ, מיט א פּאָר גנייוווישע אייגעלעכ אונ א פּאָר הענטעלעכ, אקוראט ווי עס פּאסט אימ צו דער פּארנאָסע. דאָס דאָזיקע באשעפעניש קניט זיכ, בייגט זיכ, קריכט,

דורכשטופנדיק זיך דורך לעכער און שפּאַלטן, שמעקט, טאַפּט, האָרכט זיך צו, וואָס טוט זיך דאָרט אין די הויכע פֿענצטער, כאַפּט אַ וואָרט און פֿאַרשלעפּט עס, ווי אַ קאַץ, פֿון איין אָרט צום אַנדערן, מאַכט שו־שו און טוט אַ ביס שטילערהייט.

אָט מיט דעם מין באַשעפֿעניש פּירט עס די מומע שיינצע איצט אַ געשפּרעך, און פֿונעם גאַנצן שמועס זייערן קומט דער „טערקיניע" צו די אויערן נאָר איין וואָרט פֿון צענטן — „זיצט... האָדל... ווו דאָס מיידל?.. שלעכט... אַרבעט, קאָמיסיאָנער רעפּאָעל... געלט... טשוווע־געלט, טפּילע־געלט... צדאָקע־געלט"... אַזוי רעדט איציק, די מומע שיינצע טײַנעט, פֿאַרגלאָצנדיק די אויגן צום הימל, שטופּט אַרײַן איציקן עפּעס אין דער האַנט און באַלד ווערן ביידע פֿאַרשוווּנדן.

דער „טערקיניע" איז עס אַרײַן אין דער נאָז. זי שטויסט זיך, אַז דאָס איז ניט גלאַט, דאָ איז עפּעס אַ צאָרע. ווו איציק פֿאַקטער ווײַזט זיך, דאָרט איז אַ קרעצל. און פּלוצים פֿאַלט איר אײַן אַ געדאַנק, ניט אַנדערש, אַז דער שמועס צווישן דער מומע מיט איציק פֿאַקטער האָט אַ שײַכעס צו דער מײַסע מיטביילען. וואָס מער זי האָט צעקײַט די ווערטער, וואָס זײַנען איר געקומען צו די אויערן, איז איר געוואָרן קלערער, אַז דער שמועס איז געגאַנגען איבער ביילען. אַפּאָנעם, ס'איז דאָ עמעצער, אַ טאַקיפּ, וואָס שטעלט זיך פֿאַר איר אַרויס. דערווײַל האָט מען עס, אַפּאָנעם, אַ נעם געטאָן צום סמיך האָדלען. אַצינד איז שוין פֿאַרענטפֿערט געוואָרן, פֿאַרוואָס מע זעט זי נישט דאָ, באַ דער מומען, שוין עטלעכע טעג. די מומע האָט באַצײַטנס זיך געײַלט צו באַהאַלטן די טרייפֿע סכוירע — אָט וואָס דער שפּאַציר איִרער מיט ביילען באַטײַט!

די „טערקיניע" גייט פּאַשעט אויס פֿאַר ראַכמאָנעס אָפּ ביילען און גיט זיך אַ וואָרט נויקעם זיך צו זײַן פֿאַר איר, נעבעך, מיט וואָס נאָר זי וועט קאָנען.

זי גייט אַרויס פֿונעם גאָרטן, בלאָנקעט זיך אַרום אין הויף שרעקלעך אויפֿגעבראַכט. און ווי זי שטייט אַזוי באַם טויער, דערזעט זי פֿאַרבײַפֿאָרנדיק אָפּ דער גאַס אַ פֿאַיעטאָן, אין וועלכן, ווי זי דערקענט, איז די מומע מיט ביילען זיך דורכגעפֿאָרן נעכטן. די פֿיס אירע טוען זיך אַ לאָז, ווי פֿון זיך אַליין, און זי שפּרינגט אַרײַן אין פֿאַיעטאָן.

— וווהין? — פרעגט דער פורמאַן.

— וווהין? — מאַכט די „טערקיניע", באַטראַכטנדיק זיך. — אַהין... וווהין נעכטן פאַרנאַכט איר זײַט געפֿאָרן. איצט ווייסט איר שוין וווהין?

— אַ שײַלע אַ ביסל, אויב איך ווייס! דער קאָפּ איז מיר נאָך אַפּן אָרט, באָרעכאַשעם. איך ווייס, ווייס, וווהין איך האָב נעכטן געפֿירט די מומע מיט נאָך אַ פאַרשווינדל. עפּשער זײַט איר עס טאַקע די מומע אַליין. דער שאַל איז אָנגערוקט איבערן קאָפּ, אַזוי אַז עס זעט זיך נישט אַרויס דאָס פּאָנעם.

דער פאַיעטאָן איז צוגעפֿאָרן צו אַ שטוב ערגעץ אין אַ פאַר־לעגן אָרט קימאַט אונטער דער שטאָט.

—טפּררררו! — שטעלט אָפּ דער פורמאַן די פערד, ריידנדיק ווי צו זיך אַליין. — אַצינד, הא, זעט איר, אַז איך ווייס. אַ כידעש אַ ביסל! מײַן גאַנצן לעבן אַ פורמאַן בין איך, געלויבט דער אייבער־שטער, זאָל איך ניט וויסן, ווו וווינט פײַוול דער קליינער! אַ גע־לעכטער, כ'לעבן. איך טאַפּ אָן, ווי אַ ראָוו, אַלע שווערע ערטער דאָ אין דער פינצטער. די פערד מײַנע, לעהאַוודל, זײַנען אויך גרויסע לאַמדאָנים דאָ... האָט זי עס מיך געפרעגט אַ שײַלע: אויב איך ווייס, ווו זיצט פײַוול דער קליינער!.. אָט האָט איר אײַך דאָס הויז פײַוול דעם קליינעמס, אָדער פײַוול יאָקטאָן, ווי ער הייסט בײַ אונדז!

אַזוי האָט גערעדט פאַר זיך דער באַריידעוודיקער פורמאַן, אַרײַנלייגנדיק אין קעשענע דאָס פור־געלט, און אַוועקגעפֿאָרן צוריק.

דער טויער פון יאָקטאָנס הויז איז געווען צוגעשלאָסן. די „טערקיניע" האָט דערופּ זיך ניט שטאַרק מעצאַער געווען. ווען אַפילע ער זאָל זײַן אָפּן, וואָלט זי אויך אין שטוב ניט אַרײַנגעגאַנגען. עס וואָלט געקאָנט פאַלן אָפּ איר אַ כשאַד און איר גאַנצער פּלאַן קאַליע ווערן. זי האָט געוווסט, ווער פײַוול דער קליינער איז, אַז ער איז איינער פון לייווי באָכערס באַנדע, אַ מאַמזער, אַ פאַרדאָרבע־נער, ווי ער.

אַצינד איז בײַ איר געווען גאַנץ קלאָר, אַז בײַ אים אין הויז האָט די מומע באַהאַלטן ביילען ביז עס וועט איבערגיין די בייזע שאָ. איר איז געווען, וואָס זי ווייסט, ווו ביילע געפינט זיך, איצט וועט זי זיך באַטראַכטן, וואָס זי האָט ווײַטער צו טאָן.

די נאכט האָט דער „טערקיניע״ זיך נישט צוגעמאכט קיין אויג, זי האָט אַלץ געטראכט: וואָס טוט מען, וואָס הייבט מען אָן?

לסוף קומט איר אפן זינען — דער קאָמיסיאָנער רעפאָעל, פון וועלכן איציק פאקטער האָט גערעדט. דערביי שטעלט זי זיך אָפּ, טראכטנדיק: אָט דאָס איז דער, וואָס ארבעט אזוי שטארק!

אפן מאָרגן האָט זי זיך דערפרעגט צו רעפאָעלן, געקומען בעשאס ער האָט געשמועסט מיט רעב אווראָמען, און אים דערציילט בעסאָד די גאנצע מייסע.

דער פערטער קאַפּיטל

דער וואָס מיינט, אַז רעב אָשער דער מעקלער איז פאַרב שלעכטנ באַגעגעניש ברויגעז געווען אַפ רעפאָעלן אַ לאַנגע צײַט — האָט, זאָל מוחל זײַן, אַ גרויסן טאָעס.

רעב אָשער איז דאָך נאָך אַלע זאַכן פאָרט אַ ייִד, וועלכן עס מאַכט ניט אַזוי אויס דער נאַרישער קאָוועד, וואָס נעמט אָן פאַר ליב אַמאָל אויך אַ פּאַטש, נישט צו מאַכן זיך דערפון אַזאַ פיירעש, כאָלילע. וואָלט רעפאָעל געווען אַ „פּאָרעצ", מעג מען זײַן זיכער, אַז רעב אָשערן וואָלט קלאָל ניט אײַנגעפאַלן פאַריבל צו האָבן, כאָלילע, אפילע ווען ער, דער פּאָרעצ, הייסט עס, וואָלט אים געגעבן אין קאַרק און אַראָפּגעשלײַדערט פון אַלע טרעפּ. ער, רעב אָשער, הייסט עס, וואָלט זיך אופגעשטאַנען, אויב נאָר ער וואָלט ניט געבראָכן האַלדז־און־געניק, מיט דעם אייבערשטנס הילף אָפּגעשאָקלט די פּאָלעס, געמאַכט מיט אַ קרימעלע: עט! און צוריק אַרופ צום פּאָרעצ מיט אָפּשײַ, מיט אַ בוק, פּרוּוון נאָכאַמאָל טאַקע קריכן צו אים מיט אַ געשעפטל, אולי ירחם[1]. און פאַרקערט, וואָלט רעפאָעל געווען אַ ייִדל, טאַקע אַ ייִדל וואָס הייסט, מיט די ביינער, וואָלט רעב אָשער גערעדט מיט אים אָן מאַכזאָקעס, ווי אַ ייִד מיט אַ ייִדן, ניט מאַכנדיק קיין צערעמאָניעס, גוט אָפּגעשייגעצט אים, ווי ער פאַרדינט, אין דער הייסער רעגע טאַקע, און אוועקגעגאַנגען

1 אולײַ יעראַכיים.

גאַנץ רויִק מיט דער דייע, מאָרגן, אימיר־צעשעם, ווידער אַרײַנגייִן צו אים, איבערשמועסן דעם אייסעק אַזוי און פאַרקערט. רעפאָעל אָבער איז דאָך ניט דאָס, ניט יענץ, אָדער דאָס און ניט דאָס, יענץ און ניט יענץ. ריידן מיט אים אַפ דעם שטייגער, ווי מיט אַ ייִדן: — איך דיך אַ שטופּ, דו מיך אַ שטופּ; איך דיך אַ נעם בײַ דײַן בערדל, געבנדיק דיר צו פאַרשטיין מיטן גראָבן פינגער, און דו מיך אַ נעם בײַ מײַן בערדל, געבנדיק מיר צו פאַרשטיין מיט דײַן גראָבן פינגער, — אַזוינס צו טאָן איז גאָר ניט מעגלעך. עמעס טאַקע, ער איז מאַחינו בני ישראל [1], אָבער אין דער האַלבאָשע, אין דער באַנעמונג זײַנער איז עפּעס נישט דאָס... ניט ייִדישלעך. מיט אים באַנעמען זיך אַזוי־זיך, גוטברודערשאַפט, מײַסע־ייִד — כאָלילעוועכאַס! עלע וואָס דען זשע, האָבן פאַר אים דערעכערעץ, אַראָפּשלינגען זײַנס אַ באַליידיקונג און שטיין פאַר אים ווי אַ קנעכט, אָדער ווי אַ ייִד פאַר אַ פּאָרעץ, איז ער דאָך אין גרונט גענומען פּאָרט אַ ייִד, ווען אַפילע ניט אינגאַנצן, איז ער ווייניקסטנס אַ שטיקל ייִד.

דעריבער איז גאָר קיין וווּנדער ניט, אַז אַזאַ שלעכט באַגעגעניש, וואָס רעב אָשער האָט געהאַט בײַ רעפאָעלן, ניט צו קאָנען אַראָפּשלינגען עס, ניט אָפּצוענטפערן צוריק, האָט אים שטאַרק צעמישט, און דאָס האַרץ איז שיר אים ניט צעפּוקעט געוואָרן פאַר קאַס אינווייניק אין זיך. אַפילע אַ מעקלער אַ מאַלעך וואָלט אויך געקאָנט, סאָנע־ציִען, צעפּוקעט ווערן, ניט אויסהאַלטנדיק אַזוינס. גלײַך געטאָן האָט טאַקע רעב אָשער, וואָס ער האָט זיך געשווינד אַרויסגערוקט פון שטוב מיט פאַרדראָס. וויבאַלד אַרויס אַפ דער גאַס, האָט ער אויסגעלאָזט זײַן קאַס, זײַן שווער ביטער געמיט צו רעפאָעלן אונטער די אויגן. און איז געווען זייער גערעכט. לעהאַוודל, אַ הונט אַפילע, וואָס כאַפּט זיך אַרויס פון דער קלעם, פון צווישן דער טיר, אַפּ דער גאַס, הייבט אויף דעם ווידל, אָפּשטעלנדיק זיך, און בילט אויך פונדערווײַטנס. נאָך זייער שיין פון רעב אָשערן, וואָס כאָטש מיטן מויל גאַנץ עפנטלעך — אין אַזאַ פאַל איז אַ ייִד אַמאָל ניט פויל אַפ דער פּען אַרײַנצושיקן שטילערהייט אַהין, אַהין... שוואַרץ אַפ ווײַס, אַ „שיר־האַמײַלע" אויך. קוים האָט רעב אָשער אויסגעגאָסן

---

1 מייאַכיינו בניי ייִסראָעל.

דאָס הארץ, אויסגערעדט זיך פאר לײַטן, איז אים אָפּגעגאנגען דער קאס און ער איז אָפּגעקילט געוואָרן.

„עט, ווי איך בין א ייִד! — טראכט בא זיך רעב אָשער, איבערבעטנדיק זיך מיט רעפּאָעלן אין הארצן. — און אז ער האָט געזאָגט דאָס און דאָס, מעכאבעד געווען מיך מיט א וואָרט, אזוי און אזוי... מײַלע איז וואָס? גאָרנישט, כ׳לעבן, העוול־האוואָלים! דער גאנצער נארישער קאָוועד איז ניט ווערט קיין גראָשן. און וואָס קער זיך אָן אזא שטוסערײַ צום האנדל?.. א רעבעטער סויכער יאָגט זיך ניט נאָך קאָוועד. אין טאכלעס, אין טאכלעס ארײַן קוקט ער, אָט וואָס!.. נאָך דעם גאנצן פײַערן זײַנעם אָפּ מיר, אז איך בין אזוינער און אזוינער... לאָז איך פונדעסטוועגן ניט אָפּ דעם אייסעק. הײַנט אָדער מאָרגן וועט ער אים, מיט דעם אייבערשטנס הילף, אָנעמען, נישקאָשע! ער מעג זיך בײַזערן, שפּרינגען „בואי בשלום"[1] וויפל ער וויל... וואָס איז עס פאר א לאָשן: „איך וויל ניט"! ער וויל ניט, און איך ווו בין? איך, הייסט עס, בין גאָרנישט, מײַן ווילן איז עט־שמעט?.. נאָך א טאָג, נאָך עטלעכע טעג וועלן מיר זען, וועמעס ווילן איז שטארקער. נישקאָשע, עס הייבט מיך ניט אָן צו ארן!.. אײַ־אײַ־אײַ, — טוט זיך פּלוצים רעב אָשער א כאַפּ, קראצנדיק זיך בא דער פּייע מיט א זיפץ, — עס הייבט מיך ניט אָן צו ארן, זאָג איך. אוי, ארט מיך, זייער שטארק אפילע — הײַנט איז דאָך דאָנערשטיק, אז אָך און ווי מיר!"

דאָנערשטיק איז א שווערער טאָג פאר א ייִדן. דאָנערשטיק בעט דאָס ווײַב געלט אָפּ שאבעס. אן אָרעמער ייִד דאָנערשטיק איז דאָס וואָס א בייזע פליג, א זלידנע, סאָף זומער: עס קריכט, זוכט, נישטערט, שטעקט ארײַן דאָס נעזל אין איטלעכער זאך, אײַנשטעלנדיק זיך פּאָשעט דאָס לעבן...

נאָך אלע שווערע מי רעב אָשער דעם מעקלערס, נאָך זײַן ארומלויפן, פּארטראָגנקײַט, הו־הא טאָג ווי נאכט, האָט ער געלעבט אין נויט, און אלע דאָנערשטיק פלעגט אים, ווי אלע ייִדן עוויוינים, די נעשאָמע אויסגיין פאר א גראָשן, ביז אים פלעגט געראָטן בא איינעם א באקאנטן צו דערטאפּן עטלעכע גילדן א גמילעסכעסעד. און אין דעם דאָנערשטיק גראָד איז אים געווען ערגער נאָך ווי טאָמיד,

1 „בויע בעשאָלוים".

ווײַל ס'איז שוין ניט געווען מער בא וועמען צו לײַען. פאַלט אים אײַן — רעפּאָעל! בעטן הײַנט א גמילעסכעסעד בא רעפּאָעלן, מוכל זײַן אים, וואָס ער האָט אים פּויגייע־בעקאָוועד געווען. „א ייִד טאָר ניט ברויגעז זײַן" — טראַכט בא זיך רעב אָשער, אויסשטעלנדיק אין געדאַנק א קלוג שמועסל מיט רעפּאָעלן. אָנהייבן זאָל זיך עס גלאַט אזוי זיך, אין דער וועלט ארײַן, עס וועט זיך אזוי קײַקלען, קײַקלען, ביז עס וועט צוקומען צו דער מאַטבייע — אָט דאָס מיינט דער פּאָסעק!.. ער גלעט זיך דאָס בערדל, מעשונע האַנאָע האָבנדיק, גלײַך ווי א געפּילט העכטל ליגט פאר א'מ אפן טעלער און דער רייעך פון שאַבעסדיקע מײַכאָלים פארגייט אים אין נאָז ארײַן. און ווי ער שטעלט א פוס, גרייט צו גיין, דערזעט ער פונדערווײַטנס פאָרנדיק רעפּאָעלן, און קענטיק אין פּאָנעם, אז ער איז שטארק פארטראָגן, פּאָרט גיכער אָפּארבעטן א געשעפט. רעב אָשערן האָט עס געגעבן א קלאַפּ אין הארצן. ער בלײַבט פארגאַפט, אופעפענענדיק דאָס מויל און אופשטעלנדיק די נאָז.

„דאָס איז ניט גלאַט אזוי זיך א פּאָר, — טראַכט איבער בא זיך רעב אָשער, — אוי, פארשטיי איך! איך פארשטיי, נישקאָשע, וואָס איז אפ אים אזוי דאָס אײַלעניש. שווער מיך אָפּצונארן, דאָס לויפט ער אָפּמאַכן דעם אייסעק אָן מיר. אוי, ווי זאָל איך עס אויס-האַלטן, ניט מעשוגע צו ווערן, אז איך זע ווי מײַן ארבעט, מײַן מי גייט פארלאָרן? איך לייג פּאָר דעם אייסעק, טו, ארבעט, קריך אויס דער הויט, רייד-רייד, ווער צעזעצט ריידנדיק, און ער... ער מיינט, איך בין א קינד, א מעלופן־קינד בין איך, מעג ער מיט מיר טאָן וואָס ער וויל. ניין, ברודער! איך האָב א נאָז און שמעק, פונדערווײַטנס שמעק איך אָן"...

און רעב אָשערס נאָז טוט זיך א קרים. דער צאָרן איז גרויס. נאָר הײַנט איז דאָך אָבער דאָנערשטיק. די ליידיקע קעשענע, די ביטערע נויט דערמאָנען רעב אָשערן, אז א ייִד א קאַפּצן טאָר ניט אין כּאַס זײַן, מוז אָנעמען פאר ליב א פּאַטש אויך. וויפל יענע זאָלן אים ניט קריוודען, צופּן, רײַסן, מוז ער די ווייטעקן טראָגן שטיל אין זיך, ארונטערלייגן זיך אונטער יענע שיינע לײַט, זיי נאָך בענטשן — מײַ־ריכ־יאָמים זאָלן זיי זײַן, און לויבן אין טאָג ארײַן מיט א זיס פריילעך פּענעמל קלוימערשט.

און רעב אָשער האלט אײַן דעם קאס, גלײַכט אויס די נאָז, נעמט אַפ זיך ארופ א זיסע ליכטיקע צורע און לאָזט זיך אינ א פּאָר שאָ ארום גײנ צו רעפּאָעלן, הײבנ בא אימ א גמילעסכעסעד לעקאָוועד שאבעס. נאָר — ווי איז אימ און דעם פינצטערנ מאזל זײַנעמ — ניטאָ רעפּאָעל אינ דער הײמ! ער פילט זיך ניט גײנ נאָך א פּאָר מאָל, און אלצ טאקע — ניטאָ רעפּאָעל! אײנ גאָט דער לעבעדיקער ווײסט, ווי שטארק אָנגעזאלצנ רעב אָשערנ איז געווענ אפנ הארצנ. איז דער טאָג אימ פארגאנגענ אינ צאָרעס, דערפאר האָט ער אינ אָוונט זיך א ביסל אונטערגעהעצקעט.

ס'איז געווענ „לײַהודימ" — א סימכע, א פרײד אפ ייִדנס קעפּ!

ראָשכוידעש אָוו צום מוילעד האָט זיך גענדערט די פּאָגאָדע, פּונקט פארקערט ווי דער לועך שרײַבט. דאָרט שטײט: שײנע, לויטערע טעג, מיטאמאָל גאָר איז קעלט און רעגנס, ווי אָסיענ־צײַט. ייִדנ קריכנ, נעבעך, ביזנ האלדז ווײַט אינ די גלופּסקער בלאָטעס מיט די שיך און זאָקנ, און ייִדישע טעכטער מיט די זײַדענע קלײדער און גילדערנע בראסלעטנ. מײלע אפ קלײדער, וואָס ווערנ פארשמירט, פארשלומפּערט, איז דער ווײטעק נאָך ניט אזוי גרויס, וואָרעמ דערופ זײַנענ זײ דאָך לאנג, אומגעלומפּערט, קעדײ טאקע ארופנעמענ אפ זיך די בלאָטע. ווי געטאָנ האָט ייִדנ דאָס הארצ — אפ דער לעוואָנע: ניטאָ די לעוואָנע! ייִדנ כאלעשנ כאָטש אפ אײנ מינוט אָנקוקנ איר ליכטיק פּאָנעמ. סטײַטש, ס'איז שוינ אוועק דער ערשטער קווארטל, זי איז שוינ אפ דער צײַט, אונטערגעוואקסנ ווי מע באדארפ, ראוי לברכה[1], טאקע נעמ און זײַ זי מעקאדעש כדת ישראל[2], גאנצ ייִדישלעך — און זי באהאלט זיך, עפּעס נאָר טאקע ווי זי שעמט זיך... פּלוצימ הײבנ אָנ דאָנערשטיק פארנאכט קרײענ די הענער. עס טוט א בלאָז א ווינטל, עס צעגײענ זיך די וואָלקנס, און א שײנע קלאָרע לעוואָנע, ווי אָנ אויסגעצוואָגענע, אויסגעפּוצטע קאלע, טרעט ארויס האָפעדיק, באגלײט פונ דער גרויסער מישפּאָכע שטערנ, פײַנע מעכוטאָנימ, אײַנגעטונקטע אינ גאָלד, אינ בריליאנטנ, און גאנצ גלופּסק מיט אירע קאליזשעס באקומענ א שײַנענדיק פּאָנעמ. עס פינקלט,

---

1 ראָוי ליווראָכאָ.

2 קעדאס ייִסראָעל.

עס לויכט אומעטום! יִידעלעכ לויפנ אָנזאָגנ די בסורע, אונטער־טרײַבנדיק אײנער דעם אנדערנ: גיכער, פײַטל! אהער, אהער, זאָרעכ, גרוינעם, סענדער, פישל! בערל דער שוסטער הייבט זיכ געשווינד אופ פונעם קלעצל, שמערל דער שנײַדער לייגט אוועק די ארבעט, פארשטעקנדיק אינ לאצ די נאָדל, לויפנ ארויס אונ שטעלנ זיכ קוקנ דער לעוואָנע אינ איר ליכטיקער צורע. דאָס גאנצע געזעמל צעשאָקלט זיכ, שרײַענדיק אפ אלערליי מינע קוילעס. עס לאָזנ זיכ הערנ בײַ־קעלכלעכ דינינקע פונ קליינע יִינגלעכ, גרעבלעכע פונ באָכעריִמ, גראָבע, הייזעריקע, פארלעגערטע, באסאָווע אפ דער געמבע פונ אלטע, באטאָגטע, גרײַז־גרויע, פאָנפעוואטע, לאנגנעזיקע אונ ברייטבײַכיקע באלעבאטימ. די לעוואָנע גייט זיכ איר וועג, אונ יִידנ שפרינגענ, העצקענ זיכ איר אנטקעגנ לעבעדיק, פריילעכ.

אויכ אונדזער רעב אָשער העצקעט זיכ אפ די שפיצ פינגער צווישנ דעם געזעמל. דערזעענדיק דאָרט לעבנ זיכ רעב אווראָמענ, טוט ער זיכ צו אימ א בוק עפעס מעשונע, זאָגנדיק מיט א ניגנ דרײַ מאָל:

— שאָלעמ־אלייכעמ!

— שאָלעמ־אלייכעמ, אלייכעמ־שאָלעמ! — ענטפערט אָפ רעב אווראָמ, מאפסיק זײַענדיק אינמיטנ ווו ער האלט. אונ אינ א מינוט ארומ בײַטנ זיכ די יאָצרעס. רעב אווראָמ קערט אויס דאָס פאָנעמ, זאָגנדיק מיט א בוק דרײַ מאָל „שאָלעמ־אלייכעמ" רעב אָשערנ, אונ רעב אָשער ענטפערט אימ אָפ „אלייכעמ־שאָלעמ" בעשאס אונטער־העצקענ זיכ באמ „כשם שאני רוקד"[1] אנטקעגנ דער לעוואָנע.

אונ ווי זיי העצקענ זיכ דאָ ביידע, בוקנ זיכ אונ זאָגנ „שאָ־לעמ־אלייכעמ" אײנער צומ אנדערנ, פאָרט געשווינד פארבײַ זיי א פאיִעטאָנ מיט דרײַ פארשוינענ אינווייניק. רעב אָשער דערקענט באלד דאָרט רעפאָעלנ אונ ווערט פארצאפלט מיט די ביינער. עס ענדערט זיכ אימ דאָס קאָל, גלײַכ ווי א ביינ וואָלט זיכ אימ געשטעלט אינ האלדז, פונ גראָב ווערט עס דינ, אונ ער לאָזט אויס דאָס דאווענ מיט א וויינענדיקנ פישטש. די נעשאָמע זײַנע וויינט אינ אימ, פאר גרויס וויטעק אונ פארדרוס, וואָס רעפאָעל נארט אימ, מאכט שטי־

1„קעשיימ שעאני רויקייד".

לערהייט אָפּ געשעפּטן אָן אים. ער שטשירעט אויס איין אויג אפּ רעב אווראָמען, קוקט אים אָן שארף, טראַכטנדיק בא זיך: „מע באדארף דיך גוט אויסטאפּן. איך וועל דיך, פעטער, נעמען אפּן צימבל. פון דיר וועל איך מיך דערגיין אַלצדינג!״

ייִדן ענדיקן דאָס דאַוונען און שפּײַען אויס, פאַנאַנדערגייענדיק זיך איטלעכער צו זיך אהיים. רעב אווראָם שפּײַט אויך אויס און וויל גיין זײַן וועג, נאָר רעב אָשער נעמט אים אָן בא דער פּאָלע און זאָגט:

— וואָס אײַלט איר זיך אזוי, רעב אווראָם? וואַרט א ביסל, זײַט זשע מויכל, וועלן מיר גיין צוזאַמען. איר גייט דאָך אהײם.

— ס'טוט מיר זייער לייד, וואָס היינטיקס מאָל האָבן מיר צו גיין ניט אפּ איין וועג, — מאַכט רעב אווראָם, — איך גיי צו רעפּאָעלן, גיי איך איצט.

— אָך, זייער גוט! — זאָגט רעב אָשער, א סמאַרע געבענדיק מיט דער נאָז פאַר גרויס האַנאָע. — אויב אזוי, וועל איך אײַך באַגלייטן, און גייענדיק וועל איך דערווײַל שמועסן מיט אײַך וועגן עפּעס אַן איניען.

— מעכעטייסע, אז איר ווילט זיך מאַטריִעך זײַן, אָך!

— מה נאמר ומה נדבר?[1] וואָס זאָל איך זאָגן, וואָס זאָל איך ריידן? — הייבט אָן רעב אָשער גייענדיק זײַן שמועס פול מיט שמאַד־שטיק. — אונדזער באַגעגענען זיך דאָ היינט, רעב אווראָם, איז מן השמים,[2] טאַקע נאָר פון גאָט. באַגעגענען אזא מענטשן, ווי איר, באַלד נאָך קידעש־לעוואָנע איז א גוטער סימען. ס'וועט, אימירצעשעם, זײַן א מאַזלדיקער כוידעש, אָמיין. האַלעווײַ, ריבוינעשעלוילעם! איך זאָג טאַמיד, אומעטום, אין מאַרק, אין די קאָנטאָרן, זאָג איך: נאָר בא איינעם איז נאָך דאָ דער עמעס, יוישער, גערעכטיקײַט און דאָס פּינטעלע ייִדישקײַט. און בא וועמען? — בא רעב אווראָמען! אוי, רעב אווראָם, רעב אווראָם, איז עס היינט א צײַט, רעב אווראָם! וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר?... איר ווייסט אײַך אײַער בעסמעדרעש, איר זיצט זיך „על התורה ועל העבודה״[3], לערנט, דאַוונט. אז וויל

---

1 מאַ נוימאַר אומאַ נעדאַבייר?

2 מין האַשאָמאַיִם.

3 „אַל האַטוירע וועאַל האָאַווידאָ״.

איז אײַך! אוי, ווען איר זאָלט וויסן אונדזערע סאָכרים, די קרעמער, די מארק־מענטשן אונדזערע — זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאר די רייד — אלצדינג קאָנען זיי. ניטאָ קיין וואָר וואָרט בא זיי, יאָ איז ניט יאָ, ניין איז ניט ניין, א שוווּע ניט קיין שוווּע. „ויאמר"[1] איז דער טײַטש געבולן, „וידבר"[2] — מאניפּאָרגע, הענטשקע־לאָשן, אזוי אלץ הינטן־ארום, הינטן־ארום. איטלעכער מיינט נאָר זיך, זײַן טויווע, די גאנצע וועלט איז באשאפן געוואָרן נאָר פאר אים, פאר אים איינעם. אין פלוג, אָנקוקנדיק זיי, זײַנען זיי, דאכט זיך, מענטשן, פײַנע־בעריעס, פירער, נאָר... וואָס העלפט דאָס ריידן — הכל הבל[3], ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט! מיינט איר דאָך, אוודע קאָנט איר דאָך מיינען, אז ער... רעפאָעל אײַערער, לעמאָשל... — שטאמלט רעב אָשער, ניט ענדיקנדיק זײַנע ווערטער, שטעלט אויס די אויגן אף רעב אווראָמען שווײַגנדיק, צו זען, אויב ער פארשטייט זיך אפן ווונק און אויב דער ווונק איז אים לעראָצן, און מע מעג ארויסזאָגן זיך פאר אים שוין טאקע גרעבלעך.

— וואָס ער? וואָס, אשטייגער, רעפאָעל מײַנער, לעמאָשל? — פרעגט רעב אווראָם אופגעבראכט. — הא, עפשער איז רעפאָעל קיין אָרנטלעכער מאן נישט?!

— אײַ־אײַ, רעב אווראָם! האָט איר דאָך, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, האָט איר מיך דאָך ניט פארשטאנען. אדעראבע, פארקערט! דער פשאט פון מײַנע ווערטער איז אזוי: קאָנט איר דאָך מיינען, אז רעפאָעל, רעב רעפאָעל אײַערער, איז אויך, לעמאָש״, ווי יענע לײַט? כאסוועשאָלעם! האָט קיין טאָעס נישט! זאָג איך אײַך, ער איז א צאדיק טאָמים!.. בא „כאקראָנים" איז נאָך דאָ אויך יוישער. א וואָרט איז בא זיי א וואָרט. איך האָב אים ליב, בעמעס ליב. פונזײַנטוועגן בין איך גרייט כאָטש אין פײַער, אין וואסער. איר מעגט עס אים טאקע איבערגעבן. נישקאָשע, דאָס וועט ניִט הייסן קיין רעכילעס... יאָ, אָבער, — שטעלט זיך אָפּ אינמיטן שמועס רעב

1 וואיוימאר״.
2 ״ווײַדאבייר״.
3 ״האקויל העוועל.

אָשער מיט א זיפֿץ, ווי ס'איז אים שווער ארויסצוזאָגן, — אָבער ס'איז א ווייטעק צו זאָגן, ער... רעב רעפֿאָעל אײַערער, איז א ביסל ניט יויצע אקעגן מיר...

— מיט וואָס, אשטייגער? שטאמלט ניט, רעב אָשער, רעדט דײַנע דיבורים.

— טא... אז איר פֿאָדערט אזוי, מוז איך אײַך זאָגן, רעב אווראָם, — מאכט רעב אָשער מיט א קנייטשעלע, ווי ער טוט עס ניט גערן, — ווען זאָל איך זאָגן, ווען ניט אײַך, רעב אווראָם?.. איך בעט אײַך, וואָס, אשטייגער, וואָלט מאלאָכוי געזאָגט, ווען מאלאָכוי, איר, הייסט עס, וואָלט פֿאַרגעלייגט איינעם גוטע אייסאָקים, ראיעלע, געטאָן, געארבעט, אָנגערעדט זיך ווי א פּויק, און לעסאָף וואָלט יענער שטילערהייט אָפּגעמאכט די אייסאָקים, שא־קיטש? איר פֿארשטייט דאָך אצינד אקעגן וועמען איך רייד...

— איר האָט א טאָעס, רעב אָשער! רעפֿאָעל איז ניט דער מענטש צו טאָן אזוינס. ניין, ניין!

— און אז יאָ, אויב אזוי ווי איך זאָג, וואָס וועט זײַן?

— וועל איך געבן קנאס, וויפֿל איר אליין וועט הייסן.

— אויב אזוי, זאָל מאלאָכוי זיך מאטריעכ זײַן צו דערגיין, וווהין איז ער עס הײַנט אזוי פֿארטראָגן, גאָר אין איין אָטעם ארום־געפֿאָרן דעם גאנצן טאָג. נאָר, שא, זאָל עס בלײַבן צווישן אונדז, פֿארזיכערט איר מיך דערוף, רעב אווראָם, מיט אײַער וואָרט, בהן שלכם [1], מיט אײַער הענט?

— בהן שלי!.. [2] נו, אָט זײַנען מיר שוין געקומען, רעב אָשער, א גוטע־נאכט!

— וואָס דענקט איר, רעב אווראָם, עפשער זאָל איך אויך ארײַנגיין, אז איך בין שוין דאָ, הא?

— אז איר ווילט, מעכעטייסע. ווער לאָזט אײַך ניט? קומט!

רעב אָשער גייט אין אנגסטן הינטער רעב אווראָמען און איז אים מעכאבעד מיט עפֿענען די טיר.

---

1 בעהענ שעלאָכעמ.

2 בעהענ שעלי.

— פארשלאָסן! — זאָגט רעב אווראָם. — רעפּאָל איז ניטאָ אין דער היים.

— אָ־וואַ! — קרעכצט רעב אָשער און שילט אין הארצן דעם פינצטערן מאזל זײַנעם. — וואָס טוט מען אצינד?

— גאָרנישט! — ענטפערט רעב אווראָם ווי א טאַם. — אצינד גייט מען אהיים שלאָפן, אויסרוען זיך נאָך אזא טאָג ארבעט. איך באדארף נאָך ארײַן אין אן אָרט, וועל איך מיר דורכגיין דורך דעם הויף אפּ דער אנדערער גאַס. א גוטע-נאכט!

— וואַרט, זײַט מויכל, וואַרט א ביסל, רעב אווראָם. ע־ע־ע! — מאכט רעב אָשער ווי מיט א האלבן מויל, קראצנדיק זיך בא דער פּייע. — אָ-וואַ, שלעכט... ערעוו־שאבעס... פארשטייט איר?.. איך קאָן ניט, אוי־אוי, קומען אהיים... עפּשער געפינט זיך, עפּשער בא אײַך עפּעס געלט? בים-בים-בים!

— מײַן גאנצע פארמעגן נאָר א קלייניקײַט. ווילט איר, קאָן איך עס אײַך לײַען, — זאָגט רעב אווראָם, ארײַנלייגנדיק די האנט צו זיך אין קעשענע.

די לעוואָנע האָט צוגעזען פונעם הימל די דאָזיקע טרויערדיקע סצענע, איז געווען אן איידעס, ווי ייִדן, מישטיינסגעזאָגט, זײַנען זיך מעפארנעס; ווי רעב אָשער, דער הויפּט־מעקלער, וואָס איז שטענדיק פארטראָגן אין געשעפטן, האָט מיט א ביטערן זיפץ ארײַנגעלייגט אין קעשענע דעם גמילעסכעסעד, וואָס ער האָט גענומען בא רעב אווראָמען אפּ שאבעס. און נאָך אזויפיל ארבעט, נאָך אזויפיל אָנלויפן זיך ווי א הונט א גאנצן טאָג, איז ער מיט עטלעכע גראָשן, ניט זײַנע, געקומען מיד, צעבראָכן אהיים, צום ווײַב און קינדער...

די לעוואָנע האָט געזען דעם דאָזיקן ייִדן, זײַן קאָפּדרייעניש, זײַן נויט, דאָס ביטערע עלנט זײַנס, און איז זיך געגאנגען אומעטיק פארטראכט.

און דער הונט דאָרט, אוי־ווײ, דער הונט דאָרט בילט!..

דער פינפטער קאפיטל

ארויסגייענדיק אין גאס, אפ יענער זייט הויף, האָט רעב אווראָם דערזען, ווי רעפּאָעל שטייט און רעדט דאָרט מיט דעם אייגענעם ווייבל, וואָס איז צו אים געקומען היינט באטאָג. איר שיינענדיק פּאָנעם באם אָפּגלאנץ פון דער לעוואָנע נעמט זיך אויס אין דער טונקלקייט פון דער נאכט, ווי א ווייס געמאָלט בילד אף א שווארצן גרונט, און באקומט דאדורך נאָך מער כיין. ער קוקט זי אָן — און די בילד־שיינע שולאמיס, וואָס אין „שיר-האשירים", טרעט פאר אים אין געדאנק ארויס מיט די אלע פסוקים, אלע ליבּ־ווערטער וועגן איר דאָרט, וואָס הייַנטיקס מאָל איז עס אים ניט גלאט אזוי, א מאָשל אקעגן די קנעסעס־ייסראָעל, נאָר טאקע פּאָשעט א שיין ווייבל. רעב אווראָם טוט זיך אָן א נויט, לאָזט אראָפּ די אויגן, דערווייַטערנדיק זיך, גלייך ווי נישט באמערקט. נאָר רעפּאָעל אָבער האָט אים יאָ באמערקט, גייט ער צו, גיט אים דעם שליסל און זאָגט:

— נאט, גייט אריין, זייט מויכל, צו מיר. איך וועל באלד אָנקומען.

די לעוואָנע קוקט דורכן פענצטער אין שטוב אריין, און א ברייטער פּאס פון גילדערנע פלימערלעך ציט זיך פון איר צו רעב אווראָמען, גלייך ווי ער עפנט די טיר. די גילדערנע פלימערלעך קלעטערן טאנצנדיק ארויף אים אף דער ברוסט, אפן האלדז, פון דאָרט אף דער באָרד, אפן קאָפּ. און מינע געדאנקען, מעשונעדיקע,

שטופּן זיך מיט גוואַלד אַרײַן צו אים אין האַרץ, פֿאַרפֿירנדיק ווי־
מיִעסע קונדייסים. דער יעיצערטאָוו, נעבעך, ראַנגלט זיך מיט די דאָ־
זיקע קונדייסים, טרײַבט זיי, אָבער עס העלפֿט ניט — די „שולאַמיס״
גייט ניט אַרויס אים פֿונעם האַרצן!
— וואָס איז עפּעס אין דער פֿינצטער, רעב אוורהאָם? — זאָגט
רעפֿאָעל באַם אַרײַנקומען. — פֿאַרוואָס האָט איר ניט אָנגעצונדן קיין
ליכט?
— ס'איז מיר גוט אָן ליכט אויך, אַזוי בײַ דער שײַן פֿון דער
לעוואָנע.
— איך זיץ אויך אַמאָל אַזוי בײַ דער שײַן פֿון דער לעוואָנע
מיט גרויס פֿאַרגעניגן, — זאָגט רעפֿאָעל, זעצנדיק זיך לעבן רעב אוו־
ראָמען, — אין דעם דאָזיקן פּאַס ליכט, דאַכט זיך מיר, זע איך אַ
העלן לייטער פֿון דער ערד ביזן הימל, און די געדאַנקען מײַנע
קלעטערן אַף אים, ווי די מלאָכים, אַרויף און אַראָפּ. דאָס האַרץ
פֿילט, ווי עס לאָזט זיך אים הערן פֿונדערווײַטנס אַ גרויס ערגעץ
פֿון אַ געבורטס־אָרט העט אַמאָל, אַמאָל נאָך גאָר פֿאַרצײַטנס. עס
טרוימט זיך אים עפּעס ניט דײַטלעך־קלאָרע זאַכן, עפּעס ווי פֿאַר־
געסענע, אַלטע אַ וועלט מיט יאָרן. עפּעס בענקט עס, גלוסט עס,
נישט צו וויסן וואָס און נאָך וואָס.. איר פֿילט דאָך, רעב אוורהאָם,
די טיפֿקײַט פֿון דעם איניען, וואָס אומעגלעך אַרויסצוזאָגן אים מיט
ריינע ווערטער. איך זאָג טאָמיד, אַז איר זײַט אַ פּאָעט און די כסי־
דעס אײַערע איז געטלעכע פּאָעזיע. עמעסע, ריינע כסידעס דער־
הייבט דעם מענטשנס גײַסט, וואַרעמט אים, גיט אים אונטער פֿײַער,
היסלײַוועס הייסט עס, ווי גוטער אַלטער ווײַן, און פֿאַרטראָגט די
נעשאָמע העט־העט אין די הויכע אוילעמעס אַרײַן, אין יענע הייליג־
קע וועלטן, ווו ס'איז דאָ טרייסט, רו און אייביקער פֿרידן... דאָס
אַלצדינג איז טאַקע זייער גוט, פֿונדעסטוועגן אַ ליכט אָנצינדן באַ־
דאַרף מען פֿאָרט.
— טאַ, אויב איר ווילט! — מאַכט רעב אוורהאָם, אַ כאַפּ־טוענ־
דיק זיך, ווי ער וואָלט אויפֿגעשטאַנען פֿונעם שלאָף.
— אַצינד זײַנען מיר דאָ, אַף דער וועלט, — זאָגט רעפֿאָעל,
אָנצינדנדיק אַ ליכט, — ס'איז דאָ נײַס, רעב אוורהאָם! דער יאָסעם
איז באַפֿרײַט.

— ווער ?.. דער שקאָצ ?!

— דער „שקאָצ״ ! אויך דאָס מיידל האָט זיך געפונען.

— געפונען !.. ווו איז זי געווען ?

— אין אזא אָרט, ווו צאדיקים שטייען דאָרט נישט. עס האָט געקאָסט געגוג מי צו באפרייען זי פון יידישע הענט. א נעס, וואָס דאָס פריילן האָט זיך אונטערגעכאפט. זי האָט געראטעוועט.

— זי ! אָט די, וואָס איז היינט געקומען צו אייך ? דאָס הארצ אָבער האָט מיר געזאָגט, אז איר קומען איז ניט אומזיסט. איך בין זיך מוידע, אז פון דער צייט, וואָס איך האָב זי געזען, איז זי מיר ניט ארויס פונעם זינ. זי האָט געטאָן א גרויסע מיצווע, „יהי חלקי עמה״[1], אפ מיר געזאָגט געוואָרן א כיילעק אוילעמהאבע, וואָס זי האָט דערמיט פארדינט !

— אויב איר ווילט, רעב אוראָם, זיין א שותעפ, האָבן מיט איר א כיילעק אין אוילעמהאבע, מוזט איר דאָך כאָטש וויסן איר ביטערן כיילעק אוילעמהאזע, ווי ביטער איר איז דאָ.

אונ רעפאָעל נעמט זיך דערציילן רעב אוראָמען די מייסע מיט ביילען אונ מיט דער „טערקיניע״, דורכ וועלכער ביילע האָט זיך אופגעזוכט בא פייוול דעם קליינעם אין הויז, ווו די מומע שיינ-צע האָט זי באהאלטן, אויסלאָזנדיק די טרויערדיקע געשיכטע, שטארק אופגעבראכט, מיט אזוינע שטעכעדיקע ווערטער :

— אָט האָט איר אייך אייערע יידעלעך ! שיינע מייסעס, עפעס נאָר טאקע ווי אין סדאָם !

רעב אוראָם זיצט צעקאָכט, ווי אנ אָפגעבריטער, פאָכנדיק מיט דער יארמלקע איבערן קאָפ אונ זייער מעשונע אָנקוקנדיק רעפאָעלן.

— וואָס איז, רעב אוראָם ? אייך געפעלט נישט, אפאָנעם, וואָס איך זאָג „ווי אין סדאָם״ ?

— אוואדע, אוואדע ! זאָגט בעסער, ווי אין גאָלעס. ס׳איז א גרויסער כילעק. אין סדאָם זיינען די מענטשן, ווי אין פאָסעק שטייט, בעטעווע געווען שלעכטע אונ זינדיק. אין גאָלעס אָבער מאכט מען פון גוטע מענטשן שלעכטע, פון פרומע — זינדיקע. נויט, זאָגן אונ-

1 „יעהי כעלקי אימאָ״.

דזערע הײליקע כאכאָמים, צווינגט דעם מענטשן צו האַנדלען אַקעגן זײַן פאַרשטאַנד אי קעגן גאָט. נויט, איז דאָ דעם אוילעמס אַ ווערטל, נויט ברעכט אײַזן.

— מײלע, ווי די מײַסע איז, אַזוי צי אַזוי, די זינד בלײַבט אַ זינד. דאָס יידישע פאָלק צײכנט זיך דערווײַל מיעס אויס.

— אָט דאָס איז טאַקע די צאָרע. ווײַבאַלד אַף דעם, אַף יע־נעם אַ כעט, איז שוין קאָל־ייִסראָעל!.. דאָס פאָלק ייִסראָעל וואָס, הא, האָט געטאָן?

— אָט דאָס טאַקע איז דער כעט זײַנס, וואָס עס האָט נישט געטאָן, טראַכט נישט צו טאָן און נעמט נישט קיין מיטל קעגן די מיעסע זאַכן, וואָס טוען זיך בא אים.

— אײַ-אײַ, כ׳לעבן! — זאָגט רעב אווראָם, קרימענדיק זיך. — ווילט איר, הײסט עס, אַז ראַבאָנים, דאַיאָנים אוקעדוימע אַזוינע קאָשערע, לײַטישע מענטשן, זאָלן גײן צו אַ לייווי באָכער, אַ פײַוול דעם קלײנעם אין די הײַזלעך, שטראָפן, זיך מיעס מאַכן דאָרט מיט אַ מומע שײנצע, אַ האָדל די מעקלערן, מיט נאָך כצופּעס, דראַבקעס אַזוינע, וואָס אַ כאַרפּע גאָר צו ברענגען זיי אַפן מויל? נאָר קאָ־ווער שוין אַפילע אין דער זײַט, — מע וועט זאָגן מוסער, וועט עס דען העלפן?

— ווי אַ טויטן באַנקעס. מוסער זאָגן איז ווי פאַרריידן די צײן, ווי אָפּשפּרעכן קאַדאָכעס, אַזאַ האַפט האָט עס, — זאָגט רעפאָעל צעהיצנדיק זיך און שטײט אויף פונעם אָרט. — אוי, די מוסער־זאָגער, די מוסער־זאָגער! אוי, קען איך זיי, אונדזערע מוסער-זאָגער. קאָנען ניט צוזען יענעמס זינד, ווי אַ האָר, און זעען ניט בא זיך ווי אַ באַלקן אַ דיקע. געבוג, איבערגענוג מוסער-זאָגער בא אונדז. ניט זיי באַדאַרפן מיר האָבן, ניט אין אָפּענע מײַלער געניטיקן מיר זיך. די דאָזיקע סכוירע, און קימאַט נאָר די דאָזיקע, איז בא אונדז דאָ זײער פיל, באָרעכאַשעם. מענטשן טוערס ברויכן מיר צו האָבן, מענטשן אַר־בעטער, פאַרשטענדיקע, פּראַקטישע, וואָס באַדאַרפן טאָן, די זינד ניט צוצולאָזן, וואָס באַדאַרפן אָנעמען מיטל, זיך שטעלן אַנטקעגן די הענדלער מיט לעבעדיקער סכוירע, וואָס פאַרפירן יידישע טעכ־טער. דאָס זײַנען די שראָצים, וואָס ווימלען אין דעם שמוץ, אין די אָנגעמאַכטע, פון פרעמדע און פון אײגענע, פאַרשימלטע בלאָ־

טעס. דאָס זײַנען די װערעם אין אונדזערע װוּנדן, אין אונדזער צעפאַלן לײַב, צעריסענע גלידער און פוילע ביינער! פון יענע פאַרופענע ערטער שרײַען ארויס צו אײַך, ייִדן, אומגליקלעכע נעפאַשעס — ייִדישע טעכטער, אײַערע שוועסטער, געפאנגענע, אין דער נעץ ארײַנגעגנאַרטע! נעפאַשעס פאַרפירטע, קאָרבאָנעס, נעבעך, וואָס זאַטע לאָזן זיך ברענגען פון הונגעריקע, געבאַלעוועטע — פון אָרעמע, נויטבאַדערפטיקע! טוט, טוט עפּעס פאַר אײַערע ארײַנגעפאַלענע, אומגליקלעכע שוועסטער, ייִדן!

— גרינג צו זאָגן! וואָס קאָן א פאָלק א דערשלאָגנס, א דערנידעריקט, נעבעך, טאָן? אין חבוש[1], קיין געפּענטעטער, מוציא עצמו[2], קאָן זיך אַליין ניט באַפרײַען, מבית-האסורים[3], פון דער טפּיסע, זאָגן אונדזערע כאַכאָמים.

— קיין קלאַל פונדעסטוועגן איז עס ניט, קיין דין אויך נישט. אין לעבן געשעען פיל מאָל זאַכן, וואָס פונקט פאַרקערט. די נויט גיט אײַן דעם מענטשן סייכל און קראַפט צו טאָן אזוינס, ווי פון איר פּאַטער צו ווערן. וויפל, אשטייגער, געפּענטעטע בינדן זיך אויף און ווערן פרײַ. ווער עס זיצט פאַרלייגט די הענט און וואַרט אַפ הילף, דער איז ניט ווערט געהאָלפן צו ווערן. יוישער, ראַכמאָנעס, — דאָס זײַנען פונקען, וואָס פליִען פונעם האַרטן קרעמען, אז מע שלאָגט אים, שלאָגט מיט דעם שטאָל... קומט, רעב אווראָם, קומט צו די קינדער!

— ווו זײַנען זיי, די קינדער!? — פרעגט רעב אווראָם, גיך אופהייבנדיק זיך פונעם אָרט.

— איך האָב זיי ארײַנגעפירט צו רייזען. זאָלן זיי עסן און זיך אויסרוען דערווײַל א ביסל.

דורך דער אָפענער טיר שטרעקט עמעצער ארײַן די האַנט מיט א בריוו. רעפאָעל נעמט, עפנט דעם בריוו, און די פאַרב קומט אים אין פּאָנעם ארײַן — דאָס איז א בריוו פון כאַנצען, אין וועלכן זי גיט אים צו וויכן, אז די מאַמע איז הײַנט אוועקגעפאָרן צום

---

1 אייִנ כאָוווּש.

2 מויצי אַצמוי.

3 מיבייס-האָאַסורים.

טונעיאדעווקער, זאָל לעבן, וועגן מאכן א שאָלעם, א גוט־לעבן צווישן בענציען מיטן ווײַב, מיט איר, הייסט עס, און דער טאטע איז געפאָרן זי ביז העלפט וועג צו באגלייטן. לאָכיין איז איצט דאָ א גוטע געלעגנהײַט צו ריידן וועגן זייערע זאכן. זי ווארט אפ אים, שרײַבט זי, הײַנט אין אָוונט.

רעפאָעל גייט צוזאמען מיט רעב אווראָמען ביז דער טיר פון רייזעס הויז, דאָרט שיידט ער זיך מיט אים און גייט זײַן וועג.

פארוויסט, פארזאָרגט איז ביילע געזעסן באם טיש, ווי איינע, וואָס איז געווען מעסוקן קראנק און איז ערשט אראָפּ פונעם בעט. שטיל, אָפּגעשוואכט איז זי געזעסן אין א מין מעשונע קליידל מיט נאקעטע אָרעמס און א פינצטער טרויערדיק פּאָנעם, אזוי ווי עס וואָלט דערציילט די ווייטעקן אירע, די יעסורים, וואָס זי איז אויס־געשטאנען; דערציילט ניט מיט שטעכווערטער, מיט פארדרוס, נאָר מיט א באקאָשע, א בעטן זיך ראכמים. זי האָט ניט אָפּגעזאָגט ריי־זען צו פארזוכן א ביסל יויך, ווי א קראנק קינד טוט צוליב דער מוטער און נעמט אײַן א לעפעלע פונעם רעצעפּט, וואָס זי גיט אים.

און הערשעלע, — ער שטייט אנטקעגן איר, קוקט מיט ליב־שאפט, נישט רעכט גוט נאָך צו פארשטיין דעם טאם פונעם שרעק־לעכן ווייטעק, וואָס איז איר געשטאנען אויסגעדריקט אפן פּאָנעם, אף די בלאסע ליפּן, און וואָס אייגנטלעך איז אזוינס געלעגן אין די טרערן, וועלכע האָבן איר געטריפט פון די אויגן אין דעם לעפל געקעכץ, בא איטלעכס מאָל צוטראָגנדיק עס צום מויל. דאָס הארץ האָט אים געצויגן צו איר, געצויגן שטארק מיט אלע קויכעס, עס האָט זיך אים געוואָלט האלדזן זי, ליובען זי, אויסגיסן זיך אין טרערן מיט איר איינעם, און ווען מע וואָלט אים געזאָגט: „טו זי א קוש און שטארב", וואָלט ער עס געטאָן גערן, בשמחה רבה[1]. דאָך איז ער אָבער געשטאנען פונדערווײַטנס, ניט צו רירן זיך פונעם אָרט, פאר גרויס בושע. די בושע איז אזוי שטארק בא ייִדישע קינדער, אז זי מאכט זיי פאר גרויסע אקשאָנים, דער טויט מעג זיך זײַן, ניט ארויסצווײַזן עפנטלעך די ליבע... ער איז געשטאנען און זיך גע־שעמט, געכאפּט נאָר פונדערווײַטנס ביגנייווע אף איר א קוק.

---

1 בעסימכאָ ראבאָ.

רעב אווראָם מיט רייזענ זײַנענ געשטאַנענ באַזונדער אינ א ווינקל. זי — קלאַפּנדיק זיך אַלץ אינ הארצנ און ווישנדיק די נאָז, מיט א פּאָר איבער דעם ארבל, און ער — רײַבנדיק זיך די אויגנ, פארלאָפּענע מיט טרערנ. ביידע שאָקלענדיק מיטנ קאָפּ, אמאָל אַפּ ביילענ, אמאָל אַפּ הערשעלענ...

רעב אווראָם גלעט די באָרד, רײַבט דעם שטערנ — און דאָס הארצ וויינט אינ אים, שרײַט: „אוי־ווי, ריבוינעשעלוילעם, קוק אונ זע אונדזערע ביזיוינעס, די ביזיוינעס פונ דײַנ פאָלק יִסראָעל!״

ז י ב ע ט ע ר   ב ו כ

דער ערשטער קאפּיטל

פרייַטיק. א שיינער פרימאָרגנ. ליכט, ווארעמקייַט און א שייַנענדיקער הימל. דער רעגנ, וואָס האָט געגאָסנ באדערנאכט מיט דונערנ און בליצנ, האָט אָפּגעפּרישט די אלע געוויקסנ, וועלכע האָבנ אָנגעהויבנ געלבלעכ צו ווערנ פונ די גרויסע טאמעזדיקע היצנ, און איבעראנייַס געוואָרנ אָפּגעלעבט גרינ, ווי פריִער. אקעגנ טאָג כאפּט זיכ אופ א ווינטל, עס צעגייענ זיכ די וואָלקנס, עס ווייַזט זיכ די זונ, און די וועלט ווערט אָפּגעטונקט מיט ליכט.

באשעפענישנ אינ וואלד, אינ פעלד וואכנ אופ און דערזעענ פאר זיכ א ליבע וועלט: די גראָזנ פריש, דיביימער אָפּגעצוואָגנ, טראָפּנס טוי פינקלענ דערופ ווי דימענטנ — און זיי שעפּנ גרויס טייַנעג פונ זיי. אלע לעבעדיקע באשעפענישנ, פונעם קליינעם ווערעמל ביז די פייגל, גייענ ארויס צו זייער ארבעט, שמוצערנ, צוויטשערנ, שפּרינגענ און פליִענ, קריכנ און קלעטערנ. און די גלופּסקער פּארשוינענ פעדערנ זיכ אויכ און גייענ — באָכערים, מיידלעכ, קינד און קייט — ארויס פונ דער שטאָט צו דער „רויטער קרעטשמע", מיט אלע מינע קיילים אינ די הענט, קויפנ דאָרט וואָלוועלנ בראנפנ לעקאָווער שאבעס, ווי דער שטייגער זייערער איז פונ טאָמיד אָנ.

און הארט לעבנ וואלד, בא דער זייַט וועג, וואָס פירט פונ גלופּסק צו דער „רויטער קרעטשמע", איז לייַהודים. מיכיי דער שאבעס־גוי, וואָס הייצט בא ייִדנ די הרובעס און לעשט אויס די בענטש־

966—8

ליכט שאבעס, וואָס האנדלט אָפּ פּייסעכ דעמ גאנצנ כאָמעצ פונ דער שטאָט, — ער הוליעט עס מיט גאוורילענ דעמ שטאָט־פּאסטעכ פונ יידישע בעהיימעס, אונ ביידע זייַנענ לעבעדיק-פריילעכ. פּאר גרויס סימכע זינגענ זיי דאָס גוטע יעוואָנישע לידל מיט א ניגנדל פונ א שיקער, טאנצנדיק שטארק פארפלאמט האָפּ־האָפּ צומ טאקט פונ סטעמפּעניוס צושפּילנ אפנ פידעלע.

אָט דער דאָזיקער סטעמפּעניו איז עפּעס ניט ווי אלע אנדערע מענטשנ, מיט זייַנ פּענעמל, מיט זייַנע טנועס אונ מיט דעמ גאנצנ אויסזענ זייַנעמ, מישטיינסגעזאָגט. בא מענטשנ האָט איטלעכער פּאר זיכ איינמאָל פאר אלעמאָל זייַנ אייגענע געשטאלט, זייַנ אייגנ פּאָנעמ, כאָטש פרימעטעס אראָפּצונעמענ פונ אימ. אָבער סטעמפּעניו, איז שווער צו זאָגנ, וואָס אייגנטלעכ פאר א פּאָנעמ ער האָט, ווייַל וואָס א רעגע ווערט עס אלצ אנדערש, לויט דעמ, וואָס אימ אפּ דער לונג, אפּ דער צונג, אונ לויט די אָנשטעלנ זייַנע בעשאסמייַסע אינ דער מינוט. מאלפּעס מיט זייער שטייגער נאָכקרימענ זיכ האָבנ זיכ געמעגט באגראָבנ אקעגנ זייַנע האווייַעלעכ. ניט טאָמיד אָבער האָבנ אלע טיילנ פונעמ פּאָנעמ איניינעמ אויסגעדריקט איינ זאכ, נאָר אמאָל האָט איטלעכער פונ זיי אויסגעדריקט עפּעס גאָר אנדערש. בעשאס איינ זייַט פּאָנעמ איז פארומגרט, איז די אנדערע פול פרייד, איינ אויג וויינט, די אנדערע לאכט. מעובערעסע איז געווענ א סאקאָנע אָנצוקוקנ אימ דענסטמאָל, זיי זאָלנ ניט מאפּל זייַנ פאר שרעק. קיינמאָל האָט מענ ניט געזענ סטעמפּעניונ אינ שול, ניט אינדערוואָכנ, ניט שאבעס אונ יאָנטעוו. אויכ האָט מענ אימ ניט געזענ האלטנ יידישקייַט. פונדעסטוועגנ האָט דאָס קיינעמ ניט געארט, גאָרנישט מאכנדיק זיכ פונ אימ, גלייַכ ווי זיי וואָלטנ אימ ארויסגעלאָזט פונ דער אָרוועס, אונ זאָל ער זיכ טאָנ וואָס ער וויל, — גענוג, זיי זייַנענ שוינ מער ניט אָרעוו פאר אימ. סטעמפּעניו וויסט שפּרוכנ צו קאדאָכעס, צו ציינ-וויטעק אונ צו נאָכ אונ נאָכ מאקעס. ליבע־פּלעשעלעכ אזוינע האָט ער געהאט, וואָס איינ טראָפּנ דערפונ ארופּגיסנדיק בא א מאנצבל אפנ קלייד אָדער בא א נעקייווע איז גענוג געווענ, עס זאָל זיי אָנצינדנ א פייַערדיקע ליבע אינ הארצנ. אונ א סאכ באלאָנימ פונעמ אוילעמ זייַנענ געווענ אפּ די דאָזיקע פלעשעלעכ זייַנע, וואָס זייַנענ באקאנט געווענ אונטער זייַנ נאָמענ.

א מינ פידעלע עפעס האָט סטעמפעניו געהאט, אפ וועלכנ ער פלעגט, מישטיינסגעזאָגט, שפילנ אינ די וועלדער, אינ דערפער, אינ שענקענ אונ אינ אלע יענע ערטער, ווו שקאָצים מיט שיקסעס פלעגנ טאנצנ אינ זייערער א כאָגע. ער פלעגט דאָרטנ לוסטיק מאכנ דעמ אוילעמ אויכ מיט פאָקוסנ אונ אָנשטעלנ, שלינגענ שטיקער פייער אונ ציענ פונעמ מויל לאנגע סטענגעס, צעברעכנ אייער אינ זיינ היטל אונ ארויסלאָזנ דערפונ פליענדיקע טויבנ; נעמענ עפעס א מאטבייע בא איינעמ, א בלאָז געבנדיק אפ איר אונ זי פלעגט נישט ווערנ, אונ פלעגט זיכ דערנאָכ געפינענ אינ קעשענע בא יענעמ. האָט ער געוואָלט — איז פונ דער העלער הויט בא עמעצנ געהאנגענ א שלאָס אפנ מויל.

סטעמפעניו איז ניט איינגעזעסנ אפ איינ אָרט, נאָר ארומ־געוואנדערעוועט שטענדיק פונ איינ אָרט צומ אנדערנ, ווו עפעס א גע־זעמל, — אהא, דאָרטנ איז ער.

אצינד שפילט ער פאר מיכייענ מיט גאוורילענ. ער ריפעט אפנ פידל, זיי שפרינגענ, טאנצנ, אונ ווער עס גייט, שטעלט זיכ אָפ. אזוי אז ס'האָט זיכ פארקליבנ ארומ זיי א גרויס רעדל פונ גלופסקער אוילעמ, קינד אונ קייט, וואָס זעענ צו די סימכע, וווּנדערנדיק זיכ, וואָס איז היינט אזוינס פאר א יאָנטעוו, וואָס איז דאָ די סימכע אזוי גרויס אפ זיי.

אונ אינמיטנ דער דאָזיקער כעדווע שפרינגט פונעמ אוילעמ ארויס א יידענע מיט א יאָמער, א געוויינ, ברעכנדיק די הענט אונ שרייענדיק גוואלד אפ דער פריילעכער קאָמפאניע: „אוי, ראָצכימ, מערדערס”... אונ פאלט טאַקע באלד אינ כאלאָשעס.

עס איז א מעהומע, א געטומל, א שרעק אונ — אויס סימכע. עס פידלט נישט סטעמפעניו, מיכייע מיט גאוורילענ ניכטערנ זיכ אויס פאר שרעק. אונ דאָס פאָנעמ ווערט זיי בלאס, ווי די וואנט.

— ווער איז דאָ, ווער, וואָס? — פרעגנ איינער בא דעמ אנדערנ מיט גרויס ווּנדער.

— דאָס איז באסיע שמועל דעמ טאנדעטניקס וויב.

באסיע, אָט דאָס איז די יידענע, וואָס איז נעכטנ געקומענ אינ בעסמעדרעש געוואָר ווערנ, פארוואָס איז איר מוישעלע, וואָס לערנט דאָרטנ, ניט געקומענ אהיימ, נישט האָבנדיק אינ מויל דעמ גאנצנ טאָג, אונ ווו איז ער. אז זי האָט אימ דאָרטנ ניט געפונענ אונ

רעב אווראָמ האָט נישט געוווסט צו זאָגנ איר, ווו ער איז, איז זי פינ דאָרט אוועק מיט א געבראָכנ הארצ.

די זונ איז שוינ פארגאנגענ. עס איז שוינ פינצטערלעכ, אינ באסיע זיצט בא זיכ אינ שטיבל פארומערט, פארזאָרגט אז איר טײַער זונדל, איר גדולע, וואָס איז א בענטשונג פונ גאָט. זי זיצט אינ איינע צאָרעס, פארגעסנדיק זיכ אינ אלע אנדערע הויזלעכע זאכנ, זי פארגעסט אירע קליינע טעכטערלעכ, אז זיי זײַנענ הונגעריק, אז ס'איז שוינ צײַט אָנצוצינדנ א ליכט, אײַנהייצנ דעמ אויוונ אונ אָפּצוקאָכנ דאָס טעפל געקעכצ אפ באדערנאכט. אונ די קליינע קינ-דערלעכ זײַנענ אויכ פארטרויערט, זיצנ פארשלאָגנדיק זיכ, ווי שע-פעלעכ, אלע אינײנעמ אינ א ווינקל מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּעלעכ אונ ארויסברענגענדיק פונ זיכ שטילע זיפצנ. אונ ווער ווייסט ביז-וואנענ וואָלט באסיע אזוי געווענ געזעסנ, ווענ נישט די קאצ, וואָס, אופכאפּנדיק זיכ פונעמ שלאָפ אפנ אויוונ, וואָלט ניט אראָפּגעשפּרונ-גענ צו איר אפנ באנק, אײַנהאָרבענדיק זיכ אונ רײַבנדיק זיכ אינ איר פאר ליבשאפט. באסיע טוט זיכ א כאפּ, דערמאָנענדיק זיכ אינ דעמ, אז זי האָט אפ זיכ א הויז, קינדערלעכ. אונ אויכ אינ שמו-ליקנ אירנ דערמאָנט זי זיכ, אז א גאנצנ טאָג, נעבעכ, יאָגט ער זיכ נאָכ דער שווערער ביטערער פּארנאָסע זײַנער, אויסזוכענדיק אינ אלע גאסנ, אינ הײַזער אונ הויפנ, אונ אפדערנאכט ערשט קומט ער, נעבעכ, אהיימ מיד, הונגעריק, — דארפ זי דאָכ איצטער זענ וואָס צוגרייטנ צו וועטשערע.

ווי זי טראכט דאָ אזוי וועגנ דעמ מאנ, פאלט איר אײַנ, עפּשער האָט ער עס גענומענ מוישעלענ אונ זײַנענ ביידע אוועק. הײַנט איז דאָכ דאָנערשטיק, ווענ שמועל גייט, ווי דער שטייגער זײַ-נער איז טאָמיד, מיט דעמ פּעסעלע צו דער „רויטער קרעטשמע" ברענגענ פונ דאָרט בראנפנ פאר די באלעבאטימ זײַנע. א טאָג איז דאָכ געווענ הײַנט א ליכטיקער, א שײַנענדיקער, אונ א ווארעמ ווינטל האָט געווייט אינ גאָטס וועלטל, אפ די פעלדער פול טוועס אונ גרינוואַרג גאָר א גאניידנ, רייכעס אונ שמעקנדיקע קרײַטעכ-צער מעכײַע-נעפאָשעס — איז עפּשער שמועל, וועלנדיק אָנטאָנ א פארגעניגנ מוישעלענ, ארײַנ צו אימ אינ בעסמעדרעש אונ גענומענ דורכצוגיינ זיכ מיט אימ א ביסל אינ פרײַענ פעלד. „וואָס זאָג

איכ עפשער, געוויס האָט שמועל אזוינס געטאָנ, אונ געטאָנ זייער גלײַכ. מוישעלע אונדזוערער, אונדזער מאטאָנע פונ גאָט, ווייסט דאָכ בישט מער ווי דעמ בעסמעדרעש, ווו ער פארברענגט די גאנצע טעג אינ לערנענ טוירע. ער איז, נעבעכ, שוואכ, דאר, קוואר, אײַנגאנצנ נאָר הויט אונ ביינ (מיר פאר זײַנ קאָפּ!). וואָס פאר א טײַבוגים, מישטיינסגעזאָגט, האָט ער בא אונדז, אָרעמע טאטע-מאמע? טײַנוגים זאָג איכ, איז עס ניט א געלעכטער? ווי קומט צו אונדז טײַנוגים? האלעווײַ, לעבעדיקער גאָט, טאטע־פאָטער, מיר זאָלנ אימ קאָנענ געבנ צו יעדער צײַט כאָטש דאָס נייטיקסטע צומ לעבנ! ווייסט איז דער מאמע זײַנער! אינ ער אליינ, דאָס טײַערע קינד, פאָדערט ער דענ פונ אונדז ווילטיק? א שטיקל דאר ברויט, אז ער איז הונגעריק, איז פאר אימ גענוג; א שוכ אז עס צערײַסט זיכ אימ אמאָל, ס׳קוקנ ארויס די פינגער, איז פאר אימ אויכ רעכט, אָנעמענדיק עס פאר גוט. אבילע גענוג לופט, ווי איז מיר, קאָנענ מיר אימ אויכ נישט געבנ: א דירע א ביסל, ענג, נידעריק, מע זיצט דאָ, מישטיינסגעזאָגט, איינער באמ אנדערנ אפ די קעפּ. אז איכ הער אימ אמאָל באדערנאכט הוסטנדיק, גייט מיר די נעשאָמע אויס. זייער גלײַכ האָט געטאָנ שמועל, וואָס האָט אוועקגענומענ מוישעלענ א ביסל פונ דער געמאָרע, ער זאָל זיכ דורכגיינ מיט אימ א ביסל אינ פרײַענ פעלד. א גרויסע מיצווע האָט ער אינ אימ געטאָנ. זאָל מוישעלע שעפּנ א ביסל פרישע לופט, אויסגלײַכנ זיכ די ביינער אונ זאָל ער וויסנ פונ א גוטער מינוט אינ זײַנ לעבנ״...

טראכטנדיק אזוי, האָט זיכ באסיע באלד בארויקט. זי שטייט אוף, צינדט אָנ א ליכט אונ נעמט זיכ צו דער ארבעט, לעבעדיק, אופגעראמט. דאָס האָט געווירקט אפ די קינדערלעכ, אונ זיי האָבנ זיכ געלאָזט אונטערהעלפנ דער מאמענ מיט כיישעק. די שיילט קארטאָפליעס, די טראָגט צו א קריגל וואסער, די טוט א שפרונג אונ ברענגט דארע שפענדלעכ, די צעלייגט עס אפנ פריפעטשיק, אונ באסיע צינדט אונטער, צעבלאָזט דאָס אונ מאכט א פײַער אונ שטעלט צו דאָס טעפּל. די שפענדלעכ טרעשטשענ, פונקענ פליענ, דער פלאמ כאפּט ארומ דאָס טעפּל — אונ ס׳איז ליכטיק, פריילעכ די קינדער אפ די הערצלעכ. די קאצ זיצט זיכ אפנ געזעסל, ווארעמט זיכ אנטקעגנ דעמ פײַער, לעקט די לאפּקעס אונ האָט הנאָע.

— א קאַץ וואַשט זיך, איז א סימען אַף געסט, — זאָגט דאָס עלטערע מיידל.

— דער טאַטע וועט באַלד קומען מיט מוישעלען, — מאַכט באַסיע מיט א פריילעך שמייכעלע.

און א מיידעלע, דאָס יינגסטע פון די קינדער, שפּרינגט אַרויס מאַלע סימכע, פּאַטשט מיט די הענטלעך און זינגט זיך דאָס געוויסע לידל:

— פּי — פּי — פּי!
ווּ איז דער טאַטע?
— ניטאָ אים הי!
— ווען וועט ער קומען?
— מאָרגן פרי!
— וואָס וועט ער ברענגען?
— א גלעזעלע ביר!
— ווּ וועט ער שטעלן?
— אונטער דער טיר!
— מיט וואָס וועט ער צודעקן?
— מיט א שטיקל פּאַפּיר!
— ווער וועט דאָס טרינקען?
— איך מיט דיר!

— אַלע מיר טרינקען, אַלע! — צעשרייען זיך אַף איר די קינדער, מאַכנדיק צו דער מאַמען. — יאָ, מאַמע, אַלע?

— אַלע, קינדערלעך, אַלע, — נעמט זיי איין די מוטער מיט גוטע רייד, — באַלד וועט דער טאַטע קומען, ברענגען געלט. איך וועל קויפן מעל, מאַכן כאַלע אַף שאַבעס, קויפן פיש, מאַכן א קוגל, און ס'וועט זיין גוט.

האָץ, האָץ, האָץ,
לעבעדיק, פריילעך אַלע,
[די] מאַמע באַקט די כאַלע!
האָץ, האָץ, האָץ,
דער טאַטע גיט געלט,
די מאַמע קווּעלט:
— קינדער צום טיש!

נאט אײַכ יויכ א שיסל,
פונ א הונ א פיסל,
פונ א הערינג ס'קעפל,
אונ א קוגל פונ עפל!
האָצ, האָצ, האָצ,
כאנע, לייע, ציפּוירע!
האָצ, האָצ, האָצ,
עסטער, סאָרע, דווירע!

דאָס לידל זינגט שפּרינגענדיק־טאנצנדיק פאר גרויס פרייד א שיינ קלוג מיידעלע, א באָרוועסע, אינ איינ העמדל, אונ באמ אויסלאָזנ איטלעכנ גראמ כאפּט זי די קאצ בא די אויערנ, — ענטפערט זי איר אָפּ אפּ איר קאָל מיט א מיאוקע.

קיינ זאכ קאָנ נישט דערווייכנ דאָס הארצ, אײַנגעבנדיק אימ הייליקע געפילנ, אזוי ווי די אָרעמקײַט, ווענ נאָר זי איז א באהאלטענע, א ריינע אונ ניט קיינ שמוציקע, אָפּגעלאָזענע. אָרעמקײַט מאכט קלוג, אָרעמקײַט איידלט דאָס הארצ מיט גוטע געפילנ, גוטע מידעס. אָרעמקײַט מאכט הויזלעכע צופרידנקײַט — צוגעלאָזטקײַט פונ עלטערנ צו קינדער אונ פונ קינדער צו עלטערנ. וויפל גרויסע טײַנוגימ מע דארפ אויסטראכטנ, קעדיי צופרידנשטעלנ זאטע, רײַכע קינדער, וואָס באָדנ זיכ אינ ווילטיק, אונ וויפל מיטל דארפ מענ עס טאָנ, אופצובלאָזנ איינ פונק פונ ראכמאָנעס אונ פונ מענטשלעכע געדאנקענ אינ זייער נעשאָמע, וואָס איז פארזונקענ אינ דעמ טיפנ שמוצ פונ גראָבע טײַוועס. די נעשאָמע פונ אָרעמע אָבער — זי קאָנ רירנ א מינדסטע קלייניקײַט, אונ ווערט פול מיט זיסע געטלעכע געפילנ. עפּעס נאָר א מינדסטע זאכ א גוטע אינ דעמ לעבנ פונ אָרעמע מענטשנ — ווערנ זיי מונטער אונ מאָלע־סימכע. פונ א נײַער קאפּאָטע, אשטייגער, נײַע שיכ, איז א גרויס נאכעס; קרעפּלעכ אָדער עפּעס אזוי א גוטער געריכט, וואָס מע מאכט אמאָל, איז א גאנצער יאָנטעוו. דאָס הויזלעכע לעבנ בא פײַנע, אָרנטלעכע אָרעמעלײַט איז פול מיט פּאָעזיע.

דערעכערעצ פאר קאפּצאָנישע קינדער! פונ זיי קומט ארויס דער גרעסטער טייל פּאָעטנ!

דערווײַל גייט אוועק א היפּשע צײַט, אונ שמוליק מיט מוי־

שעלען זײַנען ניטאָ. דאָס פײַער אפנ פּריפּעטשיק גייט פּאמעלעך אויס. דאָס צוגעשטעלטע טעפּל קוליש זידט, קאָכט אלץ שטילער, שטילער, דאָס ליכט צאנקט, אלץ טונקעלער, פינצטערער ווערט אינ שטוב אונ אויך באסיענ אפנ הארצנ. די מאָרעשכוירע כאפּט זיך ווידער צו איר ארײַנ, פריִער אינ הארצנ — שא, ניט קיינ וואָרט! ניט מעצאער צו זײַנ די קינדערלעך, נעבעך. אונ שפּעטער א ביסל, הע-הע, לאָזט זי זיך שוינ הערנ מיט ווערטער! אצינד איז באסיענ א ווייטעק אײַנ־צווייענ: זי זאָרגט זיך אי פארנ מאנ אי פארנ זונ. דער שטייגער שמוליקס איז געווענ צו קומענ אהיים א גאנצע וואָך — פארנאכט, דאָנערשטיק נאָר א ביסל פריִער, קעדיי צו נעבנ באצײַטנס עפּעס געלט אפ שאבעס, אונ הײַנט, ס'איז שוינ האלבע נאכט, הענער קרייענ — אונ ער איז ניטאָ! ס'איז ניט קיינ גלאטע זאך, עס מוז דאָ עפּעס זײַנ. וואָס זשע אזוינס? אָט דאָ צעשפּילט זיך בא באסיענ דער קויעך-האמדאמע, זי טראכט איבער שרעקלעכע זאכנ, גאָר א מוירע, אזוי אז די שטיל-פארבאָרגענע מאָרעשכוירע כאפּט זיך ארויס פונעם הארצנ, אויסגיסנדיק זיך אינ טרערנ, אינ ביטערע קרעכצנ. די קינדער, קוקנדיק אפ דער מאמענ, ווי זי וויינט, זיפצט, זײַנענ זיי טרויעריק אוועק אינ א ווינקל, צונויפשטיקנדיק זיך דאָרט אײַנ־נעמ, פארומערט, מיט ארויפגעלאָזטע קעפּלעך.

דאָס ליכט האלט שוינ אײַנגאנצנ באמ אויסגיינ, אויסשעפּנדיק שוינ דאָס לעצטע ביסל כיילעוו אינ לײַכטער. קיינ פונק פײַער שוינ ניטאָ אפנ פּריפּעטשיק. קאלט ווי אײַז שטייט דאָס טעפּל, קיינעמ קומט אפנ זינ ניט ארופּ דאָס עסנ. אלע זײַנענ פארומערט. אפילע די קאץ פארלייגט דעמ ווידל, גייט אָנגעדרודלט אונ ציט זיך אויס אפ דעמ אויווונ, ווי זי דרעמלט. די מולטער אפילע, וואָס מע פארקנעט אינ איר כאלע אפ שאבעס, שטייט ליידיק אינ א ווינקל אונ זעט אויס פארלאָזט, פארוויסט. אונ די גריל, וואָס הייבט אָנ געווײנטלעך צו גרילנ באנאכט, בעשאס אלע אינ שטוב לייגנ זיך שלאָפנ, שטייט הײַנט, ארויסשטרעקנדיק דאָס קעפּל פונ דער לאָך, קוקט ווי א גוילעמ אונ גיט ניט קיינ פּיפּס. איינ גרויסע פליג נאָר טיילט זיך אָפּ פונעמ איבעריקנ אוילעמ פליגנ, וואָס שלאָפנ, אָנהאלטנדיק זיך מיט די פיסלעך אפנ סופיט, אפ די ווענט, אונ לאָזט זיך גיינ ווי צו כאָלעמ, באומרוִיקנ מענטשנ מיט אירע נארישע אָנשטעלנ: טוט זיך

א דריי, א פלי הינ־אונ־הער פליִנק, געשווינד, ווי א רועכ, אָנשלאָגנדיק זיכ אָט אינ א פענצטער, אָט אינ עפּעס א קיילע, אָט גיט עס מיט איר א טראָג פארבײַ אנ אויער טאנצנדיק, זשוזשענדיק דער רועכ ווייסט זי וואָס.

אונ ווי די דאָזיקע פליג, אזוי האָבנ זיכ געטראָגנ באסיעס געדאנקענ, אופרירנדיק איר דעמ מויעכ. עס ווערט איר ענג אינ שטוב, אונ וויל ארויס אינ גאס זוכנ אירע ליבע אונ נאָכפרעגנ זיכ אפ דעמ מאנ בא יענע באלעבאטימ, וואָס ער ברענגט זיי טאָמיד בראנפנ אינ דעמ טאָג. נאָר באלד באטראכט זי זיכ: ס׳איז דאָכ שוינ לאנג פארמאכט אומעטומ טיר אונ טויער, אונ מע שלאָפט. זי גיט אויכ א קוק אפ אירע בידנע קינדערלעכ, ווי זיי ליגנ צוגעטוליעט איינס צומ אנדערנ. ווי אירע ליבע, טײַערינקע פייגעלעכ — טראכט זי — קומענ עס, נעבעכ, אָפּ אונ שווײַגנ. א לעבנ, מישטיינס געזאָגט, אינ צאָרעס — אונ עס דערלאָזט איר ניט דאָס הארצ אוועקווארפנ זיי באנאכט אליינ אינ שטוב. אינמיטנדרינענ טראָגט דער רועכ אָנ פונ ערגעצ עפּעס א הונט, ער שטעלט זיכ אונטערנ פענצטער, ארויפלאָזנדיק דעמ ווידל, פארײַסנדיק הויכ דעמ קאָפּ, אונ הייבט אָנ רויענ מיט א יאָמער א שרעק. דאָס רויענ פונעמ הונט, וואָס לויט מע זאָגט, באווײַזט עס ניט אפ קיינ גוטס, האָט באסיענ גאָר צעדרייט. פאר שרעקעניש, פאר צעטראָגעניש טוט זי א נעמ די קאָטשערע, לויפט געשווינד ארויס אונ פארטרײַבט דעמ הונט, אויסלאָזנדיק צו אימ איר שווער ביטער געמיט מיט טויטע קלאָלעס. דער הונט אנטלויפט, שטעלט זיכ אָפּ פונדערווײַטנס אונ הייבט אָנ בילנ שוינ מיט זײַנ געוויינטלעכנ קאָל, גלײַכ ווי ער טײַנעט זיכ אויס מיט באסיענ, ווי בילאָמס אייזל אמאָל, פרעגנדיק זי: „וואָס האָב איכ דיר אזוינס געטאָנ, וואָס דו האָסט מיכ געשלאָגנ מיט א שטעקנ? איַי, נארישע יידענע! ווייסט דאָס דענ ניט, א הונט אז רויעט, איז גאָרניסט, שויטימ נאָר שרעקנ זיכ דערפאר?"

ריינ, לויטער איז געווענ דער הימל אינ אָנהייב אָוונט. עס האָט זיכ געלאָזט זענ א פערטל פונ דער יונגער לעוואָנע צווישנ א גרויסנ אוילעמ ליכטיקע שטערנ, שטייענדיק אפ דער וואכ. באלד אָבער האָט דער רועכ אָנגעטראָגנ די שווארצע כעוורע וואָלקנס, זיי האָבנ זיכ ביסלעכווײַז צעהוליעט, ווי דער שטייגער איז, געארבעט

מײַסים, ביז ס׳איז געוואָרן א קאָכעניש, א שטורעם און שטאָק־פינצטער. עס האָט געבליצט, געדונערט, און טרערן, גאַנצע טײַכן וואסער, האָט געגאָסן דער הימל. דער אוילעם אין שטאָט איז געשלאָפן, ניט אָנגעהויבן וויסן, וואָס טוט זיך אזוינס אין דרויסן, געפילט האָט עס נאָר איין יידענע — באסיע מיט אירע קינדערלעך, וואָס די צאָרעס זייערע האָבן ניט געלאָזט זיי שלאָפן.

אפ מאָרגן פרי איז באסיע אוועק, נאָך דעם ווי זי האָט אָנגעזאָגט ציפוירען, דער עלטערער טאָכטער, אכטונג צו געבן אין שטוב אפ די קינדער; און איז געגאנגען אהין צו דער „רויטער קרעטשמע״ געוואָר ווערן דאָרט וועגן דעם מאַן.

א בראָכע פון גאָט איז אומעטום, א גרויס געראַטעניש אפ די פעלדער, עס שמעקט, עס זינגט, עס לעבט — און באסיע גייט פאַרזאָרגט, פארומערט, איר גייט ניט אין קאָפּ די שיינע וועלט ארום איר.

אין דער „רויטער קרעטשמע״ האָט מען איר געזאָגט, אז שמוליק אירער איז, ווי דער שטייגער זײַנער טאָמיד, געווען נעכטן דאָרט, גענומען דאָס פעסעלע בראנפן זײַנס און אוועק דערמיט צוריק אין שטאָט. נאָר אין פאָנעם בא די שטוב־מענטשן איז גרינג געווען צו דערקענען, אז שמוליקס פארפאלן ווערן איז זיי א גרויסער וואונדער. מיטן מויל מאכן זיי קלוימערשט: „עס, גאָרנישט״, קעדיי צו טרייסטן באסיען, זי זאָל זיך אזוי ניט ערגערן, ניט אזוי וויינען, אָבער אין הארצן דענקען זיי, אז ס׳איז עפּעס ניט גלאַט, דאָ מוז זײַן עפּעס גאָר א מיעסע מײַסע. באסיע גייט פון דאָרט אוועק, ווי אָן א קאָפּ, פאר גרויס אגמעסנפעש. זי גייט באַם ברעג וואלד, נישטערנדיק מיט די אויגן און פאַרשטעלנדיק זיך שרעקלעכע זאכן — גאזלאָנים, כײַעס־ראָעס אוקעדוימע אזוינע אָנשיקענישן, וואָס קאָנען זיך מיט מענטשן אין א וואלד מאכן — און פּלוצים דערזעט זי פאר זיך א רעדל מענטשן. סטעמפעניו שפּילט אפ זײַן פידעלע, מיכיי און גאווריליאָ טאנצן, נעמענדיק זיך אינמיטנדרינען טאקע צו א פעסעלע בראנפן, וואָס ליגט צווישן זייערע זאכן אונטער א בוים. באסיע שטופּט זיך צווישן דעם אוילעם, טוט א קוק — אוי־וויי, ס׳איז דאָך דעם מאנס פעסעלע! זי ווארפט זיך אפ די ביידע גויִים מיט א געוויין, א געשריי ווי אפ ראָצכים, ניט ארויסריידנדיק עס שארף, פאר גרויס הארצקלעמעניש, און פאלט כאלאַשעס.

יענער שאבעס אינ גלופּסק דענסטמאָל איז געווענ שאבעס-פּעטריכע וועאַלעקסי — דאָס הייסט, צוויי פּאַרשוינענ אזעלכע, וואָס זײַנענ דעמ שאבעס דערהויכט געוואָרנ. אז מיכײַ אונ גאוורילאָ, אפּ וועלכע ס׳איז געפאלנ א כשאד, אז זיי האָבנ געהארגעט שמוליקנ מיט דעמ זונ, זײַנענ ארײַנ אינ דער טפּיסע, איז די ייִדישע שטאָט גלופּסק געבליבנ אנ אלמאָנע. ייִדנ זײַנענ אויסגעשטעלט: וואָס וועט מענ טאָנ אָנ א שאבעס-גוי? ווער וועט זיי פּאַרלעשנ די ליכט אונ טאָנ בא זיי אינ שטוב געוויסע ארבעט? סטײַטש, איז עס דענ מעגלעכ, ייִדישע קינדער אָנ גויִימ? האָט מענ דערווײַל אָנשטאָט דעמ שאבעס-גוי מיכײַ יויצע געווענ מיט פּעטריכענ, מיט א גויע, וואָס מעלקט ייִדישע בעהיימעס בעשאס א יאָנטעוו. אונ אפנ אָרט פונ גאוורילענ דעמ אויבער-פּאסטעכ איז ארופּ זײַנ טאלמיד אלעקסי, א קליינ שייגעצל. נאָר ביידע אָבער האָבנ ניט געטויגט צו זייער ארבעט. פּעטריכע, וואָס איז א נעקייווע, ניט האָבנדיק דעמ קויעכ פונ א מאנצבל ארײַנגיסנ אינ זיכ די אלע גלעזלעכ בראנפנ, וואָס מע באקומט פאר ליכט-אויסלעשנ, איז באלד נאָכנ פערטנ קאָס שוינ שיקער געוואָרנ. איז זי, נעבעכ, געפאלנ פונ די פיס. האָבנ א סאכ ניט אויסגעלאָשענע ליכט אינ פיל הײַזער געשמאָלצנ, אָנגעמאכט א דויכ מיט א טשאד, אונ ייִדנ האָבנ וויי געטאָנ, ניט הײַנט געדאכט, די קעפּ. אונ וואָס נאָכ? יענעמ שאבעס האָבנ ייִדישע בעהיימעס זיכ געמאָלקנ שפּעט, ערשט ארומ האלבנ טאָג, ווײַל פּעטריכע איז געלעגנ טויט שיקער, ניט צו קאָנענ דערוועקנ זי, אזוי האָט זי געפּאָפּנ. מיט אלעקסינ איז אויכ געווענ ניט קיינ שיינע מײַסע. וויבאלד דאָס קליינע גויעלע איז געוואָרנ א פּאָרעצ איבער בעהיימעס, האָט ער מיט גאדלעס בא זיכ געמיינט, איז די בײַטש בא אימ אינ דער האנט, מעג ער שוינ טראסקענ מיט איר, שלאָגנ וועמ ער וויל אונ וועמענ ער וויל. באדארפ זיכ טרעפנ, אז ער הייבט אופ די האנט מיט דער בײַטש אפּ ייִנגלעכ, וואָס שפּילנ זיכ רויִק אפּ דער גאס. ווערט א דראקע, א ליארעמ, א געשריי — די בעהיימעס בלײַבנ דערווײַל אָנ א פּאסטעכ אונ צעלויפנ זיכ אינ אלע זײַטנ.

דער צווייטער קאפיטל

א שרעקלעכע מינוט, וואָס שווער צו געפינען איר גלייכן, איז געווען יענע מינוט בעשאס פארשווינדנדיק ווערנ דאָס וועגעלע מיט די „כאפערס", נאָכ וועלכס שמוליק דער טאנדעטניק האָט זיכ האסטיק נאָכגעיאָגט. אזא צאָרע, ווי א טרייער פאָטער זעט זיינ ליב קינד בא גאזלאָנים אינ די הענט, ניט צו קאָנענ עס ראטעווענ — דאָס לאָזט זיכ מיט דעמ מויל ניט איבערגעבנ, עס נעמט דענסטמאָל אָפּ דאָס לאָשנ. נישטאָ קיינ ווערטער, קיינ יאָמערנ, קיינ קלאָגנ — א געשריי האָט שמוליק געטאָנ אונ געפאלנ, באכ אפ דר'ערד!

וואָס זשע פאָרט איז דער סאָפ מיט אימ געווענ? עפשער איז ער פאר גרויס הארצווייטעק מעשוגע געוואָרנ אָדער עפשער גאָר געבליבנ טויט אָנ א נעשאָמע?

כאסוועכאָליִלע! שיגאָענ דאָס איז פאר נעגידימ; אָט די אָפּגעהיטע מענטשלעכ קאָנענ ניט איבערטראָגנ קיינ יעסורימ. פונ עפּעס א שרעק קערט זיכ זיי איבער דער מויעכ, פונ עפּעס א צאר גייענ זיי אראָפּ פונעמ זינענ. ניט אזוי אָבער זיינענ די קאפצאָנימ. קאפצאָנימ זיינענ פונ אייזנ, קיינ קויל נעמט זיי נישט — ניט קיינ קעלט, ניט קיינ הונגער, ניט קיינ נויט אונ ניט קיינ לייד, מאקעס, פוראָניעס, וואָרעמ דערופּ זיינענ זיי דאָכ געבוירנ געוואָרנ, פארשווארצט צו ווערנ, צו ליידנ אונ אָפּצוקומענ זייער גאנצ לעבנ. אונ דער ריבוינעשעלוילעמ גיט זיי יעסורימ מיט דער פולער מאָס אונ אנ אייזערנעמ קויעכ אויסצושטיינ די צאָרעס, ניט מעשוגע צו ווערנ אונ צו שטארבנ פונ זיי.

עמעס טאקע, גרויס צאר האָט שמוליק אײַנגענומענ פונ זײַנ זונ, וואָס גאזלאָנימ האָבנ אימ געכאפּט, ביטער אונ פינצטער איז אימ געווענ. נאָר וויפל אזעלכע געבראָכענע הערצער, ביטערע געמיטער, ווי ער, זײַנענ געווענ בא ייִדנ דענסטמאָל, אינ אזעלכע שלעכטע צײַטנ; וויפל טײַכנ טרערנ, אוי, ריבוינעשעלוילעמ, האָבנ זיכ, אינ יענע צײַטנ, ארײַנגעגאָסנ אינ דײַנ לאָגל, טרערנ פונ אָרעמינקע עלטערנ, בא וועלכע מע האָט אוועקגענומענ זייערע קליינע קינדערלעכ, נעבעכ, בעשאס שלאָפנדיק באנאכט אינ די בעטלעכ אונ זעענדיק גוטע כאלוימעס; טרערנ פונ מאמעס, בא וועלכע מע האָט צוגענומענ זייערע בניי-יעכידימ; טרערנ פונ וויסטע אלמאָנעס, טרויערדיקע אפ זייערע אוועקגענומענע קינדער, יעסוימימ, דאָס איינציקע טרייסט, דאָס איינציקע אָנהאלטעניש זייערע אינ לעבנ! פיל געסטנ, אוי, זײַנענ פארוויסט געוואָרנ, יונגע פייגעלעכ געטרויבט געוואָרנ, דאָס הארצ פונ עלטערנ אפ שטיקער צעריסנ געוואָרנ — אונ פונדעסטוועגנ, נישקאָשע, האָט מענ אויסגעהאלטנ. געלויבט איז זײַנ ליבער נאָמענ, שהחינו [1], וואָס האָט געלאָזט אונדזערע דאָזיקע קאפּצאָנים לעבנ, וקימנו והגיענו [2], אונ געלאָזט זיי דערלעבנ ערגערע נײַע צײַטנ, צוצוזענ ווידער דאָס אוועקנעמענ בא זיי די איבעריקע קינדער!..

שמוליק האָט א געשריי געטאָנ, אָבער ניט מעשוגע געוואָרנ; שמוליק איז געפאלנ, אָבער די נעשאָמע איז אימ ניט אויסגעגאנגענ. עס עפּנט אונטער אימ זיכ אופ דער גענעמ, מאלאכע־כאבאָלע רײַסנ אימ דאָס הארצ, ער אָבער איז בא די געדאנקענ, ער ווייסט, אז מוישעלע זײַנער איז געפאנגענ, אז ער מוז זיכ יאָגנ ראטעווענ אימ. איי וואָס, בארעכענענ זיכ, צי וועלנ אימ דינענ די פיס נאָכצויאָגנ זיכ — דאָס פאלט אימ גאָר ניט אײַנ. א טאנדעטניק, וואָס וואָגלט זיכ ארומ פונ מאָרגנס פרי ביז אינ דער נאכט איבער אלע גאסנ אונ הויפנ, וואָס קריכט ארופ־אראָפּ הונדערטער טרעפּ א טאָג, וואָס הערט אזעלכער פיס? קאפּצאָנישע פיס, מישטיינסגעזאָגט, ווער בארעכנט זיי, ווער פרעגט זיי, אויב זיי ווילנ אָדער ווילנ ניט גייִנ א גאנג? אונ

1. שעהעכעיאָנו.
2. וועקיִעמאָנו וועהיגיִאָנו.

גאָר אכוץ דעם, וואָס שמוליק איז א טאנדעטניק, איז ער דאָך דערצו עפּעס נאָך א יִיד אויך, און דאָס גיינ בא א יִידנ איז עפּעס אנדערש, ניט ווי בא לײַטנ — דער קאָפּ זײַנער איז בא אים אינ הימל, ווי דער לאָקאָמאָטיוו פליט ער פאָרויס, און די פיס שלעפּנ זיך אים נאָך, ווי די וואגאָנעס, אפ דער ערד.

עס ברענט, קאָכט שמוליקס הארצ ווי א קעסל, עס רוישנ, קלאפּנ זײַנע געדאנקענ, טוענ אים א הייב אופּ פונ דער ערד, באוועגנ, טרײַבנ די פיס — און זיי לויפנ געשווינד, געשווינד.

דער וועג, אפ וועלכנ די „כאפּערס” האָבנ זיך געלאָזט כאַפּנ, איז געווענ א שמאָלער, אינ דער זײַט פונעם ברייטנ שליאך. ער האָט זיך געצויגנ, ווי א סטעזשקע, צווישנ גראָז און טוווע, פארקריכנדיק אמאָל אינ א קאליושע, אָדער כּאָפאלנדיק ווערנ אונטנ ערגעצ אינ א טאָל, און פונ דאָרט ווידער זיך א ווײַז טאָנ, ארופקלעטערנדיק אויבנ אפ א בארג.

שמוליק לויפט מיט אלע קויכעס, צוהערנדיק, צוקוקנדיק זיך דערבײַ ווײַט ארום. נאָר אומזיסט די מי — אומעטום אפנ וועג איז שאַ, שטיל! ער הערט ניט נאָר דעם שאָרך פונ זײַנע טריט, ער זעט ניט נאָר דעם אייגענעם שאָטנ זײַנעם, וואָס טאנצט אים בא דער זײַט אנטקעגנ דער שײַנ פונ דער יונגער לעוואָנע, וואָס זעט אויס שווימענדיק ווי א זילבערנ שיפל הויך אינ הימל. אמאָל צעלייגט זיך דער שאָטנ אפ דער ערד צוויי מאָל אזוי גרויס ווי ער אליינ איז, און אמאָל קלעטערט דער שאָטנ זײַנער ארופ אפ טוועס, אפביימער, קרימט זיך, ברעכט זיך, ווי די קונצנמאכער אינ די צירקנ.

עמעס, צוויי מאָל האָט זיך אים געדאכט, ווי עפּעס א קאָל ערגעצ פונדערווײַטנס, נאָך באלד טאקע האָט זיך אויסגעלאָזט, אז דאָס איז געווענ טריט פונ א האָז, וואָס, דערשרעקנדיק זיך פאר א שאָרך פונ אנ אראָפּגעפאלנ בלעטל אָדער פונ עפּעס א קריכנדיק ווערעמל, איז ער שפּרינגענדיק אים פארבײַגעלאָפנ הענדום־פּענדום, און פוצ אינ טוווע ארײַנ! און דאָס צווייטע מאָל האָט זיך דערוויזנ, אז דאָס איז אים געקומענ צו די אויערנ טאקע זײַנ אייגנ קאָל — א זיפצ, וואָס האָט זיך אים ארויסגעריסנ טיפ פונעם הארצנ בעשאס די האָפענונג צו דעריאָגנ דאָס וועגעלע האָט אָנגעהויבנ בא אים שוואך צו ווערנ. „איז דענ מעגלעך, אז א מענטש, ווי גרינג אפילע ער

זאָל זײַן אַף די פיס, זאָל זיך פאַרהערן אין לויפן מיט אַ פערד, און נאָך ווען, אַז מע טרײַבט עס מיט בײַטשן? אוי, ניט מעגלעך!" טראַכט באַ זיך שמוליק מיט אַ שווער געמיט, קלאַפנדיק זיך אין האַרצן און אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: פאַרפאַלן! פונדעסטוועגן לויפט ער ווײַטער, באַרג-אַרוף, באַרג-אַראָפּ, גלײַך מע וואָלט אים געשטופּט פון הינטן, געטריבן מיט געוואַלט.

עס געדויערט אַ היפּשע צײַט, און שמוליק ווערט מיד. עס פּלאָנטען זיך אים די פיס, ער גייט און פאַלט, שטייט אויף און פאַלט ווײַטער. שוואַכער, שוואַכער ווערט אין אים די קראַפט פון עם ברענענדיקן פײַער, עס שטופּט שוין ניט אַזוי שטאַרק ווי פריִער. עפּעס טאַקע גאָר ווי אַ לופט-באַלאָן, פון וועלכן עס גייט ביסלעכווײַז אַרויס דער גאַז, וואָס באַם פאַלן רירט ער אָן די ערד אונטערשפּרינגענדיק, אונטערשפּרינגענדיק, ביז עס גייט פון אים אַרויס אינגאַנצן דער גאַז, און ער בלײַבט ליגן אויפן אָרט — שמוליק פאַלט, אויסציִענדיק זיך פאַרדולט אַף דער ערד!

עס דאַכט זיך אים אייסעק, זאַכן, אין וועלכע דער קאָפּ זײַנער ליגט אים טאָמיד. עס דאַכט זיך אים — שמאַטעס. עס טוען זיך אַ ווײַז פאַר אים אַ היפּש ביסל שמאַטעס, קאָל-האַמינים: שמאַטעס זײַדענע, אײדעלע, פון מעיוכאָסים, פײַנע-בעריעס אין שטאָט, און שמאַטעס גראָבע, שמוציקע, פונעם פּראָסטן אוילעם; הויזן, פלודערן און טאַכטוינים, טאַלעסקאָטנס און קאַמזעלקעס, קאַפּאָטעס און פראַקן ספּאָדעקעס און קאַפּעליושן, איינע שמאַטע ניט בעסער פון דער אַנדערער — אַלע גאַנץ נישקאָשעדיקע שמאַטעס! ס'איז דאָ, אָן איינאָרע, סכוירע, גענוג שמאַטעס, באָרעכאַשעם, אַף דער וועלט... נאָר וואָס קומט אָבער אַרויס דערפון, אַז דער האַנדל מיט שמאַטעס איז שווער הײַנטיקע צײַטן? ניט צוצוטרעטן צו יענעמס שמאַטעס, אַזוי טײַער זײַנען זיי, און פאַר דײַנע — ווײַל מען צען פאַר אַ גראָשן. דעם גאַנצן טאָג איז ער הײַנט זיך אָפּגעגאַנגען די פיס, שרײַענדיק אין אַלע הויפן: „שמאַטעס, באַלעבאַטים, אַרויס מיט אײַערע שמאַטעס!" ער איז הייזעריק געוואָרן שרײַענדיק, און די שמאַטעס עפּעס גאָר ווי זיי לאַכן אים אויס. ער האָט זיך געלאָזט אַף הויכע טרעפּ אַרײַנגיין אין אַ שטוב, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַף אים הויזן פאַר־

ריסענע, שטארק בלאָזנדיק פֿונ זיך, אזוי אז אים איז שטארק ניט גוט געוואָרנ, אונ ער האָט זיך אראָפּגעקײַקלט פֿונ אלע טרעפּ אפּ דער ערד, ברעכנדיק האלדז־אונ־געניק, נישט צו וויסנ אפּ וואָס ער איז פאר א וועלט...

קומענדיק שפּעטער א ווײַלע צו זיך אונ עפּענענדיק די אויגנ, דערזעט שמוליק א לעוואָנע מיט שטערנ, א וואלד, א פעלד מיט טווע, ער דערמאָנט זיך אינ דער מיִעסער געשיכטע מיט דעם זונ, שפּרינגט אופּ פֿונעם אָרט אונ נעמט זיך לויפֿנ מיט אימפּעט, ארויס־נעמענדיק זיך די אויגנ קוקנדיק — אונ נישטאָ דער וואָגנ! ער רײַסט אפּ זיך די האָר, וויינט אָנ טרערנ, אונ, לויפֿנדיק אזוי בארג־אראָפּ, פּלוצים — אָ, דערבארעמדיקער גאָט! — וואקסט פאר אים אויס דער וואָגנ אינ א קאנאווע, לעבנ א בריקל איבער א טײַכל, ווו ער האָט זיך איבערגעקערט, אראָפּיאָגנדיק זיך האסטיק פֿונעם בארג, אונ צעבראָכנ אנ אקס, אונ די שיינע פּארשוינענ ארבעטנ אפּ אים.

שמוליק ווארפֿט זיך אפּ די פּארשוינענ, ווי א פֿארוווּנדעטע כײַע אפּ די יעגערס, וואָס האָבנ, ניט גוט דערשיסנדיק זי, גערויבט איר געליבט קינד — אונ עס הייבט זיך אָנ א מילכאָמע, א בלוטיקע מילכאָמע. בעשאס איינער פֿונ די לײַט כאפּט זיך שפּאנענ דעם וואָגנ, האָט שמוליק ווי א פּיאווקע זיך אײַנגעגעסנ מיט די ציינ דעם צווייטנ אינ די פּיס אונ מיט די הענט געריסנ מוישעלענ צו זיך. די ליב־שאפֿט צום קינד, דאָס שרעקלעכע אומגליק אונ דאָס ברענענ זיך נויקעם צו זײַנ — די אלע דרײַ זאכנ אינייִנעם האָבנ פֿונ דעם שוואכנ שמוליקנ געמאכט א שימשנ-האגיבער. נאָר קעגנ יידישע פּלישטים אָבער העלפֿט שימשנ-האגיבערס גוווּרע אויכ נישט. פֿיר הענט, כוצ פּיס אונ ציינ, האָבנ אים געשלאָגנ וויפֿל ס'איז אינ אים ארײַנ. מוישעלע האָט באזונדערס געלייזט, געהאט זײַנ ערלעכ אויסקומעניש דערפֿאר, וואָס ער האָט זיך ניט געקאָנט פֿארהאלטנ רויִק בעשאס יענע האָבנ זיך אָפּגערעכנט מיט זײַנ טאטנ.

— רעב הערש־בער, — זאָגט איינ כאפּער צום אנדערנ, — צו וואָס טויג עס מיט דעם דאָזיקנ יידלאק זיך דאָ אזוי באָברענ? ער איז אנ אקשנ, האלט זיך פּעסט אינ דעמ וואָגנ, וויל ניט אָפּלאָזנ — נו, מעכעטייסע! אדעראבע, גוט... זאָל ער זיך טאקע בלײַבנ דאָ אינ

וואָגן און עס זאָל אויסקומען ווי דער פּאָסעק: „אותו ואת בנו״ [1], דער טאַטע מיט דעם זון... נישט קיין נײַס. מע האָט שוין געזען, גע־הערט אין דער וועלט אַזוינע זאַכן.

— יאָ, זייער גלײַך טאַקע זאָגט איר, רעב שנייער־וואָלף, — ענטפערט יענער, — אינצווייען איז שטאַרקער. זײַט זיך נאָר מאַט־ריִען און העלפט בינדן דעם דאָזיקן באַראַן.

און רעב שנייער־וואָלף איז ניט פויל, אַרבעט געשמאַק, בינדט שמוליקן מיט אַלע דינים באַם בינדן אַ קאָרבן, עס זאָל עס אים אָנהייבן אַרן, וואָס יענער, נעבעך, צאַפּלט, קרעכצט, שרײַט גאָר אַ שרעק. דאָס פערד איז אײַנגעשפּאַנט, דער וואָגן גרייט. אָט טוט מען אַ שמיץ, אַ טרײַב: הײַדאַ, ניאָ, ניאָ! און דער טאַטע מיט דעם זון ווערן געפירט צו דער אַקײדע, די קאַפּאָרע צו ווערן ביידע אין איין טאָג.

אַ ביטער געשריי טראָגט זיך ווײַט אין דער טיפער שטילקײַט פון דער נאַכט, אַ געשריי פון געכאַפּטע, געפאַנגענע שפּאַלט די הימלען, גייט אַרוף צו גאָט מיט אַ קלאָג: אוי־ווי, ריבוינעשעלוי־לעם, אוי־ווי געשריגן אַף דײַן פאָלק יִיסראָעל!..

דער סאָלאָוויי אַף זײַן צווײַגל, דאָרט אין וועלדל, בלײַבט ווי דערוואָרגן אינמיטן זינגען, אויך די פרעש אין דעם טײַכל ווערן פאַרשטומט, באַהאַלטן זיך אין וואַסער, דערהערנדיק דעם יאָמער און געשריי פון די אומגליקלעכע, נעבעך...

אַך, ווי שרעקלעך, ווי שרעקלעך עס קלינגט אַ געוויין אין דער שטילער נאַכט!..

און אַ קאָל לאָזט זיך הערן:

— וויאָ, וויאָ, וויאָ!

די יונגע לעוואָנע, אינגאַנצן אַ וואָך אַלט נאָכן מוילעד, גייט, ווי אַ קינד, פרי אין איר רו אַרײַן, צומאַכנדיק אַן אויג. און דאָרט, ווו זי פאַרגייט, באַדעקט זיך דער הימל מיט שוואַרצע וואָלקנס. עס בליצט און עס דונערט.

און פּלוצים פאַרטראָגט זיך אַ קלאַפּערײַ פון רעדער. עס דויערט ניט לאַנג, פאָרט אָן אַ קאַרעטע און מענטשן שפּרינגען אַראָפּ

---

1 אײַכוי וועעס בנוי.

געוואָר צו ווערנ, וואָס אזוינס דאָס שרייַענ באטייַט. זיי טוענ א קוק — אונ בלייַבנ פארגאפט! באלד ווערט א ליארעמ, א געפילדער, א זידלערייַ. עס שטרעקנ זיכ אויס הענט, עס ווייַזנ זיכ קולאקעס. שנייער-וואָלפ אונ זייַנ שותפ פארשטייענ, וואָס מע מיינט מיט די הענט, אונ פאלנ אפ א סייכל באצייַטנס, איידער מע גיט קלעפ, זיכ געשווינד אָפצוטראָגנ.

די פינצטערע וואָלקנס זייַנענ זיי בייַגעשטאנענ — אונ זייַנענ אינ דער פינצטערניש נעלעמ געוואָרנ.

דער דריטער קאפיטל

שיין איז די שטאָט ז..., די הויפּט־שטאָט פון וואָלין! ניט קיין פּאַלאַצן האָט זי, ניט קיין הויכע טורעמס, ניט קיין טײַערע פּאַר־צירטע געבײַען — און איז דאָך מאָלע כיין. ארומגערינגלט מיט בערג איז זי, מיט וועלדער, מיט פלייצנדיקע טײַכן און טאָלן; ס'איז אין איר דאָ אויך גערטנער, בולווארן, און אָט דאָס איז איר צירונג, איר שיינקייט. ארײַנפּאָרנדיק אין איר דורך דער גלופּסקער גאס, אין א העלער זומער־נאכט, ווען פון צווישן ביימער זעען זיך ארויס נעטע הײַזער מיט צוגעמאכטע לאָדן, און אומעטום הערשט א שטילע רו — קאָן מען זיך זאט ניט אָנקוקן אין איר, אזוי שיין איז זי, גאָר עפּעס טאקע ווי א פארצויבערטע שלאָפנדיקע באסמאלקע אין די מײַסע־ביכלעך. די נאכט דעקט זי איבער מיט א טונקל־בלויען שאַל, געשפּרענקלט מיט גילדענע שטערן, און די לעוואָנע, א מײַסטערן אין ליבעס, פארקוקט זיך אָפּ איר מיט א זיס שײַנענדיקער צורע. בליִענדיקע אקאציעס, שמעקנדיקע קרײַטעכצער טראָגן איר אונטער רייכעס פון פּסאָמים. א קרישטאָל־קלאָר וואסערל, רינענדיק ערגעץ פון א סקאלע, ברומט איר אונטער פונדערווײַטנס, דער סאָלאָוויי שפּילט צו א ליבע־לידל — און זי שלאָפט און טרוימט.

אין יענער נאכט, ווען ס'איז זיך פארלאָפן די מײַסע מיט שמוליקן, און אז די דאָזיקע שיינע באסמאלקע, גוט אָפּשווענקענ־דיק זיך אין דעם שלאקסרעגנ דענסטמאָל, האָט ווי נאָך א באָד געשמאק געשלאָפן, איז ארײַנגעפאָרן אין שטאָט געשווינד א קארע־

טע. די פערד לויפן פארשוויצט, די רעדער קלאפּן אפ די שטיינער פון דער אויסגעפּלאסטערטער גלופּסקער גאס אזוי שטארק, אזש פונקען פליִען. צוקומענדיק צו א טויער פון א הויף, שטעלט זיך די קארעטע אָפּ. דער שמײַסער קריכט אראָפּ פון דער קעלניע. צווײ פארשוינען, וואָס זײַנען געזעסן דאָרט צוזאמען מיט אים, גייען אויך אראָפּ גלײַך נאָך אים. ביידע מיט געגאָלטע בערד, געקליידט דײַטש. דער שמײַסער, א געזונטער, א יונג מיט ביינער, גייט צו און קלאפּט אין טויער מיט דעם גאנצן קויער.

— ווער קלאפּט עס ווי א גאזלען אזוי שטארק אזש די ווענט ציטערן? — הערט זיך פונעם הויף א מענטשנס קאָל, וואָס איז שרעקלעך אין קאס. — ניטאָ קיין רו, ניט באטאָג, ניט באנאכט!

— האלט מויל און ביל נישט, הונט איינער! — בייזערט זיך דער שמײַסער אפ א קאָל, וואָס לעכערט דעם מויעכ. — געשווינד עפן דעם טויער! דו הערסט?

— אפ קראנקע אפילע האָט מען ניט ראכמאָנעס... מע קלאפּט און שרײַט... מע שרײַט אין איין אָטעם... טאָמער וויסטו וואָס? — מורמלט דער שווייצאר אונטער דער נאָז, שפּײַענדיק מיט פארדראָס, שטעקט ארײַן דעם שליסל אין שלאָס, דרייט, דרייט מיט מאטערניש קלוימערשט, שילטנדיק דערבײַ מיט טויטע קלאָלעס.

ווי נאָר דער שווייצאר האָט געעפנט דעם טויער און דערזען די קארעטע און די מענטשן פאר אים אין דרויסן, איז ער באלד ווי איבערגעביטן געוואָרן, האָט געשווינד אראָפּגענומען דאָס היטל מיט א זיס מינעלע און געשטאנען מיט גרויס אָפּשײַ, ווי א קנעכט פארן פּאָרעץ.

— גיי, — זאָגן אים די מענטשן, וואָס שטייען פארן טויער, — גיי וועק אופ דעם „אופזועער" פונעם „ביקער-כוילים", דער „אופראוו-ליאיושטשי" פונעם אקציז רופט אים. ער זיצט דאָ אין דער קארעטע.

— בעקאָוועד גאָדל, מײַנע הערן! — זאָגט דער שווייצאר מיט א כניפעלע, מאכנדיק זיך, באם שטעלנדיק א פוס צו גיין, ווי ער רעדט קלוימערשט צו זיך אליין. — וואָס הייסט ניט פאָלגן אזעלכע גוטע, גרויסע לײַט, ווי די הערן אקציזניקעס? אומזיסט זײַנען זיי ניט מאטריִעכ קיינעם. וואָס פאר א באטרעפ איז בא זיי אן עמער בראנפן?

— אײַך, ראָכלין, באַדאַרף איך דאַנקען פאַר דעם קאָוועד, וואָס דער שווייצאַר האָט מיר דאָ איצט אָפּגעגעבן, — זאָגט אײנער, דער ייִנגסטער פון די צוויי מענטשן, צום אַנדערן שפּאַסנדיק, נאָך דעם ווי דער שווייצאַר איז אַוועקגעגאַנגען. — אָט דער שוויטע, ווײַל ער האָט מיך געזען שטייענדיק מיט אײַך, האָט געמיינט, אַז איך בין אויך אַן אַקציזניק ווי איר, און געקוקט אויף מיר מיט דערע־כערעץ. ווען ער זאָל געוווּסט, אַז איך בין אַ פּראָסטער באָסאָר־וואָדאָם, אײנער פון די שילער, הע, הע, וואָלט ער מיט אַן אַנדער לאָשן גערעדט מיט מיר. נאָר טאַקע אײַער זכות, אַקציזניקעס, שטייט אונדז בײַ די הײַנטיקע צײַטן, אונדז, בידנע מאַסקילים, נעבעך. אײַך איז קיין זאַך ניט פאַרבאָטן, אַלצדינג מעגט איר, מע איז אײַך מוחל און מע גיט אײַך אָפּ קאָוועד. אַז ווייל איז אײַך אויף דער וועלט! אוילעמהאַזע האָט איר, און מיר, אוי... ווען ניט איר, וואָלט גע־וואָרן פון אונדז אַן עק, כאַסוועשאָלעם!

— קלאָגט זיך ניט אַזוי, ריווקין, — טרייסט אים ראָכלין אויך מיט שפּאַס, — דערפאַר וועט איר, מאַסקילים, דאָך האָבן אוילעמ־האַבע און זויכע זײַן צו דער סודע פונעם ליוויאָסן.

— ווילט איר, ראָכלין, מאַכן מיר אויף אַן אײַסעק גיך און געשווינד, ווי מיר שטייען דאָ אויף איין פוס. מיר וועלן אײַך געבן פון אונדזער כיילעק אוילעמהאַבע: אַ גוטע פּאָרציע פונעם ליוויאָסן, פונעם שאָר־האַבאָר און יאַיִן־האַמשומאָר, און איר זאָלט אונדז געבן פון אײַער כיילעק אוילעמהאַזע: פלייש, פיש, בראַנפן און נאָך עפּעס.

— א־א, וועגן דעם מוז מען פריִער זיך אָנפרעגן אויף דער בירזע, אויב אײַערע אַקציעס און וועקסלען אויף אוילעמהאַבע וועלן האָבן אַן אָפּגאַנג צווישן סאָכרים. איך פון מײַן זײַט בין שטאַרק מעסופּעק, אויב אַ ייִד, אַ סוחר, אַפילע פון די גרויסע מײַמינים, וועט געבן פאַר זיי אַ צעבראָכענעם העלער. דאָס גלייבן — דאָס איז פון די זאַכן, וואָס מיטן מויל און ניט מיטן דער קעשענע. ניִשטאָ קיין גרעסערער אַפּיקוירעס, וואָס לייקנט אין „רוכניִעס”, שטאַרק דער־ווײַטערנדיק זיך דערפון, ווי די קעשענע פון נעגידים. אָט, אַשטייגער, וועל איך אײַך ווײַזן, אָנרופנדיק מיט די נעמען. נאָר... ניט דאָס אָרט דאָ, ניט די צײַט. אָט גייט דער מאַזשגיִעך!

עס הייבט אָן גרויען דער ראַנד הימל אויף מיזרעך־זײַט. אײנער,

ניט רעכט נאָך אָנגעטאָן, גייט אין אײַלעניש און שטעלט זיך אָפּ בא דער קארעטע.

— הער אופזעער! — לאָזט זיך הערן א ווייכע שטימע פונעם בײַדל ארויס. — איז דאָ בא אײַך אין שפּיטאָל אן אָרט פאר צוויי קראנקע?

— ניטאָ אצינד אפילע איין בעטל א ליידיקס. איר, מײַן הער, ווייסט דאָך זייער גוט, אז דער „ביקער-כוילים" איז קליין אין פארגלײַך מיט דעם היגן אוילעם יידן, וואָס פארגרעסערט זיך אלץ ווײַ-טער, ווײַטער זינט עס האָט זיך דאָ געעפנט צוויי נײַע קוואלן פון טוירע און פארנאָסע, די ראבינער־שול מיינ איך און די אקציזנע הויפּט־קאָנטאָר. א קאטאָוועס א ביסל, וויפל מענטשן פון אלערליי סאָרטן קומען אָן אהער! די שטאָט־פירער מאכן אסיפעס, אלץ וועגן ביקער־כוילים, מע רעדט, מע שרײַט, מע איז זיך מעיאשעוו — און גאָרנישט.

— נו?!

דער דאָזיקער „נו" האָט געהאט אין זיך פיל טײַטשן. עס האָט געקאָנט הייסן ווי א פרעג: „נו, עס וועט שוין נעמען אן עק דײַנע פלוידערײַען?" געקאָנט אויך הייסן א וואונדער: „נו, אימ קיין, וועט מײַן באקאָשע ניט דערפילט ווערן?" אויך געקאָנט הייסן פארדראָס: „נו, שייגעץ איינער?" נאָך און נאָך טײַטשן. דער אופזעער, וואָס איז בעעמעס געווען א פלוידערזאק און געהאט צו פארדאנקען מיט זײַן שטעלע דעם „אופראוואליאיושטשי", האָט געפילט אין דעם דאָ-זיקן „נו" אלע טײַמים, אלע טײַטשן מיטאמאָל, דעריבער האָט ער זיך פארכאפּט צו פארגלעטן דעם פעלער אזוי:

— דאָס אלצדיגע האָב איך נאָר געזאָגט גלאט אזוי-זיך, עס שאדט ניט, איר זאָלט וויסן, וואָס דאָ טוט זיך, פארשטייט איר מיך. וואָס אָנבאלאנגט אָבער אײַער באקאָשע — אָך! מאָרגן דערפיל איך זי מיט דעם גרעסטן קאָוועד. וואָס הייסט, אז איר בעט!..

— א שיינעם דאנק אײַך! די זאך אָבער קאָן מען ניט אָפּ-לייגן אף מאָרגן. זעט נאָר, די קראנקע ליגן אָט דאָ אין וואָגן.

— הערט נאָר א מײַסע, אָט דאָ אין וואָגן, און איך האָב ניט באמערקט!.. אָט אצינד זע איך שוין, זע איך. זיי ליגן דאָך קימאט אָן א סימען לעבן. א מײַסע, א מײַסע!..

— אָט דעריבער טאקע בעט איך דאָך אריַינעמען זיי אין ביקער־כוילים באלד אָן שיִעס.

— היי, איוואן! — רופט דער אופזועער דעם שווייצאר. — גיכער ברענג אהער די מענטשן מיט די אלע זיבן זאכן אפ צו נעמען טראָגן פונדאנען די קראנקע.

— ריווקין! — זאָגט דער אופראווליאיושטשי, אראָפּגייענדיק פונעם וואָגן. — נאט אייַך מייַן קארטל צום דאָקטער פון ביקער־כוילים, פּאָרט, זייַט מויכל, און ברענגט אים באלד אהער אין מייַן קארעטע. און איך וועל גיין אהיים צופוס. נישקאָשע, נאָך אזא לאנגע צייַט זיצן, איז גוט דורכצוגיין זיך א ביסל. און אייַך, הער ראָכלין, בעט איך, — זאָגט ער פרייַנטלעך, אומקערנדיק זיך צו אים מיטן פּאָנעם, — איר זאָלט ניט אוועקגיין פונדאנען ביז מע וועט די קראנקע אָפּגעבן זייער אָרט און טאָן זיי, וואָס מע באדארף.

דערווייַל הייבט אָן ברעכן אפ טאָג, עס פארפארבט זיך רויט דער הימל אין מיזרעך־זייַט, און שמוליק מיט מוישעלען, דער טאטע מיט דעם זון, ליגן ביידע אפ איין בעטל דערווייַלע אין פּאָרהויז ביז עס וועט גרייט ווערן פאר זיי א באזונדער אָרט. ביידע זייַנען צעהארגעט, צעביילט, ליגן פארדולט, בלייך ווי די וואנט.

דער פערטער קאפיטל

יענער דאָר, אינ שמוליקס צײַט, איז געווענ א דאָר פונ מאסקילים, כאקראָנים, הייסט עס, אונ פונ אקציזניקעס.

די ייִדנ דענסטמאָל האָבנ שטארק קיינ כיישעק ניט געהאט אָנעמענ די „האסקאָלע”, וואָס מע האָט עס „פונ אויבנ” פּאָרגעשריבנ זיי פאר א רפוע צו זייערע אלע מאקעס. זיי האָבנ זיכ געשטעלט אונ געזאָגט: „שקאָלעס ניע זשעלײַעמ!” שקאָלעס, הייסט עס, ווילנ מיר ניט. האָט די וועלט שטארק פאריבל געהאט דערופּ, מוירע האָבנדיק, זי זאָל ניט כאָרעוו ווערנ, כאסוועשאָלעם, צוליב דעמ נארישנ פאָלק ייִסראָעל, וואָס וויל זיכ ניט בילדנ. אונ גאָט דער לעבעדיקער וייסט, וואָס עס וואָלט געווענ דער סאָפּ פונ דער וועלט, פונ גוייִמ אונ ייִדנ, לעהאוודל, איניינעמ, ווענ דער מאלעכ פונ פארנאָסע זאָל זיכ ניט געווענ אונטערכאַפּנ מיט הילפּ אינ דער בייזער שאָ, ניט הײַנט געדאַכט. אָט דער דאָזיקער מאלעכ פונ פארנאָסע, וואָס דרייט דאָס רעדל פונעמ ייִדישנ מאזל מיט דער גאנצער לעבנס־געשיכטע זינט גאָלעס מיצראיִמ ביז הײַנטיקנ טאָג; וואָס גיט מיט דער פולער האנט קאָווער די נעגידימ אונ כאָכמע יענע, וואָס מיט ברייטע, פולע קעשענעס — ער האָט זיכ געגריבלט אינ אלע יענע מינע פארנאָסעס, וואָס זײַנענ געווענ בעקויעכ אראָפּצופירנ ייִדנ פונעמ וועג אינ געוויסע צײַטנ, אונ נישט געפונענ קיינ בעסער מיטל צו פארדרייענ זיי מיט האסקאָלע, ווי דער אקציז פונ בראנפנ.

גוט איז ער דערמיט, וואָס די מעמשאָלע זײַנע וועט זיך פאַר־שפּרייטן אומעטום, ווי ייִדן מעגן זיצן; וואָס ער וועט באַשעפטיקן מיט פאַרשיידענע מינע שטעלעס טויזנטער מענטשן פונעם געהויבע־נעם און געמיינעם אוילעם, און פון זיי ווידער וועלן האָבן שעפע שענקערס, באַל־אכסאניעס, אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, קרעמער, סטאַם באַלעבאַטים און אויך אַפילע מעקאַבלים, קלייקוידעס, באַטלאָנים, קאַפּצאָנים, — און וואָס נאָך, וואָס דער אַקציז פאַר זיך אַליין, בראַנפן, הייסט עס, האָט געגנוג קויעך צו געוועלטיקן איבער דעם מענטשנס נעשאָמע. שטאַרקער פון מאַשקע איז נישטאָ אין דער וועלט. מאַשקע נעמט צו דאָס געלט, דעם סייכל און דאָס האַרץ, מאַכט וואָס טרייפע קאָשער און וואָס קאָשער — טרייף. און פאַר די אַלע מײַלעס, אַרויסגעזאָגטע און ניט אַרויסגעזאָגטע דאָ, וועט ייִדן ניט אַזוי אַרג די גענג פון די אַקציזניקעס, די גאַבאָיִם פון דער מאַשקע, וואָס קימאַט אַלע וועלן ניט זײַן קיין צאַדיקים, און מע וועט זיי מויכל זײַן אַף אַלע אַווירעס, וואָס צו גאָט און וואָס צו לײַט, אויך אַף אַזעלכע אַווירעס, וואָס מע טאָר ניט זאָגן. און אַז מע וועט זיך מאַכן ניט ווי־סנדיק, אַוועקוקן פון די גרעסערע, וועלן זיך נעמען צו בילדונג די קלענערע. עס וועלן ווי גרינע גראָז זיך אָנהייבן ווײַזן פריש־צאַפּלדיקע מאַסקילים. יונגעלײַט אין שטעט, אין דערפער, וועלן לערנען, אַרײַנקוקן אין די ביכלעך, פריִער בישטיקע: אַף בוידעמער, אין קעלערס, אין דער ווײַבערשער שול, אויך אין באָד, לעהאַוודל, און דערנאָך שוין גאַנץ אָפן אַרײַנגיין אין שולן, גימנאַזיעס, אוני־ווערסיטעטן, טראָגנדיק פאָרמעס מיט מעשענע קנעפּ. עס וועט זײַן לײַהודים, ייִדן — ליכטיק, און די וועלט, גויִים הייסט עס, וועלן גאָר אָנקוועלן.

און אַזוי טאַקע איז געשען! אין יענע שלעכטע צײַטן, אַז ס'איז געווען ביטער און פינצטער, האָט זיך איבערגעדרייט מיט־אַמאָל דאָס רעדל — ייִדן האָבן גענומען די אַרענדע פון בראַנפן, האָבן זיך באַלד א ווײַז געטאָן אין דער ייִדישער גאַס אַקציזניקעס און א פריש, מעכײַעדיק ווינטעלע האָט געווייט אין די געצעלטן יאַנקעווס!

און אַקציזניקעס זײַנען געווען פאַרשיידענע, פון אַלערליי סאָרטן מענטשן. דער מיטעלער סאָרט פון זיי, סטאַם אַקציזניק, הייסט עס,

און דער גרעסטער טייל פונ זיי פארדינט צו באקענענ זיכ מיט אימ דאָ בעסער און פריִער פונ אלע.

דער דאָזיקער מינ סטאמ-אקציזניק איז געוויינטלעכ א געבוירענער ערגעצ אינ א ייִדיש שטעטל. דער טאטע זײַנער, עליאָקימ-געצל, א ייִד א קאפצנ, א לײַטישער אָנגעזעענער אָרעמאנ, האָט אימ א נאָמענ געגעבנ פײַוויש, און אימ מעגאדל געווענ, ווי דער שטייגער איז, לעטוירע אולעכופע. טוירע האָט ער געלערנט קינדווײַז אינ כיידער און באָכערווײַז אינ א יעשיווע, אגעוו טאקע כאסענע געהאט און דערנאָכ... אוועק אָדער אנטלאָפנ פונ זײַנ שטעטל, פונ זײַנ „געבורט" און פונ זײַנ פלוינעסטע, דאָס מיינט מענ זײַנ ווײַב, אפ א צײַט לאנג, אָדער אפ לעוילאָמ־וואָעד.

אצינד טראָגט ער זיכ דײַטש, מיט דער מאָדע, מיט ווײַסע קרעגנדלעכ וועבלנע אָדער עפשער גאָר פאפירענע, וואָס צוויי א גראָשנ. דאָס רעקעלע זײַנס, וואָס איז אימ מאמעש א דערקוויקעניש, פארקירצט ער אזוי, אז דערגרייכט קוימ ביזנ העלפט געזעסל, מעכילע, אפצעלאָכעס דער קאפאָטע, אָלע־האשאָלעמ, וואָס האָט זיכ געשלעפט בא אימ אמאָל ביז די פיאטעס. דאָס אייגענע טאקע איז בא אימ אויכ מיט די פייעס. זאָל דער אייבערשטער שוימער־אומאצל זײַנ, אז פײַוויש בענ עליאָקימ־געצל זאָל איבערלאָזנ דערפונ כאָטש עפעס א סימענ! דערפאר א טשוב פארלאָזט ער זיכ דאפקע א גרויסנ. מיט דער באָרד און וואָנצעס האָט ער גענוג ארבעט, פריִער פוצט ער די באָרד מיט א שערל און דערנאָכ גאָלט ער זי גאָר אָפ, צו אלדי רוכעס. די האָר שמירט ער, זיי זאָלנ גלאנצנ, אָנלייגנדיק גענוג פאָמאדע, און בא עפעס א סימכעלע באשפריצט ער די קליידער מיט פארפומע, עס זאָל שמעקנ. זייער וויכטיק איז בא אימ דאָס גיינ אָנ א היטל. באלד ווי ער קומט ערגעצ ארײַנ, איז איידער ער טוט אויס די קאלאָשנ, נעמט פונ זיכ אראָפ דאָס מאנטל, שטייט ער שוינ מיט א הוילנ קאָפ, און נישט דאפקע ארײַנקומענדיק אינ א הויז, ווו מענטשנ, נאָר אינ אוועלכנ געבײַ ס'איז, אפילע אינ א סארײַ, אינ א שטאל אוקעדוימע. אקלאל, אלע גויִשע זאכנ, וואָס פײַוויש האָט אָנגענומענ, היט ער פיל מער אָפ ווי דער גוי אליינ, ווײַל וואָס נײַ איז זייער כאָשעוו, און נאָכ מער דערפונ, ווײַל עס פילט זיכ עפעס א באזונדער טאמ אינ דעמ, וואָס מע טאָר נישט.

א ציגאַר, אשטייגער, יאָנטעוו רייכערט זיך זייער געשמאַק דעם פרומען ייִדן, ווײַל עס קומט אים אויס עפּעס א כידעש — רייכערן ווען מע מאַכט קידעש, מע עסט פיש, יויך און צימעס! און שאַבעס א ציגאַר איז שטאַרק געשמאַק דעם ניט-פרומען, ווײַל רייכערן שאַבעס איז פאַרבאָטן.

פײַוויש שעמט זיך ריידן ייִדיש און שנײַדט א מין גויִש, מישטיינסגעזאָגט, אומבעראַכמאָנעס, אזוי אז ער מאַטערט אָפּ זיך אַליין, נעבעך, און יענעם ווערט נישט גוט הערנדיק. ווי פערל שיטן זיך אים פון מויל, הויך און שאַרף, נאָר יענע מיִעסע זידל-ווערטער און אויך יענע מינע ווערטער, וואָס ווערן געברויכט אין די אקציז-נע קאַנצעלאַריעס, ווי אשטייגער: „אָטנאָשעניע”, „ראַספּאָראַזשעניע”, אוקעדוימע. „פײַוויש” איז שוין בא אים פע, ער לאָזט זיך רופן פּאַפנוטיע אקימאָוויטש, און א שטיק געזונט קומט אים צו הערנדיק, אז דער צעלעם-עלויהים איז פון אים אראָפּ. אזא מין שוואַך גיט אים אונטער שטאַרק כיישעק נאָך מער פּאָמאַדע ארופלייגן אפן קאָפּ, נאָך מער קוקן אין שפּיגל און לערנען זיך האַלטן די נאָז אזוי, אז זי זאָל ניט אויסגעבן אים פונוואַנען ער שטאַמט.

אין דאָרף, אָדער אין שטעטל, ווו עס קומט אים אויס צו וווינען, רײַבט ער זיך ארום די דאָזיקע באַאַמטע און פּריצימלעך, עס ציט אים זיצן מיט זיי באַם גרינעם קאָרטן-טישל און עסן בא איין טיש מיט זיי. איז בא זיי א כאָגע אָדער א געבורטסטאָג, פוצט ער זיך אויס יאָנטעוודיק, קאַרגט ניט אפ זיך קיין פּאָמאַדע, קיין פּאַרפומע און קומט גוט-יאָנטעוו-ביטן, מאַזלטאָוו אָפּגעבן מיט א פאַרבויג און מיט א מאַטאָנע. און אז דאָס מאַזל שפּילט אים און ער איז זויכע צו זײַן פאַרבעטן ווי א גאַסט צום טיש, מישט ער מילכיקס מיט פליישיקס, קאָלבאַס מיט קעז אינאיינעם, עסט, רײַבט אפ וואָס די וועלט שטייט, אלע זאָלן זען, אז ער האַלט ניט פון זאַבאַבאָנעס, ווי יענע פאַנאַטיקער. פונעם פאַרפלאַמטן פּאָנעם און די אויגן זײַנע, וואָס וואַרפן זיך בעשאַסמײַסע אין אלע זײַטן, זעט אויס, ווי ער מיינט, אז ער טוט זיי דערמיט א טויווע, וואָס זיי וועלן עס אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן. און אז זיי שפּאָטן, ווי גע-וויינטלעך, פון ייִדן, אָדער טאַקע פון אים אַליין, קלוימערשט גוט-ברודערשאַפט, איז אמאָל שווײַגט ער, ניט-ווייסנמאַכנדיק זיך, און אמאָל לאַכט ער אויך פון שאָלעם וועגן...

באַלד באַם אופשטיין אינדערפרי, נאָך האָט ער די הענט ניט געוואַשן, דאָס מויל ניט אויסגעשווענקט, כאַפּט ער זיך עסן; כאַטש עס ווילט זיך אים ניט, נאָר קעדיי מעקאַיעם צו זײַן די אווײרע פון עסן אָנשטאָט דאַווענען. פונדעסטוועגן איז ער גאָר ניט אַזאַ ראָשע אַקעגן גאָט, ווי עס דאַכט זיך. אין האַרצן באַ זיך איז ער אַ באַל־טשוווע, בעט איבער דעם ריבוינעשעלוילעם. אַפּ אַ טייל אווײרעס איז ער אים מוידע און אַפּ אַ טייל ברענגט ער אים אַ העטער פון פיל ערטער געוויסע, ווו עס שטייט, אַז מע מעג, אָדער ער ווײַזט אים אויס, אַז אייגנטלעך זײַנען זיי געמאַכט געוואָרן נאָר קעדיי צו פאַרהיטן דורך זיי פון אווײרעס. עפּנטלעך עסט ער גויִישע מײַכאָ־לים, דאָך אַז ס'קומט אים אויס אַמאָל עסן יִידישע מײַכאָלים, עסט ער מיט אַפּעטיט, שמאָכנדיק דערבײַ פאַר זיך מאַכמעס גרויס האַנאָע.

דאָסגלײַכן איז ער ניט אַזוי שלעכט אויך צו לײַט — ער איז זייער גוט צו יִידישע טעכטער, פאַרהאַלט זיך אַקעגן זיי נישט אַזוי ערנסט, פונדערווײַטנס, אַפּהיטנדיק זיך מיט אַ וואָרט, ווי פרעמדע מענטשן צווישן זיך, נאָר פרײַנטלעך, מיט ליבשאַפט, ווי מיט אייגע־נע שוועסטער, איז מיט זיי אַ נאָענטער שמעלקע, וואָס אַפּ דער לונג, דאָס איז אים אַפּ דער צונג, נישט מאַכנדיק, כאָלילע, אַן אונ־טערשייד צווישן אַ באַלעבאַטישע טאָכטער און אַ דינסט. אַדעראַבע, די וואָס אַן אָרעמינקע איז אַ מיצווע זי מער מעקאַרעוו צו זײַן, זײַן צו איר נאָך מער צוגעלאָזט. עס האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַ מײַסע מיט דער טאָכטער פונעם באַלעבאָס, ווו ער איז געשטאַנען סטאַנציע, אַן אויסגעגעבן ווײַבל אין דער פרעמד עֶרגעץ אין אַ שטעטל, וואָס איז געקומען אַהיים זען זיך מיט דער מישפּאָכע. אַ סימכע, אַ פרייד באַם קומען אירס אַפּ איטלעכן אין שטוב, אַלע קושן זי, האַלדזן זי, און זי קושט, האַלדזט יעדן באַזונדער. און בעשאַס כעד־ווע איז פּײַווּש אויך דאָ אין דער מיט, ביידע, ער מיט איר, האַלדזן זיך, קושן זיך אַפּ דער זײַט, אַפּ יענער זײַט פּאָנעם גאָר אין איין אָטעם. אַז ס'איז אַריבער די הייסע רעגע, דער אוילעם האָט זיך אָפּגעקילט אַ ביסל, הייבט אָן דאָס ווײַבל צוקוקן זיך צו די קרויווים, אויספרעגנדיק איינעם נאָך דעם אַנדערן, וואָס ער מאַכט, וואָס ער טוט. און אַז עס קומט צו פּײַווּשן און זי שטעלט אויס

אף אים א פאָר אויגן פארוווּנדערט, טוט ער זיך א כאַפּ, מאכנדיק אויך פאַרוווּנדערט: „וואָס הייסט? ווער איך בין ווייסטו ניט? איך בין דאָך — דער היגער אקציזניק!!"...

און בעעמעס טאקע איז אן אקציזניק געווען א גרויסער פאָר־נעם אין זײַן אָרט, ווײַל פיל מענטשן האָבן באדארפט צו אים אָנ־קומען. ווער שמועסט די שענקארעס, וואָס רעכענען זיך אין שטאָט פאר שיינע, אָנגעזעענע באלעבאטים און שפּילן א ראָליע קימאט ווי די וואָכערניקעס דאָרט, זיי זײַנען געלעגן באַם אקציזניק אין דער האַנט און געהאט פאר אים דאָס בײַניעריקע קאדאָכעס.

שנײַדער, באדכאָנים אוקעדוימע כעוורע פ"צ[1], די פאָלקס־פּײַטאָנים, וואָס מאכן לידלעך אף אלע מינע שלעק, מישלאכעסן אין זייער צײַט, און מע זינגט זיי דערנאָך אומעטום צווישן דעם יידישן אוילעם — זיי האָבן עס געמאכט אף די אקציזניקעס פון פּײַוושעס שפּיט נישט מער ווי דאָס דאָזיקע לידל:

...און אקציזנע יונגעלײַט
זײַנען פארשײַט:
גאָלן די בערדעלעך
און כאָרן אף פערדעלעך,
גייען אין קאלאשן
און עסן אומגעוואשן.
זיי גייען אין די טראקטירן,
טרינקען טיי,
און דעם ווײַבל איז ווינד און ווי.

און זאָס איינציקן לידל אפילע איז אויך נישט געווען פאר־שפּרייט צווישן דעם פאָלק און ס'איז ניט אָנגענומען געוואָרן, גלײַך ווי פיל שטיקלעך פּײַנט אזוינע, צו זינגען עס באַם אוילעם. און דאָס דינט פאר א באווײַז, ווי שטארק די פארנאָסע ווירקט, אז זי איז מעכאפּער אף אלע זינד.

נידעריקער מיט א שטאפּל פונעם מיטעלן סאָרט אקציזני־קעס זײַנען יענע, וואָס אָנגעשטעלט געווען אין „גוראלניעס",

---

1 פאצ (כויאליי־צעדעק).

אין אמבארן, שפּײַכלערס, קעלערס פון בראנפן און שאָמרים ארום־פאָרנדיקע אפ פערד. צווישן די דאָזיקע לײַט איז אַן אויסמישעניש פון אלערליי מינע נעפאשעס: געוועזענע קרעמערלעך, מארק־מענטשן, מעקלערס, מעשאָרסים אין אכסאניעס. צום טייל גרויסע גראָבע־יונגען, „געשלאָגן אפ דער איוורע״, וואָס האָבן באקומען שטעלעס נאָר צוליב דעם, וואָס זיי זײַנען ארץ־פּיאסקע אזעספּענעמער מיט הערצער פארשטאָקטע, הארטע ווי שטיין, און אויך אזעלכע, וואָס האָבן געקענט, מישטיינסגעזאָגט, קוים רעכענען ביז „טישבוירעס״, דורך איבערגעגעבענע זיי בעסאָד־סוידעס עפּעס אזוינע מינע קלאָלים, און מאכן קייפל אפ די צונויפגעשטעלטע פינגער, ווי אויך ארויס מיט א גוייִש וואָרט, מישטיינסגעזאָגט, אז מע האָט באדארפט אמאָל.

עס זײַנען דאָ אין דעם דאָזיקן פעקל אויך געוועזענע מעלאמדים, וואָס מיט זייער בייזקײַט, מיט זייער פרײַ זײַן אפ דער האנט זײַנען זיי ווי געווונטשן, צוגעפּאסט צו זייערע איצטיקע שטעלעס. עס געפינען זיך דאָ אין צעטל אויך באטלאָנים, טויגעניכצן, גאָרנישטן, סווישטשעס, וואָס האָבן קיין פינגער אין קאלט וואסער קיינמאָל ניט ארײַנגעטאָן, טויגן ניט א קאַץ אַן עק צו פארבינדן, שטייען ווי די אָנגעמאָלטע ליימענע גוילעמס אפ זייערע שטעלן, און פרעגט זיי בעכיירעם, וואָס טוט זיך דאָ מיט זיי אזוינס. דאָס זײַנען אָרעמע קרויווים פון די געהויבענע אקציזניקעס, פון זייערע ווײַבער, פון זייערע ליבהאָבער און ליבהאָבערנס, אָדער פון גווירים, נעגידים, מאָסרים און טאקיפים, וואָס מע האָט געמוזט צוליב טאָן און געבן זיי שטעלעס פון יויצע וועגן.

אָט די דאָזיקע מוישע־מעכוייעווניקעס זײַנען געבליבן דאָס, וואָס זיי זײַנען געוועזן, ניט אראָפּנעמענדיק זיך פונעם רעכטן וועג, כאסוועשאָלעם, טאקע די אייגענע ווי פריִער: מיט די אייגענע קליידער, מיט די אייגענע נעמען, כאצקל געהייסן און כאצקל געבליבן, אויך מיט דעם אייגענעם לאָשן, גערעדט מאמעלאָשן, ייִדיש, הויך מיט א ניגן, מאכנדיק מיט די הענט, נישט נאָר צווישן זיך, נאָר אויך מיט דעם אָדן זייערן. אז דער אָדן פלעגט אמאָל פּלוצים אָנפאָרן מיט דער פּאָרסע און זיי א פרעג טאָן עפּעס וואָס-עס-איז, פלעגן זיי ענטפערן קורץ און שארף: מיר ווייסן גאָרנישט, רעב... רעב (אזוינער און אזוינער) האָט אונדז דאָ אנידערגעשטעלט, און מיר

שטײען. פונדעסטוועגן א שטיקל אפּיקאָרסעס האָט זיכ צו זײ דאָכ צוגעקלעפּט — די באָרד און פּײעס, אשטײגער, פּלעגן זײ אויסקעמען אינמיטן וואָכ און אמאָל טאקע שאבעס אויכ. די נאָז פּלעגן זײ ניט שנײַצן פראנק און פרײַ, איטלעכן אינ די אויגן, נאָר זײ האָבן זי, די נאָז, הײסט עס, געלערנט דערעכערעצ, אָפּטאָן איר זאכ שטיל, אינ דער זײַט, און טאקע אָפּווישן זי מיט א טיכל, נישט דאפקע מיט דער האנט אָדער מיט אן עק קאפּאָטע. דעם דאווענען פּלעגן זײ אמאָל אָפּמאכן בעקיצער, ווי מע זאָגט: „סור־בור אומאפּלי לײַסעס״. פאר דעם אָדן זײערן פּלעגן זײ אראָפּנעמען דאָס היטל און שטײן פאר אים מיט א הוילן קאָפּ. זײ פּלעגן אמאָל הערן ניט קײן שײנע ווערטער פון זײערע כאווײרים, אקציזניקעס, נישט אָנצובײזערן זיכ אפ זײ. אדעראבע, אָפּט פּלעגן זײ נאָכ דערפון האנאָע האָבן.

יענע גראָבע־יונגען, מיִעסע אמעראצים צווישן די אקציזניקעס, פּלעגן רײדן ניבלפּע, טאָן אן אווײרע ניט בעקיוון, אפ לעהאכעס, כאָלילע, נאָר פּאָשעט דערפילן דערמיט זײערע טײַוועס. אויסגענומענע די געוועזענע מעלאמדים, — זײ האָבן געטאָן טאקע אן אווײרע בעקיוון, צוליב דער אווײרע אלײן. דער כילעק צווישן זײ און סטאם אקציזניק פונעם מיטעלן סאָרט איז נישט מער אינ דעם: יענער האָט געזינדיקט און האנאָע געהאט, און זײ האָבן געזינדיקט און קײן האנאָע ניט געהאט. יענער האָט געזינדיקט מיט שאטנעז, אשטײגער, אינ א מאלבעש, און זײ — אינ א לאטע פון וואָל אפ צעריסענע לײַוונטענע פּלודערן. יענער האָט געזינדיקט, מישנדיק פלײש מיט מילכ, האָט ער געגעסן א הינדל מיט פּוטער, אויכ פארטרונקען מיט „נעסעכ״, דעם טײַערסטן ווײַן, און זײ — האָבן געגעסן א פּיסנע קרליש, געקאָכט אינ א פלײשיק טעפּל, מיט א מילכיקער לעפּל. און דער ווײַן, וועלכן זײ האָבן אמאָל זיכ פארגונען טרינקען, נאָכ דעם ווי זײ האָבן אים געמאכט „נעסעכ״ דורכ דעם אָנרירן פון א גוי, איז געווען ראָזינקעס־ווײַן. דאָס איז נאָכ גאָרנישט, זײ פּלעגן זיכ נאָכ אמאָל גאָר נויטן צו טאָן אן אווײרע, כאָטש זי איז פריקרע, קעגן זײער נאטור, ווי אשטײגער עסן ראקעס.

א העכערער גראד פון דעם מיטלסטן סאָרט זײַנען געווען די געהויבענע אקציזניקעס — „אופּראווליאיושטשעס״, אשטײגער, וואָס איטלעכער אינ זײַן אָרט איז געווען א גרויסער פּאָרעצ, געהאט צו

זאָגן איבער אַלצדינג, וואָס שײַעך צום אקציז. אויך רעוויזאָרן, שרײַבערס, בוכהאלטערס, סעקרעטארן אין די קאנצעליאריעס און אין דער הויפּט־קאָנטאָר פונעם אָדן איבער אלע אדוינים, פּאָרעצ איבער אלע פּריצים, פונעם ארענדאר, האגוויר האגאַדל וועהאנויראָ — פון אים אליין! מיינסטנס זײַנען די דאָזיקע געווען פארשטענדיקע, געבילדעטע, אָרנטלעכע, לײַטישע מענטשן.

אָט די דאָזיקע אלע מינע אקציזניקעס, פון קליין ביז גרויס, זײַ זײַנען עס די טאטעס פון דער „האסקאָלע" אין דעם פריערדיקן דאָר.

און מיט די קינדער זייערע, די מאסקילים הייסט עס, איז געווען אויך דאָס אייגענע וואָס מיט די טאטעס, די אקציזניקעס.

צווישן די מאסקילים איז אויך געווען אן ערעוו־ראוו, אן אויסמישעניש פון אלע מינים — מאסקילים מיט פולע אָנגעשטאָפּטע קעשענעס און ליידיקע מויכעס, פון סאָכרים, „פּאָדראטשיקעס" אוקעדוימע. אויך מאסקילים פון מעלאמדים, געוואָרענע לערער אין די שולן, וואָס פלעגן אויסלערנען מיט די שילער די ערשטע פּארשע „בעריישיס" און א שטיקל „חיי אדם"[1] מיטן „דײַטשערישן איבערזעצ", מישטיינסגעזאָגט. כאָלילע, זאָגן „ברא"[2] באשאפן, נאָר „שופ". דאָס זײַנען געווען די אפּיקאָרסים, די כאקראָנים, די „באל־לאָשנס" אין יענער צײַט. אויך איז געווען מאסקילים באטלאָנים, וואָס פלעגן זיך קרימען אפ פּיוטים, אופווײַזנדיק אין זיי פעלער, פארברענגען די גאנצע צײַט זייערע אפ אײַנבײַסן א הארבן פּאָסעק, א קרײַטיש שטיקל אגאדעטע, געבן מיינסטנס צו פארשטיין זייערס אן אופּטו מיט מעשאָלים פוג דעם שטייגער פירונג אין דער וועלט און פון דער פּאָליטיקע. די מעגילע — דאָס איז פאר זיי געווען אן אָרט ארײַנצולייגן דאָרט טיפע קאוואָנעס אין די ווערטער פון האָמאָן און אכאשווייראָש, געגריבלט זיך מיט א קוועטש אין איטלעכס וואָרט פון מאָרדכעס און עסטער האמאלקע און עס דערקלערט סייכלדיק אלפּי כאָכמעס האפּאָליטיקע עפּ־עפּ!.. פון „קאפּאָרעס שלאָגן" האָבן זיי נישט אזוי געהאלטן, פלעגן איבערהיפּן געוויסע שטיקלעך „יאָצרעס" און צובאָמקען יענע, וואָס האָבן פארלאנגט „רעפּאָרמעס" אין דעם „שולכן־אָרעכ".

---

1 „כאיעי אָדאָמ".

2 „באָראָ".

פונדעסטוועגן באדארף מען נישט אזוי גרינג אוועקמאכן די מאסקילים פונעם פריִערדיקן דאָר. מע מוז געדענקען די צײַט, ווען, און דאָס אָרט, ווו זיי האָבן געלעבט. עס מעג זיי בײַשטיין אויך דער זכות, וואָס ווען נישט זיי, וואָלטן הײַנטיקע כאכאָמים, אין אונדזער צײַט, זיך נישט גענומען אפ דער וועלט. און איר, בייזע צינגער, אָנשטאָט צו זידלען, צונישט מאכן יענע, וואָס אמאָל, זידלט בעסער די, וואָס הײַנט. וויפל, אשטייגער, מאסקילים־אמעראצים, אויסגעלאסענע, באטלאָנים האָט איר אײַך אי אצינד אין אײַערע צײַטן. מיילע אפ די אמאָלדיקע איז נאָך דאָ א טערעצ — מענטשן זײַנען דאָס אייגענע, וואָס א שטארק צונויפגעשטיקטע לופט, אשטייגער, צו איין זײַט. ערגעץ עפעס, וויבאלד עס שפּירט זיך א מינדסטע עפּענונג, מוט זי זיך א שטופּ מיט אימפּעט, פארפליִענדיק פרײַ העט ווײַט צו דער אנדערער זײַט. האָט פונעם בעסמעדרעש צו דער „האסקאָלע" זיך געעפנט א ביסעלע די טיר, האָבן ייִדישע קינדער א לאָז געטאָן זיך ווי די דולע, פארקריכנדיק ווײַט. מיט וואָס אָבער קאָן מען פאר־ענטפערן די הײַנטיקע, וואָס די טיר צו דער האסקאָלע איז ניט געווען פארשלאָסן קיינמאָל פאר זיי? די פריִערדיקע זײַנען געווען כּארפירט אומגערן, ניט ווויסנדיק, און די הײַנטיקע — טאקע וויסנדיק. און נאָך אלע זאכן זײַנען דאָך ניט אלע אין יענעם פריִערדיקן דאָר געווען פארדאָרבן, כאָלילע. ווי צווישן די אקציזניקעס האָבן זיך גע־פונען איינצלנע לײַטישע מענטשן, אזוי אויך צווישן די מאסקילים. פיל גרויסע לאָמדים, כאכאָמים, געלערנטע זײַנען פון זיי אין יענער צײַט געווען, בארימטע שריפטשטעלער, פּאָעטן, וואָס מאכן קאָוועד זייער דאָר ייִדן און די שפּעטערדיקע דורעס.

און איר, כאכאָמים פונעם נײַעם דאָר, בארירט ניט דעם קאָ־וועד פון די כאכאָמים פונעם אלטן דאָר דערפאר, וואָס זיי האָבן ניט געהאט צו טאָן איבער א זאך, ווי „בייס־שאמײַ" מיט „בייס־הילעל" אשטייגער, איבער אן איי, וואָס איז ערשט נוילעד געוואָרן איצט. אין פארלויף פון פארשיידענע צײַטן וועלן נײַע געדאנקען און אנדערע באדערפענישן נוילעד ווערן בא אײַערע קינדער, נאָך אײַך. מעגלעך, אז יענע קינדער אין זייער צײַט וועלן אויך לאכן פון די טאטעס, פון זייערע כקירעס און זייערע כאלוימעס. איטלעכע צײַט איז מיט אירע פייגעלעך. נײַע פייגעלעך — נײַע לידלעך.

דער פינפטער קאפּיטל

די מײַסע מיט שמוליק דעמ טאנדעטניק, זי באווײַזט אויכ זייער גוט, ווי נאָכ טויזנטער אזעלכע באווײַזנ, אז א ייִד באדארפ אָנעמענ פאר ליב איטלעכע מאקע, איטלעכנ קלאפּ, אי א פּאטש אויכ, אפילע ווענ עס טוט אימ שטארק וויי; ער באדארפ גלייבנ, אז דער פּאטש איז, נישקאָשע, ניט אומזיסט, נאָר פונ זײַנ טויווע וועגנ, אויב ניט באלד אינ דער הייסער מינוט, איז שפּעטער. ווי עס זעט אויס, איז שוינ, אפּאָנעמ, דעמ ייִדנ אזוי אָנגעשריבנ באמ געבוירנ ווערנ, אז ער זאָל ניט האָבנ קיינ לעק אויפעמהאזע אָנ צאר אונ יעסורימ. דעמ ייִדנס מאזל ליגט אינ א הארטער קאָפּלשמוינעדיקער שאָלעכצ, ווי דאָס קערל פונ א נוס, וואָס קומט אָנ זייער שווער צו דערטאפּנ עס ביז מע ברעכט ניט שיר אויס די צייג קנאקנדיק.

שרעקלעכע ווייטעקנ האָט שמוליק, נעבעכ, געליטנ יענע נאכט, אי הארצווייטעק, אי ווייטעקנ פונ די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאפּט, נאָר ווענ ניט זיי, וואָלט ער דאָכ ניט זוּכע געווענ צו האָבנ דעמ קאָוועד, אז מיכאָעל סאפּיר, דער עלטסטער איבער אלע אקציזניקעס אינ וואָלינער גובערניע, זאָל זיכ מיט אימ אָפּגעבנ, ארײַנעמענ צו זיכ אינ דער קארעטע אימ מיט זײַנ מוישעלעכ אונ אָפּפירנ זיי ביידע אינ ביקער־כוילימ. אונ ס'איז בעעמעס א קאָוועד, א גרויסער קאָ־ וועד, וועלכנ אָפּצושאצנ איז אינ שטאנד נאָר אזעלכער, וואָס אימ איז גוט באוווּסט דער שטייגער לעבנ פונ אונדזערע ייִדנ אינ היגנ ווינקל, זייער פירונג אונ מיינונגענ אינ יענע צײַטנ.

אונדזערע זיידעס האָבן געגלייבט: דאָס גאַנצע לעבן אַף דער־וועלט איז נאָר צוליב יענער־וועלט. „דער מענטש ווערט געבוירן אַף מעקאַיעם צו זײַן מיצוועס לעשעם־שאָמאַיִם און שטאַרבן דאָ, קעדיי צו לעבן דאָרט". דעריבער איז אַלצדינג, וואָס ער געברויכט דאָ אַף דער־וועלט, ניט צוליב דערהאַלטן דעם גוף און פון זײַן האַנאָע־ווענג, נאָר צוליב דעם, קעדיי מעקאַיעם צו זײַן אַ מיצווע. זיי האָבן געגעסן, אַשטייגער,* אין אַ וואָכעדיקן טאָג, קעדיי צו מאַכן „האַמוי־צע" און בענטשן, און שאַבעס אויך קעדיי מעקאַיעם צו זײַן „שאַלעש סודעס". האָבן פאַרזוכט זומער די פּיירעס, קעדיי מאַכן בראָכע מיט אַ „שעכעיאָנו". ווײַן האָבן זיי געטרונקען פּייסעך, מעקאַיעם צו זײַן „אַרבע קויסעס". זיי האָבן כאַסענע געהאַט ניט ווי אַלע אַנדערע לײַט, נאָר אַפן ייִדישן שטייגער, קעדיי מעקאַיעם צו זײַן די ערשטע מיצווע. אין באָד זײַנען זיי געגאַנגען נישט זיך צוליב, נאָר לע־קאָוועד שאַבעס, לעקאָוועד יאָנטעוו. מיטן נעגל־וואַסער און די הענט וואַשן זײַנען זיי ניט אויסן געווען אַזוי דעם פּוץ, דאָס ריינקײַט, ווי די בראָכע „על נטילת ידים"[1], דעם „אשר יצר"[2]. און אפשי־טע שוין ניט קיין נייטיקע זאַכן, וואָס גלאַט שיין פאַר דעם אויג אוקעדוימע נאָך אַזוינע טײַנוגים — דערפון האָבן זיי קלאַל אוקלאַל ניט געהאַלטן. זאָקן, לײַוונטענע טאַכטוינים, אַ טאַלעסקאָטן און אַ קאַפּאָטע, איינע אַ וואָכעדיקע און איינע אַ שאַבעסדיקע, — אָט דרי־נען איז באַשטאַנען זייער גאַנצע גאַרדעראָבע.

ייִדן זײַנען ניט קליין געווען גיין צופוס, ניט האָבנדיק קיין קאַ־רעטעס מיט פערד. זײַנען אויסגעקומען אין שטוב אָן שיינע טײַערע מעבל, אָן פאַרקעטן און מירמלשטיינערנע זײַלן, אָן שווייצאַרן מיט טרעסטן, מעשענע קנעפּלעך און אָן גלעקלעך בײַ די טירן. די טיר איז געשטאַנען אָפן, ווער עס האָט באַדאַרפט, איז פרײַ אַרײַן. איז יענער פאַרגאַנגען העט אַהין צום באַלעבאָס, צו דער באַלעבאָסטע אין שלאָף-צימער, איז אויך געווען נישקאָשע. אין יענער צײַט זײַ־נען ניט געווען בענימצע קיין ייִדישע „טשינאָווניקעס", קיין ראַבי־נער, קיין סטראַפּטשעס און געשווירענע אַדוואָקאַטן, קיין ייִדן מיט אויבעלעך, מיט אָרדענס און מיט טיטלען, כוץ פאַרנעסיי־כאַדאָשים און

1 „אל נעטילאַס יאָדאָיִם".

2 „אשער יאָצאַר".

קאָהאָלס-לײַט: שאמאָסים, כאפּערס, קאבראָנים, מעלאמדים, ראָש-יעשיוועס, פּרושים, קלײקוידעש, קאפּצאָנים, מעקאבלים און באטלאָנים. די צײַט איז זיך געגאנגענ איר וועג, ייִדנ זיצנ זיך ווי זיי מעגנ, גאנצ ייִדישלעך — די יארמלקעס מיט די היטלענ אפּ די קעפּ, שוויצנ געשמאק, און גאָרנישט! וואָס הערנ זיי א וועלט? איינ ייִד שטעלט ארויס א פֿײַג דעמ אנדערנ, קליינ און גרויס אלצייִנס. כל ישראל אחים [1] — אלע גלײַכע פּריצים!.. דאָרט בא זיך, אפּ דער ייִדישער גאס, זײַנענ ייִדנ טאקע בניי־מעלאָכים, פּרינצנ, האָנאָרעוואטע, אָבער באמ ארויסגיינ אינ דער וועלט, צווישנ לײַט, פֿליגנ זיי אוועק אינ דער זײַט זייער קאָוועד, זייער שטאָלצ, באקומענ מישטיינסגעזאָגט, א פּאָנעמ פונ קנעכט, קניִענ זיך, בוקנ זיך, דערנידעריקנ זיך פאר א ליאדע פּאָרעצל צוליב דאָס שטיקל זינדיקע פּארנאָסע, שטייענ פאר אימ אָנ א היטל, אלצ מיט א פארבויג, מיט א כניפעלע, אי מוירע האָבנדיק, אי מעוואטל זײַענדיק אימ אינ הארצנ צו גלײַכער צײַט.

און די אקציזניקעס, אָט די נײַע מינע פּארשוינענ דענסטמאָל, זיי זײַנענ עס געווענ, קאָנ מענ זאָגנ, די ערשטע אינ דער ייִדישער גאס, וואָס האָבנ זיך אויסגעצייכנט פונ אנדערע מיט זייער שטייגער לעבנ, מיט זייער האלבאָשע, מיט אלע גענג און די פירונגענ זייערע. זיי האָבנ עס אָנגעהויבנ ווערנ „טשינאָווניקעס”, באאמטע, העכערע און קלענערע, שטייענדיק איינער אונטער די אנדערע און הערנדיק איינע די אנדערע לויט די שטעלעס, וועלכע זיי האָבנ פארנומענ. דער עלטסטער, דער גרעסטער פונ די אקציזניקעס, האָט געפירט דאָס רעדל אינ זײַנ גובערניע בעגראנדע, האלטנדיק יעדנ אינ דער מוירע. זײַנ הויז איז טאָמיד פול געווענ מיט מענטשנ — דער איז געקומענ בעטנ א שטעלע, און יענער בעט, מע זאָל אימ פונ דער שטעלע זײַנער ניט אָפּזאָגנ. איינ שענקער קלאָגט זיך, וואָס מע האָט אוועקגענומענ זײַנ בראנפנ, און דער אנדערער בעט ראכמים, אראָפּצונעמענ פונ אימ דעמ קנאס, וואָס מע האָט אפּ אימ ארופגעלייגט. איטלעכער קומט מיט זײַנס. אלע שטייענ אָנ היטלענ, ווארטנדיק אינ פּאָרצימער די שאָ, וואָס מע וועט רופנ איינעמ נאָכנ אנדערנ צומ אָדנ-האגאָדל אינ קאבינעט. און מעשאָרסים, באדינער, לויפנ ווי די רו-

[1] קאָל ייִסראָעל אכימ.

כעס אהינ־אהער, גייענ פארבײַ דעמ ווארטנדיקנ אוילעמ שווײַגנדיק מיט שטאָלצ, אונ אז וויל איז יענעמ, וועלכער איז זוכע צו כאפנ פונ זיי א וואָרט, א בליק.

אָט די דאָזיקע נײַ־מאָדנע לײַט זײַנענ פארעכנט געווענ בא ידעלעכ, שוואכינקע, ציטערנדיקע, ווי עמעסע פריצימ. סטײַטש, זיי האָבנ דאָכ אויכ אוילעמהאזע: זיצנ אינ שיינע דירעס, פאָלאצנ, מיט טײַער מעבל, טראָגנ אפילע אינדערוואָכנ שיינע בגאָדימ, פאָרנ אינ קארעטעס, אונ דער שליסל פונ פארנאָסע איז בא זיי אינ די הענט. מיט אזעלכע אדוינימ, א קלײניקײַט עפעס, איז ניט שײַעכ זיכ אופ־צופירנ קעמינהעג ייִד, פּאָשעט, אָנ צערעמאָניעס, אָנ דערעכערעצ, ווי אחינו בני ישראל [1] צווישנ זיכ. פאר אזעלכע מעג מענ זיכ דער־נידעריקנ, בוקנ זיכ, קושנ די הענט, שטיינ אָנ א היטל אונ מאכנ זיכ אָפּאָר וואָײפער, נישקאָשע!..

נאָר דעמ גרויסנ קאָוועד האָט מענ אזעלכע אקציזניקעס אָפּ־געגעבנ צוליב דער פארנאָסע. אינ הארצנ האָט מענ פונ זיי געטראכט אנדערש ווי גערעדט מיטנ מויל, ווײַל זיי האָבנ זיכ דאָכ ניט גע־פירט ייִדישלעכ.

גאָר עפּעס אנדערש איז דער הער מיכאָעל סאפיר. א מענטש א גוטער, א פרומער, די גאנצע פירונג בא זיכ אינ הויז איז ייִדיש־לעכ — אימ האָט מענ טאקע געאכט, ליב געהאט בעעמעס פונעמ הארצנ. ער איז געווענ א געבילדעטער מענטש אי א וויל־לערנער, האָט געקענט לאָשנקוידעש, ליב געהאט זײַנ פאָלק אונ זיכ געלאָזט דערקענענ מיט געלט צו א נויטבאדערפטיקנ, צו א ייִדישנ מעכא־בער. א מעכאבער אינ יענער צײַט בא ייִדנ איז געווײנטלעכ געווענ אנ אָרעמאנ, וואָס ער פלעגט שווארצנ דאָס פּאָנעמ, ארומגייענדיק פארטיילנ זײַנ סייפער. עמעס, הײַנט זײַנענ אויכ דאָ א טייל מע־כאברימ קאפצאָנימ, נאָכ עפשער גרעסערע פונ די פריערדיקע, נאָר די אָרעמקײַט זעט זיכ בא זיי אזוי ניט ארויס. זייערע ספאָרימ פארטיילנ זיי נישט אליינ, נאָר דורכ גרויסע שרײַענדיקע, אומגעלומפערטע מוי־דאָעס אינ די צײַטונגענ. אונ אויב ייִדנ פארשעמענ זיי, קויפנ ניט, איז דאָכ דאָס פארשעמענ יענעמ אונטער די אויגנ ניט אזא ביזיש,

1 אַבײנו בנײ ייִסראָעל.

ווי פארשעמענ אימ אינ די אויגנ. מיכאָעל סאפיר אָבער האָט זיך באַ־נומענ פריינטלעך מיט אָרעמע מעכאברים, פלעגט גערנ נעמענ זייערע ספאָרימ, זייער שיינ זיי באַלוינענ אונ אָפט נאָך פארבעטנ זיי צום טיש. איבערהויפט איז מיכאָעל סאפיר געווענ א פריינט פונ די מאס־קילימ אונ לערער אינ די יידישע שולנ, וואָס זיינענ באמ אוילעמ אינ יענער צייט נישט באַליבט געווענ. ער האָט גערעכנט זיך פאר א שולד ארייַנצוגעבנ זיינ איינציקנ זונ אינ דער ראבינער־שול, וואָס אינ דער שטאָט ז..., קעדיי אנדערע רייכע לייט זאָלנ אימ דרינענ נאָכטאָנ. אונ אָט דעמ יונגנמאנ, ריווקינ, איינעמ פונ די בעסטע ראַ־בינער־שילער, פונ א העכערער קלאס, אימ האָט סאפיר אריינגענו־מענ צו זיך אינ הויז, ער זאָל לערנענ מיט זיינ זונ. ריווקינ האָט געטאָנ זיינ זאך געטריי, אונ סאפיר האָט אימ דערפאר זייער ליב באקומענ, זוכנדיק טאָמיד א געלעגנהייט פארשאפנ אימ וואָס־עס־איז א פארגעניגנ. גראָד אינ יענעמ טאָג, ווענ די מייסע מיט שמוליקנ, האָט מיכאָעל סאפיר באדארפט צוליב אייסעק פאָרנ ניט וויַיט אינ א דאָרפ. דער טאָג איז געווענ זייער א שיינער, האָט ער מיטגענומענ ריווקינענ, ער זאָל א ביסל זיך דורכפאָרנ אפ דער פרייער לופט.

עמעס טאקע, א גרויסער קאָווער איז פאר שמוליק דעמ טאנדעטניק, וואָס אזא מאנ, ווי מיכאָעל סאפיר, האָט אימ באפרייט פונ די כאפערס הענט אונ אָפגעפירט אימ מיט מוישעלענ אינ ביקער־כוילימ; פונדעסטווענג איז נאָך אָבער ניט אויסגעמאכט, אויב שמוליק וואָלט פאר דעמ דאָזיקנ קאָוועד געגומענ פונ לעכאטכילע אפ זיך צו ליידנ אזעלכע שווערע, ביטערע יעסורימ. עפשער וואָלט ער גאָר געזאָגט: ניט קיינ כאפערס אונ ניט קיינ באפרייער, ניט קיינ מאקע אונ ניט קיינ רעפוע, ניט קיינ ווונדנ אונ ניט קיינ ביקער־כוילימ. איז דענ טאקע ניטאָ בא אונדז אזוינע קאפצאָנימ, אזעספע־נעמער, וואָס, פארגעסנדיק דאָס גוטס, וועלכס מע טוט זיי, טרעטנ זיי ארויס קעגנ אלע אונדזערע גאבאָימ אונ יענע מינע באַלע־טויוועס מיט א ליארעמ, א געשריי: „פיל גלייכער וואָלט געווענ פאר אונדז אונ פאר קאָל־יִיסראָעל, אז איר וואָלט גאָר ניט געבוירנ געוואָרנ!”... מיילע, בעכיינ וואָלט קאָוועד נאָר אליינ ניט גענוג גע־ווענ פאר שמוליקנ, ווענ מיט דעמ קאָוועד צוגלייך זאָל זיך ניט געווענ אויסדרייענ פאר אימ אויך א גוטע, נוצלעכע זאך.

דער זעקטטער קאפיטל

ניט אזוי גיך איז שמוליק אויסגעהיילט געוואָרן פון די ווייטעקן זײַנע. אז זײַן מוישעלע איז ארויס פונעם ביקער-כוילים געזונט, איז ער נאָך געלעגן מעסוקן קראַנק און א לאנגע צײַט ניט אראָפּ פונעם בעט. אין דער צײַט, ווען דער דאָקטער אין ביקער-כוילים האָט זיך שטארק אָפּגעגעבן מיט אים, ביזכוס מיכאָעל סאפיר, היילן דעם צעבראָכענעם גוף זײַנעם, האָט ריווקין, דער ראבינער-שילער, זיך שטארק אָפּגעגעבן מיט מוישעלען, היילן אים זײַן נעפעש, בילדן אים, הייסט עס, אויסלערנען אים לייענען ביכלעך און שרײַבן. געטאָן האָט עס ריווקין נאָר פאר ראכמאָנעס — ער האָט געזען אן אָרעם באָכערל, א קראַנקס, נעבעך, איז אים דאָס הארץ פארלאָפן מיט בלוט קוקנדיק אף אים. אלע טאָג פלעגט ער קומען אים מעוואַקער-כוילע זײַן און זיך ניט דערווײַטערט פון אים נאָך דעם, אז ער איז רעכט געזונט געוואָרן. און לעסאָף, געפינענדיק אין אים גוטע מײַלעס, אז ער האָט א גוט קעפּל צום לערנען, האָט ער אים שטארק ליב באקומען, געליבט אים אין טאָג ארײַן. מיכאָעל סאפיר האָט זייער האנאָע געהאט, וואָס דורך אים איז ארויס א יעשועע א ווײל קינד, און זיך באטראכט העלפן אזא באָכערל און ארײַנגעבן אים אין דער ראבינער-שול, ער זאָל ווערן מיט דער צײַט א נוצלעכער, א פארטיקער מענטש. צוצוגרייטן אים האָט זיך אונטערגענומען ריווקין און געלערנט מיט אים געשמאַק.

מיט דער נײַער טוירע האָט אָנגעהויבן אין מוישעלען צו יוירן

און אויפגײן עפּעס מעשונע־נײַע געדאַנקענ — אַזאַ יוירנ, וואָס ווערט אינ טײג און אויכ אינ אַ פּאַרזײט קערנדל, אופּבורענדיק אַלע טײלכלעכ אינ אימ, און וואָס אָנ דעמ איז דאָס שפּראָצנ און וואַקסנ רײַנ אומעגלעכ. די טוירע פונ דער „האַסקאָלע" האָט, ווי זויערטײג, אָנגעמאַכט אַ האַלעבורדע אינ מוישעלעס האַרצ, אַ גאַנצע איבערקערעניש אינ זײַנע געדאַנקענ; זאַכנ, גאַנצ קלאָרע פריִער, הערנ אויפ קלאָר צו זײַנ אַצינד. וואָס גוט וואָס שלעכט, וואָס שײנ וואָס מיִעס, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט איז איצט בײַ אימ די שײַלע, אויב ס׳איז אַזוי. פאַרצײַטיקע כאַכאָמימ קומענ ניט צו די הײַנטיקע, אַלטע גײענ אַראָפּ פונעמ מאַרק... — אָבער אַזוינס דויערט בײַ אימ נישט לאַנג. דאָס לערנענ קינדווײַז אינ כײדער; דאָס זיצנ און לערנענ שפּעטער אינ בעסמעדרעש אונטער דער האַזשגאָכע פונעמ ליבנ רעבּ אוראָמענ; דאָס בענקענ נאָכ טאַטע־מאַמע, פאַרשטעלנדיק זיכ ווי עס האָט זיכ בײַ זײ געלעבט, ווי ס׳איז צוגעגאַנגענ די שאַבאָסימ און יאָנטויװימ — אָט דאָס איז אימ בײַגעשטאַנענ בעשאַס דער יוירונג אינ אימ, אַז עס זאָל גײנ ריכטיק און די נײַע װעלט זײַנע זאָל זײַנ געבויט אויפ דעמ פונדאַמענט פונ דער וואָס אַמאָל. דערצו נאָכ האָט דאָס מאַזל אימ אויכ געדינט, צושיקנדיק אימ אַ גוטנ רעבנ, ווי ריווקינ, און אַ גוטנ כאַווער, ווי מיכאָעל סאַפּירס זונ — בײדע געזעצטע, מיט אַ גוטער אויפירונג, וואָס האָבנ דערמיט אויפ מוישעלען גוט געווירקט. מוישעלע בילדעט זיכ, וואַקסט, וואַקסט מיט דער צײַט, ביז ער פּיקט זיכ אויס, ווי אַ הינדעלע, וואָס עפנט די אויגנ און דערזעט פאַר זיכ צומ ערשטנ מאָל די װעלט, גלײַכ ווי זי איז אויכ ערשט באַשאַפנ געוואָרנ!

אַ היפּשע צײַט איז שמוליק אָװעקגעלעגנ אינ ביקער־כוילימ, און אַז ער איז אַרויס פונ דאָרט, איז ער נאָכ אַלצ צו די קרעפטנ ניט געקומענ, און, געשטיצט פונ גוטע מענטשנ, איז ער פאַרבליבנ אינ ז..., ביז ער וועט אינגאַנצנ געזונט ווערנ און זײַנ אינ שטאַנד צו אַרבעטנ.

שמוליק זעט זײַנ זונ אַרומפירנדיק זיכ מיט שילער אינ האָט האַנאָע, טראַכטנדיק בײַ זיכ: דאָס זײַנענ אָװאַדע יעשיװעבאָכערימ, מיט וועלכע ער לערנט צוזאַמענ אינ בעסמעדרעש, זײ האָבנ זיכער אָנגעשמעקט אינ אימ, ווי גוט ער קענ די געמאָרע, און איטלעכער

האלט פאר א קאָוועד צו זייַנ מיט אימ כאווער. דאָס איז געוועג שמוליקס איינציקע טרייסט אינ זייַנ ביטערער לאגע, פאָרשטעלנדיק זיכ אלצ, ווי דער שטייגער זייַנער איז טאָמיד, דאָס גרויסע גליק, וואָס דערוואַרטעט אימ שפּעטער, אימירצעשעמ. עס דאכט זיכ אימ, דער זונ איז א ראָוו ערגעצ בא ייִדנ, ער זיצט מיט ברייטקייַט אפנ בענקל, דאיאָנימ מיט דעמ שאמעס ארומ אימ, די טיר בא אימ אינ שטוב מאכט זיכ נישט צו פונעמ אוילעמ מענטשנ, וואָס גייענ צו אימ, דער מיט א דינטוירע, דער מיט א שייַלע, דער אזוי, יענער אזוי, אלע בענטשנ זיכ מיט אימ אונ זאָגנ: „אז וווילל איז אייַכ, רעב שמועל, וואָס איר האָט זוכע געווענ בא גאָט צו האָבנ אזא זונ"...

אונ ווי שמוליק טרייסט זיכ דאָ אזוי מיט גוטע האָפענונגענ אפ שפּעטער, מיטאמאָל קומענ אימ צו די אויגנ עפּעס ביכלעכ, ניט קיינ קאָשערע, וואָס מוישעלע האָט, ניט ווויסנדיק, זיי אינ שטוב פארגעסנ. דערזעענדיק זיי, איז אימ פינצטער געוואָרנ אינ די אויגנ! גוואלד, ריבוינעשעלוילעמ! מוישעלע זייַנער, פאר וועלכנ ער האָט זיכ אזוי מאקריוו געווענ, אפ וועלכנ ער האָט דעמ לעצטנ גראָשנ רעבע-געלט אויסגעגעבנ, צו לערנענ אימ טוירע — סטייַטש, ער, מוישעלע, זאָל אזוי פארפירט ווערנ, ארייַנקוקנ אינ די טרייפ־פּאָסלענ! דאָס גאנצע לעבנ זייַנס איז ער ווי א הונט ארומגעלאָפנ איבער די גאסנ, זוכנדיק דאָס שטיקל ברויט, שווארצנדיק זיכ דאָס פּאָנעמ, אונ די גאנצע האָפענונג זייַנע איז געווענ דער זונ, ער וועט עס אימ שפּעטער אָנטאָנ קאָוועד, צוטיילנ גליק אונ גרויס נאכעס — הייַנט אז דער זונ זייַנער איז אראָפּ פונעמ רעכטנ וועג, איז דאָכ אויס אלע האָפענונגענ. וואָס זשע טויג אימ אצינד גאָר דאָס לעבנ, זייַנ הינטיש לעבנ? כאָרעוו געוואָרנ איז זייַנ וועלט מיט אלע גוטע זאכנ, וועלכע ער האָט זיכ פאָרגעשטעלט אפ שפּעטער; אונטערגעגאנגענ איז דער ליכטיקער שטערנ פונ טרייסט, וואָס האָט אימ געשייַנט, געפינקלט פונדערווייַטנס — וויסט אונ פינצטער איז אימ!

דעמ אוילעמס וואָרט: אדמ קרוב לעצמו[1], איטלעכער מיינט זיכ, איז געזאָגט געוואָרנ אויכ אפ דער ליבשאפט פונ טאטעס צו קינדער.

1 אָדאָמ קאָרויוו לעאצמוי.

ווי גרויס און שטארק ס'איז די מי פונעם פּאָטער צום גוטן פאר די קינדער, איז דרינען דאָ, מער אָדער ווייניק, זײַן אייגענער אינטערעס — האָבן קאָוועד פון די קינדערס קאָוועד, זײַן בארימט דורך זייער רום, שטאָלץ און גרויס דורך זייער גרויסקײַט. דעריבער אז שמוליק דער טאנדעטניק האָט דערזען, אז זײַן זון איז אוועק אין א שלעכטן וועג און צעשלאָגן זײַנע האָפענונגען, האָט עס געהייסן בא אים אזויפיל, ווי ער באגאזלט אים, נעמט בא אים צו אלצדינג, וואָס ער האָט געמיינט האָבן דורך אים שפּעטער, — נו, איז אויס ראכמאָנעס, און ער ווערט אפ אים אין קאס, פלאם-פײַער.

שמוליק איז שטארק אָנגעלאָדן און ווארט, אז מוישעלע וועט קומען, וועט ער אויסלאָזן צו אים דעם גאנצן צאָרן.

מוישעלע איז געקומען — און מיט אים צוגלײַך ריווקין.

— אהיים לאָמיר פאָרן, קיין גלופּסק! — טוט שמוליק א געשריי אפ מוישעלען, רויט ווערנדיק פאר קאס, ווי אן אינדיק.

מוישעלע בלײַבט שטיין צעמישט, ניט צו פארשטיין, וואָס דאָס געשריי באטײַט.

— קיין גלופּסק! — שרײַט שמוליק, ציטערנדיק מיט אלע איברים.

מוישעלע רוקט זיך אָפּ אין דער זײַט אָן לאָשן פאר גרויס וווּנדער, א שרעק, און ריווקין ענטפערט אָפּ אָנשטאָט אים:

— רעב שמועל, קיין גלופּסק וועט אײַער זון ניט פאָרן!.. דאָ, אין דעם אָרט פון טוירע, וועט ער בלײַבן, און מע וועט אים געבן אלע זײַנע באדערפעניש.

— און מע וועט אים געבן אפּיקאָרסישע ביכלעך, — מאכט שמוליק מיט גאל, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, — אפּיקאָרסישע ביכלעך, הא, וועט מען אים געבן, ארויספירן אים פונעם וועג!..

— טאטע, וואָס רעדסטו?!..

— שטום! מיך נארן מיינסטו? אָ, ניין! איך האָב, נישקאָשע, געפונען די ביכלעך, דײַנע ביכלעך, האָב געזען, געזען, געזען...

— וואָס געזען? — פרעגט אים ריווקין.

— געזען, אז דאָס זײַנען די אפּיקאָרסישע ביכלעך.

— איר האָט א טאָעס, רעב שמועל! א גראמאטיק א יידישע אי א רוסישע און א געאָגראפיע האָט איר געזען!

— צו וואָס? אימ צו וואָס טויגנ אזוינע ביכלעכ?

— סטײַטש, צו וואָס? ייִדיש, לאָשנקוידעש, הייסט עס, מוז ער קענענ, ער איז דאָכ א ייִד. רוסיש מוז ער אויכ, דאָס איז דאָכ די לאנד-שפּראכ, ווו ער זיצט, אונ קענענ די וועלט־באשרײַבונג מוז ער אויכ, ער איז דאָכ אויכ עפּעס א מענטש. איר פארשטייט, רעב שמועל, דאָס אלצדינג איז א מוז!

— נאט אײַכ א מוז! א נײַער „מוז”, וואָס שטייט ניט אינ די צענ געבאָט. מיר, אינ גלופּסק, האָבנ עס ניט געהערט. די גלופּסקער לעבנ, באָרעכאשעמ, אָנ דעמ געבאָט אויכ. האָבנ עס ניט געקענט אמאָל, קענענ עס ניט הײַנט אונ זײַנענ פונדעסטוועגנ קאָשערע ייִדנ, פײַנע מענטשנ אונ שיינע סאָכרימ לעכאָל האדייעס, קומט איצט מוישעלע מײַנער אונ מאכט עס אפּ זיכ פאר א הייליק געבאָט!

— יאָ, דאָס מוז ער אויכ צוליב דעמ, — זאָגט ריווקינ מיט א שמייכעלע אפּ די ליפּנ, — אויכ צוליב דעמ מוז ער עס, קעדיי ארײַנ־צוטרעטנ אינ אונדזער בעסמעדרעש — אינ דער ראבינער-שול.

— אוי, אז אָכ אונ וויי צו אזא בעסמעדרעש, אז אָכ אונ וויי צו זײַנע ראבאָנימ, מישטיינסגעזאָגט, אונ אז אָכ אונ וויי צו מײַנ זונ, וואָס פארלאָזט אונדזער בעסמעדרעש אונ גייט ארײַנ אינ זייערנ, לעהאוודל!.. ווארפ אוועק דײַנע גענג, מוישע, אונ קומ צוריק קיינ גלופּסק!

— אײַער זונ אָבער איז דאָכ א שלאָפינקער, נעבעכ, אונ באַ־דארפ האָבנ, אינ לעבנ ארײַנ, א גוטע נארונג, — זאָגט ריווקינ מיט א געבעט, צו דערוועקנ אינ דעמ טאטנס הארצ ראכמאָנעס אפּ זײַנ קינד. — זעט, וויפל ער האָט געליטנ, נעבעכ, אינ זײַנ לעבנ: מאנגל, יעסורימ אונ לייד, אונ ווי בלייכ ער איז, וואָס פאר א פּאָ־נעמ, נעבעכ, ער האָט פונ די מאקעס, וויטעקנ, וואָס ערשט ניט לאנג. אונ איר טאקע אליינ, רעב שמועל, זײַט דאָכ, נעבעכ, אויכ גאָר אויס מענטש, ניט געקומענ נאָכ צו די קרעפטנ, ניטאָ קיינ קויעכ צו האנדלענ. וואָס זשע פאָרט וועט איר טאָנ אינ אײַער גלופּסק, מיט וואָס וועט איר דאָרט מעפּארנעס זײַנ אײַער ווײַב אונ קינדער?

שמוליק טוט א קרעכצ, אונ טרערנ שטעלנ זיכ אימ אינ די אויגנ. ריווקינ באנוצט זיכ מיט דער גוטער מינוט, לייגט ארופּ די האנט שמוליקנ אפּנ אקסל אונ זאָגט:

— באַרויִקט זיכ, רעב שמועל, און בלײַבט דאָ, ביז איר וועט רעכט געזונט ווערנ. הייבט אופ די הענט מיט א ליב צום הימל, דאנקט דעמ אייבערשטנ, וואָס ער האָט אײַכ צוגעשיקט אינ דער נויט אזא גוטנ טײַערנ מענטשנ, ווי מיכאָעל סאפיר. נישקאָשע, ער וועט אײַכ ניט פארלאָזנ. איר פארשטייט?.. איר וועט נאָכ זוּיכע זײַנ צו לעבנ, אימירצעשעמ, אינ פיל גוטס אונ נאכעס. אײַער זונ וועט ענדיקנ די שול, באקומענ א גוטע, אײַנטרעגלעכע ראבינער־שטעלע — אונ עס וועט מיט דעמ אייבערשטנס הילפ גוט זײַנ אײַכ ביידנ.

האלעווײַ מע זאָל ניט געפרווּוט ווערנ, וואָס שמוליק דער טאנדעטניק איז אויסגעשטאנענ אינ יענער מינוט צײַט. דער יעיצערטויוו מיט דעמ יעיצערהאָרע האָבנ ביידע זיכ געראנגלט אינ אימ, איטלעכער קומט מיט זײַנס. דער פונ דער רעכטער זײַט שטעלט פאָר שמוליקנ א ראָוו, א דארנ, מאָגערנ, מיט א געקנייטשט בלייכ פענעמל, וואָס פאסט טאנייסימ, זיצט אינ טאלעס אונ טפילנ אונ לעבט פונ רוכניעס, מאכנדיק דערבײַ צו שמוליקנ: אָט דאָס איז א לײַט, אז ווויל איז אימ! אונ יענער פונ דער לינקער זײַט שטעלט שמוליקנ פאָר א ראבינער — א דיקנ, פעטנ, מיט א בײַכל, טרינקט אונ עסט פאר צענ, שפילט אינ קאָרטנ אונ לאָזט זיכ צו אוילעמהאזע, מאכנדיק דערבײַ: אָט אזעלכנ גייט עס גוט אפ דער וועלט! איינער זאָגט: מײַנ ראָוו איז שטארק געהויבנ אינ זײַנ אָרט. אונ דער אנדערער זאָגט: מײַנ ראבינער איז א טאקיפ אינ די הויכע פענצטער דאָרט. דער זאָגט: נעמ דײַנ זונ אונ גיי קיינ גלופסק, זײַ א שמאטניק, האנדל מיט שמאטעס אונ מײַד אויס די מאסקילימ. וואָס טויג זייער ערלעכקײַט, זייערע כסאָדימ, אז דעמ ריבוינעשעלוילעמ איז ניט ליב זייער יידישקײַט? אונ יענער זאָגט: פע, גלופסק לאָז די גלופסקער, שמאטעס — די שמאטניקעס, אונ דו בלײַב דאָ. דאָ איז א האָפענונג, דו זאָלסט געהאָלפנ ווערנ. דער רעכטער זאָגט: אז ווויל איז דעמ ראָוו מײַנעמ, אײַ־אײַ, וועט ער עס אפ יענער־וועלט האָבנ א כיילעק אוילעמהאבע! אונ דער לינקער זאָגט: א קאפאָרע דײַנ ראָוו פאר מײַנ ראבינער, דײַנעמ וועט דער יונגער דאָר ניט וועלנ קענענ אונ מײַנער וועט האָבנ אוילעמהאזע אי אוילעמהאבע דאָ באמ לעבנ. שמוליק שלאָגט זיכ אינ דער דייע אונ שטייט ווי א גוילעמ, ניט אהער, ניט אהינ.

— האָב ניט מוירע, טאטע, — בעט זיך מוישעלע באַם פּאָטער אָפּ א ציטערדיק קאָל, ווערגנדיק זיך מיט טרערן, — זאַ זיך ניט אזוי מעצאער פאר מיר, טאטע, און לאָז מיך דאָ לערנען. פון אלצדינג, וואָס מיט אונדז האָט דאָ פּאסירט, זעט אויס, אז דער אייבערשטער וויל מיסטאמע אזוי.

מוישעלעס ווערטער טוען א קאפּעלע א בייג שמוליקן צו יענעם פון דער לינקער זײַט. ער טאפּט זיך בא דער פּייע און זאָגט שטאמלענדיק:

— און וואָס וועט אָבער זײַן מיט דײַן ייִדישקײַט?

— נישקאָשע, זי וועט זײַן בא מיר דאָס אייגענע, וואָס אין גלופּסק.

— איר מיינט, רעב שמועל, — רופט זיך אָן ריווקין, אונטערהעלפנדיק מוישעלען, — איר מיינט, אז דאָס ייִדישקײַט איז געגעבן געוואָרן נאָר די גלופּסקער, און ווען ניט די גלופּסקער, איז, כאָלילע, אויס ייִדישקײַט? א טאָעס, כ'לעבן, רעב שמועל!

— און די גלופּסקער, גלופּסקער ייִדן, זיי וואָס וועלן אָפּ דיר זאָגן? — רעדט שמוליק ווי צו זיך אליין, ניט רעכט הערנדיק ריווקינס ווערטער, און א צורע פון א ראָוו שטעלט זיך אים פאָר אין געדאנק, א צורע א פינצטערע, א בייזע.

— אז אָך און ווי דעם ייִדישקײַט, אז דערמיט, וואָס עס זשיפּעט, האָט עס צו פאַרדאנקען נאָר די גלופּסקער! — זאָגט ריווקין, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — א שיין פּאָנעם, כ'לעבן, וואָלט עס געהאט! אָט דאָס איז טאקע די גאנצע צאָרע, וואָס איר, און נאָך א סאך אזעלכע ווי איר, ווילט אין אלצדינג, וואָס איר טוט, נאָר יויצע זײַן פאר אײַערע גלופּסקער. די זאך אליין, צי איז זי גוט אָדער שלעכט, גייט אײַך ניט אָן צו וויסן, אײַך גייט נאָר דרינען, וואָס וועט דער גלופּסקער אוילעם דערופּ זאָגן... אָט, כ'לעבן, רעב שמועל, פארגעסט זיך אין זיי און אויך אין אײַערע שמאטעס! דער הער סאפּיר וועט אײַך געבן א שטעלע, איר וועט זײַן אן אקציזניק און מוישעלע אײַערער — ראבינער.

דער ראָוו ווערט פארשוווּנדן, לאָפּנעט ווי א זייפנבלעזל, און א ראבינער אין דער טענדע־ווערענדע ווײַזט זיך אָפּ זײַן אָרט — שמוליק באטראכט זיך, גיט נאָך, מאכנדיק:

— טא!..

א כ ט ע ר   ב ו כ

דער ערשטער קאַפּיטל

דאָס דאָרף נ... איז איינס פון יענע שיינע ערטער אין וואָלינער גובערניע, וואָס דער ריבוינעשעלוילעם, דער מייַסטער פון דער וועלט, האָט זיך געפּלייַסט צוצוגעבן זיי באַזונדערס א געטלעכן כיין, און געוואָלט אויסדריקן מיט זיי, ווי מיט אויסיִעס, רו, פאַרגעניגן, וואָס זייַנען אים געלעגן אין געדאַנק.

אויב די קאַווקאַזער און שווייצער הויכע בערג דריקן אויס די גוווּרעס האַבוירע, קוקן אַפ דיר אראָפּ מיט שטאָלץ, א שרעק, סאַקאָנעס גאָר צו טרעטן אַפ זיי, און אויב דער רוישנדער יאַם מיט זייַנע אופגעטורעמטע פאַליעס דערציילן ראַשנדיק גאָטס שרעקלעכע ווונדער, איז די בערגלעך דאָ אַרום דעם דאָרף גריסן דיך גאָר פרייַנטלעך, פאַרבעטן דיך ליבלעך קומען צוגאַסט און אויסציִען זיך אַפ זיי וויפל דאָס האַרץ גלוסט. די שטילע גרינע טאָלן דאָרט גיבן דיר אונטער כיישעק: קום, פעטער, לייג זיך אַפן גראָז און לאָז דיר צו א ביסל פאַרגעניגן. אויך דאָס טייַכל לויפט, דרייט זיך דיר פאַר די אויגן, דאָרט אַפ דער לאָנקע, שפּילנדיק זיך אין באַהעלטעניש — אָט באַהאַלט זי זיך צווישן דעם טשערעט, ווערט פאַרשוווּנדן, און אָט שפּרינגט זי פון דאָרט אַרויס, ווייַזנדיק זיך פאַר דיר מיט דעם גאַנצן פּוץ: מיט בריליאַנטן, גילדערנע פליטערלעך — מאַטאָנעס, וואָס די זון,

די ליבע מעכוטענעסטע, גיט איר קושנדיק, שפּיגלענדיק זיכ אינ איר. זי ווינקט דיר, קנייטשלענדיק זיכ, אונטערמורמלענדיק שטיל — אונ דו צעגאַרטלסט זיכ, אונ, ווי די מאַמע האָט דיכ געהאַט, אַרייַנ צו איר, אָפּפּרישנ זיכ מיט גרויס כיישעק! עס שטייט פאַר דיר דאָרט אַ וואַלד, ביימער סאָסנעס, הויכע אינ הימל אַרייַנ; די געדיכט־פאַרוואַקסענע קעפּ פאַרפּלאָנטענ זיכ איניינעם, אויסמאַכנדיק איינ געוועלבט קופּאָל אויבנ; די גלאַטע שטאַמענ זייערע זייַנענ, ווי הויכע גלייַכע זייַלנ, ווייַטלעכ אָפּגעטראָטנ איינער פונ דעמ אַנדערנ; דאָס גרינע גראָז ליגט, ווי אַ זייַדענער, מיט בלימעלעכ געשפּרענקלטער, קאָווראָר, זיי בא די פיס. אָנקוקנדיק עס, דאַכט זיכ דיר, עפּעס גאָר טאַקע אַ בייסהאַמיקדעש. דאָס שמעקנדיקע סמאָלע פונ די ביימער — דאָס איז קטוירעס, דאָס שפּילנ פונ די פייגעלעכ אַפּ די צווייַגנ — דאָס איז דער געזאַנג פונ די לעוויִים. עפּעס פילט זיכ דיר אַ הייליקייַט, אַ שטילע, זיסע רו, אַ בענקענ, אַ ציִענ צו אַ לעבנ — אינ האַרצנ אַ הייסע טפילע צו דעמ, וואָס לעבט אייביק!..

אונ אינ די דאָזיקע געטלעכ־שיינע געגנטנ קומט דער מענטש אונ שטעלט אַ גוראַלניע, אַ בראַנפנ־ברענערייַ, לעקאָוועד דעמ גאָלדענעמ קאַלב! דאָס דאָזיקע הויז הייבט אופּ מיט כוצפע אַנטקעגנ הימל די נאָז זייַנע, דעמ קוימענ הייסט עס, פונ וועלכנ עס זעצט אַרויס אַ רויכ, ווייַט טראָגנדיק זיכ אינ דער וועלט אַרייַנ, פאַרשטעלנדיק די שייַנ פונ דער זונ אונ פאַרשוואַרצנדיק אַלצדינג, וואָס שטייט אימ אינ וועג. די נידעריקע פויערישע הייַזלעכ זעענ זיכ אָנ ווי גאָרנישט אַקעגנ יענעמ הויכנ הויז, ווי די אָרעמינקע פויערימ אַליינ קעגנ דעמ פּאָרעצ פונעמ דאָרף.

יאָ, אַזוי איז עס טאַקע, שיינעס אונ מיִעסעס, גוטס אונ שלעכטס געפינענ זיכ איינע אַנטקעגנ די אַנדערע זינט די וועלט שטייט, אונ וואָס דער אַלמעכטיקער טוט אינ זייַנ וועלטל, טוט נאָכ דער סאָטנ אימ אַקעגנ. מיט וואַסער האָט דער ריבוינעשעלוילעמ באַשטראָפט פאַרצייַטנס די זינדיקע מענטשנ, איז געקומענ דער סאָטנ צו זיי מיט זייַנ שטראָפ — מיט ווייַנ, מיט בראַנפנ. אונ די שטראָפ איז נאָכ פיל ערגער פונ דער ערשטער. וואַסער — דאָס איז געוועזנ אַ צאָרע נאָר אַפּ אַ צייַט, פאַר דעמ דאָר־האַמאַבל, בראַנפנ אָבער — דאָס איז אַ צאָרע אַנ אייביקע. נויעכ, דער ערשטער „ערדאַרבעטער", דער באַ-

רימטער פויער אינ זײַנ צײַט, האָט געלעבט, ער מיט זײַנ הויזגעזינד, בעשאָלעמ, ברידערלעכ אײנײנעמ; וויבאַלד ער האָט ליב באַקומענ דעמ טרונק, געוואָרנ שיקער, איז געשענ מיִעסע זאַכנ... אונ אָנשטאָט שאָלעמ, פרײַנטלעכקײַט, ברודערשאַפט ווערט א דערווײַטערונג, קריג, פײַנטשאַפט צווישנ זײַנע קינדער, אונ כאָמ — כאָמ ווערט אנ עוועד־קנײַני, א קנעכט צו זײַנע ברידער!

פונ יענער צײַט אָנ ציט עס זיכ די קנעכטשאַפט אונ איז געוואָרנ א צאָרע, א קלאָג אפ דויר־דוירעס!

דעמ רעגנבויגנ האָט דער אײבערשטער געמאַכט אינ וואָלקנ צומ צײכנ, עס זאָל מער ניט זײַנ קײנ מאַבל, די וועלט צו פאַרדאַרבנ, אונ גוראַלניעס, שענקענ שטעלט דער סאָטנ, שיקער צו מאַכנ א וועלט מענטשנ. קאָלזמאַנ שיקרעס וועט זײַנ, וועט אָרעמקײַט, גראָבקײַט, אומוויסנהײַט, געשלעג, אויסגעלאַסנקײַט נישט אופהערנ — אונ כאָמ וועט זײַנ אנ עוועד־קנײַני צו זײַנע ברידער!

א לאַנגע אַלײע צווישנ צווײ שורעס הויכע בײמער פירט פונעמ דאָרפ נ... ביז צומ פּאָרעצס הויפ, ווו עס געפינענ זיכ שײנע געבײַענ, פרוכטגערטנער מיט נאָכ גוטע זאַכנ צומ פאַרגעניגנ, אונ העט-ווײַט אַהומ ציִענ זיכ פעלדער, לאָנקעס, וועלדער איבער בערג, איבער טאָלנ, וואָס גיבנ צו דעמ הויפ דעמ זיבעטנ כײנ. אָט דאָ ווינט עס דער פּאָרעצ יאַנ, לעבט זיכ אָפּ גוטע יאָרנ.

אינ אײנעמ פונ די שײנע זומער־טעג, פאַרנאַכט, איז א קאַרעטע מיט א פּאָר טײַערע פערד געפּאָרנ פונעמ הויפ דורכ דער אַלײע, אונ, צוקומענדיק צומ טראַקט באַמ דאָרפ, האָט זי זיכ אָפּגעשטעלט. אינ קאַרעטע זײַנענ געזעסנ צווײ פּאַרשוינענ, די פּנעמער האָבנ זיי געלויכטנ, ווי געווײנטלעכ נאָכ א גוטנ געשמאַקנ מיטיק. פונדעסטוועגנ איז געווענ גרינג צו דערקענענ אינ דעמ פּאָנעמ פונ אײנעמ, אז ער איז אונטערגעוואָרפנ דעמ צווײטנ, א גרעסערנ פונ אימ.

— גוט, וואָס איכ האָב מיכ דערמאָנט! — זאָגט דער גרעסערער פּאַרשוינ, ארויסנעמענדיק פונ דער בוזעמ־קעשענע א פאַרכאַסמעטע בריוול. — דאָס בריוול האָט מיר געגעבנ דונײַס זונ צומ פּאָטער, דעמ „אופזעער” דאָ אינ קעלער פונ בראַנפנ, אונ פאַר קאַס אפּנ פעלער, וואָס איכ האָב באַמערקט דאָרט, איז מיר דאָס בריוול דערווײַל ארויס פונעמ זינענ.

— איך פארזיכער אײַך, הער רעוויזאָר, — זאָגט דער אנדערער פארשוויגן מיט אזא מינע, ווי ער פארענטפערט זיך, — איך פארדעק ניט די פעלער פון די מענטשן, וואָס דינען אונטער מיר. ניט איין מאָל נאָר האָב איך דונײַען געוואָרנט. וואָס טוט מען אָבער מיט מענטשן, אבי ווער אזעלכע, וואָס באקומען שטעלעס נאָר ווײַל זיי האָבן א שטארקן צאד, אף וועלכן זיי דופען?

— איבערהויפּט זע איך, אז דונײַ פארשטייט זײַן זאך און גיט זיך מי צו טאָן זײַן שולדיקײַט, — זאָגט דער רעוויזאָר, פארקרימענדיק די נאָז, געבנדיק דערמיט אָנצוהערעניש, אז די מעסירע שמעקט אים ניט.

— גאנץ ריכטיק, מײַן הער. פון די אָנגעװאָרפענע מענטשן שטייט דונײַ פיל העכער אי מיט זײַן פארשטאנד, אי מיט זײַן אָרנטלעכקײַט און מיט דעם גאנצן באנעמען זיך זײַנעם. אלע אכטן אים דאָ דערפאר. דער פּאָרעץ האָט מיר אויך געזאָגט הײַנט באם מיטיק: „שמול איז א בעקאָוועדיק יידל!"

— און וואָס טוט מען מיט דעם דאָזיקן בריוול?

— גיט עס מיר, וועל איך עס אָפּטראָגן און באלד צוריקקומען.

— א שיינעם דאנק אײַך, הער יארכי!

קעדיי צו פארקירצן דעם וועג, איז יארכי דורך די גערטנער געגאנגען צו דונײַס וווינונג.

אין יענעם טאָג איז געווען עפּעס א כאָגע, זײַנען די פויערים, פון קליין ביז גרויס, געשטאנען גאנצע רעדלעך אף דער גאס, צווישן זיי א ביסל באזויפענע, אופגערוימטע, אלע אָן היטלען, און שטיל איבעררײדנדיק זיך צווישן זיך, געקוקט פונדערווײַטנס אף דער קארעטע מיט גרויס אָפּשײַ. דער עלטסטער פון די קליינע שקאָצימלעך וויַזט מיט א פינגער אף דער קארעטע, האלטנדיק די האנט אפן מויל, וואָס עס באטײַט: שא, דערעכערעץ פאר די אדוינים!

— אז זיי זײַנען פּאָליצייסקע, טאָ ווו זײַנען בא זיי די מעשענע קנעפּ? — וווּנדערט זיך איינער שייגעצל.

— עפּעס גאָר ניט דאָס מאכן מיט די הענט, ניט דער קוק, דאָס דרייען מיט די אויגן, און ניט דאָס קאָל ווי בא פּאָליצייסקע, — זאָגט דער צווייטער, שושקענדיק זיך אף א קוויטש. — א פּאָליצייסקער אז ער רעדט, גייט דאָס קאָל אים ארויס ווי פון בויך, די

אויגן פארלויפן אים מיט בלוט. ער איז בייז — א שרעק, און קלאפט מיט די קולאקעס. מיקיטא אונדזערער איז איינמאָל געפאלן אפ דר׳ערד, באקומענ די ניכפע פון יענעמס א היק. מיכייס ווײַב האָט מאפל געווען פאר שרעק פון זײַנס א געשריי. און די דאָזיקע, אָט-אָ, ריידן עפעס גאָר שטיל און קוקן ווי אלע מענטשן. ווער זאָלן זיי זײַן?

— לאפציזניקעס. שא!

— וואָס?

— שא, שאט, שא.

די קליינע ווילן אײַנשטילן איינע די אנדערע מיט א מין שוש־קעניש, גאָר טויב צו ווערן.

„לאפציזניקעס און יענע אדוינים מיט די מעשענע קנעפלעך, ווער פון זיי איז גרעסער?" — די דאָזיקע שײַלע ווערט פארגעבן צווישן די גרויסע, דערוואקסענע פויערים, און פיל פארטראכטן זיך אפ איר, קנייטשנדיק דעם שטערן.

— קיין גרעסער פונעם סאר־האמאשקימ, וואָס האָט צו זאָגן איבערן בראנפן, איז גאָר ניטאָ! — פאסקנט איינער אן אלטער, וואָס האָט ניט פײַנט דעם ביטערן טראָפן.

— אָט די לאפציזניקעס עסן ווארמעס אין הויף, — העלפט און־טער נאָך איינער דעם ערשטן, — זיי עסן, טרינקען בא אונדזער פאָרעצ. עפעס א שפאס!

— און זיי זײַנען ייִדן?

— ייִדן. דערקענסט זיי דען ניט אין דער נאָז?

— און עסן כאזער?

— עסן כאזער און האָבן האנאָע. לעקן די פינגער.

— און שמול זאָגט, — מאכט מיט געשפעט איינער פון די דאָרפס־לייצים, — שמול אונדזערער זאָגט: כאזער—פע!... טרייפע!.. אוי־ווי מיר, באסיע, גי מי (גיב מיר) קוגעלע!.. קוגעלע — גוט! צימעס — איַ־איַ!.. איינמאָל האָב איך צוגעלייגט א פינגער אים צום מויל, זאָגנדיק: נא, כאזער! אז שמול מײַנער צעשרײַט זיך: אוי־ווײַ, גלײַך ווי איך וואָלט אים געקוילעט, ווישט די באָרד, די ליפּן, שרײַענדיק אין איין אָטעם:

— אוי-ווײַ, אוי-ווײַ!...

— שאבעס, פרײַטיקצונאכטס, קומ איך צו שמולן אין שטוב

פארלעשנ די ליכט, — דערציילט יורקע, דער שאבעס־גוי, — אפנ טיש בא אימ איז כאלע, קעלישקעלעכ, א פלעשל בראנפנ, שארפער, טאקע וואָס בראנפנ הייסט, אונ דער רייעכ פונ פיש פארגייט מיר אינ דער נאָז. שמול זיצט זיכ באמ טיש, דאָס פּאָנעמ שײַנט אימ, אונ ער טערעלייקעט, מורמלט אונטער, עפּעס קלאָגנדיק, וויינענדיק, עפּעס בעט ער זיכ ווי א קינד, אלצ טאקע: אוי־אוי, טאטעלע, מאמעלע! איכ ווייס ניט וואָס ער וויל. כאלע איז דאָ — עס! בראנפנ דאָ — טרינק! צו וואָס, הא, וויינענ? באסיע זײַנע אָבער ווייסט, גייט זי אונ ברענגט אימ צימעס. עסט ער אָפּ דעמ צימעס אונ ווײַטער טאקע געטערעלייקעט, ווײַטער טאקע געוויינט. איכ שטיי, וווּנדער מיכ, אונ דאָס הארצ רײַסט מיר פאר ראכמאָנעס אפ אימ. לעסאָפּ טוט ער זיכ א כאפּ, גיט מיר א גלעזל בראנפנ מיט א שטיק כאלע, אונ איכ גיי אוועק פריילעכ.

— עמעס טאקע, — רופנ זיכ אָנ א טייל פּויערימ, — שמול איז א ייִד, פונדעסטוועגנ אנ ערלעכער מאנ איז ער טאקע. וואָס עמעס איז עמעס. אמאָל אינ א נויט האָט מענ פונ אימ א טויווע אויכ.

— גייט, הערט, וואָס דער דאָרפ־שרײַבער אונדזערער זאָגט אפ אימ אונ אפ אלע ייִדאקעס פונ זײַנ „נעמאָנע", — מישט זיכ ארײַנ מיט א וואָרט פּאכאָמ פּאָנפּעוואטע, א שטיקל קאָהאָלס־מאנ אינ דאָרפ. — דער שרײַבער זאָגט, אז זיי זײַנענ פּיאווקעס, זויגנ אויס אונדזער בלוט, פרעסנ אופ אונדזער מי. אלצדינג וואָס אינ דער קאָרט, זאָגט ער, זײַנענ זיי.

— עט! — מאכנ אלטע, געניטע פּויערימ. — פונ אזעלכע ווי דער שרײַבער איז קיינ רײַע ניט. זייער פעלער לייגנ זיי ארופ אפ אנדערע. מיינע פארבלענדנ אונדז דערמיט די אויגנ. כאפּט זיי אלע דער רועכ!

— פאר אלע איז ניט גענוג איינ רועכ, — לאָזט זיכ הערנ א שטימע אינ דעמ אוילעמ, — זיי זײַנענ זייער פיל דאָ, אָט די שיינע־לײַט, אָט זאָלנ זיי גיינ צו אלע, אלע רוכעס!

דער דאָזיקער שמול, אָדער דונײַסקע באמ שפּיצ־נאָמענ, איבער וועלכנ עס רעדט זיכ דאָ, — דאָס איז אונדזער שמוליק דער טאנדעטניק, וואָס געפינט זיכ אפ א שטעלע בא דער גוראלניע אינ דאָרפ שוינ א פיר יאָר. אונ מוישעלע זײַנ זונ לערנט אינ דער ראבינער־שול.

יארכי איז צוריקגעקומענ, אונ די קארעטע האָט זיכ גערירט פונעמ אָרט. די דאָרפסלײַט באגלייטנ זיי מיט די אויגנ, שטייענ נאָכ א היפשע צײַט אונ פילאָסאָפירנ, ביז די זונ האָט זיכ געזעצט אונ די טשערעדע איז ראשדיק געקומענ פונעמ פעלד.

אונ אינ דער אייגענער צײַט, ווענ די קארעטע איז ארויס פונ איינ זײַט דאָרפ, איז פונ דער אנדערער זײַט דאָרפ ארײַנ א וואָגנ אונ צוגעפאָרנ גלײַכ צו שמוליקס וווינונג. אנ אלטער מאנ גייט אראָפ פונעמ וואָגנ מיט א קליינ קלימעקל אינ דער האנט אונ גייט ארײַנ דורכ א נידעריק טירל אינ א פארצוימטנ הויפ. ווי נאָר שמוליק אונ באסיע האָבנ אימ באמערקט, זײַנענ זיי געלאָפנ אימ אנטקעגנ מיט א סימכע, א פרייד,ביידע אינ איינ קאָל:

— רעב אווראָמ!

דער צווייטער קאפּיטל

רעב אווראָם האָט זיך שטאַרק געעלטערט פאַר דער צײַט פון די לעצטע פיר יאָר. די צוגעקומענע קנייטשן אים אָפּן שטערן זײַנען אַזעלכע, וואָס צאָרעס מאַכן זיי, און פיל פון זיי האָט אים מוישעלע געמאַכט.

די מײַסע מיט מוישעלען איז פונעם אָנהייב ביזן סאָף געווען אַ לאַנגע קייט פון יעסורים און האַרצווייטעק פאַר רעב אווראָמען. די טרערן פון מוישעלעס מוטער, ווען זי איז אַרײַנגעפאַלן אין בעס־מעדרעש מיט אַ געוויין: „גוואַלד, רעב אווראָם, ווו איז מײַן זון?!", און די מעמרעס, וואָס זײַנען איבער מוישעלען געפאַלן דערנאָך, האָבן ווי אַ מעסער געשטאָכן רעב אווראָמען אין דער זיבעטער ריפּ. ער האָט אַלץ באַשולדיקט זיך אַליין, אַז די גאַנצע צאָרע איז נאָר צוליב אים, ער האָט דאָך מוישעלען געשיקט אופּצוזוכן ערגעץ הערשעלען. מוישעלע איז אַוועק און ניט מער צוריקגעקומען. און אַז שפּעטער האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט דאָס נײַס, אַז שמוליק דער טאַנדעטניק איז דערהאַרגעט געוואָרן, און די ראָצכים זײַנען, מיכיי און גאַווריִלאָ, זיצן אין טורמע, איז רעב אווראָם שיִר ניט אַראָפּ פונעם זינען, אַזוי שטאַרק געערגערט האָט ער זיך.

— אוי־ווײ! — האָט דאָס האַרץ אין אים ווײ־געשריגן. — מיכיי און גאַווריִלאָ האָבן געהאַרגעט שמוליקן, און איך — מוישעלען! זיי האָבן געהאַרגעט דעם טאַטן, און איך — דעם זון. זיי האָבן געמאַכט באַסיען, דאָס ווײַב, פאַר אַן אַלמאָנע, און איך האָב געמאַכט בא־

סיענ, די מ ו ט ע ר, פאר א וויסטער, טרויערדיקער מאמענ. איכ איניינעמ מיט די ראָצכימ האָבנ מיר פארוויסט דאָס הויז פונ אָרעמינקע, נעבעכ, וואָס זייער טײַערער זונ איז זיי געווענ דער איינציקער טרייסט אינ דער ביטערער נויט, אונ די לעצטע האָפענונג זייערע אפ שפּעטער. אצינד איז ניטאָ ניט קיינ פּאָטער, ניט קיינ זונ — אונ באסיע מיט די קינדער זײַנענ געבליבנ עלנטע, אָנ א שומ אָנהאלטעניש. אפילע גיינ צו זיי מיט א טרייסט־וואָרט פארטראָגט מיר דאָס הארצ נישט, וואָרעמ ווי וועל איכ קוקנ זיי, די אומגליקלעכע, נעבעכ, אינ פּאָנעמ ארײַנ?

אונ אז דערנאָכ האָט זיכ דערוויזנ אפ קלאָר, אז שמוליק מיטנ זונ זײַנענ גאָר ארײַנגעפאלנ אינ יידישע הענט, אינ די הענט פונ שנייער־וואָלפ אונ זײַנ שוטעפ, וואָס זײַנענ „כאפּערס”, אונ דורכ גרויסע ניסימ זײַנענ זיי ארויס פונ זייערע הענט אונ ליגנ ביידע קראנק, צעשלאָגענע, פארוווּנדעטע אינ ז־ער ביקער־כוילימ, האָט רעב אווראָמ געדאנקט, געלויבט דעמ אייבערשטנ מיט פרייד, וואָס מוישעלע מיטנ פּאָטער לעבנ. נאָר מיט דער פרייד צוגלײַכ איז געוואקסנ זײַנ צאר, ארויסזעענדיק, אז אינ דעמ אומגליק איז ניט שולדיק קיינער, ניט מיכיי, ניט גאווריל אָ, נאָר ער איינער, דערמיט וואָס ער האָט זיכ באנארישט, גלייבנ איינעמ עפּעס א ווילד־פרעמדנ, וואָס הייסט שנייער־וואָלפ, נישט צו דערוויסנ זיכ פריער, ווער איז ער אונ פונוואנענ איז ער. טאקע געלויבט דער אייבערשטער, וואָס ער האָט באפרײַט קאָשערע, ריינע נעפּאשעס פונ די „כאפּערס” הענט. ווענ ניט, וואָלט דאָכ שמוליק אונ מוישעלע געווענ אצינד זעלנער, זיכ געלערנט האלטנ א ביקס, ווי צו שיסנ אינ דער מילכאָמע — אונ דער געדאנק אליינ, אז דורכ זײַנ באנארישנ זיכ האָט געקאָנט אזוינס זײַנ, געקאָנט אומגליקלעכ ווערנ א גאנצע פאמיליע, איז גענוג געווענ אָנצומאכנ אימ גרויסע יעסורימ. דערצו נאָכ האָט אימ געקרענקט אי דאָס אויכ, וואָס בא יידנ זײַנענ דאָ אזעלכע מיעסע נעפּאשעס, גאזלאָנימ, כאפּערס. אונ פאר הארצווייטעק ארופגעלייגט די שולד אויכ אפ פיל אנדערע פונ אונדז יידנ. רעב אווראָמ איז בעטעווע דאָכ א פּאָעט, אונ ווי א פּאָעט, אז אימ צעשפּילנ זיכ די געבליטנ, האָט ער ארויסגעלאָזט זײַנ שווער ביטער הארצ צו אלעמענ, געקלאָגט אונ געזאָגט:

„אוי, ווי טיף געפאלן דו ביסט, מײַן פאָלק, מײַן אָרעם, אומגליקלעך פאָלק! אלע אײַערע הונדערט-טויזנטער, וואָס זײַנען געקוילעט געוואָרן פון טיטוס האָראָשע בעשאס דעם גרויסן כורבן, וואָס זײַנען אומגעקומען, פארברענט געוואָרן אפן פײַער אין שפאניע, נאָך און נאָך אזעלכע געשאָכטענע, אומגעקומענע — די אלע אינײנעם פארביטערן מיר ניט אזוי דאָס לעבן, ווי די נעז, וועלכע ייִדן אליין רײַסן זיך אײנע די אנדערע אָפּ, ווי די צאָרעס און לײד, וועלכע איר אליין טוט אײנער דעם אנדערן אָן. אף יענע דערהארגעטע, אומגעקומענע אין פײַער, אין וואסער האָב איך נאָך א טרײסט: גיבוירים! זײ זײַנען געשטאָרבן פאר דעם פאָטערלאנד. קדוישים! זײ זײַנען אומגעקומען אף קידעש-האשעם. אָבער גוואלד, וואָס זאָל איך זאָגן אף די, וואָס ווערן דערהארגעט דורך אײַער בײזער צונג, אף די, וואָס ווערן די קאפּאָרע דורך אײַך אלײן? אף פעטש פון פרעמדע ווײן איך און זאָג: נישקאָשע, גוטע און שלאפע לײַדן אָפּט אין דער וועלט. מעגלעך עפּשער, יענע וועלן נאָך אמאָל זיך באטראכטן און כאראָטע האָבן. נאָר אז געפּאטשטע פּאטשן, אז צעדראפּעטע דראפּען, געפּאנגענע פאנגען, געפּײַניקטע פּײַניקן אײנער דעם אנדערן, ווײן איך און האָב — אוי-ווײ! — גאָרנישט וואָס צו זאָגן... אוי, ווי געפאלן, טיף געפאלן דו ביסט, מײַן פאָלק ייִסראָעל!"

און וויפל קנײטשן האָט געמאכט אף רעב אווראָמס פּאָנעם די מײַסע מיט הערשעלען און בײלען! רעב אווראָם האָט זיך שטארק מעצאער געווען אף די דאָזיקע אומשולדיקע קינדער, נעבעך, אויך דערופּ, וואָס בא אונדז געפינען זיך הולטײַעס אזוינע, וואָס פארשווארצן דאָס פּאָנעם פון ייִסראָעל מיט זײערע מיִעסע מײַסים.

און אין אזא צײַט, ווען רעב אווראָם האָט זיך גענײטיקט אין רעפאָעלס געזעלשאפט, ארויסצושלאָגן א ביסל פון זיך דעם צאר אין א שמועס מיט אים, באדארפ זיך גראָד אזוי מאכן, אז רעפאָעל פארלאָזט אף טאָמיד גלופּסק און באזעצט זיך אין דער בארימטער האנדלשטאָט לײַפּציק. און דאָס באזעצן זיך זײַנס דאָרט איז אים געקומען גאָר אומגעריכט דורך רעב אָשער דעם מעקלער.

אז רעב אָשער האָט געזען, רעפאָעל הײבט אָן אײַנצוהאלטן זיך מאכן אײסאָקים און עס העלפן ניט קײן טײַנעס, קײן דרינגענישאיבערצורײדן אים, האָט ער מאטריִעך געווען די נאָז זײַנע אָנצו-

שמעקנ גוט דעמ טאמ דערפונ, פארוואָס גייט רעפּאָעל הארט בא דער ערד. געמיינט האָט ער דערמיט ניט אזוי די האנאָע פונעמ שמעקנ, ווי, נעבעכ, די פּארנאָסע, ווײַל די פּארדינסטנ זײַנע, מער אָדער ווייניק, האָבנ זיכ געווענדט אינ דעמ, ווי גרויט די אייסאָקימ רעפּאָעלס זײַנענ געווענ. אז רעפּאָעל האָט דאָ הײַנט שטארק פּאר-קלענערט זײַנע אייסאָקימ, איז רעב אָשערנ שטארק ענג געוואָרנ, אונ האָט געליטנ מאנגל. די נײַע קאפּאָטע, וואָס ער האָט זיכ גענייט, בעשאס רעפּאָעל האָט דורכ אימ געמאכט גרויסע געשעפטנ, האָט זיכ אויסגעריבנ, ניט געהאט שוינ קיינ פּאָנעמ, ער אליינ האָט אויכ פּארלוירנ דאָס פּאָנעמ, איז שוינ ניט אופגענומענ געוואָרנ בא די קרעמער בעקאָוועד אזוי ווי פריִער. איז ער אמאָל ארײַנ ערגעצ אינ א קלייט, האָט מענ אימ געזאָגט „באָרוכ האבאָ!“ מיט א האלבנ מויל, קוקנדיק אימ אינ פּאָנעמ, עפשער איז ער געקומענ מיט א גע-שעפט; זעענדיק אָבער, אז ס'איז נישטאָ פונ וואָס צו ריידנ, איז שוינ נישטאָ מיט וועמענ צו ריידנ, מע האָט פּאָשעט מער קיינ קוק אפ אימ ניט געטאָנ, גלײַכ ווי ער איז גאָר אפ דער וועלט נישטאָ. עמעס טאקע, רעב אָשער האָט דענסטמאָל געהאט גענוג צײַט זיכ צו באשעפטיקנ מיט פּאָליטיקע, וואָס ער האָט ליב געהאט ווי דאָס לעבנ. מענטשנ באטלאָנימ, וואָס לעכצנ נאָכ נײַס, פלעגנ זיכ ארומקלײַבנ ארומ אימ אינ מארק, אינ בעסמעדרעש, אונ ער פלעגט זיי איבער-געבנ, וואָס עס טוט זיכ דאָרט, אינ די הויכע פּענצטער, וואָס עס פּארלויפט זיכ אינ די מעדינעס, דערקלערנדיק אלצדינג מיט זײַנ גלאט צינגעלע — אָבער פאר אזוינע דראָשעס פלעגט ער ניט באקו-מענ קיינ גראָשנ. אונ „פראנקרײַכ זײַנע“, וואָס זי איז אימ טײַער געווענ מער פונ אלע מעדינעס אונ פלעגט זיכ שטארק אָפּגעבנ מיט איר, הייבנ זי אפּ דרוקעס, האָט אימ קיינ איינ פּרוטע ניט ארײַנ-געטראָגנ אפ זײַנע באדערפענישנ. דעריבער איז רעב אָשער געצווונ-גענ געווענ מאטריִעכ צו זײַנ די נאָז זײַנע, צו שמעקנ אונ צו געפינענ דעמ טאמ, פּארוואָס האָט רעפּאָעל אופגעהערט מאכנ געשעפטנ — אונ קעפּי דעמ מעקלערישנ סייכל זײַנעמ האָט ער געשמעקט אונ טאקע געפונענ.

רעב אָשער האָט, אָנשטויסנדיק זיכ מיט זײַנ קעפּל פונ איינ זאכ אפ דער אנדערער, געמאכט א געדראנג אזוי: רעפּאָעל איז דאָכ א גרויסער בעריע, פססס! א ליוויאָסנ צווישנ אונדזערע סאָכרימ,

קלײניטשקע פּישעלעכ. וואָס איז פאר אזעלכנ גלופּסק? א קלײנ
טײַכל! ער באַדאַרפ האָבנ א יאַמ, אויסצושפּרײטנ די פעדער־פּלוסנ
אונ שווימענ דאָרט פרײַ. אזא יאַמ איז נאָר אָדער מאָסקווע, אָדער
לײַפּציק, צוויי בארימטע פּלעצ אינ דער מיסכער־וועלט. מײלע מאָסקווע
בינ איכ מויכל, ווײַל ווינענ דאָרט קומט אָנ א ייִדנ מיט גרינע
ווערעמ, מיט אזעלכע מיטל, וואָס זײַנענ ניט לעקאָוועד פאר אזא
מענטשנ, ווי רעפּאָעל. מוז איכ, הײסט עס, זאָגנ — לײַפּציק. אונ אזוי
טאקע איז מעכײַעוו דער סײכל: גלופּסקער קרעמער באַציִענ דאָכ
טאקע סכוירע פונ לײַפּציק, קוקנ שטארק ארויס אפ לײַפּציקער סכוירע.
פונ דער לײַפּציקער בויד עליע־לײזער דעמ באַלעגאָלעס איז אויכ
געדרונגענ, אז ס'איז אזוי. וואָרעמ זעלט עס אנדערש זײַנ אז ניט
אזוי, איז דאָכ די קאשע, וואָס לאָזט מיכ די בויד הערנ, אונ עליע-
לײזער, ער וואָס לאָזט מיכ הערנ? נאָר ניט איטלעכער סויכער אָבער
קאָנ אהינצו פאָרנ. ווײַל ס'איז זײער ווײַט, עס ברויכט גרויסע וועג־
הויצאָעס, דאָס לאָשנ דאָרט איז מעשונע, דאָס לעבנ ווילד-מעשונע,
אונ דער נארישער דײַטש אינגאנצנ איז מעשונע. נו, בעכיינ?.. בע-
כיינ איז געדרונגענ, אז רעפּאָעל וועט זיכ באַזעצנ אינ לײַפּציק. דער־
מיט ווערט שוינ פארענטפערט, וואָס מע האָט אימ די טעג געזענ
עטלעכע מאָל רײדנדיק מיט עליע־לײזערנ. אײנ מאָל האָט מענ אימ
אפילע געזענ באַטראכטנדיק די יאַזדע אונ צוקוקנדיק זיכ צומ קלײנ
קופּערנעמ פערדל, וואָס טעלעבענדעט זיכ הינטער דער בויד סאמע
אינ דער מיט... יאָ, רעפּאָעל מײנט לײַפּציק. די שאַלע איז אָבער:
פארוואָס? דאָס הײסט, וואָס מײנט ער דערמיט? א מענטש, ווי מיר
ווײסנ, נעמט דאָכ ניט פּלוצימ פונ דער העלער הויט אונ איז מע־
שאַנע־מאָקעמ גלאַט אזוי זיכ, פּריש, געזונט אונ מעשוגע, סײַדנ ער
מײנט דערמיט אײסעק, א שטיקל פּארדינסטל. טאָ וואָס זשע פּאָרט
איז רעפּאָעלס מײנ? מוז מענ זאָגנ, אז ער מײנט ווערנ אינ לײַפּ־
ציק א קאָמיסיאָנער, צי אנ עקספּעדיטאָר פאר אויסלענדישע סאָכרימ,
דאָס הײסט, ער וועט זיצנ אינ לײַפּציק אונ ליפערנ סכוירע פונ די
דאָרטיקע פאבריקעס אהער, צו אונדז אינ לאנד. „אימקײנ... אויב
יאָ אזוי, — טראכט ער א ווײַלע, טוט א שטעל אופ די נאָז, א רוק
דאָס היטל, אונ א פײַערל ווײַזט זיכ אימ אינ די אויגנ פאר פרײד,
ווי געטראָפנ א רעטעניש — הא־הא! אָט דאָס מײנט טאקע דער פּאָ־

סעק: „שמח זבולן בצאתך!“ [1], — פריי זיך, מעקלער, מיט דײַן אַרויס-גאַנג. גיי, טו, רעב אָשער, לעטויוועס די היגע קרעמער און אויך פון דײַן טויווע, פון דײַן האַנאָע ווענג!“.

און רעב אָשערן טוען זיך אַ הייב די פּיסלעך, עס ציטנעמען זיך אים פון דער קאַפּאָטע די פּאָלעס, ער לויפט, זאָגט אויס דעם סאָד די קרעמער, פאַרשטעלנדיק זיי מיט זײַן פּה קדוש[2] די גרויסע טויווע, וואָס קאָן זיי דערפון אַרויסקומען, אימירצעשעם. אין דער צײַט פונעם אַרומלויפן זײַנעם ווערט אויס פּאָליטיקע אין גלופּסק. די באַטלאָנים לעכצן, נעבעך, נאָך נײַס, רופן אים: „רעב אָשער! וואָס הערט זיך עפּעס כאַדאָשעס?“ און ער — קיין וואָרט, ווינקט נאָר פונדערווײַטנס מיט אַ פינגער און לויפט.

און בעשאַס רעב אָשער לויפט דאָ אַזוי אַרום, זיצט רעפּאָעל בא זיך צו הויז אין געהאַקטע ווונדן. ניט פאַר אײַך געדאַכט, זײַנע יעסורים, ייִדישע סאָכרים! אָנזעצן איז דאָך בא אונדז אַ גאַנץ געווײנטלעכע זאַך. אַז אַ סויכער זעצט אָן, אַפילע עטלעכע מאָל, איז וואָס? גאָרנישט! אָדער ער פּאָרט זיך אָוועק אַף אַ קורצער צײַט ערגעץ, אָדער ער פאַרשפּאַרט זיך אין דער היים בא זיך טאַקע, טוט זיך וויל, מאַכט זיך אַ קימפּעט און וואַרט איבער ביז דער ראַש ווערט געשטילט. ניט אַזוי איז אָבער רעפּאָעל. קוים האָט ער באַמערקט אַ לאָך אין די אײַסאָקים זײַנע, כאָטש זי איז נאָך געווען פאַרדעקט, איז אים געוואָרן אַ לאָך אין האַרצן. ער האָט זיך געגעסן פאַר זײַן כאַפּעניש, אײַלעניש די לעצטע צײַט צו מאַכן געשעפטן נישט גוט [צו] באַרעכענען זיך, אַזוי ווי פריִער. בלײַבן דאָ אין גלופּסק איז אים אוממעגלעך געווען, ווידער זשע אַנטלויפן פונדאַנען, מײַסע גאַנעוו, איז אויך שלעכט. ס'איז אים ביטער און פינצטער.

און אַז רעפּאָעל האָט זיך גענומען אַ טאָג אָנידערזעצן זיך איינער אַליין בא זיך אין צימער לעבן די ביכער און מאַכן אַ קלאָרן כעזשבן, איז דאַפּקע דאָס הויז פול געווען ווי אַ בירזע מיט קרעמער, און עס האָט זיך דעם גאַנצן טאָג ניט צוגעמאַכט די טיר, דער אַרויס, דער אַרײַן, אַלע ווילן מאַכן דורך אים געשעפטן מיט די דײַטשן,

---

1 „סמאַכ זוווּלן בעצייסעכאָ“.

2 פּע קאָדויש.

מיט די פאַבריקאַנטן אין לײַפּציק, וווּהין ער פֿאָרט, הייסט עס, זיך דאָרט צו באַזעצן, פֿאַרלייגנדיק אים פֿאַר זײַן טירכע גוטע קאָנדיציעס. פֿריִער האָט רעפּאָעל אָפּגעלייקנט די גאַנצע זאַך, אַז גאָר לוי האַ־אָ, אים איז אַפֿילו ניט אײַנגעפֿאַלן זיך באַזעצן אין לײַפּציק. נאָר דאָס אָפּלייקענען זײַנס האָבן די קרעמער געטײַטשט, דאָס איז פֿון רעפּאָעלס זײַט אַן איבער־האַסבאָרע, ער וויל זיך אויסדרייען, מיט זיי ניט האַנדלען, האָט עס זיי שטאַרק געאַרט, ווי ער וואָלט זיי אָפּ־געגאַנען, מעכילע, מיט אַ פּאַמוּיניצע. אויב אַזוי, האָבן די באַליי־דיקטע, נעבעך, זיך אײַנגעשפּאַרט שטיין פֿאַר זייער קאָוועד, ריידן איבער אים אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן אים איבעררײדן...

אַז רעפּאָעל האָט געזען, ווי ווײַט די זאַך גייט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַטראַכטן: האַ, עפּשער איז עס בעעמעס פֿאַר אים אַ גלײַכע זאַך? עפּשער איז עס אַ ווונק פֿונעם איבערשטן ווי אַרויס־צוכאַפּן זיך פֿון דער קלעם און פּאָטער ווערן פֿון אַלע צאָרעס? שאָקלט ער מיטן קאָפּ צו די קרעמער אָפּ יאָ, הייסט עס, און זאָגט, פֿריִער שטאַמלענדיק, דערנאָך טאַקע ריינע ווערטער: איך טו אײַך צוליב, ראַבויסײַ! נאָר אַ טנײַ רייד איך מיט אײַך אויס, איר זאָלט אָפּצאָלן באַלד אָפּ די וועקסלען אײַערע פֿאַר לאָדזער סכוירע, מיר זאָלן ענדיקן אונדזערע אייסאָקים דאָ פֿאַר מײַן אָוועקפֿאָרן. די קרע־מער איז דער דאָזיקער טנײַ געווען ביטער־גאַל, זיי אָנגעמאַכט בויך־ווייטעק, נאָר פֿאַר גרויס כיישעק צום האַנדל מיט לײַפּציק האָבן זיי קלוימערשט אָנגענומען אַ שײַנענדיק פּאָנעם. רעב אָשער דער מעקלער פֿון זײַן זײַט האָט זיי אונטערגעשטופּט, אונטערגעטריבן, נעוויִעס־זאָגנדיק, אַז זיי שטייט פֿאָר גרויסע פּאַרדינסטן. די קרעמער האָבן זיך געמאַכט האַרץ, געצאָלט די כויוועס אָפּ די וועקסלען — און רע־פּאָעל איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון גלופּסק אין עליע־לייזערס בויד, מיט דרײַ פֿערד: זיי, קלינגענדיק מיט קליינע גלעקלעך אָפּ די העלדזער פּאַרנט, און דאָס קליינע קופּערנע פֿערדעלע, באָמבלענדיק זיך, קלאַפּנ־דיק אין דער בויד פֿון הינטן. אַזוי טשאַקנדיק איז רעפּאָעל געפֿאָרן, זיך אָנגעפֿאָרן און געקומען קיין לײַפּציק, ווו ער האָט געפֿינט זײַן עקספּעדיציאָנס־קאָנטאָר.

שווער איז געווען רעב אוראָמען שיידן זיך מיט אַזאַ גע־טרײַען פֿרײַנט ווי רעפּאָעל, און שווער איז עס אויך געווען הער־

שעלען. רעפאָעל האָט דאָך אים אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב, זיך מיט אים אָפּגעגעבן, אים געהאָלפן ווי ווײַט מעגלעך, הײַנט נאָך רעפאָעלס אוועקפאָרן איז ער דאָך געבליבן ווי אַפּן וואַסער. ער בענקט, ער לײַדט א שרעק און איז שטארק פונעם פּאָנעם אַראָפּ. שאָענלאנג זיצט ער אין בעסמעדרעש, אין א ווינקל, די געמאָרע ליגט אָפן פאר אים אפן שטענדער און ער לערנט ניט, נאָר זיצט שטיל פארטיפט אין די געדאנקען. ער טראכט און האָט אַפּ וואָס צו טראכטן: ער טראכט פון רעפאָעלן, דעם ליבן, טײַערן רעפאָעלן, וואָס גייט אים אזוי אָפּ. אויך פון ביילען, זײַן הארץ, זײַן נעשאָמע, וואָס איז אוועקגעפאָרן אהיים, צוריק צו די עלטערן אירע. ער טראכט אויך פונעם „ווינטשפינגערל" און דאָסגלײַכן וווּנדערלעכע זאכן, פון וועלכע מע קאָן רײַך ווערן.

ער האָט זיך שטארק געבאָברעט אין יענע מינע ספאָרים, ווי דער סייפער „מפעלות אלהים"[1] פון רעב יויעל באַלשעם און דער סייפער „תולדות אדם"[2] פון רעב עלייאָהו באַלשעם, ווו מע לערנט אויס צו מאכן אלפּי קאבאָלע קונציקע זאכן, ווי אשטייגער, „צו זען די באשערטע קאלע אין כאָלעם, א בסולע, אן אלמאָנע אָדער א גרושע"; „צו זײַן א רואה ואינו נראה"[3], דאָס הייסט, זען איטלעכן און פון קיינעם ניט געזען צו ווערן, „צו צאפּן ווײַן פון דער וואנט", און דאָסגלײַכן. יענע מיטל, ווי צו זען די קאלע, האָט הערשעלע געטאָן, ווי עס שטייט געשריבן, און עס האָט געהאָלפן — ער פלעגט טאקע זען ביילען און גוט פארברענגען די צײַט מיט איר אין כאָלעם. נאָר וואָס אָנבאלאנגט צאפּן ווײַן פון דער וואנט און די קונצ צו זײַן א „רואה ואינו נראה"[3], פלעגט טאָמיד, בײַסע־סאָטן, זיך טרעפן עפּעס א פעלער, און ס'איז קאליע געוואָרן אין דער מיט ארבעט. הערשעלע פונדעסטוועגן פלעגט בא זיך ניט אראָפּפאלן, נאָכ־אמאָל און נאָכאמאָל אָנהייבן די זאך אפּו̈אָסנײַ, ווײַל ער האָט געזען די יעשוע זײַנע, אופגעריכט צו ווערן אין ניסים, אין ווונדער־קונ־ציקע זאכן. ער האָט אָבעו̈ געהאט א טאָעס — די יעשוע איז אים גאָר געקומען פון כאנצען!

---

1 „מיפאלויס עלויהימ".

2 „טוילדויס אָדאָמ".

3 רויע וועינוי נירע.

דער דריטער קאפיטל

נאָך מער פונ איטלעכנ איז רעפּאָעל אָפּגעגאנגענ כאנצענ, זײַנ אוועקפאָרנ איז געווענ ווי בוימל אפ דער פײַערדיקער ליבשאפט אירער. א פײַער האָט אינ איר געגליט, איר געברענט די נעשאָמע, א פײַער א שטילס, א פארבאָרגנס אינ הארצנ. כאנצעס ליבע איז א שווײַגנדיקע, אָנ ווערטער. דאָס מויל רעדט נישט, די האנט אָבער שרײַבט. זי שרײַבט עפּטערס, שיקט בריוולעכ אפ דער פּאָסט אונ נעמט דאָרט אָפּ בריוולעכ דורכ הערשעלענ, אונ אלץ שא, שטיל. הערשעלע איז א שטענדיקער אוירעכ אפ שאבעס אונ יאָנטעוו בא לייבצע דעמ רויטנ. דאָס האָט געמאכט רעפּאָעל פאר זײַנ אוועקפאָר. מיסטאמע האָט ער געוווסט, וואָס ער טוט. כאנצע האָט זיכער אויכ געוווסט, א סימענ — הערשעלע איז איר שטארק געפעלנ פונ דער ערשטער מינוט. אצינד, נאָכ רעפּאָעלס אוועקפאָרנ, איז הערשעלע איר געווענ באליבט נאָכ מער, דורכ אימ פלעגט זי שיקנ אירע בריוו, אונ פאר אימ איז אָפּנ געווענ איר סאָד.

יאָ, א ברענענדיק פײַער איז די ליבשאפט בא כאנצענ אינ הארצנ, אונ לייבצע, דער פּאָטער אירער, איז — ניט ווילנדיק אליינ — א גוטער בלאָזזאק, וואָס בלאָזט אונטער דער טאָכטערס ליבשאפט, צעפלאקערט זי מיט זײַנ אייגנ מויל. בא איטלעכס מאָל ריידנדיק פונ רעפּאָעלנ פלעגט ער אימ לויבנ אינ טאָג ארײַנ — רעפּאָעל איז א כאָכעמ־אטיק, א „בעריע־ניפלאָע”, א קאָפּ-מענטש, קיינער דאָ פאר־שטייט אנ אייסעק ווי ער, אויסלאָזנדיק טאָמיד מיט א קרעכצ, אז

היינט זיינען ניט די אייסאָקים, ניט די פּאַרדינסטן ווי אַמאָל אין רעפּאָעלס צייט. דאָס איז וואָס צו לייט, אָבער וואָס צו גאָט און ייִדישקייט איז לייבצע פון רעפּאָעלן ניט צופרידן געווען, פלעגט, צו־שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אַלץ זאָגן: אָ־וואַ, אַ שאָד, וואָס אַזעלכער איז ניט פון „אונדזערע", וואָס גלייבט ניט, האַלט ניט פון אונדזערע פרומע און גוטע — גלייבט ניט אפילו אין ניט־גוטע, אין רוכעס, אין שיידים...

די דאָזיקע מייסע־ראַ, וואָס דער פאָטער האָט געפונען אין רעפּאָעלן, האָט גראָד ניט געאַרט כאַנצען. דערפאַר אָבער די שוואַ־כים זיינע אף אים זיינען איר אַריין אין האַרץ, אויספילנדיק עס אינגאַנצן, ניט איבערצולאָזן דאָרט אַ ברעקל פּלאַץ, ווי אַ שפּילקע־קעפּל, פאַר בענציען.

בענציע איז אין דרויסן —

און כאַנצע איז טאַקע אַלץ נאָך אַן אַקאָרע!

יאָ, יענטל איז טאַקע געווען באַם „אַלטן", זאָל לעבן, מיט אַ קוויטל וועגן דער טאָכטער, די אַקאָרע, און ער האָט צוגעזאָגט אַ קינד כאַנצען. נאָר אַז כאַנצע איז אַ „ווידערשפּעניקע", ווייל ניט וויסן פונעם מאַן, וואָס זשע איז דער צאַדיק שולדיק, אַז די האָפ־טאָכע זיינע איז ניט מעקויעם געוואָרן? און אַז כאַנצע איז אַ „ווי־דערשפּעניקע" — וואָס זשע זאָל בענציע טאָן?

בענציע, וואָס דאָס קעסט עסן באַם שווער איז באַ אים דער איקער, די הויפּט־זאַך, און דאָס ווייב נאָר אַ צוגאָב צו דעם, ער טוט זיך זיין זאַך — עסט, טרינקט אף וואָס די וועלט שטייט, און ווייטער גייט אים גאָרנישט אָן. אַקעגן זשע כאַנצע, איז פיינטשאַפט און ליבשאַפט עסן איר לייב, זי פּאַלט איין, גייט אַראָפּ פונעם פּאָ־נעם פון טאָג צו טאָג.

עס קלאָגט זיך יענטל פאַר אירע כאַווערטעס אף די צאָרעס אירע פון דער טאָכטער, און די כאַווערטעס טרייסטן זי — זיי מיט יענטלען, אַלע טאַקע אין איין קאָל. יענטל זאָגט, קלאַפּנדיק זיך אין האַרצן:

— געל און גרין, ווי איז מיר, ווערט מיין טאָכטער, אַלץ טאַקע ניט מעוברעס! וואָס פאַרט האָב איך דען שוין ניט איבער־געטאָן?..

און די בארעמהארצעדיקע וויַיבער לאָזן זיך הערן אַפ קוילעס, אַלץ טאקע מיט איר, ארויסזאָגנדיק טרייסט-ווערטער מיט א שטאָך אינײַנעם. עס הערט זיך א קאָל:

— יענטל! קיין צאר, כ'לעבן, יענטל! נו, אז א גרינ פּאָנעם, מיילע וואָס? נישקאָשע, א ווײַבל נאָכן האָבן א קינד באקומט א שיינ לויטער פּאָנעם...

שרײַט אריבער אלע נאָך א קאָל:

— צו קינדער טויג נאָר איינ קאָנדראטיכע די גויע!

לאָזט זיך הערן אַפ א קוויטש נאָך א מער שטארקער קאָל:

— בולאנ, דער טאָטער, איז פיל בעסער! ער האָט דערצו עפּעס אזא שפּרוך, און עס העלפט.

— האָדל, ציפּע, פייגע-סאָסיע, לאָזט זיך דינענ! — שרײַט אויס א הויכע דינע שטימע. — ניטאָ קיינ בעסער מיטל צו קינדער פונ די ווארעמ־בעדער אינ אויסלאנד!

שפּרינגט ארויס איינע מיט א פּיסק, א צינגל ווי א גלעקל, און באסעוועט אונטער דער פריערדיקער, מאכנדיק:

— שא! אָט האָט איר אײַך א מײַסע מיט עסטער־ציוויענ, א בילד־שיינע יוגנט, וואָס האָט כאסענע געהאט פאר אנ אלטנ מאנ, פאר רעב יעכיעל דעמ נאָגיד. האָט זי אויך א צײַט לאנג ניט געהאט קיינ קינד, איז זי געפאָרנ אינ די ווארעמ-בעדער און איז טאקע מער־בערעס געוואָרנ. פונ דענסטמאָל אָנ פאָרט זי אהינ אלע יאָר, קומט צוריק א בוימ און האָט א קינד. פיר קינדער, באָרעכאשעמ, האָט זי אצינד, איז דיק, באלײַבט, שיינ, ס'איז איר אינ פּאָנעמ ניט ארײַנ־צוקוקנ, ווי אינ דער ליכטיקער זונ. נאָר וואָס איז מיר עסטער־ציוויע? זי איז ניט איינע אַפ דער וועלט, ניט קיינ באסיעכידע באגאָט. נאָך פיל אנדערע ווײַבער ווייס איך, וואָס פאָרנ אינ די ווארעמ-בעדער, האָבנ דאָרט די רעפוע און פארגייענ אינ טראָגנ. מע זאָגט, באשער אינ דעמ וואסער דאָרט ליגט עפּעס אזוינס, וואָס העלפט, באזונדערס העלפט עס ווײַבער אקאָרעס.

— מאמעש טאקע ווי די שטעקלעך יאנקעוו אָווינוס, פונ וועלכע, ווי דער פּאָסעק זאָגט, די שאָפ האָבנ זיך דערהיצט און גע־ווונענ, — גיט פייגע־בראָכע די כאזנטע צו פארשטיינ דעמ טאמ פונ דער זאך אַפ א גראָב קאָל, ווי דאָס קאָל פונ א זאָכער.

ווִיבאַלד אַזוי, איז געבליבן בא יענטלס אַלע כאַוועֶרטעס, אַז כאַנצע זאָל אויך פאָרן אין די וואַרעם־בעדער, און טאַקע ניט לאַנג שיִעס מאַכן.

נאָר וואָס קאָן עס אָבער העלפן צו כאַנצעס ביטער געמיט, אַז די ליבשאַפט מיט דער פייַנטשאַפט, די ביידע מאַכן זי קראַנק? און אַזוי ווי זי טראָגט שווייַגנדיק אין זיך די ליבע, אַזוי שווייַגנדיק טראָגט זי אין זיך די סינע. זי ווייסט, אַז אַלע טייַנעס אירע אַקעגן בענציען ווערן ניט אָנגענומען, ס'איז זייער שווער פאָטער צו ווערן פון אַזאַ שלימאַזל. בענציע איז שטאַרק באַליבט באַם פאָטער אירן, ווייַל דורך דער מעכוטענעשאַפט מיט בענציעס געהויבענער מישפּאָכע איז דער פאָטער געהויבן געוואָרן, איז אַרייַן צווישן די שטאָט־פּירער, איז אַ גאַבע אין ביקער־כוילים, אין שול, אין טאַלמעטוירע און האַלט אָרעמעלייַט אין דער מוירע. פריִער, אַז זי האָט די סינע צום מאַן אַרויסגעזאָגט דעם פאָטער, האָט ער, שטאַרק אופגעבראַכט אַף איר, זי געשטראָפט אַזוי: ווי קומט, טאָכטער, צו דיר אַזוינע ווערטער?.. וואָס הייסט, דו האָסט פייַנט? אַ ייִדישע טאָכטער ווייסט נישט, וואָס פייַנט, וואָס ליב!.. אַ ווייַב באַדאַרף זי זייַן, טאָן וואָס דער מאַן וויל... טאָן, זאָג איך דיר, דו פאַרשטייסט? טאָן, טאָן טאַקע, ניט אַרייַננעמען זיך אין קאָפּ נאַרישקייַטן — פייַנט־שמייַנט, ליב־שמיב, ווי די גויעס... האָרכ זשע, טאָכטער, זייַ ניט מעשוגע און זייַ אַ ווייַב ככתוב [1], ווי אַלע ייִדענעס...

כאַנצע האָט געהערט דעם פאָטערס שטראָף־רייד און פאַרשטאַנען, אַז קלאָגן זיך פאַר אים קאָן זי שוין ניט מער. האָט זי די צאָרעס געטראָגן אין זיך, פאַרביסן די ליפּן און שאַ! די צאָרעס אָבער האָבן מיט דער צייַט זיך אָנגעקליבן אין האַרצן אַזוי, אַז די נערוון האָבן שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן, קימאַט ניט געווען צו דערקענען זי, אַזוי פאַרענדערט האָט זי זיך. און דער לעבעדיקער גאָט ווייסט, וואָס דער סאָף וואָלט געווען, ווען עס זאָל זיך ניט מאַכן גאָר אומגעריכט אַ מייַסע — אַזעלכע, וואָס דענסטמאָל, אין דער האַס־קאָלע־צייַט, איז עס געווען אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך, און הייַנט וועלן פאַר גרויס וווּנדער אַלע פאַרוואַרפן מיט די קעפּ הערנדיק אַזוינס.

---

1 קאַקאָסוווו.

— גאָר טכילעס, ווען די „האסקאָלע", די בילדונג, הייסט עס, איז אַרײַנגעפאַלן אין דער „יידישער גאַס", איז זי — ווי ס'איז שוין דאָ אויבן געשטאַנען — געגאַנגען ווי א מאגייפע, ניט־הײַנט־געדאַכט, אָנבאַפנדיק א יידן פלוצים. עס זיצט זיך א ייד על התורה ועל העבודה[1], אָפּגעשיידט פון דער וועלט, ווייסט ניט מער ווי גאָט און ציצעס, נעמט ניט אין מויל קיין זאַך, אפילע קיין ט־ונק וואַסער, אָן א בראָכע, — פלוצים, אוי־וויי! טוט אים א נעם די קליפּע, קערט אים איבער אפ דער „לינקער" זײַט און ער ווערט, הייסט עס, „ג ע ב ו ל ב ע ט"! אָדער איינער פון די יעשיווע־באָכערים, א באָכער א געזונטער, מיט הענט, מיט פיס, וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם יאָך פון אַרבעט, עסט טעג — בא איטלעכן באַלעבאָס, הייסט עס, א טאָג אין דער וואָך, און קוועטשט די באַנק. פלוצים געפינט זיך, מײַסע־סאָטן, צווישן די בלעטלעך פון דער אָפּענער געמאָרע זײַנער האסקאָלע־ביכלעך. אײַ־אײַ, ער איז גאָר א ווערעמדיקער באָכער!.. אַן אישע צנוע, אשטייגער, איז זיך מעקאַיעם די דרײַ מיצוועס, חנ"ה[2], אירע, גאָלט ווי געהעריק דעם קאָפּ, באַדעקט אים גוט מיט א קופּקע, לייגט קנייטלעך צו די ריינע נעשאָמע־ליכט, ווײַנט, קלאָגט בא די טכינעס. פלוצים כאַפּט זי דער רוער, מאַכט אין איר אַן איבערקערעניש — וואַרפט זי פון זיך אַראָפּ דעם שלייער, טראָגט אייגענע האָר ווי די הולטײַקעס. וואָס נאָך? זי לייגט אַרונטער הינטן, מעכילע, אונטערן קלייד א קישעלע, עס זאָל אויסקומען גרעבער, מיט דער מאָדע, און ברעכט די צונג, נעבעך, צו פּלאַפּלען עפּעס א מין גויִש... און אַזוי ווי בעשאַס א מאַגייפע היט מען זיך שטאַרק, אויסצומײַדן עפּעס וואָס־עס־איז א שעדלעכע זאַך, אַזוי האָט מען אויסגעווײַכט יענע לײַט, וואָס זײַנען געווען אָנגעשטעקט פון דער האסקאָלע.

ווען מען וואָלט עס גאָר אַרופּקומען אפן געדאַנק, אַז אפ בענציען זאָל אויך קומען די מאַגייפע! טאַקע זייער ריכטיק זאָגן אונדזערע כאַכאָמים: „בעשאַס א מאַגייפע קלײַבט דער מאַלכאַמאָוועס ניט איבער" — און בענציע־צאַדיק, ווײַ איז אים, איז אויך געכאַפּט געוואָרן, ווי א פויגל אין דער נעץ. פאַרוויסט איז ער און פאַרוויסט איז דאָס לעבן זײַנס!

1 על התורה ועל העבודה.

2 חנה (חלה, נדה, הדלקת־נר).

בּענציעס קוילער, דער מאַלכאַמאָוועס זײַנער, איז געווען אין געשטאַלט פון אַ ליטוואַק, אַ מעלאַמעד! אויסגעזען האָט דער מעלאַמעד אַ גאַנץ פרומער ייִד, אַ קאָשערע נעשאָמע, מיט באָרד און פּייעס. ער איז געווען אַ לאַמדן מופלעג, געקענט טאַנאַך ווי אַ וואַסער. גערעדט האָט ער שטיל, געלאַסן, אַז אַ ביסל אַ הייזעריקלעכער שטימע, און פון אים האָבן זיך געשאָטן פּערל. זײַן מאַלבעש איז געווען ריין, אָן אַ שפּרענקעלע, אָן אַ פלעק, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל בײַ אַ ייִדן פון אַ שמיר מיט דער נאָז, אָדער מיט די פינגער נאָך אַ פעט עסן. אַלע האָבן פון אים געהאַלטן, מעכײַע־נעפאָשעס געווען זײַנס אַ וואָרט. זײַנע טאַלמידים זײַנען געווען באָכערים, כאַסאַנים, וואָס זײַנען שוין אַליין פאַר זיך שטיקלעך מענטשן, און דאָס וואָס זיי לערנען, לערנען זיי עס ניט געצוווּנגען, נאָר מיט זייער אייגענעם ווילן. בײַם לערנען מיט זיי טאַנאַך פלעגט ער אויסמישן ראַשע מיט „בּיִור", מעדרעש מיט פּשאַט אינאיינעם, צוגעבן נאָך דערצו אַמאָל שאַרפע טראָפּנס כקירע איבער ניסים, ווי שפּאַלטן דעם יאַם, אַשטייגער, אוקעדוימע, האַרבע קאַשעס איבער „ידיעה ובחירה"[1], „שׂכר ועונש"[2], — דאָס הייסט, אַז גאָט ווייסט נאָך פריִער דעם מענטשנס מײַסים שפּעטער, טוט דאָך דער מענטש זיי ניט מיט דעם פרײַען ווילן, פאַרוואָס זשע זאָל ער דערפאַר באַלוינט אָדער באַשטראָפט ווערן?.. פון דעם דאָזיקן רעצעפּט פלעגט ער די טאַלמידים אײַנגעבן אַ היפּשע פּאָרציע, עס זאָל אָפּרייניקן די נעשאָמע פון צוגעקלעפּטע, אײַנגעגעסענע אין איר פוילע זאַכן. דאָס אײַנעמעניש האָט געווירקט, עס האָט אינווייניק אין זיי געיוירן, געיוירן — און זיי זײַנען געוואָרן אופגעיוירן...

און פאַר די זינד פון סינעס־כינעם, וואָס בענציע פלעגט פײַנט האָבן ליטוואַקעס, אָפּלאַכן פון זיי, זיצנדיק אין שטיבל מיטן פּעקל כסידים, האָט דאָס פינצטערע מאַזל זײַנס אָנגעשיקט אַף אים אָט דעם מעלאַמעד, דעם ליטוואַק. געלאַסן, מיט גלאַטע, זיסע ווערטלעך האָט דער מעלאַמעד זיך צוגעשאַרט צו בענציען און אים גאָר צעטומלט, באַצויבערט מיט זײַן גלאַט צינגל, ווי יענע פּאָקוסניקעס, וואָס ווייסן

---

2 „יעדיִאָ אוווכירע".

2 „סכאַר וועוינעש".

א שפּרוך צו פאַרצויבערן שלאַנגען. מיט צוקער-זיסע ריידעלעך האָט ער ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז אַרײַנגעלאָזט אין בענציעס האַרץ גיפּטיקע טראָפּנס פון אַפּיקאָרסישע געדאַנקען. דאָס גיפּט איז זיך צעגאַנגען אינווייניק אין אים אַלץ ווײַטער, ווײַטער, ביז ס'איז מיטאַמאָל געוואָרן אויס בענציע! דאָס קערן פון דעם מעלאַמעדס טוירע האָט בענציע ניט פאַרזוכט, ער האָט נאָר געכאַפּט דאָס שאָלעכץ. די כאַווײרים זײַנע האָבן אין אים באַמערקט עפּעס א פאַרענדערונג — ס'איז עפּעס ניט דער ברען, ניט דער בענציע, וואָס פריִער, עפּעס פאַרבייגט ער אינדערפרי די מיקווע, שטופּט זיך ניט ווי פריִער צום יאָרצײַט-בראַנפן — פונדעסטוועגן האָבן זיי ניט געטראַכט אַף אים קיין בייז. אַדעראַבע, מע האָט עס גאָר געטײַטשט — עטע-טע-טע! דאָס איז, האָט מען געזאָגט, א יערידע, א פאַלן, ווי ס'איז באַקאַנט בא די גרויסע, איידער זיי טוען זיך א הייב צו דער הויכער מאַדרייגע. זאָל ער פאָרן צום „אַלטן", וועט ער אים צורעכט מאַכן... נאָר וואָס העלפט עס אָבער, אַז די צונג איז דעם מענטשנס ערגסטער סוינע — היט מען נישט די צונג, באַגראָבט זי דעם באַלעבאָס אירן!

איינמאָל זײַנען די כסידים געזעסן אין בעסמעדרעש אונטערן אויוון און דערציילט, ווי דער שטייגער איז, מײַסעס פון באַלשעם, מויפסים פון צאַדיקים, גוטע-יִידן. פּלוצים שיסט אויס בענציע מיט א זאָג, אַז ס'איז לויטער ליגן:

— ניטאָ קיין מויפסים!

די כסידים זײַנען געבליבן פאַרגאַפט, שטאַרק צעקאָכט.

— סטײַטש, סטײַטש! — האָבן זיי געשריגן. — ס'איז דאָך א כילעל-האַשעם, ווי קאָן מען הערן אַזוינס און שווײַגן?

הייבן זיי זיך אויף, פּאַטשן אים גוט אויס און וואַרפן אים אַרויס פונעם בעסמעדרעש. די מײַסע איז זיך צעגאַנגען איבער דער גאַנצער שטאָט, און לייבצע דער רויטער האָט זיך פאַר כאַרפּע שיר ניט באַגראָבן. אַז בענציע איז אַרײַנגעפאַלן אין לײַטישע מײַלער, האָבן זיך שוין געפונען גוטע מענטשן אַזוינע, וואָס האָבן זיך ניט געפוילט צוצולייגן אים קנייטלעך, פאַרברייטן איבער אים שרעקלעך מיִעסע זאַכן, אַזוי אַז ער איז געוואָרן שטאַרק פאַרופן. ס'איז אַזוי ווײַט געגאַנגען, ביז בענציע איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן גלופּסק —

און כאַנצע איז געוואָרן א גרושע!

דער פערטער קאפיטל

און אז ס'איז געקומען די צײַט, ווען ווײַבער מיט ספּאזמעס פֿאָרן אינ די ווארעמ־בעדער, האָט כאנצע זיך צוגעגרייט, לויט די גלופּסקער דאָקטוירימ האָבנ איר געראטנ, פֿאָרנ קיינ ווינ, זיך צו באראטנ מיט די פּראָפעסאָרנ וועגנ איר קרענק, אינ וועלכער באָד זי באדארפ פונ דאָרט פֿאָרנ. יענטל איז שטארק באשעפּטיקט געווענ מיט אײַנגעמאכטס פּרעגלענ, מיט באקנ א לעקעכ, פּוטערקיכלעכ, פּלעדלעכ, מאלכעס־ברויטלעכ פאר דער טאָכטער אינ וועג ארײַנ. זי רעדט אלצ, רעדט איבער כאנצענ, וואָרנט זי לעמאנאשעמ אָפּצוהיטנ אפּנ וועג זיך אליינ און די זאכנ אירע, געבנדיק איר אייצעס און בראָכעס אָנ א צאָל. און לייבצע שווײַגט, קרימענדיק די נאָז מיט א זויער פּאָנעמ, ווי ער איז נישט צופרידנ פונ אלצדינג, וואָס דאָ טוט זיך פאר אימ.

און אז לייבצע זיצט זיך איינמאָל איינער אליינ בא זיך אינ צימער שטארק אָנגעבלאָזנ, קומט ארײַנ צו אימ רעב אווראָמ, און נאָכ א קורצ שמועסל, גלאט אזוי זיך פונ יויצע וועגנ, ווי דער שטייגער איז, טוט ער א זאָג:

— איכ קומ הײַנט פאָרלייגנ עפּעס פאר מאלאָסוי און פאר אײַער טאָכטער, דער גרושע.

— א שידעכ פאר איר, מיינט איר? — זאָגט לייבצע, א קרימ געבנדיק די נאָז און א מאכ מיט די הענט, ווי ער שאָקלט זיך אָפּ, וויל ניט הערנ.

— קעמוי אזוי ווי א שידעכ, — מאכט רעב אווראָמ מיט א גוט שמייכעלע, ווי א מענטש אָנ כאָכמעס.

— א-א! דאָס קער זיכ ניט אָנ מיט מיר. ניט מײַנ זאכ, מײַנ זאכ, רעב אווראָמ! — מאכט לייבצע, אופשפרינגענדיק פונעמ אָרט אונ שאָקלענדיק מיטנ קאָפּ, מיטביידע הענט. — א וועלט א נײַע איז הײַנט... אנ אנדער וועלט, אנדערע מינהאָגימ... הײַנט א'ז אויס קי־בעד-אוו, וואָס איז מיר א טאטע? קיבעד־באָנימ איז דאָ. וואָס די קינדער זאָגנ, טו, שא! אויב ניט...

— באַרויקט אײַכ, רעב לייבצע! א שטיקל עמעס איז דאָ אינ אײַערע ווערטער, נאָר עס קער זיכ ניט אָנ צו דעמ, וואָס איכ וויל. איכ וויל אײַכ פאָרלייגנ גאָר עפּעס אנדערש. די מײַסע דערפונ איז אזוי, — זאָגט רעב אווראָמ, א פיר געבנדיק די האנט איבערנ פּאָנעמ אונ אָנקוקנדיק לייבצענ שארפ מיט א פּאָר אויגנ: — אזוי, אזוי איז די מײַסע, רעב לייבצע. הערשעלענ קענט איר דאָכ, אָט דעמ באָ־כערל, דעמ יאָסעמ, וואָס עסט בא אײַכ שאבעס אונ יאָנטעוו, וואָס רעפּאָעל האָט אײַכ פאר אימ געבעטנ. בעקיצער, קומט מיר אָנ די טעג א בריוו פונ רעפּאָעלנ, ער בעט מיכ שיקנ אימ דעמ יאָסעמ קיינ לײַפּציק, געלט אפ הויצאָעס האָט ער אויכ מיר ארײַנגעשיקט. ווייס איכ איצט ניט [וואָס] צו טאָנ. דער וועג אהינ איז א ווײַטער, ווער ווייסט, וואָס קאָנ זיכ טרעפנ? ווי זשע שיקט מענ אזא שנעק, נאָכ גאָר א פריצ, איינעמ אליינ? דער פאָטער זײַנער, אָלעוואשאָ־לעמ, א קאָשערער ייִד, א באַלטפילע געווענ אמאָל אינ בעסמעדרעש „פויאלײ־צעדעק” דאָ, האָט פארנ טויט איבערגעגעבנ מיר אָט דעמ זונ זײַנעמ, אונ איכ האָב הייליק צוגעזאָגט האָבנ אפ אימ האזשגאָכע. אצינד, אז ער וועט זיכ לאָזנ אינ וועג אליינ אונ מיט אימ וועט זיכ, כאסוועשאָלעמ, עפּעס מאכנ, וועל איכ דאָכ מיכ פארשולדיקנ פארנ פאָטער זײַנעמ אפ אייביק. איכ האָב געהערט זאָגנדיק, אז אײַ־ער טאָכטער קלײַבט זיכ קיינ אויסלאנד, ביז איכ דאָ געקומענ מיט מײַנ באקאָשע, זאָל אָט דאָס באָכערל מיטפאָרנ מיט איר. פארשטייט איר שוינ? אויב אומעטום איז, ווי דער פּאָסעק זאָגט, אינצווייענ בעסער ווי אליינ, אפשיטע שוינ אינ וועג!

— נאָכ מײַנ מיינונג איז א יושער אײַער באקאָשע ניט אָפּ־צוזאָגנ, נאָר די מיינונג אָבער פונ א טאטנ איז הײַנטיקע צײַטנ ניט

אזוי וויכטיק. גייט, זײַט מויכל, רעב אווראָם, צו מײַן טאָכטער און פּרוּווט זיך איר פאָרלייגן אײַער באַקאָשע.

גייט רעב אווראָם צו כאנצען, און קוים רעדט ארויס: „איך האָב מעקאבל געווען א בריוו"... פאלט זי אים אריין, פאר אײַלע־ניש, צעטראָגעניש, אין דער מיט רייד מיט א זאָג:

— מעקאבל געווען?... איך אויך, רעב אווראָם!

רעב אווראָם קוקט זי אָן פארוואונדערט. און זי, פארטראָגן, פארפלאָמט, מיט א פריינטלעך שמייכעלע אלץ טאקע אין איין אָטעם:

— איך ווייס, רעב אווראָם, ווייס, ווייס... הערשעלע פּאָרט מיט מיר.

— איידער נאָך איך האָב געבעטן, ענטפערט איר שוין! איך האָב נאָך ניט געזאָגט, ווייסט איר שוין וואָס! — מאכט רעב אווראָם, אָנקוקנדיק שארף כאנצען. — פונוואנען ווייסט איר עס?

— פונוואנען איך... פונוואנען? — שטאמלט כאנצע, רויט ווערנ־דיק, וואָס זי האָט זיך אומבארעכנט ארויסגעכאפּט מיט א וואָרט, און געוואָלט פאריכטן דעם פעלער. — פון הערשעלען ווייס איך... האָב מעקאבל געווען... אָנגענומען זײַן באַקאָשע. צו וואָס דאָ איבעריקע רייד? הערשעלע פּאָרט מיט מיר!

רעב אווראָם ענטפערט נישט קיין וואָרט, שטייט א ווײַלע אָנ־בייגנדיק דעם קאָפּ און קנייטשנדיק דעם שטערן, ווי ער טראכט עפּעס איבער א זאך, וואָס איז אים ערשט אײַנגעפאלן. דערנאָך טוט ער זיך א כאפּ און, מאכנדיק מיט א פינגער בא דער נאָז, זאָגט ער פריינטלעך:

— שקאָץ!..

* * *

נאָך כאנצעס ערשטן בריוו פון ווין איז אוועק עטלעכע וואָכן, און פון איר איז ניט געווען קיין אײַנגעטונקטע פּען. די עלטערן מיט דעם גאנצן הויזגעזינד האָבן זיך שרעקלעך באומרויקט. האָבן זיי געפרעגט רעב אווראָמען, עפּשער האָט הערשעלע אים געשריבן עפּעס וואָס וועגן איר. זאָגט רעב אווראָם: קיין שום בריוו האָט ער נאָך פון הערשעלען ניט דערהאלטן, און האָט גרויס אגמעס־נעפעש דערפון. באטלאָנים, ליידיקגייער, גייענדיקע גאזעטן, וואָס

פארזאָרגן די שטאָט מיט נײַס, האָבן גענומען די זאַך אַף זייערע קיי־
לים, ארײַנלייגנדיק דרינען שרעקלעכע פּיירושים און אויספירנדיק
דערפון א מוסער פאר עלטערן איבערהויפּט, אַז זיי זאָלן ניט לאָזן
זייערע טעכטער — גרושעס, אלמאָנעס, אלציינס — ארומשלעפּן זיך אין
דער וועלט, ביפראט נאָך מיט באָכערים, אפילע מיט ייִנגלעך.

און ווי דאָ טוט זיך אזוי, קומט אָן פון כאַנצען א בריוו,
ארויסגעשיקט פון לײַפּציק, און הייבט זיך אָן אָט מיט וואָס:

„מאזלטאָוו! איך האָב כאסענע געהאט מיט רעפּאָעלן!"...

— א־א, פארברענט זאָלן ווערן אלע ווארעם-בעדער! — טוט
לייבצע א געשריי, שטארק אופגעבראכט.

— אוי, איך וועל מיר א מײַסע אָנטאָן, כאסענע אָן טאטע-
מאמע! — וויינט יענטל.

— אצינד איז שוין רעכט!.. ס'זעט אויס, אז לײַפּציק, אפּאָנעם,
איז בא זיי געווען נאָר אַן אָפּגערעדטע זאַך, און דער שקאָץ האָט
נעוווסט, — זאָגט רעב אווראָם מיט א צופרידן שמייכעלע.

דער פינפטער קאפיטל

אינ מוישעלעס בריוו צו די עלטערנ, וועלכנ יארכי האָט איבערגעגעבנ, שרײַבט ער זיי אזוי:

„אנ אָנגעלייגטער גאסט וועט אינגיכנ צו אײַכ קומענ, א טײַערער מענטש, וועלכנ איכ בינ שולדיק אנ אייביקנ דאנק פאר דער גרויסער ליבשאפט זײַנער צו מיר אונ פאר די מידעס-טוויוועס זײַנע, פונ וועלכע איכ האָב, ווי ווײַט מעגלעכ, מיכ אָפגעלערנט אינ דער יוגנט אונ האָב נאָכ פיל אָפצולערנענ זיכ אויכ הײַנט — דאָס מיינ איכ אונדזער ליבנ רעב אווראָמענ, וואָס איז דאָ איצט אינ מײַנ שטאָט. ער איז געקומענ בא דער כאסענע אפ דער זײַנער אנ אייניקל, א מיידל דער טאָכטערס זײַנער, וואָס איר מאנ איז א זעצער אינ א היגער דרוק. איכ האָב אימ באמ ערשטנ באגעגעניש אָפגעגעבנ „שאָלעמ“ מיט א סימכע א פרייד, אונ ער מיר צוריק — הערט א מײַסע! — עפעס מיט א האלבנ מויל, ווי ברויגעז. דאָס האָט זיכ דערנאָכ דערקלערט אינ א ברייטלעכנ שמועס צווישנ אונדז, וואָס האָט געדויערט אקעגנ א פאָר שאָ. אויכ די אייגענע מײַסע, וואָס איז פאָרגעגאנגענ, טאטע, צווישנ אונדז, באמ ארײַנטרעטנ אינ דער ראבינער-שול, — א רויגעז, א צאָרנ גאָר א שרעק! א רויגעז, א פײַערנ אפ יידישע שולנ, מישטיינסגעזאָגט, איבערהויפט, אונ אפ דער ראבינער-שול ביפראט, אז זיי זײַנענ פונ לעכאטכילע געמאכט געוואָרנ ניט אינ דעמ יידישנ גײַסט, ניט דורכ יידנ אליינ, נאָר דורכ פרעמדע; א רויגעז אפ די אופזעער, אפ די לערער אונ אפ די טאלמידימ, באזונדערס

אַפּ די ראַבינער־שילער, אַז די אופירונג זייערע איז ניט קיין שיינע און ייִדיש נעמענ זיי אינ מויל ניט אַרייַנ, ווילנ עס ניט וויסנ — אַ טייל גייענ אַרייַנ אינ שול אַמעראַצימ און גייענ אַרויס אַמעראַצימ, און די, וואָס גייענ אַרייַנ מיט ייִדיש, פאַרגעסנ עס באַלד און גייענ אַרויס מיט גאָרנישט. אָט אַזעלכע כאַטאָימ האָט רעב אַווראָמ אויסגערעכנט, שאָקלענדיק אַפּ מיר מיטנ קאָפּ, ווי אַפּ אַ פאַרפאַלענעמ מענטשנ, וואָס איז אַראָפּ פונעמ רעכטנ וועג. אויב ענדערנ זייַנ מיינונג איבער אַנדערע מייַנע כאַווײרימ איז מיר ניט געראָטנ און האָב טאַקע ניט געקאָנט, ווייַל אינ פיל זאַכנ איז ער טאַקע גערעכט, דערפאַר האָט מיר געגאָלטנ אימ צו באַווייַזנ מיט רייַעס, אַז איך בינ דער אייגענער וואָס פריִער, נישט, כאָלילע, פאַרפירט געוואָרנ אַפּ אַ האָר. דערווייסנדיק זיך עס, האָט ער מיך אַ קוש געטאָנ מיט גרויס ליבשאַפט, זאָגנדיק, ווי דער שטייגער זייַנער איז: „שקאָצ!“

אַקעגנ וואָס זאָג איך אייַך דאָס אַלצדינג? אָט אַקעגנ דעמ, וואָס אינ אַ געשפּרעך צווישנ אונדז זייַנענ מיר אַרופ אַפּ זייער אַ וויכטיקער שייַלע, וואָס מייַנ שולדיקייַט איז אייַך, מייַנע טייַערע עלטערנ, זי צו מעלדנ.

וויבאַלד מע מוז זאָגנ, אַז די ייִדישע שולנ, דערונטער אויך די ראַבינער-שול, זייַנענ געפאַלנ בא אונדזער פאָלק, ווייַל זיי זייַנענ ניט געמאַכט און ווערנ ניט געפירט אינ ייִדישנ גייַסט און דורך ייִדנ אַליינ, איז מעמיילע אַרופ די שייַלע: צו וואָס פאַר אַ טאַכלעס לערנ איך דאָ און אַרבעט אַזוי? צו זייַנ אַ לערער ערגעצ אינ אַ שול? אַך, גאָט מייַנער! מיט וועמענ וועל איך לערנענ, אַז ס'איז קימאַט ניטאָ דאָרט קיינ טאַלמידימ. דער ייִדישער לערער איז אונטערגעוואָרפנ, אונטערטעניק דעמ גוייִשנ אופזעער, וואָס האַלט אימ אינ דער מוירע און טוט וואָס ער וויל, פונקט ווי דער גוי, דער דירעקטאָר אינ דער ראַבינער־שול, וואָס געוועלטיקט שטאַרק איבער אונדזערע ייִדישע לערער, רעכענענדיק זיי פאַר גאָרנישט. דורך דעמ פאַלנ די לערער אַראָפּ בא די טאַלמידימ, און מיט דעמ פאַלנ פונ די לערער פאַלט אַראָפּ אויך דער קאָוועד פונ די ייִדישע לימודימ... און אַז ניט קיינ לערער, עפשער זשע וועל איך זייַנ אַ ראָוו, אַ ראַבינער, הייסט עס? אוי, אַז אָך און ווי צו אַזאַ ראַבאָנעס, וואָס איז ניט אַזוי ווי ראַבאָנעס באַדאַרפ צו זייַנ, וואָס איז אָנגעוואָרפנ אַפנ אוי־

לעם מיט געוואלט! אזא ראבאָנעס, וואָס איז נאָר א געניטע זאך, וועט מיט דער צײַט אָנמאכן צאָרעס — פארטייען, קריג, רײַסעניש־בײַסעניש אין יידישע שטעט און שטעטלעך. זייער פיל האָב איך געטראכט אין דעם דאָזיקן איניען, און ס'איז לעסאָף בא מיר געבליבן, אז נאָכן ענדיקן די ראבינער־שול זאָל איך ארײַנטרעטן אין אוניווערסיטעט, צו לערנען דאָקטאָריע. א טייל פון די בעסטע שילער, מײַנע כאווײרים, טראכטן אויך טאָן אזוי ווי איך. רעב אווראָם איז מאסקים דערצו. אצינד לייג איך פאָר דעם פלאַן אײַך, און בעט דערופ אויך אײַער העסקעם.

באלד הייבן זיך אָן די עקזאמענעס בא אונדז אין שול, און איך לערן אצינד געשמאק צו דעם עקזאמען אינײנעם מיט מײַן כאַווער סאפיר, דעם הער מיכאָעל סאפירס זון. אז גאָט וועט מיר העלפן אויסצוהאלטן דעם עקזאמען, וועט מיר איבערבלײַבן נאָך א יאָר ביז דעם ענדיקן דאָ אין שול.

דער יונגער סאפיר, דער כאווער מײַנער, האָט זיך פּאָשעט פארליבט אין רעב אווראָמען. רעב אווראָמס שטייגער אָנרופן זײַנע ליבע „שקאָצ!" איז אצינד בא אונדז א ווערטל. דער הער סאפיר האָט פארבעטן רעב אווראָמען צו זיך אפ שאבעס. באם טיש זײַנען געווען נאָך אָרכים, פון וועלכע מע האָט געהערט א יידיש וואָרט און טוירע. רעב אווראָם קוועלט גאָר אָן פונעם הער סאפיר, אין וועלכן ס'איז דאָ טוירע און כאָכמע, יידישקײַט און האסקאָלע אינײנעם. „האלעווײַ, — זאָגט ער, — א סאך אזעלכע בא יידן!" אין כאראקטער האָט רעב אווראָם זיך נישט געענדערט. דער אייגענער טאקע וואָס פריער, מיט געפיל, מיט א ווארעם הארצ. נאָר דער קערפּער זײַנער איז אָפּגעשוואכט פאר גרויסע צאָרעס, וואָס ער האָט געהאט, נעבעך, די לעצטע יאָרן. ער באדארף נייטיק אין לעבן ארײַן פארבעסערן דאָס געזונט. איך בעט אים, בעט, ער זאָל פאָרן צו אײַך אין דאָרף אפ א צוויי — דרײַ כאדאָשים; די גוטע, ריינע לופט, דער רייעכ פונעם שמעקנדיקן גראָז, פונעם פעלד און דעם גרינעם וואלד וועט אים צוגעבן געזונט און לעבן. איך ווייס וויל, ווי שטארק ליב איר האָט רעב אווראָמען, וועט ער דאָך בא אײַך זײַן זייער אן אָנגעלייגטער גאסט. רעב אווראָם האָט אײַנגעוויליקט, און נאָך אין עטלעכע טעג ארום וועט איר אים האָבן צוגאסט!"

דער דאָזיקער בריוו מוישעלעס האָט זיך פאַרהאַלטן אין וועג און איז אָנגעקומען צו די עלטערן אין איין צייַט מיט רעב אווראָמען.

אז רעב אווראָם האָט פארפירט א שמועס איבער מוישעלען, דערציילנדיק וועגן אים איטלעכס פּיצעלע באזונדער, און געזאָגט, אז מוישעלע וועט זייַן א דאָקטער, האָט אפ שמוליקס ליפּן א שייַן גע־טאָן א זיס שמייכעלע פאר גרויס האנאָע.

אָט דאָס שמייכעלע איז ווערט אין די קראַניקעס עס אריינצו־שטעלן. קראַניקעס־שרייַבער, כאקראָנים, וועלן פון דעם דאָזיקן שמיי־כעלע אויסדרינגען, ווי וויַט דער קויעך פון האסקאָלע אין יענער צייַט איז געגאנגען. סטייַטש, פריַער א ביסל האָבן מיר געזען, ווי א ייִד ווײנט, קרעכצט, וואָס מע וואַרפט אוועק דאָס לערנען טוירע; קיין בעסערס, קיין גרעסערס אין דער וועלט פון א ראָוו, א מוירע־הוראָע, איז בא אים ניטאָ, און דער אייגענער ייִד טאקע פארבייגט דערנאָך אין א זייַט דעם ראָוו, עס געפעלט אים א דאָקטער, קוועלט גאָר אָן פון אים מיט א זיס שמייכעלע — און צווישן דעם געוויין און דעם שמייכעלע, צווישן דעם ראָוו און דעם דאָקטער איז נישט מער ווי א פיר יאָר צייַט!

און ווער איז דער דאָזיקער ייִד? שמוליק! דער, וואָס פון א טאנדעטניק איז ער געוואָרן אן אקציזניק!

דער סאָף פון דער מײַסע

בעשאס די „פּאָגראָמען”, ניט הײַנט געדאכט, אין די אכציקער יאָרן, וואָס האָבן ייִדן אין פיל שטעט גרויסע צאָרעס אָנגעטאָן, האָט קאפּצאנסק, נעבעכ, אויכ שטארק געליטן. די באלעבאטים דאָרט זײַנען געוואָרן קאפּצאָנים, און די קאפּצאָנים, נײַע אי אלטע, איז א טייל זײַנען אוועק, שלעפּן זיכ ארום אין דער וועלט, און א טייל שטייען מיט די טאָרבעס גרייט אוועקצושלעפּן זיכ אהין, וווהין די אויגן טראָגן.

פּאָגראָמען און סרייפעס — דאָס זײַנען צוויי מעכאבלים, אן אָנשיקעניש אפ ייִדישע קינדער, וואָס פּארוויסטן זיי מיט זייערע הײַזער און דעם פארמעגן און מאכן אָן עוויוינים, אלמאָנעס מיט יעסוימים אומעטום, ווו זיי ווינען. דאָס זײַנען שרעקלעכע מעכאבלים, וואָס ארויסברענגענדיק נאָר פּארן מויל זייער נאָמען, שטעלן זיכ דעם ייִדן פאָר פירכטערלעכע סצענעס: אן אויסוועצן פענצטער, טירן; א ברעכן קיילים; א רײַסן קישנס, א פליִען פון פעדערן — בלוט, פײַער און גוואלדן!

קאפּצאנסק איז וויסט, שטיל איז אין די גאסן — און אפן בעסוילעם דאָרט איז א יאָמער, א קלאָג!

און די צײַט איז ניט עלעל-צײַט, די צײַט פון געבעט, פון געוויינ בא ייִדן און די צײַט פון אומעט אין דער וויסט-ווערנדיקער נאטור. ניין! ס'איז ווּעסנע-צײַט, ליכטיקע טעג, גרינע פעלדער און א לויטערער הימל. עס שפּראָצט, עס וואקסט, עס בליט און עס לעבט אין דער וועלט — ס'איז די צײַט, ווען ס'איז פארבאָטן דאָס געיעג

אפּ כּײַעס און אויפֿעס, און עס שטייט פּרײַ, אוי־ווי, דאָס געיעג אָפּ ייִדן!

און די אומגליקלעכע קאַפּצאַנסקער, וואָס ניטאָ פֿאַר זיי קיין טרייסטער צווישן לעבעדיקע מענטשן, שטרעקן זיך אויס אָפּ די קוואָרים פֿון זייערע עלטערן, וויינען און בעטן ראַכמים פֿון טויטע. ווײַבער רײַסן קוואָרים מיט אַ ביטער געוויין, וועקן די געשטאָרבענע, די אומגעקומענע קדושים, גיכער זאָלן זיי גיין בעטן דעם פֿאָטער אין הימל און זײַן פֿאַרשפּרעכער, גוטע מעליצים פֿאַר דעם קיסע־האַ־קאָוועד אָפּ די וויסטע בידנע קינדער ייִסראָעל! און יענע, וואָס קלײַבן זיך אין וועג אַרײַן איבער די ווײַטע יאַמען, געזעגענען זיך מיט די קוואָרים פֿון זייערע ליבע, וועלכע זיי וועלן שוין ניט מער זען. זיי וויינען און מאַכן וויינענדיק אַנדערע מיט זיי אײַנייִנעם. אַלע זיפֿצן און פֿאַרגיסן טײַכן טרערן.

ריבוינעשעלוילעם! אויב דײַן לאָגל, דער לאָגל טרערן בײַ דיר, איז נאָך ניט פֿול פֿון דײַנע ייִדנס טרערן, קאָן מען, כאָלילע, אַ טאָעס האָבן. מיינען, אַז ער, דער לאָגל, איז ווי יענץ פֿעסל אין גענעם אָן אַ דעק, און אײביק וועט ער ניט פֿול ווערן. איז דאָך די קאַשע, צו וואָס איז דיר דער לאָגל, צו וואָס איז דאָס גיסן דרײַנען די טרערן און צו וואָס נוצט עס אײַנגאַנצן?

און בעשאַס קאַפּצאַנסק וויינט דאָ אַזוי, פֿאָרט צו צום בעסוילעם אַ קאַרעטע, און אַקעגן אַ פֿערציקיאָריקער פֿאַרשוין, רײַך געקליידט, גייט אַראָפּ. די אָרעמעלײַט, וואָס שטייען אײַנגעשאַפּט באַם טויער, מאַכן אים אַ פֿרײַען דורכגאַנג, אויסשטרעקנדיק צו אים די הענט. ער גייט איטלעכן אַ נעדאָווע און גייט אַרײַן אײַנעם הײליקן אָרט. ייִדן דערזעען אים דאָרט, בלײַבן זיי פֿאַרגאַפֿט, מיינענדיק, עפּשער איז דאָס אַ גרויסער אָדן, אַ כאָשעוו אין הויף, און ווייסן ניט וואָס צו טאָן. פֿאַר גרויס צעטראָגנקײַט האַלטן זיך אַ טייל בײַ די היטלען, רוקנדיק זיך פֿאַמעלעך אַהינטער, ווידער אַ טייל בוקן זיך, שטייענדיק אָפּן אָרט, נאָר די היטלען רוקן זיך אַהין־אַהער אָפּן קאָפּ, און דאָס געוויין הערט מיטאַמאָל אומעטום אויף. ווײַבער זאָגערנס, קלאָגערנס, ווערן אויך אַנשוויגן אַלע גלײַך, שנײַצן די נעז, קוקן מיט נאַסע, רויטע אויגן אָפּ דעם נײַעם פֿאַרשוין, איבערווינקענדיק זיך און שושקענדיק איינע די אַנדערע אין אויער אַרײַן.

דאָס פּאָנעם בא די קאַפּצאַנסקער אין יענער מינוט האָט אויס־געזען זייער מעשונע. ס'איז אין אים געלעגן אויסגעדריקט שרעק, דערנידעריקונג, געפּאַלנקייט פאַר געהויבענע, שטאַרקע פּריצים. אַלע זיינע געשטאַנענע פאַרגליווערט, ווי אמאָל לויטס ווייב איז געוואָרן א שטיק זאַלץ.

שא, שטיל!..

— ווו איז דאָ דער שאַמעס? — פרעגט דער פּאַרשוין אפ יידיש.

די דאָזיקע ווערטער זיינען פונעם פּאַרשוינס מויל איטלעכן באַזונדער אין די אויערן אריין, און אַלע זיינען לעבעדיק געוואָרן, דערהערנדיק, אז דאָס איז א ייד. עס האָט זיך זיי אויסגעגלייכט דער געבויגענער רוקן, זיך פעסט אָנגערוקט אפן קאָפּ דאָס היטל, און זיינען געוואָרן בא זיך שטאַרקער.

— הע־ע, אז ער איז גאָר א ייד, וואָס זשע זיינען מיר...— מאַכן יענע, וואָס האָבן פריער זיך אָפּגערוקט וויטער, לאָזנדיק זיך אצינד נעענטער צום פּאַרשוין, און קוקן אָן אים און זיינע מאַלבושים.

— אז ער איז מאחינו בני ישראל [1], זיינען מיר דאָך...— מאַכן די, וואָס זיינען געבליבן פריער שטיין אפ די ערטער, קומען צו און שטעקן אָפּ דעם פּאַרשוין א „שאָלעם-אַלייכעם!"

— ער רעדט יידיש רעדט ער! — שרייען אויס די ווייבער הויך אפ א קאָל, טייטנדיק מיט די פינגער אפ דעם פּאַרשוין און אויס־שטעלנדיק אפ אים די אויגן, מיט א פּאָנעם האַלב א לאַכנדיקס, האַלב א טרויעריקס, ווי בא א קינד נאָכן וויינען.

— ווייזט מיר, איך בעט אייך, — זאָגט דער פּאַרשוין צום שאַ־מעס, וואָס איז צו אים באַלד צוגעקומען, — ווו איז דאָ ערגעץ דער קייווער פון לייזער־יאַנקל?

— לייזער־יאַנקל, לייזער־יאַנקל?! — ווונדערן זיך די קאַפּצאַנס־קער יונגעלייט. — ווער איז דער לייזער־יאַנקל?

— הא, דער וואָס איז געווען באַם לעבן א באַלטפילע? — רופן זיך אָן אַלטע לייט, דערמאָנענדיק אים צו גוטן. — א קאָשערער ייד געווען, לייזער-יאַנקל, געדאַווענט — א גאָטס-ווונדער! ער האָט גע־זעצט ווערטער ווי פּערל, איטלעכס וואָרט זיינס איז זיך צעגאַנגען

1 מייאַכיינו בנײ יִסראָעל.

אין אַלע גלידער. פון זײַנ „ונתנה תוקף"[1], װײנענדיק אפ „מי יחיה ומי ימות"[2] שטיל, שטיל װי א קינד, דערנאָכ א ברום געבנדיק מיט א געשריי, אויסדרײענדיק „מי ינוח ומי ינוע-ע"[8], איז מענ צעגאָסנ געװאָרנ פאר געװײנ. א שטײנ אפילע האָט געקאָנט צעגײנ. ניטאָ הײַנטיקע צײַטנ אזא באַלטפילע װי ער, ניטאָ, אָכ־כאָ־כאָ!..

לײזער־יאנקלס קײװער איז שוינ לאנג פארװאקסנ מיט גראָז, די מאצײװע דערופ איז קימאט אינגאנצנ אײַנגעזונקענ אינ דער ערד, ס'איז אָנגעקומענ שװער אים אופצוזוכנ. דער כאזנ האָט געמאכט אפנ קײװער א „מאָלע", אונ אז ער האָט אויסגעשריגנ „את נשמת אליעזר־יעקב"[4], האָט זיך דעם פארשוינ געשטעלט טרערנ אינ די אויגנ, ער האָט זיך אָפגעקערט אינ א זײַט אונ געװײנט.

פונ דאָרט איז דער פארשוינ צוגעקומענ צו א קײװער „האשה מלכה־טויבע"[5]. דער כאזנ האָט געמאכט א „מאָלע" אפ איר אויכ, נאָר דאָ האָט דאָס קאָל זײַנס נישט אזוי זיך געהערט איבער דעם שרעקלעכנ געװײנ פונ פיל מענטשנ אפ א פריש אָנגעשאָטנ בערגל דערבײַ — דאָס איז א קײװער פונ א מוטער מיט צװײ טעכטער, װאָס זײַנענ געגװאַלטעװעט אונ געהארגעט געװאָרנ אינ יענעם פינצטערנ טאָג — אונ פונ צװישנ דעם געװײנ האָט זיך געלאָזט הערנ פונעם „אל מלא רחמים"[6] הויכ אינ הימל ארײַנ: „את נשמת הקדושה האשה ביילע בת בנציון ונשמות בנותיה הקדושות והטהורות..!"[7] דאָס קאָל האָט זיך געטראָגנ װײַט, איבערשרעקנדיק פײגל אינ דער לופט, קראָענ אפ די שפיצנ ביימער זײַנענ ניט טויט ניט לעבעדיק געשװינד אװעקגעפלויגנ מיט ראש אונ געשריי.

דערהערנדיק דעם נאָמענ ביילע, איז דער פארשוינ פארציטערט געװאָרנ מיט אלע איװורים. ער איז געשטאנענ א װײַלע צעדולט,

---

1 „אונעסאנע טויקעף".
2 „מי ייִכיע אומי יאָמוס".
3 „מי יאָנואַכ אומי יאָנוא".
4 „עס נישמאס עליִעזער-יאנקעװ".
5 „האָישאָ מאלקע־טויבע".
6 „אייל מאָליי ראכמימ".
7 „עס נישמאס האקדוישאָ האָישאָ ביילע באס בענציִענ װענישמויס בנויסעהאָ האקדוישויס װעהאטהוירויס".

אראָפלאָזנדיק דעמ קאָפ, דערנאָך האָט ער א בראָך געטאָנ די הענט מיט א שווערנ זיפצ פונעמ הארצנ, איז גיכ אוועק, ארײַנ אינ קארעטע אונ צוגעפאָרנ צו דער אכסאניע זײַנער.

אפ מאָרגנ האָט דער פארשוינ זיכ געלאָזט גייג אינ שטאָט איבער די גאסנ, איז ארײַנ אינ די פארוויסטע הײַזער, כורוועס, אינ די גערויבטע, אויסגעליידיקטע קלייטנ אונ האָט אלצ פארצייכנט בא זיכ אינ א ביכל. גרויסע ניסימ איז דענסטמאָל געשענ קאפצאנסק, וואָס איר האָט זיכ ניט איבערגעקערט דער מויעכ קלערנדיק, ווער זאָל דאָס דער פארשוינ זײַנ אונ וואָס האָט ער דאָ אזוינס צו טאָנ.

אונ איכ, מענדעלע, בינ גראָד דענסטמאָל געווענ אינ קאפצאנסק. אז דער פארשוינ איז נאָרוואָס ארײַנ אינ שולהויפ אונ מיכ דערזענ שטייענדיק דאָרט, ווי דער שטייגער מײַנער איז, מיט מײַנ בײַדל ספאָרימ, האָט ער מיכ באלד דערקענט, איכ האָב נאָכ א ווײַלע אָנקוקנדיק אימ אויכ דערקענט, אונ מיר האָבנ איינער דעמ אנדערנ געגעבנ שאָלעמ.

דעמ דאָזיקנ פארשוינ האָב איכ דאָס ערשטע מאָל געזענ אינ טונעיאדעווקע. דאָרט האָבנ מיר זיכ באקענט, איכ בינ אימ געפעלנ, אונ מיר האָבנ גערעדט איבער וויכטיקע זאכנ. אויכ אינ טונעיאדעווקע האָט זײַנ קומענ אָנגעמאכט א ראש. דאָס פארשלאָפענע טונעיאדעווקע האָט זיכ אופגעכאפט, אויסשטעלנדיק אפ אימ די אויגנ פארגאפט: וואָס איז אזעלכער פונ דער העלער הויט געקומענ זיי צו כאָלעמ? עס האָט אויסגעזענ, ווי מע קומט פלוצימ ארײַנ מיט א ליכט אינ א פינצטער אָרט, ווו אויפעס דרעמלענ, זיצנדיק אפ דער סידעלע. זיי בלינצלענ מיט די אייגעלעכ האלב פארשלאָפנ אונ פרעגנ זיכ פארווונדערט, קרעכצנדיק דערבײַ, מיט א גארישער מינע: ווי גייט מענ עס אצינד מעשוגענערווײַז ארומ?!

דער טונעיאדעווקער אוילעמ איז מיר געלאָפנ אנטקעגנ בא מײַנ ארײַנפאָרנ אהינ, מאכנדיק אלע אינ איינ אָטעמ:

— א מינ פארשוינ, רעב מענדעלע, עפעס א מינ פארשוינ איז פלוצימ צו אונדז ווי פונ הימל אראָפגעפאלנ!.. עפעס קוקט ער זיכ אומעטומ צו אלצ צו, הערט זיכ צו, נישטערט, פאָרשט, קריכט אינ אלע לעכער: אינ העקדעש, אינ טאלמעטוירע, אינ די כאדאָ-

רים, אין שולן און שטיבלעך. וואָס קאָן עס זײַן? ס'איז אוודאי נישט אומזיסט. עפשער איז ער אַן אונטערגעשיקטער? האָ, זאָגט, רעב מענדעלע! אין די קלײטלעך האָט מען, עס פאַרשטייט זיך, מעוואַער־כאָמעץ געווען. אַ קאַשע אַף אַ מײַסע!.. אַף די מעלאַמדים ציטערט די הויט... ייִדן מיט יאַרמלקעס דרייען זיך נישט אַזוי אַרום.

אַז איך האָב מיך אָפּגעפּאַרטיקט פון דער אַרבעט, צעפּאַקט דאָס פעקל סכוירע, אונטערגעפּאַקט אַ ביסל דאָס פערדל און אַלײן אויך געוואָלט עפּעס פּאַקן, טו איך אַ בליק: אַפן שולהויף פּאַקט זיך עפּעס אײנער אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, טראָגט זיך דײַטש נאָך דער מאָדע, און נעמט זיך אויס פונדערווײַטנס, מישטיינסגעזאָגט, עפּעס גאָר כויזעק, ווי אײנער וואָלט אין באָד, ווו מענטשן גייען נאַקעט, אַרײַנגעקומען אין דעם אָנטאָן. צו וואָס, איך בעט אײַך, זיך פּוצן און פּאַר ווּעמען זיך פּוצן, אַז באַם טונעיאַדעווקער אוילעם איז אויסגעטרעטענע פּיאַטעס, הוילע לאַפּעטקעס, בלויזע הערצער און אויסגעריבענע עלנבויגנס אויך זײער רעכט, נישט, כאָלילע, אַזאַ פאַרברעכן?.. מײַנער האָט זיך שוין אָנגעשטויסן, אַז יענער איז עס דער ניײַגעקומענער פאַרשוין, און האָב אַף אים געקוקט עפּעס ניט אַזוי פרײַנטלעך. צוקומענדיק צו מײַן בײַדל, שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט אָן שווײַגנדיק מיך, דאָס פערדל, דאָס פעקל סכוירע, דערנאָך טוט ער מיך אַ פרעג:

— וואָס זײַנען דאָס באַ אײַך, רעב ייִד, פאַר ספאָרים?

— עט, ספאָרים!.. — ברומבל איך אונטער דער נאָז, בײַכדיי פון אים זיך אויסצודרייען, טראַכטנדיק באַ זיך: „פּאַקט זיך, רעב קאָרעוו, ווײַטער אַ ביסל!"

— פּאָרט וואָס? — מאַכט ער מיט אַ בינימעסדיק שמייכעלע, אַרײַנקוקנדיק מיר אין די אויגן עפּעס אַזוי גוט, אַזוי מילד, אַז ער האָט מיך דערמיט געַנומען.

איך הער מיך אויף צו בלאָזן און ענטפער אים שוין ווי אַ מענטש, מיט ווערטער:

— ייִדישע ספאָרים: סידורים, מאַכזוירים, סליכעס, טכינעס, קינעס, ווי געוויינטלעך.

— אָט דאָס אינגאנצנ ? — טוט ער א זאָג אונ באקומט פונ מיר א טשוווע :

— ס'איז דאָ נאָכ. נאָר קנאפלעכ. ס'לוינט זיכ ניט צו פירנ. האסקאָלע־ספאָרימ, לאַשנקוידעשדיקע — שטיינער ! היגע יידנ ווילנ אזעלכע אינ האנט אפילע ניט נעמענ.

— היגע יידנ, — מאכט ער מיט א זיפצ, — היגע יידנ, נעבעכ, באדארפנ ברויט. ברויט באדארפנ זיי, ניט קיינ ספאָרימ !

— וואָס ? — רופ איכ מיכ אָנ, ווי מיט א בייזער. עס פארדריסט מיכ טאקע א ביסל אפ אימ, וואָס ער צעשטערכעט מיר אינגאנצנ מײַנ קרעמל. — ברויט, זאָגט איר, ניט קיינ ספאָרימ, באדארפנ אונדזערע יידנ דאָ האָבנ ? פונדעסטוועגנ קאָנ איכ אײַכ פארזיכערנ, אז ס'איז נאָכ אזא גוטע צײַט אפ מײַנע ספאָרימ — אפ קינעס, אפ טכינעס, אפ סליכעס אונ אפ טילימס, — ווי די הײַנטיקע צײַט, קיינמאָל גאָר ניט געווענ.

— כאָלילע, — פארענטפערט זיכ דער פארשוינ, — ניט אײַערע דאָזיקע ספאָרימ מיינ איכ, כאָלילע ! יענע, מיינ איכ, יענע, וואָס אלצ מיט שטראָפ־ווערטער, מיט מוסער, מיט אייצעס, מיט אופטוענישנ אונ א געפילדער : פע, אָפגעלאָזטקײַט ! פע, דאָס, פע, יענצ ! אָט יענע, וואָס היגע יידנ, ווי איר זאָגט, ווילנ זיי אינ די הענט ניט נעמענ. גערעכט ! ברויט, פארנאָסע באדארפנ זיי. דראָשעס, ריידערײַ איז קיינ סילעק נישט פאר א ליידיקנ מאָגנ. אימ מיט א פיזמענ, מיט איבערגעשפיצטע מעמרעס, מיט מוסער אונ מעליצעס קאָנ מענ נישט אָפקומענ. קלאָגנ זיכ אפ אוועקגעשטעלטע מאשינעס, פארוואָס זיי פוילנ, שימלענ דאָרט ערגעצ אינ א ווינקל, איז נאָר א געלעכטער. נעמט, הייבט זיי מיט אײַערע הענט אופ, שטעלט זיי צו דער ארבעט ווי געהעריק, מיט ווירקלעכע מיטל, ניט מיט ווערטער, ווענ זיי, נישקאָשע, ניט שימלענ, גאָר אנ אנדער פאָנעם באקומענ. נאָר אפ וויפל איכ בינ באקאנט מיט דעמ היגנ ווינקל, דאכט זיכ מיר, אז פראקטישע מענטשנ זײַנענ בא אײַכ ווייניק, בא אײַכ דארשנט מענ זייער שיינ, מע כאָכמעט זיכ, מע אמפערט זיכ, מע פאלט אפ האסבאָרעס, מע טרײַבט אונטער מיטנ מויל — אונ טאָנ טוט מענ ווייניק אָדער קימאט גאָרנישט.

די דאָזיקע ווערטער זײַנע זײַנענ מיר גוט אינ קאָפ ארײַנ : איז

דען עפשער באַ אונדז טאַקע ניט אַזוי? די צײַט איז זייער אַ שלעכטע, צאָרעס, פּוראָניעס פּרישע אַלע טאָג. דו, קאַפּצאַנסק, דו, טונעיאַדעוו־קע און נאָך ייִדישע שטעט אַזוינע, ליגט איר אין צאָרעס פאַרזונ־קען, ווי אַ בעהיימע ביזן האַלדז אין בלאָטע, און יענע באַלדאַבערענס ריידן, וועקן. די אַזוי:

— שטיי אויף, קאַפּצאַנסק! ריר זיך, ריר זיך. כאַפּ זיך אויף, טונעיאַדעווקע!

און נאָך אַנדערע שטראָפן, שרײַען:

— גוואַלד, קאַפּצאָנים! גוואַלד, באַטלאָנים! גוואַלד, דערשלאָ־גענע, דערנידעריקטע, אויסגעפּאַטשטע, קראַנקע, צעבראָכענע, שטאַרקט זיך און שטייט אויף! אַז ניט איר פאַר אײַך, ווער זשע דען פאַר אײַך? קאַפּצאַנסק, זײַ ניט קאַפּצאַנסק! טונעיאַדעווקע, זײַ ניט טונעיאַדעווקע!..

און אַלע אין איין קאָל:

— אַרויס, בעהיימע, פון דער בלאָטע! טו זיך אָן אַ קויעך, בעהיימע, שטרעק אויס דעם עק, מאַך מיט די פיס, הייב זיך, צי זיך. אַ צי אַהין, אַ צי אַהער און ראַטשקעווע זיך אַרויס!..

אַ היפּשע ווײַלע בין איך געשטאַנען שטיל, וווּנדערנדיק זיך. עפּעס גאָר אַנדערע ווערטער, גאָר אַ נײַער מין פאַרשוין, נישט ווי געוויינטלעך די „בעריעס" וואָס באַ אונדז! האָט איר געהערט אין אײַער לעבן, אַ „בעריע", אַ דײַטש זאָל מיט דעם געמיינעם ייִדישן אוילעם זײַן איינס, ניט אָוועקמאַכן, כאָלילע, זײַנע ספאָרים און נישט האַלטן גאָר פון יענע, זײַן גלײַכן, דאַכט זיך? עפּעס טאַקע אַ נײַער שניט, ווי זאָל איך עס אָנרופן — דײַטש אונטערגעשלאָגן מיט כאָסיד, פּראַק-לײַבסערדאַק איניינעם... גאָר אַ שפּאָגל נײַער מין, אַפּ וועלכן מע באַדאַרף מאַכן „שעכעיאָנו"! דאָך האָט מיך אין האַרצן אַפּ אים פאַרדראָסן, מיט וואָס פאַר אַ רעכט באַשולדיקט ער עס אַנ־דערע, אַז נאָר זיי ריידן און טוען גאָרנישט — און ער וואָס טוט? ווער איז ער, פונוואַנען איז ער און ווי קומט ער אַהער, אין אונ־דזער ווינקל? האָב איך מיך טאַקע באַטראַכט, וואָס האָב איך מיך פאַר אים צו שעמען, איך וועל מיר טאָן מײַנס, ווי דער שטייגער איז פון אַ ייִדן באַם ערשטן שאָלעם-אַלייכעם, און באַלד טאַקע טו איך אים אַ פרעג:

— מא שמייכעמ? וואָס פאר א געשעפטנ האָט עס מאלאָסוי? אונ פונוואנענ איז עס א ייִד?

קיינ ענטפער אפּ מײַנע דאָזיקע שײַלעס האָב איכ ניט באקומענ, נאָר א שאָקל מיטנ קאָפּ אונ א שמייכעלע — אפּאָנעמ, איכ בינ דעמ פארשוינ שטארק געפעלנ. נאָכ א ביסל א גרעסערער באקאנטשאפט שפּעטער האָט ער מיכ פארבעטנ צו זיכ אפּ דער אכסאניע, מיכ מעכאבעד געווענ מיט א גלעזל פּונש, מיכ פארהאלטנ א גוטע פּאָר שאָ, אויספרעגנדיק מיכ, ווי א געניטנ מענטשנ, אפּ קאמע וועקאמע זאכנ. אונ מיר האָבנ זיכ ארײַנגעלאָזנ בײדע אינ א טיפנ שמועס. ער האָט מיר איבערגעגעבנ, צווישנ זיכ גערעדט, א טייל פונ וויכטיקע זאכנ. הייסנ הייסט ער הײנריכ קאָהענ. ער איז איינער פונ די דעלעגאטנ, דעפּוטאטנ, מעשולאָכימ, הייסט עס, וואָס א רײַכע כעוורע אינ אויסלאנד שיקט צו באטראכטנ די ייִדנ, וועלכע האָבנ געליטנ פונ די פּאָגראָמענ. זייער זאכ איז צוצוקוקנ זיכ גוט צומ ייִדישנ לעבנ אינ די ערטער, ווו זיי וווינענ, צו זייערע פּארנאָסעס, צו זייערע באדערפעניש, אונ אײַנזענ מיט וואָס פאר א מיטל קאָנ מענ פארבעסערנ זייער צושטאנד, אז זיי זאָלנ, כאסוועשאָלעמ, ניט אויסגיינ. דערווײַל קאָנענ זיי כאָטש מיט וואָס־עס־איז אונטערהעלפנ אָרעמע אומגליקלעכע, צו דערהאלטנ זייער נעשאָמע. די דאָזיקע מעשולאָכימ פאָרנ עס ארומ צווישנ אונדזערע ייִדנ, מאכנ אסיפעס אונ זײַנענ זיכ מעיאשעוו מיט פארשטענדיקע מענטשנ. הײנריכ קאָהענ, א געלערנטער, זייער א פײַנער אָנגעזעענער מענטש — ער פאָרט עס ארומ אינ דער גאנצער גלופּסקער געגנט.

פונ יענער ערשטער באגעגעניש אינ טונעיאדעווקע ביז אונדזער באגעגעניש אינ קאפּצאנסק דאָס צווייטע מאָל איז אוועק א כוידעש צײַט, אונ פאר דער קורצער צײַט האָט ער זיכ פארענדערט אינ פּאָנעמ, אזוי אז איכ האָב אימ דערקענט ערשט נאָכ דעמ ווי אָנקוקנדיק אימ א ווײַלע.

— וואָס קוקט איר מיכ אזוי אָנ? — וווּנדערט ער זיכ. — נישט דערקענט? זינט אונדזער צעשיידנ זיכ איז דאָכ אוועק עפּעס אזויפיל טעג!

— נאָכ אײַער פארענדערנ זיכ אינ פּאָנעמ קאָנ מענ מיינענ, אז ס'איז שוינ דרינענ עטלעכע יאָר. עפּעס אלט זײַט איר געוואָרנ,

מײַן הער, פאר דעם ביסל טעג! — זאָג איך, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, ווי עס רײַסט מיר דאָס הארצ אפּ אים.

— און נאָך דער צאָל צאָרעס באשטייט דאָס ביסל טעג ווי עטלעכע יאָר. אוי־אוי, רעב מענדעלע, שרעקלעך איז דאָס עלנט פון יידישע קינדער, וואָס איך האָב מיך אָנגעזען אין דער קורצער צײַט. זייער אומגליק איז גרויס און די צאָרעס זייערע — א טיפער אָפּגרונט! קומט נאָר, איך בעט אײַך, צו מיר אין אָוונט, וועלן מיר טרינקען טיי און ריידן. אצינד מוז איך מיך זען דאָ מיט די שטאָט־פירער, באהילפיק צו זײַן, מיט וואָס איך קאָן, מײַנע אָרעמע קאַפּצאנסקער ברידער.

ארײַנקומענדיק צו אים אין אָוונט, האָב איך אים געטראָפן זיצנדיק אײַנגעבויגן, פארטיפט אין שרײַבן. אפן טיש ליגן פאפירן און אָפענע ביכער. ווי נאָר ער האָט מיך באמערקט, האָט ער מיך געלאָזט שיין בעטן צו זעצן זיך אים אנטקעגן.

— גוט, כ׳לעבן, וואָס איר זײַט געקומען! — זאָגט ער מיר פרײַנטלעך, אויסגלײַכנדיק דעם רוקן. — אײַער קומען גיט מיר א שאָדרו פון עם שרײַבן און דענקען אין די יידישע צאָרעס. אָט די דאָזיקע ארבעט, וואָס ליגט אפּ מיר, נעמט בא מיר צו דאָס געזונט די לעצטע טעג. ווײַל אצינד, אין די לעצטע טעג, און דאָ אין דעם אָרט, איז די ארבעט מײַנע געוואָרן בא מיר אזעלכע, וואָס אָן האָפענונג אפּ עפּעס גוטס, אפּ א טאכלעס שפּעטער, ווי איך האָב געדענקט גאָר אין אָנהייב. די אלע פריערדיקע געדאנקען זײַנען צעשלאָגן געוואָרן, ווי אן אונטערגייענדיקע שיף, פון אלצדינג, וואָס מיר איז אויסגעקומען די לעצטע צײַט זען מיט מײַנע אויגן.

— פונדעסטוועגן באדארפ מען ניט פארלירן די האָפענונג, — נעם איך אים אײַן, ווי דער שטייגער איז, טרייסטן יענעם מיט גוטע ווערטער, — לאָמיר זאָגן אפילע, אז דאָס אלצדינג, וואָס איר האָט געטראכט פריער אין אויסלאנד וועגן אונדז, זײַנען נישט מער ווי כאלוימעס, באדארפט איר וויסן, אז בא אונדז יידן דאָ האָבן כאלוימעס אויך עפּעס א שטיקל ווערט, פונקט ווי וועקסלען פון יענע געוויסע סאָכרים, און מיר קומען מיט זיי און מיט נאָך כאלוימעס אונדזערע צום ר׳בוינעשעלוילעם, בעשאס ער איז באשעפטיקט מיט קויהאנים־דוכענען און האָט ניט אזוי צײַט ארומצוקוקן זיך, זאָגנדיק אים

גיך, אָפּכאַפּנדיק א „יעהי ראָצנ״: חזקם ואמצם [1] — אז ער זאָל אזוי גוט זײַנ די כאַלוימעס צו באשטעטיקנ. ואם צריכים רפואה [2] — עפּשער באדארפ מענ זיי א ביסל מעלאָכענ, ט עס מ׳ט דײַנ גוטנ ווילנ!..

— זייער גלײַך געזאָגט! — מאכט ער מיט א לײַכט שמייכעלע אונ דערבײַ טאקע גאנצ ערנסט. — דאָס, וואָס מע דענקט פונ אײַך, רוסישע יִדנ, אינ אויסלאנד, איז בעעמעס טאקע נאָר כאַלוימעס, אונ אזוי טאקע פּאסט זייערע געדאנקענ צו רופנ. אונדזערע ברידער דאָרט מיינענ, אָדער עס כאָלעמט זיך זיי, אז די פּאָגראָמענ דאָ איז נאָר אנ אונטערגאנג; אז דורך גוטע פאָרשפּרעכער אפ אײַך אינ די הויכע פענצטער אונ דורך הילפ מיט געלט, וואָס רײַכע יִדנ דאָרט אונ דאָ וועלנ געבנ די נויטבאדערפטיקע, וועט מעגלעך זײַנ, מער אָדער ווייניקער, פארבעסערנ זייער שלעכטע לאגע; אז די רוסישע יִדנ זײַנענ אלע גרויסע גראָבע-יונגענ, מיִעסע שנאָרערס, ווילדע אומגעבילדעטע ברויִמ, וואָס ווייסנ ניט קיינ דערעכערעצ, — בעכיינ איז שטארק נייטיק זיי צו בילדנ. אונ אייגער דאָרט א גרויסער מיליאָנער, וואָס האָט קירעכס אויצרעס, וויל טאקע ארײַנטראָגנ עטלעכע צענדליק מיליאָנ אינ דער קאסע פונ דער מעלוכע, אז זי זאָל מאכנ דערפינ שקאָלעס עקסטרע פאר יִדישע קינדער — אָט אזוי מיינענ זיי דאָרט. נאָר די ווירקלעכקײַט אָבער ווײַזט, ווי גענארט זיי זײַנענ! פונ אלצדינג, וואָס איך האָב כויקער וועדוירעש געוועזנ אונ געזעגנ דאָ מיט מײַנע אויגנ, איז מיר געוואָרנ קלאָר, אז איך מיט זיי אינינעמ דאָרט האָבנ מיר וועגנ דעמ איניענ געלעבט אינ כאָלעמ. די פּאָגראָמענ, אוי־וויי, איז ניט גלאט אזוי זיך אנ אונטערגאנג. שטאנ־לאָנעס, פאָרשפּרעכערײַ, הייסט עס, לוידײַ, וואָס קאָנ ניט העלפנ, וועט עס נאָך שאָדנ, ווײַל עס שמעקט מיט „מאיאָפּעס״ אונ עס ליגט דרינענ א דערנידערונג, א פּכיסעס-האקאָוועד פארנ פאָלק יִסראָעל. די אָרעמקײַט פארמערט זיך, פונ טאָג צו טאָג קומענ צו אָרעמעלײַט גאנצע מאכנעס. דאָס אָרט, ווו זיי מעגנ וווינענ, איז פאר זיי ענג, אונ די „טויערנ פונ פּארנאָסע״ זײַנענ פארשלאָסנ פאר זיי. אונ אז די נויט דריקט, נישטאָ מיט וואָס צו דערהאלטנ די נעשאָמע,

---

1 כאזקיימ וועאמציימ.

2 וועִימ צריכימ רעפוא.

וואַרפֿן זיי אוועק זייער היים, בלאָנקען זיך נעבעך אַרום, ווי די בלודנע שאָף אין דער וועלט, שלאָגן אָפּ די שוועלן בא די גווירים, בא באַלע־צדאָקעס, בעטלען, קאַפּצענען — וואָס זאָלן זיי טאָן? — און ווערן צו שאַנד בא לײַטן. צדאָקע אַליין — וואָס פֿאַר אַ מאַכט, וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג האָט זי אַקעגן אַזאַ טהאָם אָרעמקײַט, אַקעגן אַזעלכע מאַכנעס אָרעמעלײַט, וואָס קומען צו דורך דער נויט פֿרישצאַפּלדיקע אַלע טאָג? די צדאָקע, וועלכע אונדזערע אויסלענדישע ברידער שיקן אַהער, קאָן העלפֿן די געפֿאַלענע אָרעמעלײַט נאָר אָפּ דערווײַל, אי דאָס, שטאַרק בעצימצעם. און אײַערע לײַט דאָ באַטייליקן זיך אין דער דאָזיקער צדאָקע קימאַט ניט — אַ טייל קאָנען געבן און ווילן נישט, אַ טייל ווילן און קאָנען נישט. אומגליקלעך זײַנען די היגע ייִדן ניט ווײַל זיי זײַנען ווילדע, ניט געבילדעטע, אַדעראַבע, פֿאַרקערט, זיי זײַנען אומגליקלעך ווײַל, לויט סאָנים זאָגן, זײַנען זיי געבילדעטער פֿון „זייער" גראָבן אוילעם. די ייִדן, אַזוי טײַנען זיי, זײַנען צופֿיל פֿאַרשטענדיק, צופֿיל געבילדעט און אומעטום, אין אַלצדינג האָבן זיי אַ האַנט — אין האַנדל, אי'ן באַנק־געשעפֿטן, אין פֿאַבריקערײַ, אין אַלע צווײַגן פֿון וויסנשאַפֿט, פֿאַרנאָסע און עקאָנאָמיע, איז דעריבער מוז מען זיי האַלטן ווײַט פֿונעם פּראָסטן אוילעם זייערן, וואָס ער איז אַ טאַם, ווייסט נישט און קאָן נישט מיט זיי קאָנקורירן.

— וואָס זשע זאָל מען טאָן? — טו איך אַ פֿרעג.

— אוי, ריבוינעשעלוילעם, העלף דו דײַן פֿאָלק, דײַן אָרעם פֿאָלק ייִסראָעל! — ענטפֿערט ער מיט אַ זיפֿץ.

— די דאָזיקע טפֿילע אײַערע, דאָס איז פּיוזעם, אַז ס'איז שוין פֿאַרפֿאַלן, נאָך אַלע הײַעמס, — זאָג איך, ווי פֿאַריבל האָבנדיק אַ ביסל, — פֿאַר אַזאַ מאַן, ווי איר, פּאַסט ניט ווערן אָפּהענטיק.

— אָט די צוויי גרויסע ביכער, וואָס איר זעט דאָ, — זאָגט ער, ווײַזנדיק מיר מיט אַ פֿינגער אַפֿן טיש, — איז אין איינעם פֿאַרשרײַב איך אַלצדינג, וואָס איך האָב געזען און געהערט אין די אַלע ייִדישע מעקוימעס, ווו איך בין געווען. און אין דעם צווייטן מאַך איך אַ סאַכאַקל פֿון אַלע מײַנע באַטראַכטונגען און לייג פֿאָר פּלאַנען ווי און מיט וואָס צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון היגע ייִדן. איך זאָג אײַך אַרויס גאַנץ אָפֿן: פֿיל איז דאָ דרינען אַזוינס, וואָס אַצינד

קומט עס פֿאָר מיר אַליין נאַריש, און פֿיל זאַכן דאָ שטייט מיר פֿאָר צו באַאַרבעטן אַפּסנײַ לויט דער אַנטוויקלונג פֿון יענער געוויסער, וויכטיקער זאַך, וואָס האָט אָנגעהויבן פֿונעם איצטיקן מישמאַש, פֿונעם טויהו־וואָוויהו פֿאַר אונדז, צו שאַריען אין אונדזער יידיש װעלטל און איז לעסאַטע נאָך ווי די ווײַטקײַט באַם ברעכן אַ טאָג פֿאַרן זונען־אויפֿגאַנג אין מיזרעך־זײַט. די אַרבעט, וואָס ליגט אַף מיר, איז אַ גרויסע, זייער אַ שווערע, און ס'איז מיר אַצינד אומעגלעך אָפּצוגעבן זיך מיט איר. די יידישע צאָרעס האָבן בא מיר צוגענומען די לעצטע קויכעס.

— אײַער צאַר אַף יידישע צאָרעס, — רופֿ איך מיך אָן, — דאָס מאַכט אײַך גרויס קאָוועד. אײַערע כאַוויירים, די מעשולאָכים, זיי, ווי מע זאָגט, עסן זיך ניט אָפּ אַזוי דאָס האַרץ.

— מײַנע כאַוויירים, זאָגט איר? — מאַכט ער, אויפֿהייבנדיק זיך פֿונעם אָרט. — מײַנע כאַוויירים זײַנען מענטשן פֿון „מוישעס גלויבן“. איר פֿאַרשטייט? און איך בין אַ פֿאָלקס־קינד, אַ ייד ווי אַלע מײַנע עלטערן, טאַטעס און זיידעס. איך בין אַ פֿעדעמל, אײַנגעוועבט אײַנײינעם מיט זיי אין דעם גרויסן שטיק מאַטעריע, וואָס גייט אונטער דעם נאָמען „ייד“ פֿון אייביקע צײַטן אין דער וועלט. מײַנע כאַוויירים זײַנען געבירטיקע אויסלענדער, און איך — אַ געבירטיקער אַ קאַפּצאַנסקער...

— איר אַ קאַפּצאַנסקער, איר? — מאַך איך שטאַרק פֿאַרוווּנדערט.

— צו פֿילן דעם פֿאָלקס צאָרעס און זײַנע ווייטעקן, — רעדט ער אַלץ ווײַטער, — קאָן נאָר אַזעלכער, וואָס איז ביין פֿון זײַן ביין, פֿלייש פֿון זײַן פֿלייש, וואָס האָט געליטן אײנע צאָרעס, אײנע ווייטעקן מיט אים. אין נויט, אין מאַנגל איז מיר אָפּגעלאָפֿן מײַן יוגנט, איך האָב געליטן הונגער, קעלט, אויסגעוואַלגערט זיך אַף אַלע בענק אין די באָטעמעדראָשים, ביז אײנער, אַ גוטער, אַ וויכטיקער מענטש האָט פֿאַר ראַכמאָנעס מיך גענומען צו זיך קיין אויסלאַנד. ער האָט זיך פֿאַר מיר געזאָרגט ווי אַ טאַטע, מיך אַרײַנגעגעבן אין אַ גוטער, באַרימטער שול, פֿונוואַנען איך בין אַרויס אַ געלערנטער מענטש, וואָס טויג צו דער וועלט. איך האָב מיר הײַנט מײַן פּאַרנאָסע בעקאָוועד... יאָ־יאָ, אַזוי איז עס. איך בין אַ קאַפּצאַנסקער און מײַן נאָמען איז — הערשעלע...

* * *

אַפֿ מאָרגנ האָבנ מיר זיכ געזעגנט, אַנווינטשנדיק איינער דעמ אַנדערנ אַלדאָסגוטס.

באַמ ווינטשעווענ האָב איכ, צו קיינ גנײַ זאָל עס מיר ניט זײַנ, מיכ א ביסל אויסגעגליטשט. איג דעמ איניענ האווינטשעניש בינ איכ, צווישנ אונדז געראַדט, א קנאַפּער בעריע, ווי א גרויסער טייל יִידנ, בעשאס זיי נעמענ זיכ אַפּ סימכעס צום ווינטשעווענ. מיינענדיק דאָס איז א כִיעוו, בעקענ זיי אַוועק א שאָ צײַט מיט שײַנענדיקע פּענעמלעכ, עפּעס אָנ לאָשנ. זיי דעמ באַלסימכע:

— דער אייבערשטער זאָל געבנ, אז... אז... אז...

דער באַלסימכע זיי:

— האַלעווײַ, אז... אז... אז...

עס ווערט אזש ניט גוט, צום כאַלעשנ, שלאָגט צום הארצנ אונ ביידע צדאָדימ ווינטשנ בא זיכ איינער פונעמ אנדערנ פּאָטער צו ווערנ. געוויינטלעכ האַלט איכ מיכ אײַנ, פּאטער אָפּ דעמ כיווו פונ ווינטשעווענ בעקיצער, ברומלענדיק אונטער דער נאָז. דאָס מאָל אָבער האָט מיכ דער גוט-יאָר געטראָגנ, פאַר ליבשאַפּט צו רעב הערשנ, ארויס מיט א ווינטשעניש גאַנצ ברייטלעכ. נאָר ווי איכ האָב געעפנט דאָס מויל, בינ איכ געבליבנ ווי דערוואָרגנ, געבעקעט, גע־אזעט, אז... אז... אליינ, מישטיינסגעזאָגט, ניט צו וויסנ וואָס, אונ מיכ געפונענ אינ דער קלעמ, נישט אהינ, נישט אהער. רעב הערש, לאַנג לעבנ זאָל ער, האָט מיכ דעליקאַט ארויסגעפירט פונ דער קלעמ, אָנרופנדיק זיכ מיט כאָכמע:

— איכ וויס, איכ וויס, רעב מענדעלע, איר ווינטשט מיר אזויפיל גוטס, וואָס אומעגלעכ ארויסצוזאָגנ עס מיטנ מויל. האַלעווײַ, דער ריבוינעשעלוילעמ זאָל דערפילנ אַלע אײַערע גוטע געדאנקענ אַפּ מיר אונ אַפּ קאָל-ייִסראָעל, טאַקע באַלד, במהרה בימינו[1].

— אָמיינ! — ענטפער איכ מיט דעמ גאַנצנ קויעכ. — אָמן וכן יהי רצון[2]!

---

1 בימהיירא בעיאָמיינו.

2 אָמיינ וועכייג יעהי ראָצוינ.

וואַריאַנטן

א מײַסע איבער א מײַסע[1]

אָמר [2] מענדעלע מויכער-ספאָרים, זאָגט מענדעלע מויכער-ספאָרים: געדאנקט און געלויבט זײַנ ליבער נאָמענ פאר דיביידע קעהילעס קאפּצאנסק און טונעיאדעווקע אינ דער סוויווע פונ גלופּסק — דרײַ ק״קנ, מיט וועלכע ער האָט באשײַנט זײַנ וועלט און אינ וועלכע ער האָט באזעצט זײַנע געליבטע קינדער יִסראָעל, צו פּרוווּנ זיי דאָרט, פאר גרויס ליבשאפט, מיט אלע זײַנע ניסיוינעס, אויב זיי וועלנ קאָנענ אויסהאלטנ יִדישקײַט: זיך אָפּצוזאָגנ פונ אוילעמהאזע, צו ברעכנ די טײַווע פונ עסנ און נאָך אזעלכע מיִעסע טײַוועס, אָנ וועלכע אנדערע מענטשנ, פּראָסטע באָסערוועדאָם קאָנענ זיך געוויינטלעך ניט באגיינ; ביכדיי דורך דעם זאָל זיי צולעצט אז וויל און גוט זײַנ דאָ אפ דער-וועלט, אויך דאָרט אפ יענער-וועלט... קאפּצאנסק און טונעיאדעווקע האָבנ אפ קידעש-האשעם אויסגעהאלטנ די פּראָבע גאָר אנ אנטיק, באשײַמפּערלעך געוויזנ, ווער זיי זײַנענ, וואָס זיי זײַנענ און צו וואָס זיי טויגנ.

---

1 דאָס איז די האקדאָמע צום „ווינטשפינגערל״, וואָס איז געווענ געדרוקט אינ שאָלעמ-אליכעמס „יִדישער פאָלקס-ביבליאָטעק״, ב. I, 1888. די דאָזיקע האקדאָמע איז אינ דער לעצטער רעדאקציע (אינ דער יובילײ-אויסגאבע) ניטאָ. איר טאָכ, שטארק מאָדיפיצירט און איבערגעארבעט, האָט דאָרטנ געבילדעט „דעם סאָפ פונ דער מײַסע״, וואָס קומט צום שלוס פונ בוך. פארגלײַכ אויבנ, ז.ז. 188—201.

2 אָמאר.

געלויבט און געאַכפּערט זײַן הײליקער נאָמען פאַר דער גרויסער זכיה, וואָס ער האָט מיך, אָרעמען באַלאַווירע, מעזאַקע געווען, צו זײַן דער שאַליעך, לויפן אַצינד צו די דאָזיקע ק״קן מיט אַ גוטער בסורע.

מאַזלטאָוו דיר, קאַפּצאַנסק! מאַזלטאָוו דיר, טונעיאַדעווקע! אַז ווויל און גוט איז אײַך ביידע! נרצה[1], איר וועט אימירצעשעם באַווײַליקט ווערן טאַקע באַלד, באַלד...

קוועטשט מיך נישט אין איינ אָטעם אָפּצוזאָגן, וואָס די בסורע באַטײַט. האָט צײַט, איך בעט אײַך. איר האָט אַזויפיל צענדליקער יאָר אין צאָרעס, אין לייד געוואַרט, וועט אײַך דער גוטער־יאָר נישט צונעמען וואַרטן נאָך אַ ביסל. איר זײַט דאָך צו אַזעלכע זאַכן שוין געוווינט געוואָרן, שוין פיל מאָל אין אײַער לעבן באַוויזן, אַז אַן אײַזערנעם קויעך אַף אַזויפיל איבערצוטראָגן און אַלץ וואַרטן, וואַרטן, וואַרטן האָט איר אַליין נאָר טאַקע, איינע אין דער גאַנצער וועלט... נאָר ווי די מײַסע איז, אויב איר קאָנט אָדער קאָנט נישט, פאַר מיר איז אַלץ גלײַך. איך האָב מיך פּײַנט צו כאַפּן. בא מיר, אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן, איז אַלצדינג מיט אַ סיידער, פּאַמעלעכן, נישט געיאָגט. דאָס פערדל מײַנס אפילע רירט זיך אויך שטאַרק באַרעכנט. קוים־קוים, וואָס ער הייבט אַ פוס, ניט געײַלט. איר מוזט פריער אויסהערן די גאַנצע מײַסע מיט קאָפּ, ביז עס וועט קומען דערצו, וואָס די גוטע בסורע איז און וואָס פאַר אַ גליקן שטייט אײַך פאָר. די מײַסע אַליין פאַר זיך, גאָר אָן אַלע זאַכן, האָט אויך אַ ווערט און נײַטיק טאַקע צו וויסן. אוי, קען איך אײַך, ברידערלעך! בא אײַך איז נאָר דער שפּיץ, אַזוינס, וואָס פּאַסט צום אייסעק. יענער איז בא אײַך כאָשעוו, אַ זייער אָנגעפּײַגטער גאַסט, נאָר קאָלזמאַן איר באַדאַרפט בא אים אָנשמעקן, קוים אָבער האָט איר אַרויסדערטאַפּט בא אים יענץ, וואָס טויג, וואָלט איר שוין גערן געוועזן זײַנער פּאָטער צו ווערן, ווי אַן אויסגעקוועטשטע לימענע. אַ קאַפּאָרעס באַדאַרפט איר אים שוין האָבן מיט זײַנע מײַסעלעך, גלײַכווערטלעך און אַלע זײַנע איבעריקע כאָכמעס... איך מיינט ניט אַזוי די האַגאָדע, ווי די קניידלעך. ניין, ברידערלעך! זאָג איך אײַך נאָכאַמאָל בעפיירעש, מיינט אײַך וואָס איר ווילט, בא מיר וועט איר

---

1 נירצע.

זאָגן די האגאָדע, נישקאָשע, זיך פריִער אָנלייענען, אָנזאָגן ווי א פּויק, ב׳זוואנען איר וועט דערלעבן זען די קניידלעך. ניט דאָס בין איך אויסן.

קאפּצאנסק! געדענקסטו, געדענקסטו דעם אוירעך, וואָס איז בא דיר פאראיאָרן זומער געווען? דו ביסט אויס דער הויט גע־שפּרונגען, האָסט זיך געבראָכן דעם מויעך: ריבוינעשעלוילעם! פון־וואנען האָט ער זיך גענומען, ווער קאָן ער זײַן און וואָס באדארף אזעלכער האָבן? דו האָסט נישט געקאָנט פארשטיין דעם מיינ זײַ־נעם דערמיט, וואָס ער איז געווען אפן היילינקן אָרט, אָנגעקוקט דײַן גאנצע פירונג, אלץ מיטאנאנדער, אויסגעווען אין אלע לעכער: אין דײַן העקדעש, אין דײַן טאלמעטוירע, אין דײַנע כאדאָרים, דײַנע שטיבלעך. דײַנע שאדכאָנים האָבן געטראכט פאר אים א שידעך, דײַנע מעקאבלים, דײַנע באטלאָנים, גאבאָים, בעטלער, אָרעמע באלע־באטים, קינד און קייט זײַנען אים ווי די היישעריקן פון אלע זײַטן באפאלן, איטלעכער האָט געבעטן א נעדאָווע, און דײַנע שיינע־יידן, ווילדע כאכאָמים, האָבן מיט זייער קאָוועד אליין זיך מאטריִעך געווען צו אים אָפּצושטעקן א „שאָלעם־אלייכעם", דערבײַ טאקע הינטן־ארום אים א טאפּ טאָן, א שמעק טאָן, וואָס שטעקט אזוינס אין זײַן קומען. געדענקסטו, געדענקסטו, אז ער האָט פארלאנגט, מע זאָל אָפּוואשן דעם פּאָל אין דער טאלמעטוירע און אין בעסמעדרעש, איז דיר, סאָנע־ציִען, פינצטער געוואָרן אין די אויגן. סטײַטש, אזוינס צו טאָן! סטײַטש, אָפּצוואשן די בלאָטע, וואָס אונדזערע אָוועס־אווויסיינו האָבן אָנגעמאכט!.. סטײַטש, סטײַטש!

קאפּצאנסק! דו ביסט דענסטמאָל שיר ניט מעשוגע געוואָרן קלערנדיק און גאָרנישט דערקלערט. דער אוירעך איז אָן א „זײַ־געזונט" אוועקגעפאָרן, און דו ביסט געבליבן דאָס אייגענע קאפּצאנסק וואָס פריִער — ער האָט דיך, באָרעכאשעם, ניט אָפּגעביסן.

דער דאָזיקער אוירעך איז אַרײַנגעפאָרן גלײַך לק"ק טונעיא־דעווקע און האָט מיט זײַן קומען אָנגעמאכט דאָרט אויך אזא ראַש, ווי בא דיר, קאפּצאנסק. דאָס פארשלאָפענע טונעיאדעווקע האָט זיך אופגעכאפּט, אויסגעשטעלט אָפּ אים א פּאָר אויגן און זיך פארגאפט: וואָס איז פּלוצים אזוינער געקומען זיי צו כאָלעם? עס האָט אויסגעזען, ווי מע קומט באנאכט פּלוצים ארײַן מיט א ליכט ער־געץ אין לאָך, וווּ אויפעס דרעמלען, זיצנדיק אפ דער סידעלע. זיי

בלינצלענ מיט די אייגלעכ האלב פארשלאָפנ אונ פרעגנ זיכ פארווונדערט, קרעכצנדיק דערבײַ עפעס מיט א נארישער מינע: ווי גייט מענ עס אצינד מעשוגענערווײַז ארומ? גראָד בינ איכ אינ יענער צײַט אָנגעקומענ קיינ טונעיאדעווקע, פאָרנדיק אינ וועג מיט מײַנ בײַדל, אונ איידער נאָכ איכ האָב מיכ ארומגעקוקט אויסצושפאנענ דאָס פעודל, האָט דער דאָרטיקער אוילעמ מיר אָנגעזאָגט דאָס גרויסע ווונדער גאָר אינ איינ אָטעמ:

— רעב מענדעלע, נײַס! א מענטש, עפעס א מענטש, א מינ מענטש איז פלוצימ צו אונדז אראָפגעפאלנ!.. עפעס קוקט ער זיכ אומעטומ צו, הערט זיכ צו, פאָרשט אויס. ס'איז ניט גלאטיק. עפשער איז ער אנ אונטערגעשיקטער, הא? זאָגט רעב מענדעלע! אינ די קלייטלעכ האָט מענ לעסאטע, פארשטייט איר, מעוואער־כאָמעצ געווענ, א קאשע אפ א מײַסע! אפ די מעלאמדימ ציטערט די הויט... יידנ מיט יארמלקעס דרייענ זיכ ניט אזוי ארומ...

אז איכ האָב מיכ אָפגעפארטיקט מיט דער ארבעט, צעפאקט דאָס פעקל סכוירע, אונטערגעפאקט א ביסל דאָס פערדל אונ אליינ איכ געוואָלט עפעס פאקנ, גיב איכ א בליק: אפנ שולהויפ פאקט זיכ עפעס איינער, א מענטש אינ די מיטעלע יאָרנ, טראָגט זיכ דײַטש נאָכ דער מאָדע, גאנצ לײַטיש אונ נעמט זיכ פונדערווײַטנס אויס, מישטיינסגעזאָגט, עפעס גאָר כויזעק. ווי זאָל איכ אײַכ זאָגנ, עפעס ווי איינער וואָלט אינ באָד, ווו מענטשנ גייענ נאקעט, ארײַנגעקומענ אינ דעמ אָנטאָנ. צו וואָס, איכ בעט אײַכ, זיכ פוצנ אונ פאר וועמענ זיכ פוצנ, אז באמ טונעיאדעווקער אוילעמ איז אויסגעטרעטענע פיאטעס, הוילע לאָפעטקעס, בלויזע הערצער אונ אויסגעריבענע עלנבויגנס אויכ זייער רעכט, ניט כאָלילע אזא פארברעכנ, אבי עס זאָל זײַנ נאָר א סימענ פונ זאָקנ, פונ טאכטוינימ, מעכילע, אונ א קאפאָטע? אינ טונעיאדעווקע מעגט איר אפ מײַנ אכרײַעס גיינ אפ דער גאס אינ איינ טאלעסקאָטנ, צעכראסטעט, אָנ זאָקנבענדלעכ, ניט פארשפילעט, ווו מע באדארפ, אונ אויב כאָלילע איר וועט הערנ א קרומ וואָרט, וועל איכ שולדיק זײַנ... ניט דאָס בינ איכ אויסנ.

מײַנער האָט זיכ שוינ אָנגעשטויסנ, אז יענער פארשוינ איז, אפאָנעמ, דער אוירעכ, אונ געקוקט אפ אימ עפעס ניט אזוי פרײַנטלעכ. פארבײַגייענדיק לעבנ מײַנ בײַדל, שטעלט ער זיכ אָפ, קוקט

אָן מיך, דאָס פערדל, דאָס פעקל סכוירע, פריִער שווײַגנדיק, ניט צו ריידן קיין וואָרט, דערנאָך טוט ער מיך א פרעג אזוי:

— וואָס איז דאָס בא אײַך, רעב ייִד, דאָ פאר ספאָרים?

— ע... עט... ספאָרים... — ברומל איך אונטער דער נאָז, ביכ־דיי פונ אימ זיך אויסצודרייענ, טראכטנדיק בא זיך: פאקט זיך, רעב קאָרעוו, ווײַטער א ביסל.

— פאָרט וואָס? — מאכט ער מיט א בינימעסדיק שמייכעלע, ארײַנקוקנדיק מיר אינ די אויגנ, עפעס אזוי גוט, אז ער האָט מיך דערמיט געגומעג.

איך הער מיך אופ צו בלאָזנ אונ ענטפער אימ שוינ גלײַך, ווי א מענטש, מיט ווערטער:

— ייִדישע ספאָרימ: סידורימ, סליכעס, מאכזורימ, טכינעס, קינעס, ווי געוויינטלעך.

— אונ קיינ אנדערע, כוצ די, איז בא אײַך ניטאָ? — טוט ער ווײַטער א פרעג אונ באקומט באלד פונ מיר טשוווּע:

— עט, קנאפלעך... קיינ אנדערע לוינט זיך ניט צו פירנ. לאָשנקוידעשדיקע איז גאָר אינ דר'ערד. ניט קיינ סכוירע... היגע ייִדנ קוקנ אזעלכע ניט אָנ אפילע.

— היגע ייִדנ, — מאכט ער מיט א זיפצ, — היגע ייִדנ, נעבעך, באדארפנ ברויט, ניט קיינ ספאָרימ...

— וואָס? — מאכ איך, קלאָמפערשט ווי ניט גוט אײַנגעהערט זײַנע ווערטער, אונ אינ הארצנ פארדריסט מיך טאקע א ביסל, וואָס ער צעשטערכעט מיר אינגאנצנ מײַנ קרעמל. ער אָבער פארשטייט מײַנע געדאנקענ אונ, ארופלייגנדיק זײַנ האנט צו מיר אפנ אקסל, רופט ער זיך אָנ מיט א זיס שמייכעלע:

— כאָלילע, ניט אײַערע דאָזיקע ספאָרימ מיינ איך. יענע מיינ איך, יענע, וואָס אלצ מיט שטראָפ־ווערטער, מיט אייצעס אונ א געפילדער: „פע, האוואָלים! פע, אָפגעלאָזטקײַט! גוואלד, בילדונג!" יענע, וואָס לוינט זיך ניט, ווי איר זאָגט, צו פירנ אונ וואָס היגע ייִדנ קוקנ זיי ניט אָנ אפילע. היגע ייִדנ זײַנענ גערעכט. ברויט, ברויט באדארפנ זיי האָבנ, מוסער אונ אייצעס איז קיינ סילעק ניט פאר דעמ מאָגנ, אימ מיט א פיזמענ קאָנ מענ ניט אָפקומענ. קלאָגנ זיך אפ אוועקגעשטעלטע מאשינעס, פארוואָס זיי פוילנ, שימלענ דאָרט

ערגעצ אינ א ווינקל, איז נאָר א געלעכטער. נעמט בעסער, הייבט זיי מיט אײַערע הענט אופ, שטעלט זיי אפ די פיס, לאָזנ זיי בא אײַכ ארבעטנ, וועלנ זיי, נישקאָשע, ניט שימלענ, גאָר אנ אנדער פאָנעם האָבנ... נאָר אפ וויפל איכ בינ באקאנט מיט דעמ היגנ ווינקל, דאכט זיכ מיר, אז אזוינס האָט מענ בא אײַכ ווייניק אינ זינענ. דארשענענ קאָנ איטלעכער זייער וויל; א מעמרע, א סליכע — מעכעטייסע, אונ עפּעס טאָנ — ניט פונדאנענ אהינ... גענוג, כ׳לעבנ, סליכעס! נאָכאמאָל זאָג איכ, ניט אײַערע, כאָלילע, מיינ איכ, י ע נ ע מיינ איכ...

פונ די דאָזיקע רייד בינ איכ א היפּשע ווײַלע געווענ שטארק צעדרייט. עפּעס גאָר אנדערע ווערטער, גאָר א נײַער מינ פּארשוינ, ניט ווי געוויינטלעכ די בעריעס בא אונדז! האָט איר געהערט אינ אײַער לעבנ, א בעריע, א דײַטש זאָל מיט דעמ געמיינעמ סאָרט יידישנ אוילעמ זײַנ איינס, ניט לאכנ פונ זײַנע נארישע גענג, ניט שטראָפנ, מוסערנ אימ מיט לאנגע מעמרעס, פארקערט, נאָכ געבנ אימ גאָר גערעכט, זאָגנ, א ראכמאָנעס, נעבעכ, זײַנע סליכעס איז אָנ סאקאָנעס, איבעריק זײַנענ גאָר יענע, די בערייִשע סליכעס, לעהאוודל?.. עפּעס טאקע א נײַער שניט, ווי זאָל איכ עס אָנרופנ, דײַטש אונטערגעשלאָגנ מיט כאָסיד, פּראק־לײַבסערדאק, גאָר א שפּאָגל נײַער מינ, אפ וועלכנ מע באדארפ מאכנ „שעהעכעיאָנו״... דער פּארשוינ איז מיר שטארק געפעלנ, דאָס הארצ האָט מיר עפּעס צו אימ געצויגנ. איכ בינ אימ אפּאָנעמ אויכ געפעלנ, וואָרעמ ער האָט מיכ פּארבעטנ צו זיכ אפ דער אכסאניע, מיכ מעכאבעד געווענ מיט א גלעזעלע פּונש אונ פּארהאלטנ מיכ אינ א טיפנ שמועס אקעגנ א גוטע עטלעכע שאָ. מינכע האָבנ מיר געדאוונט ביידע, דאָרט טאקע בא אימ. איכ האָב מיכ שוינ דערוווּסט ווער ער איז, ווי ער הייסט, פונוואנענ ער קומט אונ וואָס ער וויל דאָ אינ אונדזער ווינקל. ער איז ניט אזא רײַכער, ווי זייער א געלערנטער, א פײַנער, אָנגעזועענער מענטש. מויל אונ אויערנ האָב איכ אופגעעפנט הערנדיק זײַנ שמועס. ער האָט מיר דערציילט עפּעס אזוינס, וואָס האָט מיכ דערקוויקט — גוטע זאכנ, וואָס זײַנענ זיכ צעגאנגענ אינ אלע מײַנע רמ״ח [1] אייוורימ. אײַ־אײַ זאכנ, אײַ־אײַ בסורעס!..

נאָכאמאָל: מאזלטאָוו דיר, קאפּצאנסק! מאזלטאָוו דיר, טונעיא-

1 ראמאכ.

דעווקע! א האָפענונג צו דעם, וואָס לעבט אייביק, אז איר וועט אופגעריכט ווערן.

אפ מאָרגן אינדערפרי נאָכן דאווענען האָט ער מיך ווידער פאַר־בעטן צו זיך. נאָכאמאָל איבערגערעדט נעכטיקן שמועס און מיך געבעטן, אז דערוויַיל זאָל עס בלייַבן בעסאָד.

— רעב מענדעלע! — האָט ער אויסגעלאָזט דעם שמועס מיט א פריינטלעך שמייכעלע. — אייַער נאָמען, נישקאָשע, איז מיר פון לאנג באקאנט. עס טוט מיר הארצעדיק האנאָע אונדזער באגעגעניש דאָ. אז האשעם־ייִסבאָרעך וועט הייסן, קאָנט איר מיר זייער שטארק צוניצקומען. איך האָב אייַך איבערצוגעבן עפּעס א זאך, וואָס דערצו זאָט טאקע איר, נאָר איר אליינ מעסוגל. עס מוז אָבער א ביסל געדולדיק זייַנ.

ער האָט בא מיר גענומען מייַנ אדרעס און מיך פארזיכערט, וויבאלד דער געוויסער איניען האלט אפּ א שטייגער, באקום איך פון אים א בריוו מיט נאָך עפּעס אזוינס... מיר האָבן זייער פייַנ זיך געזעגנט, איינער דעם אנדערנ ווינטשנדיק אלדאָסגוטס.

באם ווינטשעווען האָב איך, צו קיינ גנייַ זאָל עס מיר ניט זייַנ, מיך א ביסל אויסגעגליטשט. אינ דעם איניען האווינטשעווען בינ איך, צווישנ אונדז גערעדט, א קנאפּער בעריע, ווי א גרויסער טייל יידן, וואָס וועלן זיי נעמען זיך אפּ סימכעס צום ווינטשעווען, מייִנענדיק, דאָס איז א כיִעוו, בעקען זיי אוועק א שאָ מיט שיינענדיקע פּנעמ־לעך, עפּעס אָנ לאָשן. זיי דעם באלסימכע:

— גאָט זאָל געבנ, אז... אז...

דער באלסימכע זיי:

— האלעווייַ... אז... אז...

עס ווערט אזש ניט גוט, צום כאלעשנ, שלאָגט צום הארצנ. און ביידע צדאָדים ווינטשן בא זיך איינער פונעם אנדערנ פּאָטער צו ווערנ... געוויינטלעך האלט איך מיך אייַנ, פּאטער אָפּ דעם כויוו פונ ווינטשעווען בעקיצער, ברומלענדיק אונטער דער נאָז. דאָס מאָל האָט מיך דער גוטער־יאָר געטראָגנ, פאר גרויס ליבשאפט צו דעם אוירעך, ארויס מיט א ווינטשעניש גאנצ ברייטלעך. נאָר אזוי ווי איך האָב געעפנט דאָס מויל, אזוי בינ איך געבליבנ ווי דערוואָרגנ, גע־בעקעט, געאזעט, אז... אז... מישטיינסגעזאָגט, אליינ ניט צו וויסנ וואָס, און מיך געפונענ אינ דער קלעם, ניט אהינ, ניט אהער. זייער

א מיִעסע לאגע, וואָס מאכט זיכ אמאָל מיט א רעוול, וועלכנ עס גלוסט זיכ, כאָטש ער קענ ניט, נעבעכ, האלטנ א דראָשע... ניט דאָס בינ איכ אויסנ.

דער אוירעכ, לאנג לעבנ זאָל ער, האָט געפילט מייַנ געמיט אונ מיכ זייער דעליקאטנע ארויסגעפירט פונ דער קלעמ, אָנרופנדיק זיכ דערבייַ מיט כאָכמע:

— איכ ווייס, איכ ווייס. איר ווינטשט מיר אזויפיל גוטס, וואָס גאָר אומעגלעכ ארויסצוזאָגנ.

— יאָ, יאָ, אזוי, כ'לעבנ! — מאכ איכ שוינ מיט א גרינגער געמיט אונ טו מיכ דערווייַל אליינ טאקע א פיק אפ קאטאָוועס: — מאלאָסוי ווינטשט מיר אויכ זייער פיל גוטס אונ זאָגט עס פונדעסטוועגנ גאנצ גלאט ארויס.

— נו, נו, — מאכט ער צוריק מיט א שמייכעלע, — אינ ווינטשעוועס בינ איכ איינ בעריע. דרינענ האָב איכ געהאט גוטע רעבעס אונ דערופ פארבראכט מייַנע יונגע יאָרנ. ווענ ניט דאָס ווינטשעניש, וואָלט איכ ניט געווענ דאָס, וואָס איכ בינ אצינד... וווּנדערט זיכ ניט אזוי, רעב מענדעלע! ס'איז רעכט. אז גאָט וועט געבנ דער פלאנ זאָל גיינ ווי געווּנטשנ, וועט איר דענסטמאָל וויסנ אונ מיכ פארשטיינ. לעסאטע זייַט מיר געזונט אונ פאָרט מיר געזונט!

מיר זייַנענ אינ דעמ אייגענעמ טאָג טאקע אוועקגעפאָרנ, איטלעכער אינ זייַנ וועג.

א היפשע צייַט איז אוועקגעגאנגענ, אונ פונ דעמ אוירעכ מייַנעמ איז איינ קאָל מיט צענ אוינעס. ער איז ווי אינ וואסער פארשווּנדנ געוואָרנ. אפנ הארצנ איז ניט פריילעכ. שווערע צייַטנ, שלעכטע געשעפטנ, ניט גוט ארומ אונ ארומ... דו, קאפצאנסק, דו, טונעיאדעווקע, ליגסט נעבעכ דערווייַל פארזונקענ ביז דעמ האלדז אינ בלאָטע. פונדערווייַטנס יענצ פעקל לייַט פילדערנ א שרעק, גיבנ אייצעס, דער אזוי, יענער אזוי, שטראָפנ, זאָגנ מוסער, איטלעכער מיט זייַנס: גוואלד, טוט אייַכ אָנ א קויעכ, קריכט אויס דער הויט אונ ראטשקעוועט, זייַט מויכל, אליינ אייַכ ארויס!.. קאפצאנסק, זייַ נישט קאפצאנסק! טונעיאדעווקע, זייַ נישט טונעיאדעווקע!..

אונ אז איכ האָב שוינ א מאכ געטאָנ מיט דער האנט, ווי איינער רעדט: פארפאלנ, אויס האָפענונג! קומט מיר פלוצימ אָנ,

גאָר אומגעריכט, אַן אויסלענדישער בריוו מיט אַ היפּש, פאַרכאַסמעט פּעקל. איך עפן דעם בריוו — אַ שׂימחה! דאָס איז פון אים, פון דעם אוירעך! אָט וואָס ער שרײַבט:

„ידידי[1] רעב מענדעלע!

אַז איך שרײַב אײַך אַצינד, איז אַ סימן, ס'איז גוט — דער פּלאַן שטייט אַף אַ שטייגער. עלע ניט, וואָלט איך דאָך ניט געשריבן. אַף שרײַבן גלאַט „שאָלעם־לאַאהוווי“־בריוולעך קלעקט מיר ניט קיין צײַט. זייער מעגלעך, מיר וועלן זיך אימירצעשעם אינגיכן זען, וועגן דעם אייסעק איז נאָך דאָ אַ ביסל צו טאָן. דערווײַל פאַרגיב איך אײַך אַ לייענען, אַ נייטיק שטיקל אַרבעט, וואָס קער זיך מיט דעם אייסעק שטאַרק אָן. דאָ, אין דעם פּעקל, וועלכן איך שיק אײַך, וועט מאַלאָסוי געפינען מײַנס אַ סייפער, אין זייער אַ גרינגער דײַטשער שפּראַכע, געדרוקט אין לײַפּציק, הײַנטיקס יאָר, בײַ בראָקהויז, מיט דעם נאָמען „ווינטשפינגערל“, וואָס גיט צו פאַרשטיין די אַלע זאַכן, וועלכע עס וועלן, מיט גאָטס הילף, אײַנגעפירט ווערן אין דער פּראַקטיקע, און לערנט, וויאַזוי מע באַדאַרף דערמיט זיך נויהעג זײַן, ביכדיי צו דערגרייכן דאָס, וועלכס מע ווינטשט און באַגערט נוצלעך צו זײַן זיך און דער וועלט. פאַרוואָס דער סייפער הייסט „ווינטשפינגערל“ — דאָס וועט איר אַרויסזען פון די קסאָווים, וואָס זײַנען בײַגעלייגט אין דעם פּעקל. אין זיי איז דאָ אַ גאַנצע באַשרײַבונג פון מײַן לעבן. ס'איז קעדײַ זיי זאָלן אָפּגעדרוקט ווערן באַם „ווינטשפינגערל“ אַף יידיש מיקאָמע טײַמים. איך בין דאָך אַ כיילעק פונעם קלאַל מענטשן, פאַר וועלכע מײַן לעבן איז דאָ באַשריבן. איך בין אַ פּעדעמל, אײַנגעוועבט אינײַנעם מיט זיי אין דעם גרויסן שטיק מאַטעריע, וואָס גייט אין דער וועלט פון אייביקע צײַטן אונטער דעם נאָמען „ייד“. אָנקוקנדיק מיך, וועלן זיי צוגלײַך אָנקוקן טאַקע זיך אַליין. דאָס, וואָס זיי וועט געפעלן אָדער ניט געפעלן באַ מיר, וועלן זיי עס געפינען אויך באַ זיך, און, האָבנדיק פאַר זיך אַ שפּיגל אין מיר, וועלן זיי זען, וואָס פאַר אַ פּאָנעם זיי האָבן... ווירקן אַף אַ פאָלק מענטשן קאָן נאָר אַזעלכער, וואָס איז ביין פון זייער ביין, פלייש פון זייער פלייש, וואָס האָט

---

[1] יעדידי.

געליטן איינע צאָרעס, געפילט איינע ווייטעקן מיט זיי. לאָזן עס ייִדן וויל איך, לאָזן זיי עס לייענען און וויסן...

אצינד, ליבהארצעריקער רעב מענדעלע, נעמט זיך, זײַט מויכל, צום איבערזעצן אף ייִדיש מײַן סייפער מיט די קסאָווים און לאָזט עס אָפדרוקן. ס'איז נייטיק, זאָג איך, צום אייסעק. אויב אײַך וועט געפעלן מעקאצער צו זײַן, ארויסצונעמען פון די קסאָווים נאָר דעם רעכטן איקער, מעגט איר. מאכט אזוי, ווי איר פארשטייט. דריגענ פארלאָז איך מיך אינגאנצן אף אײַך.

עיקר שכחתי:[1] דאָס פארדינסט פון די קסאָווים און זיי אליינ שענק איך אײַך פונעם גאנצן הארצן, אף לעוילאָם וואָעד. זײַט מיר געזונט! האשעם־ייִסבאָרעך זאָל געבן, זיך באלד צו זען אין פריידן, און וואָס מיר ווינטשן ייִדן, זאָל מעקויעם ווערן במהרה בימינו[2] אָמיינ.

ידידכם"...[3]

לעקאָוועד דעם הייליקן באשעפער, דער דאָ לעבט אייביק, און לעקאָוועד זײַן ליב פאָלק ייִסראָעל האָב איך אָנגעטאָן די שפאקולן און דורכגעקוקט די ארײַנגעשיקטע קסאָווים. די מײַסע, זע איך, איז טאקע זייער א שיינע. געשריבן, ווי מע זאָגט, אגיל ואשמח[4], קײַלעכדיק און שפיצעכדיק, דאָס הייסט, אין די פּאָשעט אנטפלעקטע זאכן ליגן פארבאָרגענע סוידעס און שארפע אָנצוהערענישן. נאָר וואָס דען? זי איז שטארק לאנג, און ייִדישע קינדער, וואָס פארשטייען זיך אפן ווונק, קאָנען דערווײַל די נעשאָמע אויסגיין, ביז זיי וועלן אזא לאנגע מײַסע אויסלייענען. צופיל איבערציִען דעם בויגן טאָר מען ניט, עס קאָן זיך איבערײַסן. בעכיין איז בא מיר געבליבן אָפּצומאכן עס ווי ראָשעשאָנע מיט די לאנגע סטעפּעס פּײַעט. איך האָב ארויסגענומען נאָר אזעלכע שטיקלעך, וועלכע מיר טויג, זיי איבערגעניצעוועט, ווו מע באדארף אויך אויסגעלאטעט, צונויפגעשטערכעט אין ייִדישן גוסט מיט מײַנס א שפּרוך, אזוי, אז גאָר ניט צו דערקענען די שטעך און די לאטעס מײַנע. די מײַסע קומט אויס ניש־

---

1 איקער שאָכאכטי.

2 בימהייראָ בעיאָמיינו.

3 יעדידכעם.

4 אָגיל וועסמאכ.

קאָשעדיק, גאָר קיין מײַסע ניט און דערציילט זיך פון מיר, גלײַך, ווי זי איז מײַנע. נאָר ערטערווײַז, ווען ס'איז נייטיק צום איניען, לאָז איך ווײדן דעם מעכאַבער אַליין. אויך האָב איך לעקאָוועד קאַפּ־צאַנסק און לעקאָוועד אונדזערע ברידערלעך מיך צעגאַרטלט, צוגעזאָגט איינעם פון די אָרעמע בעריעס באַלוינען אים שפּעטער, אימיר־צעשעם, פונעם פאַרדינסט מיט עטלעכע גראָשן מינץ, ער זאָל מיר העלפן אין דעם איבערזעצן פונעם סייפער מיט די קסאָווים. ער האָט וואָכנווײַז געשוויצט, געטאָן, געאַרבעט געשמאַק. גאָט מעג אים פאַר זײַן מי העלפן. ער פאַרדינט עס, נעבעך, גאַנץ קאָשער... ניט דאָס בין איך אויסן.

ועתה [1] ריבוינעשעלוילעם, און אַצינד דו האר פון דער וועלט, דאָס איז פאַר דיר אַנטפּלעקט און וויסיק, אַז איך האָב גערן געטאָן דײַן ליבן ווילן, זאָל עס זײַן אויך דײַן ווילן אין דער צײַט, ווען איך בעט דיך מיט מײַנע הענט און פיס און מיט מײַנע צוויי הונדערט אַכט און פערציק אייווורים, אַז דו זאָלסט אָנשרײַען דעם סאָטן, ער זאָל ניט געוועלטיקן, מעאַקעוו זײַן אין אונדז אונדזער פּאַרנאָסע. זאָלסט באַגיטיקן אונדזערע מאַזאָלעס, אונדז באַשירעמען פאַר אַלע די בייזע באַגעגענישן, וואָס זיי שטורעמען אין דער וועלט, און געבן אונדז א געבענטשט לעבן, א פרידהאַפטיק לעבן מיט א זיכערלעכן. אונדזער האָפּעוונג און די גוטע בסורע זאָל ניט זײַן צו מידיקײַט און צו לער, נײַערט זאָל אַלץ זײַן לבֿרכה והצלחה [2]. קאַפּצאַנסק און קאָל ייִסראָעל זאָלן זײַן געליבט צו די אויבערשטע און געגלוסט צו די אונטערשטע. דאָס אַלע כאַלוימעס, וואָס אונדז זעלבער אָדער אַנדערע האָט געכאָלעמט, זאָל אין אונדז אַלע זײַן צו גוטן. ותרצנו [3] און זאָלסט אונדז באַוויליקן. אָמיין [4].

---

1 וועאַטאָ.

2 ליוורֹאָכאָ וועהאַצלאָכאָ.

3 וועסירצייִנו.

4 דערמיט ענדיקט זיך די האַקדאָמע — די „מײַסע איבער א מײַסע". דעם טעקסט פונעם „ווינטשפינגערל" גופא האָט אין דער „ייִד. פאָלקס־ביבליאָטעק" געהאַט א קעפל „די מײַסע אַליין".

א נאכט אינ צאָרעס[1]

(א קאפּיטל פונעמ נאָכ ניט געדרוקטנ דריטנ טייל „ווינטשפּינגערל״)

עס איז שוינ העט שפּעט אינ דער נאכט, גלופּסק שלאָפט — אונ די קאפּעליע האָט נאָכ אלצ געשפּילט. צוויי יידישע קינדער קאָנענ קיינ אויג נישט צומאכנ, ווארפנ זיכ נעבעכ פונ איינ זייט אפּ דער אנדערער — אונ די געלעגערס אונטער זיי ארבעטנ: סקריפּענ, קרעכצנ, גיבנ אָפּ קאָנצערט, ווי דער שטייגער פונ יידישע געלעגערס, וואָס צעוויגנ זיכ, צעשאָקלענ זיכ, צעפּילדערנ זיכ, זאָגנ שירע באנאכט פונ א מינדסטנ ריר. פונ א מיניענ געלעגערס אינ א יידיש הויז די שירע באנאנט צו הערנ איז אוואדע אז וויל; נאָר נישקאָשע, מיט דער דאָזיקער קאפּעליע דאָ, פונ אונדזערע צוויי פארשוינענ, אינ וועלכער עס האָט געטריי געארבעט א הינקעדיקער, א גערירטער, א הויקערדיקער, אויסגעדינטער טאפּטשאנ מיט עפּעס א מינ רוקבעט, האָט מענ געקאָנט אויכ זייער גוט יויצע זיינ. אפּ דעמ טאפּטשאנ, אינ פּאָדער-כיידער, האָט געשפּילט אונדזער הערשעלע, אונ אפּ דעמ רוקבעט, אינ אלקערל — אונדזער רעפּאָעל. ביידנ האָט זיכ עפּעס נישט געגומענ קיינ שלאָפ, איטלעכער האָט געהאט צו זינגענ אונ צו זאָגנ מיט זיינס.

די קאשע איז אָבער: מה נשתנה הלילה הזה[2], פארוואָס איז

---

1 געדרוקט אינ „הויז-פריינד״, בוכ III, 1894. פארגלייכ אינ אונדזער אויסגאבע, קאפּיטל 2 אונ 5 פונעמ בוכ IV פונ ערשטנ טייל, ז. 191 אונ ז. 239.

2 מא נישטאנאָ האלײלאָ האזע.

פֿאַרענדערט געוואָרן די דאָזיקע נאַכט פֿון אַלע אַנדערע נעכט? שבכל הלילות[1] פֿונעם אונטערנעכטיקן דאָ בײַ רעפֿאָעלן האָט הערשעלע געשלאָפֿן, אָן אײַנאָרע, גאָר נישקאָשעדיק.

גאָר בײַם ערשטן אַרײַנטרעטן זײַנס אַהין, צו רעפֿאָעלן, אַפֿן באַכטלעגער, איז אים געווען גוט עפּעס אָפּן האַרצן, ווי אײנעם, וועלכן גאָט דערהויכט פּלוצים דאָס מאַזל. דאָס קליינע, נידעריקע שטיבל, ווו ס'איז אַ מעגלעכקײַט צו בלײַבן אַ ווײַלע פֿאַר זיך אַליין, אומגעשטערט פֿון אַן אוילעם מענטשן, ווי דאָרט אין קלײַזל, האָט אים אויסגעזען סראָריש. ער האָט געקוקט אַפֿ אַלצדינג דאָרט עפּעס מיט אַ מין דערעכערעץ, געקוקט, געטאַפּט, קוים צוצורירן זיך מיט אַ פֿינגער און געשמאָכט פֿאַר גרויס פֿאַרגעניגן. עס האָט אַזויפֿיל געהייסן ווי: „אַנו, גוט, הערשעלע, מיר האָבן אַ גאָט, האַ?!” דאָס פּאַרוויסטע באַנק-בעטל, אײַנגאַנצן ווי ס'איז מיט די שלאָפּע פּיס, אויסגעריבן, צעטרענט, ערטערווײַז מיט אַרויסגעקראָכענע קישקעס קליאָטשע און אַלטע פֿאַרשמאָלצעוועטע לאַטעס, האָט בײַ אים אין די אויגן געהאַט דעם זיבעטן כיין. ווי די מײַסע איז, אַן אָפּגעקומענס, אָפּגעבאַרעטס, פּאָרט אַ מעיוכעס מיט אַ געשפּיקעוועטן בויך, אַ זייכער פֿון אַמאָלדיקע גוטע יאָרן... בײַם אַרופֿקריכן דערופֿ דאָס ערשטע מאָל האָט עס זיך שטאַרק געטאָן אַ בייזער, אַ סקריפּ מיט גרויס פֿאַריבל. הערשעלע איז, אײַנהאַלטנדיק דעם אָטעם, פֿאַרביסן די ליפּן, געבליבן שטיין ווי אַפֿ בישקוילעס, ניט אַהין, ניט אַהער, אויס פּאָרכט, ניט אָנצומאַכן דאָ אַ שפּיל, אַ גאַנצע כאַסענע און רעפֿאָעלן דאָרט פֿונעם שלאָף נישט אַרויסצוברענגען. גאָר באַלד אָבער האָט ער זיך אײַנגעשטעלט, האָט עס מעכילע געבעטן, פֿאַמעלעכן, פֿאַמעלעכן זיך גערוקט, אויסגעצויגן, פֿריִער איין פֿוס, דערנאָך דעם אַנדערן — און בישקאָשע, מיט כעסעד. שפּעטער אַ ביסל האָט אַ קליין בייזערל אים שוין נישט אַזוי אויסגעמאַכט. וואָס ווײַטער, ווײַטער איז ער מיט אַ גרעסערן שוין אַפֿילע געוווינט געוואָרן, עס האָט געמעגט שרײַען, רײַסן זיך צעזעצטערהייט, ער האָט זיך דאַרויס גאָר ניט געמאַכט און געשלאָפֿן געזונטערהייט.

בלײַבט דאָך טאַקע הערשעלעס ניט שלאָפֿן אַצינד אַ גרויסע קאַשע!

---

1 שעבכאָל האַליילויס.

עפשער איז הערשעלע הונגעריק געווען און דער לײדיקער בויך האָט אים געמאָנט מעזוינעס, נישט געלאָזט אים צורו? ניין! ערשטנס, איז א יידנס א מאָגן גאָר ניט אזוי ארײַנגעטאָן אין דער אכילע, אז וויבאלד עס דערגייט אים נישט, זאָל ער האָבן טײַנעס. צווייטנס, איז דער מאָגן בא יידן גאָר ניט אזא פאָרנעם, מע זאָל זיך אויס זײַנע טײַנעס עפעס מאכן. אזויפיל דינים, אזויפיל גזיירעס, אלטע און נײַע, אלץ מיקויעך דעם זינדיקן מאָגן, ווי אים צו לערנען דע-רעכערעץ: דאָס לאָז זיך דיר נישט גלוסטן, מע טאָר נישט! דאָס יאָ, נאָר א ביסל, ס'איז טײַער, און דאָס איז א מוז, כאָטש פריקרע, הארבלעך, — אזוינס האָבן נאָר מיר, קינדער יִסראָעל, אליין, און אין דעם זכוס טאקע זשיפען מיר ביז אצינד אין דער וועלט... הײַנט, דריטנס, האָט הערשעלעס מאָגן דעמלט קלאָל נישט געהאט וואָס זיך צו באַ-קלאָגן: זינט ער האָט אָנגעהויבן „צונעכטיקן", איז ער מיט א לײדיקן בויך קיינמאָל [ניט] געגאנגען שלאָפן. בא רעפאָעלן איז פאר אים טאָמיד געווען א גלעזל טיי מיט א שטיקל ברויט, און די נאכט גראָד איז נאָך געווען א קעפל פון א הערינג, א ביינדל מיט א שטיקל פלייש אויך, איבערגעבליבן רעפאָעלן פונעם מיטיק, וואָס ער האָט געגעסן אָן אפעטיט, און הערשעלע האָט דערצו אפילע זיך נישט צוגערירט.

עפשער זשע האָט זיך הערשעלען נישט געשיקט עפעס אין דער געמאָרע דאָרט, און דער מויעך זײַנער האָט געארבעט, ווי אײַנצובײַסן א הארב טויספעסל, צו פאלן אפ ראשעס א באוואָרעניש, געפינען „דעם רעכטן קוועטש" און אופטאָן שפיצעכדיק מיט א געדראנג? נאָכאמאָל טאקע ניין! אדעראבע, פארקערט, אין דער געמאָרע איז אים הײַנט אויסגעקומען מעשונע ווילד גלאט: אי ראשע איז, כאָלילע, נישט מעשוגע, אי טויספעס קאשע בלײַבט טאקע א קאשע — ביידע זײַנען גערעכט.

מיילע וואָס זשע פאָרט איז הײַנט מיט הערשעלען אזוינס די מײַסע?

אָווא, א מײַסע! אים לאָזט נישט שלאָפן — ביילע!

„אײַ, ריבוינעשעלוילעם, ביילע! גוואלד, טאטעניו, ווו איז ביילע?" — אָט די דאָזיקע עטלעכע ווערטער פיקן הערשעלען אין קאָפ. ארום זיי דרייען זיך אלע זײַנע געדאנקען און כאפן זיך אים אמאָל ארויס מיט א ביטערן קרעכץ טיף פונעם הארץ.

שוין א גאנצ היפשע צײַט איז דרינען, זינט הערשעלע האָט
זיך צעשיידט מיט ביילען דאָרט אפ דער זאָרג־באנק, אין דער האָ־
פענונג, אָז אָט־אָט שטעלט זי זיך אפּן אָרט, וווהין מע האָט זי גע־
פירט, באלד זעען זיי זיך ווידער און נעמען ווײַטער אפּאָר דעם
איבערגעריסענעם שמועס וועגן איטלעכס פּיצעלע באזונדער אין דער
היים. אונדזער עלנטער, פארוואָגלטער הערשעלע האָט זאט אָנריידן
זיך נישט געקאָנט בא דעם ערשטן באגעגעניש מיט א שאָכנס א
מיידל, קימאט אן אייגענע, א היימישע פון קינדווײַז אופּ. זי אינ־
גאנצן האָט געשמעקט עפּעס פריש מיט היים, מיט קאפּצאנסק — פון
אירע אויגן האָבן אים ארויסגעלויכטן, זיך געלאָזט זען פיל ליבע
זאכן אין די פריערדיקע יאָרן. אלצדינג, האק און פּאק, האָט זיך אים
געפילט אין איר שטימע. ער האָט אופגעכאפּט איר איטלעכס וואָרט,
אויך גערעדט אליין פאר צען און ס'איז אים נאָך איבערגעבליבן
גענוג רייד אפ שפּעטער — און פלוצים אזא ווייטעק, אזא אויסכאַ־
פּעניש... נישטאָ ביילע, ווי אין וואסער ארײַנגעפאלן ביילע!

די ערשטע צײַט האָט הערשעלע זיך געטרייסט אלץ מיט דער
האָפענונג: אָט איינגיכן וועט זי זיך מיסטאמע ווײַזן. וואָס דען?
עפּשער איז זי דאָרט שטארק פארנומען אפּן נײַעם אָרט, לאָז זי
נאָר א ביסל זיך ארומקוקן, קומט זי זיכער באלד צו רייזען: זי
האָט דאָך איבערגעלאָזט אפ דער אכסאניע אירע זאכן. אז אקעגן א
כוידעש צײַט אָבער איז אוועק און זי איז אלץ נישטאָ, האָט אים
שוין אָנגעהויבן גוט צו ארן, אצינד האָט אים אָנגעהויבן באשײַמפּער־
לעך צו אינטערעסירן ביילע. ניט ווײַל זי איז א היימישע, ערשט
פון דאָס זײַניקע דאָרט אין דער היים, נאָר זי טאקע, זי, ביילע
אליין, — ווײַל אפ איר, נעבעך, איז א ביטער ראכמאָנעס, ווער ווייסט,
וואָס מיט איר נעבעך איז אזוינס געשען. דאָס געפיל פון ראכמאָ־
נעס האָט בא אים געוואקסן פון אן אנדער געפיל, א פארבאָרגנס,
עפּעס גאָר אָן א נאָמען — א מין ציִעניש אזוינס, נאָך פון קינד־
ווײַז אָן, טיף אינווייניק אין דער געשאָמע. דאָס מין ציִעניש ווידער
האָט אָנגעהויבן שטארקער זיך לאָזן פילן, באקומען שוין עפּעס א
נאָמען דורך דעם טאקע, וואָס דאָס ראכמאָנעס איז אלץ מער און
מער געוואקסן. די ביידע דאָזיקע געפילן האָבן געשפּראָצט, געוואקסן
און זיך דערנערט איינס פונעם אנדערן. דערצו איז אויך געווען נאָך

א צוגאָב, גאָר א וויכטיקע זאַכ. עס האָט זיכ דערוויזנ הערשעלענ גאַנצ קלאָר דאָס גרויסע אומגליק, אינ וועלכנ ער איז געשטאַנענ. שנייער-וואָלפ וואָלט אים זיכער אינ געוואַנט אַרײַנגעשטעקט, ווענ עס זאָל זיכ נישט געווענ אונטערוקנ פּלוצים ביילע. איינ גאָט אַליינ האָט זי אונטערגעשיקט, פּונקט אינ דער רעכטער צײַט, אים פונ ייִדישע הענט מאַצל זײַנ. אונ וויפל דאַנק איז ער איר שולדיק פאַר אַזאַ גרויסע טויווע! ער באַדאַרפ דאָכ, ווי מע זאָגט, די פיס איר וואַשנ אונ די וואַסער טרינקענ. וואָס אָבער לאָזט זיכ אויס? זי אים האָט געראַטעוועט, אונ ער זי — באַגראָבנ, דורכ דעם אַוועקגאַנג זייערס פונ דער אַכסאַניע צו דער זאָרג-באַנק איז ער פונעם אומגליק אַרויס, אונ זי אַרײַנ. אוי, דער גוטער מאַלעכ איז פאַרשווּנדנ, גאָט ווייסט וווּהינ! ס'איז א ראַכמאָנעס, עס רײַסט, רײַסט דאָס האַרצ!..

דאָס אַלצדינג אינײַנעם האָט אפ הערשעלענ שטאַרק געווירקט, אַרויסגערופנ אינ אים אַזעלכע געדאַנקענ, אַזעלכע הייסע קלאָרע געפילנ, וואָס זײַנענ פאַר אים געווענ פריִער נאָכ טונקל, קימאַט א סאָד. ביילעס געשטאַלט איז אַרויסגעטראָטנ אַלצ העלער, העלער, געשוועבט פאַר זײַנע אויגנ, אים געבריט, גענאָגט, געצויגנ בא דער נעשאָמע. עס האָט אים עפּעס גלאַט אַזוי, ניט ווילנדיק, זיכ געטראַכט, שטילערהייט אַמאָל געוויינט, געוואָרנ עפּעס גוט, ווייכ ווי א טייג, זיכ געלאָזט פונ זײַנע געדאַנקענ טראָגנ, ווי א געוויקלט קינד, אונ זיכ פאַרטראָגנ, פאַרפליִענ א שרעק וווּהינ!.. ביילע איז אים פונעם זינענ נישט אַרויס אונ ער האָט זיכ קיינ אייצע נישט געקאָנט געבנ, וויִאַרום ווערט מענ וועגנ איר עפּעס געוואָר. גיינ זוכנ, פרעגנ? ווי געשיקט זיכ עס, א באָכערל פרעגט זיכ אפ א מיידל! אונ נאָכ ווער? ער, הערשעלע! אז באַם דערמאָנענ נאָר איר נאָמענ קומט אים די פאַרב אינ פּאָנעם, אים דאַכט זיכ — א שרעק! לײַט קאָנענ זייער גרינג, כאָלילע, זיכ אָנשטויסנ, וואָס אים ליגט אַזוינס אינ זינענ, וואָס פאַר א שיינ באָכערל, אוי, ער איז — אונ דענסטמאָל איז ער אויסגעשטעלט, פאַרפאַלנ פונ ביידע וועלטנ אפ אייביק. א קאַטאָוועס עפּעס, אַזאַ מײַסע, אַזוינס גאָר צו טראַכטנ!.. ווו האָט מענ עס בא ייִדנ געהערט? גענוג איז דאָכ דער געגעם אנ אָפּקומעניש פאַר אַזוינע זינד, נאָר פיל ערגער נאָכ איז אינ ייִדישע מײַלער אַרײַנצופאַלנ. דאָס איינציקע טרייסט זײַנע איז נאָכ געווענ, טאָמער איז ביילע צוריק אַהיימ אַוועקגעפאָרנ.

איַ די זאכנ, זי האָט דאָכ איבערגעלאָזט איר קלימעקל? מיילע, האָט זי פארגעסנ, א קאשע אפּ א מיַסע, וואָס קאָנ זיכ מאכנ! אונדזער הערשעלע איז שטארק פונ פּאָנעם אראָפּ. ער האָט געזאָרגט, געליטנ, נאָר געשטיקט די וויטעקנ אינווייניק אינ זיכ אונ אלצ געווארט אפּ א יעדיִע וועגנ ביילענ פונ דער היים — ביז ער האָט זיכ לעסאָפּ דערווארט אונ די יעדיִע טאקע באקומענ.

„יאָ, זונעניו, — אזוי שריַבט אימ די מאמע אינ אירס א בריוול, — עיקר שכחתי[1], האָב, סאנצעלאָמעס, מיכ אזויפיל דאָ פארעדט אונ פארגעסנ דערוויַל מיקויעכ בענציִענ־ציוויעס מיידל, דורכ וועלכער איכ האָב דיר געשיקט א פּאָר אונטערגענייטע זאָקנ, א קאפּאָטקעלע מיט אנ אויסגעלאטעט העמד, טראָג געזונט ביז הונדערט אונ צוואנ־ציק יאָר. ציפּע־סאָסיע, זאָל געזונט זיַנ, האָט פונ אירע פיס די זאָקנ אראָפּגענומענ אונ דיר געשיקט. האשעמ־יִסבאָרעכ זאָל ראכמאָ־נעס האָבנ איר צושיקנ דעמ באשערטנ. שוינ ציַט. זי איז נעבעכ אויסגעטריקנט, געל אונ גרינ אפּ מיר קוקנדיק, אפּ מיַנע פינצטערע ביטערע צאָרעס. די אויגנ מיַנע דינענ מיר נישט, פאר קיינ יִידנ גע־דאכט, פונעמ פעדערנ־פליקנ. אוי וויי איז מיר, וויסטע אלמאָנע! מיילע וואָס האָב איכ דאָ געוואָלט, הא, וואָס? יאָ, מיקויעכ דעמ מיידל. קארג אייגענע צאָרעס, איז נאָכ דאָ, ווי זאָגט מענ עפּעס, א צוגאָב פרעמדע אויכ. בענציִענ־ציוויעס מיינ איכ. ער איז, נעבעכ, אלט, קראנק, א צעבראָכענער שארבנ, האָט נישט קיינ פארנאָסע. אזא קאפּ־צאָנעס, ווי אינ קאפּצאנסק היַנט, געדענקענ אלטע קאפּצאנסקער קאפּ־צאָנימ ניט. אז די נעשאָמע האלט זיכ איז ריינע ניסימ, נאָר זכוס־אָוועס טאקע, אָכ־כאָ־כאָ! אונ דאָ האָט זיַנ ליבער נאָמענ, באהיט זאָל מענ ווערנ, אימ געשטראָפּט מיט א ניַ מינ שטראָפּ — פונעמ מיידל איז ביז אפּ היַנטיקנ טאָג קיינ איַנגעטונקטע פּענ, קיינ גרוס נישטאָ. ער האלט עס, נעבעכ, נישט אויס. טאָמער, זונעניו, זעסטו זי אָדער ווייסט עפּעס פונ איר, שריַב! ווערסט זיכ קויפנ דאָס אייביקע לעבנ"...

א קאזאִיס כריינ ווענ הערשעלע זאָל געוועג מיטאמאָל אופּעסנ, וואָלט אימ ניט געווענ אזוי ביטער, ניט אזוי פארגאנגענ אינ נאָז, אינ

[1] איקער שאָכאכטי.

די אויגן, ווי פון דער מאמעס דאָזיקע לעצטע ווערטער. אז ער האָט זיך געהאַלטן אפ די פיס און ניט געפאַלן, האָט ער עס געהאט צו פארדאנקען נאָר דעם שטענדער, בא וועלכן ער איז, אין קלײַנזל דאָרט אין א ווינקל, געשטאנען אָנגעשפּארט איבער דער אָפענער גמאָרע „בייצע״.

דעם גאנצן טאָג איז ער אומגעגאנגען אָן א קאָפּ און אז ער איז געקומען „נעכטיקן״, האָט שוין רעפּאָעלס בעטל אין אַלקערל געסקריפּעט. ער האָט באַלד טאקע זיך געטאָן א וואָרף אפן געלעגער, זיך גענומען טראכטן, זיפצן, קרעכצן געשמאק וועגן ביילען — און דער טאפּטשאן האָט צוגעשפּילט, אונטערגעהאַלטן געשמאק דאָס רוק־בעט אפ זײַן שטייגער...

מײַלע הערשעלע האָט זיך געוואָרפן אפן טאפּטשאן, איז רעכט. ס׳איז דאָ א טערעץ — ביילע. אָבער רעפּאָעל, — וואָס באטײַט זײַן וואָרפן זיך? דאָס קאָל פונעם רוקבעט וואָס לאָזט מיך אזוינס הערן?

אוי, עס לאָזט מיך הערן א מײַסע! ס׳איז קעדײַ זי צו באשרײַבן.

ווי דער וועלט איז באקאנט, איז לײַבצע דער רויטער אין גלופּסק א ייִד א נאָגיד, א לײַטישער מענטש: מיט א בלייך פּאָנעם, א לאנגער נאָז און א קליינ בערדל — אינגאנצן מיט דעם ייִדישן ביין. ער איז איינער פון יענע לײַט, וואָס קוואָקען אפ פּײַנע־בער־יעס, ארײַנצוטרעטן אין דער גוטער קנופּיע, וואָס גיט פון זיך ארויס פאר דעם פאָלק אַלערליי גאבאָים, פּירער, קאָכלעפל, טוערס, מאכערס, טענצערס, נאָך און נאָך אזעלכע נוצלעכע פּײַנע פארשוינען, צו פארזאָרגן אונדז, אָרעמינקע ייִדישע קינדער. געוויינטלעך זײַנען זיי דימענטיקע מענטשן, וואָס נעמען בא יענעם ארויס די נעשאָמע מיט גוטן; זיי זײַנען, דאכט זיך, גאָר אָן א גאַל און האָבן א פּולע נאָז מיט פליי; קאָוועד איז בא זיי גאָרנישט — נאָר יענעמס, אליין פאר זיך האָבן זיי עס שטארק ליב. בא זיי איז געלט־שמעלט — אָבער נאָר פּ־עמדס, מײַן אייגענער גראָשן זייער טײַער; נעדאָוועס — מעכעטייסע, א גרויסע מיצווע, נאָר געבן זאָל יענער; זיפצן, קרעכצן אפן קלאל־ייִסראָעל, — אָך, אפ וואָס די וועלט שטייט, נאָר קאָסטן זאָל עס נישט קיין פּרוטע; ייִדישקײַט איז זייער טײַער, נאָר א מינדסטע אינטערעסל איז נאָך טײַערער...

לייבצע דער רויטער שנײַדט זיכ אפ א פײַנע־בעריע אונ לעכצט שטארק ארײַנצוטרעטנ מיט א פוס צווישנ די גרויסע.

באפאלנ מיט קינדער איז לייבצע ניט געווענ. ער האָט געהאט נאָר צוויי טעכטער, יונגע בסולעס. די עלטערע, א בילד־שיינע, אנ איידעלע — כאנצע, אונ די יינגערע, א דיקע, א ציטערדיקע — באָבקע. יענטל, לייבצעס ווײַב, פירט א גוט לעבנ, איז א באלעבאָסטע, קלינגט טאָמיד מיט א גאנצנ בונט שליסלעכ אונ האָט אונטער דעמ מאנ, ווי מע שמועסט, א שיינ קניפל, עסט, שלאָפט, טוט זיכ וויל, איז, אָנ אײַנאָרע, פעט, באלײַבט — אונ פונדעסטוועגנ כאפט זיכ איר עפטערס פונעמ מויל ארויס א זיפצ, א קרעכצ. זי קלאָגט זיכ, אינ א שמועס מיט באקאנטע, קלאפט זיכ אלצ אינ הארצנ, אז אָט דאָ, דאָ האָט זי א ווונד, שאָקלט מיט דעמ קאָפ, פארגלאָצט די אייגעלעכ, אלצ טײַנעס צומ ריבוינעשעלוילעמ: „אוי, א זונ, א קאדעש!" זי האָט שוינ איבערגעטאָנ אלע מיטל, געפרווט אלצדינג, נאָר אומזיסט די מי — נישטאָ קיינ זונ!

— אז איכ אליינ, — איז דער שטייגער אירער געווענ צו זאָגנ, — אז איכ אליינ, נעבעכ, בינ אזוי געשטראָפט, אזוי אומגליקלעכ, לאָמיכ זשע כאָטש נאכעס האָבנ פונ די טעכטער, זוכע זײַנ בא דעמ, וואָס לעבט אייביק, טאטע־פאָטער, איינגיכנ זיי אונטער דער כופע פירנ אונ דערלעבנ פונ זיי יינגלעכ אייניקלעכ.

דעריבער, קוימ איז כאנצע אלט געוואָרנ פערצנ יאָר, האָט יענטלענ זיכ שטארק פארגלוסט א כאָסנ פאר איר — עפעס אזא מינ פארגלוסטנ זיכ, נאָכ מער ווי דער שטייגער איז פונ אלע אנדערע מאמעס, וואָס דער איניענ פונ קינדער כאסענע צו מאכנ, גלאט פאר זיכ אליינ, איז נאָר טאקע א ברענענדיקער יעיצערהאָרע עפעס בא זיי... יענטל האָט געברענט, געארבעט אפ אלע קיילימ, גערולט דעמ מאנ א קאָפ טאָג ווי נאכט: „גוואלד, א כאָסנ, א שידעכ פאר דער טאָכטער!" נאָר לייבצע האָט זיכ נישט אזוי שטארק געהיצט, איז געווענ אינ שידוכימ א גרויסער איבערקלײַבער, אימ האָט זיכ געגלוסט אנ איידעמ מיט אלע מײַלעס: א זײַדנ קינד, א פרומס, מיט א וויל קעפל, פונ א געהויבענער מישפאָכע, אײַנגעטונקענ אינ יִכעס, אז גאָט אונ לײַט זאָלנ אימ מעקאנע זײַנ. לייבצע האָט, ווי א סויכער, געזוכט אינ א שידעכ א גוט געשעפט — אײַנצוהאנדלענ אי

פאר זיך אױ פאר דער טאָכטער, עס האָט אים געפּאסט צום אײסעק זיך מעשאדעך צו זײַן מיט בערן, אײַנצוקױפן זיך אין דער גילדערנער פאָן, גאָלע צימעס. ער האָט געזוכט און באָרעכאשעם דערטאפּט דעם אנטיק — דערטאפּט א בענציע מיט אן אױסגעװײקט פּענעמל, א בלײך באָכערל, א דארס, ערשט בארמיצװע און שױן קאנדידאט אף מערידן. אקלאל — א טאכשיט, װי געװונטשן...

כאנצע װערט לעמאזל א קאלע, און צו פופצן יאָר אן אײשעס-איש, א פּלױנעסטע. זיצט זי מיט אירן באַם טאטן אף קעסט, דאָס מאנדעלע איז אן אײדעמל מיט אלע פּישטשעװקעס: עס גײט זיך טאָג-טעגלעך אין אײן צײַט דאװנען, באלאָדן מיט א טאלעס-און-טפילן-זאק, גרױס װי ער, קומט צוריק, קושט די מעזוזע, זאָגט אין דער װעלט ארײַן „גוט-מאָרגן!", מער קײן װאָרט — און עסן. אָפּגע-געסן, גײט עס זיך באלד טאקע װידער אין קלױז לערנען און קומט נאָכאמאָל עסן. אָפּגעגעסן, װײַטער אין קלױז, קומט אף דער נאכט צוריק, זאָגט אין דער װעלט ארײַן „א גוט-נאָװנט!", עסט אָפּ, און גיכער אין בעט ארײַן — שלאָפן! עפּעס שמעקט עס טוכלע, גיט זיך באָך מיט באלעבעסל, גאָר א דערקװיקעניש. כאנצע איז זיך דער-חײַל װי פריער טאקע כאנצע — גאָרנישט... נאָר מיט א צוגעדעקטן קאָפּ. א שטיקל פארענדערונג אָבער אין איר פון נאָך דער כאסענע איז יאָ דאָ — עפּעס שעמט זי זיך. דערזעט זי אים, אירן, לאָזט זי אראָפּ די אױגן. פאר פרעמדע איז נאָך װי ס'איז, נאָר פאר באקאנטע װערט זי רױט און זוכט װי אנטרונען צו װערן, עפּעס איז איר פריקרע. װאָס? דאָס איז שױן איר סאָד. די באקאנטע פלעגן צװישן זיך איבערװינקען זיך מיט א שמײכעלע, גלײַך װי גערעדט: מיר פארשטײען, נישקאָשע, מיר פארשטײען... די מאמע פלעגט זי, באַם אנטרונען װערן, באגלײטן מיט א מילדן בליק און, שמעלצנדיק זיך, אױך שמײכלען דערבײַ און צושאָקלען מיט דעם קאָפּ.

רעפּאָעלן האָבן גראָד די געשעפטן זײַנע געפירט באקאנט צו װערן מיט לײבצען, קומען צו אים אין הױז ארײַן. נאָך באַם ערשטן מאָל זען רעפּאָעלן פונדערװײַטנס דורך דער אָפענער טיר אין טאטנס בײדער איז ער כאנצען פארגעקומען עפּעס מעשונע נײַ — א מענטש, נאָר עפּעס אן אנדער מין, אן אנדער רײדן, אן אנדער באנעמונג, אן אנדער קלײדונג, אלצדינג אנדערש, ניט װי בא יענע, װאָס זײַ-

נען איר צו די אויגן געקומען ביז אהער. זי האָט הינטערוויַילעכס געוואָרפן אייגעלעך אף אים, אַליין נישט צו וויסן וואָס זי וויל, — גלאט אזוי, עס גלוסט זיך כאפן א קוק. זי האָט געקוקט, און אין קאָפּ בא איר איז נאָך נישט געווען פארטיק קיין פּיצל מיינונג איבער אים. אז דער טאטע האָט נאָך רעפאָעלס אוועקגיין אמאָל געמאכט אין שטוב א שמועס וועגן אים, געלויבט אים אין טאָג אריַין, האָט זי זיך גוט צוגעהערט, נישט צו פארלירן קיין איין וואָרט.

— יאָ, — מאכט לייבצע אופגערוימט, און דאָס היטל פארייַסט זיך אים אפן קאָפּ, — א שיין געשעפטל, גאָר נישקאָשעדיק... ער רעדט צו דער זאך, פארשטייט אן אייסעק, איז דורכגעטריבן, קלוג ווי א רועך. א, א קעפּל! א שאָד נאָר, — באדויערט ער און קלאפט מיט א פינגער זיך אפן שטערן, — וואָס ער איז א ביסל דאָס... ווי הייסט עס בא זיי דאָרט, צו אלדי שווארצע יאָר, אופגעיוירן. נאָר בע, עט... דאָך נישט ווי יענע אָרעמע באלאוויירעס, די הייַנטמאָדישע. אויך מיר מענטשן, מישטיינסגעזאָגט !.. קאפּצאָנים ! ער, פארשטייט איר מיך, ער איז א סויכער, ווייסט ווי צו פארדינען א קערבל. אָט וואָס !..

די דאָזיקע שוואָכים זייַנען פונעם טאטנס מויל אין דער טאָכטערס אויערן אריַין, גאָר ניט צו וויסן, וואָס ער אליין האָט זיך דערמיט אָנגעמאכט. זינט יענער צייַט הייבט בא כאנצען אָן צו ארבעטן דער מויעך. דאָרט אין קאָפּ, ווו ביז אהער איז געווען רויק, שטאָק־טונקל, האָט אָנגעהויבן פּלוצים צו טאָגן — עס האָט זיך אופגעכאפּט פונעם שלאָף דער יונגער סייכל, מיט אים האָבן זיך אויך גערירט געדאנקען און זיך גענומען צום אייסעק: אלצדינג צו באטראכטן, צו פרעגן, וואָס באטייַט דאָס, באטייַט יענץ. עס ווערט אפאָרגענומען רעפאָעל, כאנצעס געדאנקען דרייען זיך ארום אים, באקוקן זייַן פּאָנעם, זייַן געשטאלט, אלצדינג, ווי ער שטייט און גייט. עס שטעלט זיך פאָר אויך צוגלייַך בענציע, מישטיינסגעזאָגט, אזוי ווי ער איז, מיט דעם פענצל, מיט די צנאָטקעלעך און אלע זייַנע גענג. פארקרימענדיק זיך, קערן אירע געדאנקען זיך באלד אום פון אים ווידער צו רעפאָעלן. יאָ, ער איז טאקע שיין, דער טאטע האָט רעכט... ער איז בעסער, קליגער, קיין פארגלייַך! פונעם קאָפּ רופט זיך עס אָפּ אין הארצן. עס טוען זיך א נעם געפילן, עפּעס צופּט עס, צופּט, מאָנטעט בא דער נעשאָמע. דאָס הארץ גיט אָנצוהערעניש — און כאנצען

אַרווילט זיך אים נאָכאמאָל זען. אוי, כאָטש נאָר א ווײַלע א קוק טאָן אפ אים. נאָר אָנשטאָט אים קומט, ווי געוויינטלעך, אלע טאָג אירער, מישטיינסגעזאָגט, מיט זײַנ קושנ די מעזוזע און מיט זײַנ שיינעם „גוט-מאָרגנ!“ זי לאָזט אראָפּ, בא זײַנ ארײַנקומענ, די אויגנ, נאָר דרינענ ליגט נישט מער קיינ שעמענ זיך, דאָס וואָס פריער, ניינ! דאָס איז שוינ גאָר עפּעס אנדערש — עס קומט איר אויס עפּעס פּע, עס שלאָגט צום הארצנ... זי ווערט מיט זיך נישט צופרידנ, האלט עס פונ איר זײַט פאר א גרויס אומרעכט: סטײַטש, אקעגנ א מאנ! ווי קומט עס צו א יידישער טאָכטער? זי טוט זיך אָנ א קויעך די זינד צו פארגלעטנ — דאפקע טאָנ אפ אים א בליק, ווײַזנ א פרײַנטלעכע מינע. קוים אָבער פויעלט זי עס בא זיך, אינ דער רעגע טאקע קומט איר, מײַסע סאָטנ, אפנ געדאנק, ווי אפּצעלאָכעס, ער. כאנצע איז עפּעס מיט זיך אליינ צעדרייט, נישט רעכט צו פארשטיינ, וואָס איז איר אזוינס געשענ. זי זוכט זיך אויס ארבעט, קעדיי דעם קאָפּ זיך צו פארשלאָגנ, מישט זיך אינ דעם באלעבאטישקײַט, כאפּט זיך צו אזעלכע מעלאָכעס, וואָס זי האָט גאָר קיינמאָל נישט געטאָנ. די מאמע קוועלט גאָר אָנ קוקנדיק, שמעלצט זיך פאר גרויס פרייד און גיט איר אונטער כיישעק:

— אזוי, טאָכטער, אזוי, לערנ זיך זײַנ א באלעבאָסטע מיט דײַנעם ביז הונדערט און צוואנציק יאָר!

זי שטייט זיך איינמאָל אליינ אינ שטוב פרימאָרגנס, אָנגעטאָנ א דינס, א שניי־ווײַס קאָפּטעלע מיט א געשטיקט קרעגנדל, פּעסט געשפּיליעט ארום א קלאָר, ווי פונ עלפנביינ אויסגעטאָקט העלדזעלע, דאָס יונגע פּענעמל מאָלע כיינ, בלוט און מילך, א מײַלכנ נאָר צום מאָלנ, שווארצלעכע, ברענענדיקע אויגנ, אפנ קאָפּ א זײַדנ טיכל, ארופגערוקט א ביסל, און עס קוקנ ארויס ביגנייווע האָר. קיינער אינ שטוב, כוץ איר, איז נישטאָ, זי איז באשעפטיקט מיט איבערווישנ גלעזער, אויס וועלכע מע האָט געטרונקענ טיי. פּלוצים עפנט זיך די טיר און עס קומט ארײַנ — ער, רעפאָעל. ער וויטעט זיך מיט איר בינימעסדיק אפ דעם נײַעמ שניט און פרעגט זי אפנ פאָטער. זי ווערט עפּעס צעמישט, רוקט געשווינד אראָפּ דאָס טיכל און שווײַגט. אים גיט עס עפּעס א נעמ, ער זעט פאר זיך א שיינהײַט, נאָך גאָר א קינד — און שוינ מיט א צוגעדעקטנ קאָפּ. ער קוקט א

ווײַלע אויכ אָנ ווערטער אונ איז פארגאפט. באלד אָבער געפינט ער זיכ ווידער אונ פרעגט, אויב דער טאטע וועט באלד קומענ. זי טראכט ענטפערנ נײנ, נאָר נישט ווילנדיק כאפט זיכ איר פונעמ מויל ארויס „יאָ" אונ בעט אימ זיצנ, וווּנדערט זיכ דערנאָכ אלײנ דערופ, וואָס זי האָט דאָ געטאָנ, נאָר פארפאלנ. אויכ די אײגענע מײַסע טאקע מיט אימ. אײדער זיכ רעכט צו באדענקענ, זיצט ער שוינ, ארויפגעלאָזט די נאָז, ווי דער גוטער-יאָר וואָלט אימ גענומענ אונ אנידערגעזעצט אפנ בענקל. אינ קאָפ פיקט עס אימ אלצ אינ אײנ פיקעניש: קומ, קומ, ברודער, זײַ נישט קײנ לעקיש! אונ דאָס הארצ אָבער דערלאָזט אימ נישט, אלצ: זיצ, זיצ, נישקאָשע! די האנט דערווײַל גײט פונ זיכ אלײנ — נעמט אונ דרײט א פאפיראָס. כאנצע איז גערנ כאָטש מיט וואָס־עס־איז צו דינענ אונ טראָגט אונטער א פעקל שוועבעלעכ. רעפאָעל דאנקט, זוכט אויס עפעס א געשפרעכ. טכילעס גײט עס שווערלעכ, קורצ, איבערגעהאקט, עס קלעפט זיכ נישט. ער — אײנ מאָל א פרעג, ווײַטער א פרעג, גלאָט אזוי פונ דער העלער הויט, אונ זי אלצ: יאָ, נײנ, א שאָקל מיטנ קאָפ. נאָר דערנאָכ שפינט זיכ דאָס געשפרעכ שוינ גרינגער, לענ-גער. מע רעדט איבער דעמ גלופסקנ אוילעמ, איבער גלופסקער „אריס-טאָקראטנ" — מינע ייִדעלעכ אזעלכע, אופגעיוירענע הויזנ-בלאָזנ. כאנצע אינטערעסירט זיכ צו וויסנ, אויב ער איז אויכ פונ דער קאָמפאניע, אונ אז ער האָט געמאכט מיטנ קאָפ, זיכ שטארק פארקרימענדיק, וואָס האָט געהײסנ ערגער נאָכ ווי זײ געשאָלטנ אינ טאטנ ארײַנ, איז זי עפעס לעבעדיקער געוואָרנ.

— דער טאטע מײַנער, — זאָגט זי, — האָט זײ נישט ליב, אָנ־קוקנ קאָנ ער די דאָזיקע לײַט נישט.

— א-א, דער טאטע! — מאכט רעפאָעל אונ דרײט מיט דער נאָז, ווי עס האָט אימ נישט געשמעקט. — זײַנ נישט קאָנענ אָנקוקנ איז עפעס אנדערש. (

פונ דעמ דאָזיקנ געשפרעכ איז מענ איבערגעגאנגענ דערופ, וואָס דענסטמאָל האָט עס געהײסנ „גזײרעס" — די גזײרע פונ שקאָ־לעס אונ דאָסגלײַכנ. רעפאָעל האָט געמאכט א רײד דערפונ מיט א מײנ — ארײַנוואָרפנ אינ כאנצענ א פונק אונ זיכ גענומענ באווײַזנ, אז די גזײרעס זײַנענ גאָר קײנ גזײרעס נישט. אינמיטנ דעמ שמועס עפנט

זיך די טיר, עס ווײַזט זיך א גרויסער טאלעס־און־טפילנ־זאק פונ א בענפעקוע-פעלכנ, ארומגעליאמעוועט מיט בלויע קרײַקעס, אפ וועלכע ס'איז אויסגעניייט עפעס ווײַסע צייכנס און ציפערס פונעם יאָר. א הענטל גיט א שמיר די מעזוזע, עס הערט זיך א קוש — און אינ שטוב רוקט זיך ארײַנ מיט א מעשונע ווילדנ „גוט־מאָרגנ!" א קליינ יונגערמאנטשיקל, א דארס, א בלייכס, אינ א לאנגער לאסטינגענער קאפאָטע מיט א יאמשוימענ שטעקעלע אינ דער האנט. בענציע ווארפט א בליק אפ כאנצענ, אפ רעפאָעלנ, ווערט רויט, ווי אנ אינדיק, און לויפט דורכ מיט די פיסעלעכ געשווינד, שטארק אופגעבראכט, צו זיך אינ כיידערל ארײַנ. אינ דעם בייזנ בליק זײַנעם איז נישט געלעגנ דאָס, וואָס מע רופט עס „פעפערזיכטיק". כאָלילע! ווי קומט עס צו אים? פרעגט אים בעכיירעס אזוינס גאָר צו טראכטנ. כאָלעמענ אפילע וואָלט זיך אים נישט געקאָנט אזעלכס... נאָר וואָס דענ? אים האָט אונטערגעטראָגנ גלאט אזוי, גאָר אָנ אלע כאָכמעס, דאָס שמועסנ אירס מיט א מאנצבל, איר זיצנ מיט אים אָנ א שוימער. דאָס אליינ איז אנ אווירע, ס'איז דאָכ דאָ דערופ בעפיירעש א דינ — מע טאָר נישט... פונקט אזוי וואָלט אים אויכ געארט א פליישיק טעפל באם פײַער לעבנ א מילעכדיקס: ס'איז נישט רעכט, נאָכ איידער גאָר עס קאָנ ווערנ א שײַלע...

כאנצע איז געבליבנ זיצנ ווי אָפגעבריט. אינ איר איז פאָרגעגאנגענ אזעלכעס, פונ וואָס זי האָט אינ איר לעבנ נאָכ נישט געוווסט — א גאנצער קנויל פונ פארמישטע געפילנ. דאָ פילט זי א בושע, גלאט „מאנ" אליינ איז עפעס פריקרע, עס באדארפ זײַנ בעסאָד, נישט ארויסווײַזנ עס פאר לײַט; דאָ איז איר ניט ניכע דאָס שלימאזל אירס, דאָס ארײַנקומענ זײַנס, זײַנ געשטאלט, אלצ מיטאנאנדער. מישטיינסגעזאָגט, וואָס דענקט וועגנ אים רעפאָעל? פע, ווי קומט דער, אירער, צו דעם! דאָ איז זי בייז אפ זיך אליינ: וואָס קער זי זיך אָנ אָט מיט דעם? לאָז ער זיך דענקענ וואָס ער וויל, אלציינס; דאָ פילט זי זיך באליידיקט פאר דעם מאנ, פאר וואָס זאָל יענער דענקענ פונ אים שלעכט, ער איז דאָכ פאָרט אירער. עס פארדריסט זי, צו וואָס האָט זי דאָ אים פארהאלטנ, א פרעמדנ מענטשנ. וואָס וויל זי, וואָס פארלאנגט זי? און דאָ פילט זי ווי עס ציט איר עפעס דאָס הארצ, עס ציט, ציט, — א שרעק! ס'איז אינוויי־

ניק אין איר א קאָכעניש, א פלאָנטעניש, זי מינעט זיך, די פארב שטייט איר אין פּאָנעם און זי איז וווּנדער-שיין, שענער נאָך ווי פריִער. רעפּאָעל פארשטייט איר לאגע, פילט, אז איצט וואָלט גלייך געוועג זי לאָזן צורו. ער רייסט זיך, רייסט זיך אוועקגיין, נאָר אום-זיסט — ער קאָן פון איר די אויגן נישט אָפּרייסן. ביידע שווייגן, זיצן ווי אף שפּילקעס. באלד אָבער קומט אָן לייבצע און נעמט אוועק רעפּאָעלן צו זיך אין כיידער שמועסן אייסעק.

קָרְבָּנוֹת.

אַ מַעֲשֶׂה

גֶעדְרוּקְט בְּהִשְׁתַּדְלוּת

מֶענְדֶעלֶי מוֹכֵר סְפָרִים.

סעפּאראט-אבדרוק אויס דעם „לעמבערגער יידישען פאלקסקאלענדער"
לשנת תרס״א.

דרוק פאן א. ה. זופּניק אין דראהאביטש. — פערלאג דעם „יידישען פאלקסקאלענדערס" אין לעמבערג.

Opfer.

Erzahlung von S. J. Abramowitz.

Druck von A. H. Župnik in Drohobycz.
Verlag des »Jüd Volkskalenders« in Lemberg.
1900.

קאָרבאָנעס[1]

(א מײַסע)

...אירע כאוורטעס בא לייווי באָכער אין שטוב האָבן זי גע-האלטן פאר זייער עלטסטע, געהאט פאר איר גרויס דערעכערעצ און זי נישט אנדערש גערופן ווי „די אָפּיצערקע".

א יי ד ל איז געווען איר נאָמען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

געשטאמט האָט זי פון עפּעס א שטעטל, ווײַט ערגעצ אין פוילן. די עלטערן אירע, אָפּגעקומענע באלעבאטים, זײַנען געווען פון שיינעם שטאנד, פון די פּאָרנעמסטע אין שטעטל. געלעבט האָבן זיי אָרעם, מיט בארעכענונג, זיך נישט צוגעלאָזט קיין ווילטיק, דאָך האָט זיי דאָס אָרעמקייַט נישט דערנידעריקט ווי אנדערע אָרעמעלייַט. אין דעם הויזגעזינד האָט געהערשט פרידן, ליבשאפט, א בראָכע פון גאָט, איינער דעם אנדערן איז גרייט געווען אוועקצו-געבן דעם לעצטן ביסן פונעם מויל, וואָס גאָט גיט, אבי איניינעם. מיט דעם האָבן זיי געמעגט פיל רייַכע לייַט מעקאנע זײַן: אזעל-כע, וואָס באָדן זיך אין מילך און פוטער, און האָבן בא זיך אין הויז א צעשטערט לעבן, איינער מיט דעם אנדערן קידער-ווידער.

די געליבטסטע באם גאנצן הויזגעזינד איז געווען איידל, די

---

1 געדרוקט צוערשט אין דעם לעמבערגער „יידישן פאָלקס-קאלענדאר" און דעם זעלבן יאָר (1900) דערשינען אלס א באזונדער בראָשור אין דראָהאָביטש (גאליציע).

עלטסטע טאָכטער. אַלע האָבנ זי געשעצט, אירס א וואָרט איז גע־ווענ בא איטלעכנ טייַער. אונ איידל האָט עס טאקע מיט רעכט פאַר־דינט, ס'איז געווענ וועמענ ליב צו האָבנ. שיינ איז זי געווענ, עפּעס טאַ־קע נאָר א בילד. דער ריבוינעשעלוילעם, דער גרויסער מייַסטער, א מאָלער איינער אינ דער וועלט, האָט גענומענ די פייַנסטע מאטע־ריאלנ פונ זייַנע אויצרעס: דאָס ווייַסקייַט פונ די ליליענ אפ באקנ, דאָס רויטקייַט פונ קאָראלנ אפ ליפּנ, דאָס בלויע פונעם הימל אפ אויגנ, דאָס שווארצקייַט פונ ראָבנ צו די האָר; צו דעמ האָט ער צוגעגעבנ דעמ זיבעטנ טאם, כיינ, ליבלעכקייַט אונ גוטסקייַט, אויס־געמישט דאָס אלצדינג אינײנעמ, געטאָנ א מאכ, אונ עס איז ארויס א בילד־שיינע איידל.

גוט איז זי געווענ — אָנ א גאל, א בעריע גאָר אנ אנטיק. פונ אי'ר בעריישקייַט האָט געזונגענ איטלעכס ווינקעלע אינ שטוב, מע האָט עס ארויסגעזענ אינ די שיינע פריש-שמעקנדיקע בלומענ־טעפּ־לעכ, אינ די געשטיקטע זילבער־קלאָרע פאָרהענגלעכ אפ די פענצטער, אויכ אינ דעמ מעש אונ קופערוואַרג, וואָז האָט געשייַנט, געפינקלט, פארנומענ די אויגנ. זי האָט געגייט, געשטיקט, געוואשנ, געטאָנ אלצדינג אינ דעמ באלעבאטישקייַט אונ פארהיט, די מאמע זאָל זיכ נישט קיינ שווערנ בייג געבנ. אויסער דעמ האָט זי נאָכ מיט איר נייענ אונ שטיקנ פאר אנדערע צו ביסלעכ פארדינט אויכ.

ויהי היום[1], האָט זיכ באזעצט אינ דעמ שטעטל א יונגערמאנ, א פייַנער, אָנשטענדיק, לייַטיש געקליידט, מיט דעמ נאָמענ ש מ ע ר ל. געהייסנ האָט עס, אז ער איז פונ גאנצ ווייַט אונ האָט מיט פריי־צימ דאָ ארומ געשעפטנ. יידנ פונעמ שטעטל, ליידיקגייער, וואָס גייענ ארומ גאנצע טעג שלינג-אינ-שלאנג אונ האָבנ נישט מער וואָס צו טאָנ, נאָר צו ריידנ, שמעקנ, טאפּנ אונ אָפּגעבנ זיכ מיט יענעמס גע־שעפטנ, האָבנ אינ דעמ דאָזיקנ פארשויִנ באקומענ א נייַ אייסעק אפ צו ריידנ, ארויסצוווייַזנ כאָכמעס אונ בויכ-סוואָרעס. יעדנ טאָג האָט מענ ארויסגעלאָזט וועגנ אימ אנדערע מינע פּאָטשטנ: שמערל איז א כאָשעוו אינ די הויכע פענצטער, שמערל פּארמאָגט קוירעכס אויצ־רעס, שמערל איז א מאכער בא די גרעסטע פּריצימ, שמערל איז

1 ווייַהי האיוימ.

ניט קיינ באווײַבטער! אונ אויב אזוי, באדארפ מענ דאָכ ניט שווײַגנ... שיינע־ייִדנ רוקנ זיכ צו אימ, אָפּשטעקנ א „שאָלעמ־אלייכעמ"; מעקאבלימ שטעלנ אויס די הענט, צו נעמענ בא אימ א נעדאָווע; שאדכאָנימ לויפנ ווי פארסאמט, אויסזוכנ פאר אימ א שידעכ. שמערל אָבער איז א באָכער, וואָס קוקט נישט אפ געלט, נאָר אפ שיינקײַט, אונ איידל געפעלט אימ בעסער ווי אלע מיידלעכ אינ שטאָט. די שאדכאָנימ נעמענ די פאָלעס פונ דער קאפאָטע אינ דער האנט, די פיס אפ די פלייצעס אונ לויפנ ווי מעשוגע צו איידלס עלטערנ אונ שיטנ זיי אָפּ מיט נײַנ מאָס רייד, לויבנ אינ טאָג ארײַנ אונ זאָגנ, אז עס איז גאָר נישטאָ קיינ בעסערער שידעכ פאר זייער טאָכטער ווי שמערל, ווי רעב שמערל, וואָס איז געלײַטזעליקט מיט אלע מײַלעס. סטײַטש שמערל, עפעס א קאטאָוועס רעב שמערל, עפעס זאָגט זיכ עס אזוי גרינג שמערל, רעב שמערל, אז מע זאָל אפילע אויסגיינ עק וועלט אונ זוכנ מיט ליכט, וועט מענ נישט געפינענ זײַנס גלײַכנ. די גאנצע מײַסע פונ אָנהייב ביז צומ סאָפ, וואָס שמערל איז דאָ אהער געקומענ אונ האלט זיכ דאָ אופ, איז עפעס נאָר טאקע מײַסע-ניסימ, עס ווײַזט באשײַמפערלעכ, אז עס איז טאקע נאָר א זיוועג מן השמים[1], פערציק טאָג איידער איידל איז געבוירנ געוואָרנ, האָט מענ דאָס שוינ אויבנ אינ הימל אויסגערופנ. זאָגנ דעמ ריבוינעשעלוילעמ דייעס אונ שטעלנ זיכ אקעגנ א זיוועג, איז א מיִעסע זאכ, וואָס פאסט נישט פאר א ייִד, אונ טײַנעס מיט קאשעס קאָנענ דאָ טאקע אויכ גאָר ניט העלפנ. מע מוז זיכ איבער דעמ אײַלנ, כאפנ די מעציִע מיט ביידע הענט, קעדיי אז אנדערער זאָל זי נישט דערווײַל, כאָלילע, אויסכאפנ...

דער טאטע איז בא זיכ אינ הארצנ גרייט. מעכעטייסע, אָכ, פארוואָס זשע ניט? נאָר מיטנ מויל מאכט ער: „אי!"... קלוימערשט וויל ער נאָכ האָבנ א ייִשעוו, גלאט אזוי פונ דערעכערעצ וועגנ. די מאמע ווידער, א ייִדענע ווי אלע ייִדענעס, וואָס האָבנ עפעס א ברענענדיקנ יעיצערהאָרע אפ כאסענע מאכנ קינדער, כאפט זיכ באלד אָנ אינ דעמ שידעכ מיט לײַב אונ לעבנ... אונ איידל איז צו מאזל א קאלע געוואָרנ!

1 מינ האשאָמאימ.

דער כאָסן האָט אפילע נישט פארלאנגט קיין נאדן, דאָך האָבן זיך די מעכוטאָנים מיסכייעוו געווען צו געבן דער טאָכטער א נאדן קעפּי זייער פארמעגלעכקייט און איר צו מאכן שאבעסדיקע און יאָנטעוודיקע מאלבושים גאנץ נעגידישלעך. גלאט אזוי פּאטערן דאָס עלטסטע געליבטע קינד, איז זיי נישט אָנגעשטאנען, לאָז דער מאן איר נישט האָבן אמאָל אויסצוווארפן: איך האָב דיך פון א שטאָל ארויסגענומען, פון דיין טאטנס הויז דעם עוויען, נאקעט און באָרוועס ביסטו געווען, איך האָב דיך ערשט באקליידט און געמאכט אויס דיר א מענטש לייטן גלייך.

באלד נאָך די טנאָים האָט דער כאָסן געיילט אָפּצושטעלן די כופּע ווי צום גיכסטן. זיינע געשעפטן פאָדערן עס אצינד, האָט ער דערקלערט, ער זאָל געשווינד אהיים קומען. און ווי שווער עס איז געווען די עלטערן דאָס שיידן זיך מיט זייער טיף אין הארץ איינגעבאקענער טאָכטער, ארויסצולאָזן דאָס שענסטע צירונג פונעם הויז, האָבן זיי עס דאָך פאר ליב אָנגענומען און זיך געטרייסט דערמיט, וואָס די טאָכטער זייערע איז באָרעכאשעם פארזאָרגט. זיי האָבן זיך אָנגעטאָן א קויעך מעסאלעק צו זיין דעם נאדן, איינגעפּאקט איר די גארדעראָבע און זי ארויסבאגלייט מיט טרערן אין די אויגן און מיט א ביטער הארץ.

דאָס הויז איז געוואָרן עפּעס וויסט, עס האָט אויסגעזען ווי א ליידיקע נעסט, וואָס די טויב איז ארויסגעפלויגן פון איר.

דאָס יונגע פּאָרפאָלק איז אוועקגעפאָרן און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גלופּסק. נישט ווייל מע האָט באדארפט דאָרט ארום צו פאָרן, נאָר ווייל די געשעפטן האָבן עס אזוי געפאָדערט, ווי שמערל האָט געזאָגט, אז זיי מוזן זיך אראָפּנעמען פונעם גלייכן וועג און זיך אָפּשטעלן אפּ א קורצער צייט אין גלופּסק. און אזוי ווי עס איז געווען דער האָניק־זיסער כוידעש נאָך דער כאסענע, האָט זיך שמערל געפלייסט, ווי א געטרייער ליבער מאן, צו מאכן דעם ווייב פארגעניגן און אויסגעזוכט אן אכסאניע דאפקע נישט אין דער מיט שטאָט, ווו עס קאָכט, רוישט שטענדיק, נאָר ערגעץ א ביסל אין דער זייט, ווו ס'איז רויק, שטיל, מע זעט א גרעזעלע, א ביימעלע און מע

הערט אמאָל אויך א קאָל פון א שפּיל־פייגעלע. ער האָט זיך נישט געקאַרגט און גענומען דאָרט דרײַ שיינע צימער, ווי אים שטייט אָן.

דער באַל־אכסאַניע, א ייִד מיט א בײַכל און מיט א געלער באָרד, האָט באַגעגנט שמערלען מיט א שיינעם „באָרעכאַבע", עפּעס ווי א גוטער אַלטער באַקאַנטער פון גאַנץ לאַנג. האַגאַם דאָס איז נישט אזא גרויסער באַווײַז, ווײַל איטלעכער ווייסט, אז די באַל־אכסאַניעס זײַנען צום גרעסטן טייל מיט שײַנענדיקע צורעס, מיט זיס־שמייכלענדיקע ליפּעלעך, קוועלן, פרייען זיך באַם ערשטן באַגעגעניש מיט די אָרכים, גלײַך ווי נאָענטע לײַבלעכע קרויווים וואָלטן צו זיי געקומען צו פאָרן. נאָר ווי די מײַסע איז, שמערל איז געווען א זייער אָנגעלייגטער גאַסט. דער באַל־אכסאַניע האָט, ארופלייגנדיק די האַנט אפן האַרצן און א שאָקל געבנדיק מיט דער געלער באָרד, פאַרזיכערט בא זײַן ייִדישקײַט, אז אַלצדינג, נישקאָשע, וועט זײַן אין אָרדענונג. און אז ער האָט געכאַפּט הינטערווײַלעכס א קוק אף דעם שיינעם ווײַבל דאָ און האָט זיך מאַמזעריש דערוווּסט אין דעם שמועס, אז דאָס איז שמערלס ווײַב, ערשט נאָך דער כאַסענע, האָט ער ביידע אָפּגעגעבן גאַנץ ייִדישלעך א „מאַזלטאָוו" מיט גנייוויש אייגעלעך, מאָנענדיק דערבײַ „לעקעך" מיט א שמייכעלע.

איידל האָט זיך נאָך דעם טאַראַראַם אין דער היים און אף דעם וועג גוט אויסגעשלאָפן און אויסגערוט אף דער אכסאַניע. קיינער האָט זי דאָרט נישט געשטערט. אַנדערע אָרכים האָט מען דאָרט גראָד דענסטמאָל קימאַט נישט געזען. ס'איז שאַ, שטיל, אַלצדינג אין דער צײַט ווי געהעריק — און איידל איז צופרידן!

אף דער אכסאַניע פלעגט אָפט אהין קומען עפּעס א ייִדל, א דירעוודיקס, א געשטופּלטס, דאָס רעכטע אויג זײַנס מיט א בעלמע, א ווײַס פינטעלע, שטאָק־בלינד, נאָר אָפן, נישט צוגעמאַכט. דאָס בלינדע אייגל איז אָבער קיינמאָל נישט געשטאַנען, עס האָט אין אַלצדינג נאָכגעטאָן דעם זעענדיקן, גלײַך ווי עס וואָלט אים געדינט פאַר אן איידעס. האָט זיך דאָס געזונטע אויג געוואָרפן, געקוקט בייז, האָט זיך דאָס בלינדע מיט דעם ווײַסן פינטעלע אויך געוואָרפן און אָנגענומען א בייזע מינע. האָט יענץ מאַמזעריש געווונקען, לײַכטנדיק פריילעך, איז דאָס בלינדע מיט דעם פינטעלע אויך נישט פויל געווען ארויסצווײַזן ווינקענדיק מאַמזעריש שטיקלעך, גלײַך ווי געראדט:

אָדאָם א מענטש, קאטשקע רוק זיך! — און דאָס האָט דעם פּאָנעם צוגעגעבן א ווילדן אויסדרוק, עפּעס כאַלאָשעסדיק, אז עס וואָלט פיל גלײַכער געווען אי פארן יידל אי פאר דער וועלט, ווען דאָס בלינדע אייגל זאָל אים געווען אויסרינען, פארקאפּט ווערן אינ־גאנצן...

איידל האָט דאָס יידל נישט געקאָנט לײַדן. ער איז איר גע־ווען נימעס בא איטלעכס מאָל קומען אין שטוב. נאָר איר מאן צו־ליב, וואָס האָט מיט אים געשעפטן און פארברענגט מיט אים גענוג צײַט, מערסטנטיילס ניט אין דער היים, האָט זי זיך געניט, אים יעדעס מאָל שיין אופצונעמען.

איינמאָל קומט שמערל אהיים צו לויפן ראפּטום גאָר אין איין אָטעם און דאָס יידל נאָך אים עפּעס ווי שטארק פארטראָגן. ער נעמט דאָס ווײַב אוועק אין א ווינקל און שושקעט איר דאָרט אין אויער ארײַן עפּעס גאנץ שטיל מיט א געבעט:

— איידעלע, נעשאָמעניו מײַנע! א געשעפט... עס טרעפט זיך מיר א געשעפט, א גוט געשעפט... איך האָב אָבער ווייניק געלט... עס פעלן מיר נאָך עטלעכע הונדערטער... וואָס טוט מען דאָ?.. דער ייד אָט־אָ וויל לײַען, ס'איז אָבער געווענדט א ביסל אין דיר... ער פארלאנגט, פארשטייסטו מיך, דעם ווײַבס אונטערשריפט, דײַן אונטערשריפט אפ דעם וועקסל... העלף, נעשאָמע מײַנע!.. גיכער, ניש־טאָ קיין צײַט, א מינוט א רענדל. נא, קעצעלע!..

און באלד טאקע אין דער הייסער רעגע ליגט שוין פאר איידלען א וועקסעלע, וועלכן זי שרײַבט אונטער, נישט צו ריידן א קרום וואָרט. פארקערט, עס טוט איר נאָך האנאָע אפ דעם קאָוועד, וואָס מע האָט איר דאָ אָפּגעגעבן און וואָס זי קאָן דעם מאן ברענ־גען א נוצן. עס הייסט אזויפיל ווי: עפּעס זײַנען מיר אויך, באַ־רעכאשעם, שטיקלעך מענטשן, אונדזער כסימע האָט אויך א ווערט, מיר מאכן אויך געשעפטן!..

דאָס יידל נעמט דעם וועקסל, גוט צוקוקנדיק זיך צו דער אונ־טערשריפט מיט דעם זעענדיקן אויג, יענץ מיט דעם פינטעלע טוט זיך א וואָרפּ און קוקט זיך קלוימערשט אויך צו. דאָס זעענדיקע אויג שײַנט, טוט מאמזעריש א ווונק, און דאָס בלינדע אויך. ער לייגט דערנאָך דאָס וועקסעלע גאנץ געלאסן צונויף, באהאלט עס גוט אין

טאַש באַ זיך, רוקט זיך באַלד טאַקע פֿון דער שטוב אַרויס און שמערל נאָך אים.

יענער טאָג איז געווען אַ גוטער זיסער טאָג פֿאַר איידל. זי האָט איבערגעקלערט אַלץ, וואָס עס איז מיט איר געשען אין דער לעצטער צײַט, די גרויסע ענדערונג, וואָס איז געקומען אין איר לעבן, און האָט אויפֿגעהויבן די הענט מיט אַ דאַנק צו זײַן ליבן נאָמען, וואָס ער האָט איר געגעבן אַזאַ טײַערן מאַן, אַזאַ גליק, וואָס איר איז געקומען אומגעריכט. פֿאַר גרויס שׂימחה האָט זי גענומען אַ פֿעדער און זיך געזעצט שרײַבן אַ בריוו צו די עלטערן. זי האָט זיך אָבער באַלד מיאש געווען און אָפּגעלייגט דאָס שרײַבן אַ שפּע־טער אַ ביסל, ווען זי וועט שוין קומען אַפֿן אָרט מיט איר מאַן בעשאָלעם און זיך אַרומקוקן, זען אַלצדינג דאָרט מיט אירע אויגן, דאָס גוטס און דאָס גרויסע גליק, וואָס זי האָט געטראָפֿן, דעמאָלט־מאָל וועט זי אַהיים שרײַבן איטלעכס פּיצעלע באַזונדער גאַנץ קלאָר, דערפֿרייען זיי מיט גוטע בשׂורעס פֿון איר גליק, דערצו וועט זי נאָך שיקן איטלעכן מתּנות: דעם טאַטן, דער מאַמען און דעם איבעריקן הויזגעזינד. און קעפּי עס זעט אויס פֿונעם הײַנטיקן גע־שעפֿטל, דאַכט זיך איר, אַז דער מאַן האָט שוין דאָ אָפּגעטאָן אַלצ־דינג, זיי וועלן שוין באַלד קאָנען אוועקפֿאָרן און זי וועט קומען אימירצעשעם אינגיכן אין איר רו אַרײַן...[1]

און ווי זי זיצט זיך דאָ אַזוי פֿול מיט פֿאַרגעניגן, אויסמאָלנדיק זיך אין די געדאַנקען אַ בילד פֿון איר גליקלעך לעבן שפּעטער אימיר־צעשעם, — קומט אַרײַן דער באַל־אַכסאַניע מיט אַ שײַנענדיק פּענעמל, קוקט זי אָן עפּעס מיט אַזאַ זיס, פֿריילעך מינעלע, גלײַך ווי ער וואָלט איר אַרײַנגעקוקט אין האַרצן, געפֿילט וואָס אינווייניק דאָרט גייט פֿאָר און קוועלט גאָר אָן פֿון איר גרויס גליק.

— איר זײַט דאָ גאָר אַליין, האַ? — זאָגט ער מיט אַ מאַמזע־

---

1. דער פֿאָלגנדיקער טעקסט ביזן אינטערוואַל (אויף דער ז. 240) איז צוגעגעבן פֿון מענדעלעס מאַנוסקריפּט (דאָ באַ אונדז צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט). די דאָ־זיקע צוגאָבן האָט מענדעלע אַרײַנגעטראָגן פֿאַר דער רוסישער איבערזעצונג, וואָס עס האָט געזאָלט מאַכן א. ל. בינשטאָק.

ריש שמייכלע, אופשטעלנדיק איר אנטקעגנ די האנט, מיט דעם שפּיצ גראָבנ פינגער רײַבנדיק די פיר אנדערע שפּיצ פינגער, עפּעס ווי אָנצוהערעניש געבנדיק דערמיט.

— וואָס איז? — טוט איידל א פרעג, שארפ אָנקוקנדיק אים ווי פארווונדערט.

— גאָרנישט! איר פארשטייט נישט, וואָס איך וויל? — מאכט ער שמייכלענדיק עפּעס אזוי צוגעלאָזט צו איר. — איך וויל? וואָס איטלעכער, פארשטייט איר מיך, וואָס איטלעכער באל־אכסאַניע וויל — געלט!

— איר וועט מוּיכל זײַנ ווארטנ, — זאָגט איידל שוינ מיט א גרינג געמיט, — וויבאלד מײַנ מאנ קומט, וועט ער אײַך געבנ. זײַט רויִק!

— אָ־וואַ, אָ־וואַ! איך באדארפ באלד, די רעגע טאקע אַז עטלעכע טעג ערגעצ פאָרנ אונ געניײטיק מיך גראָד, פארשטייט איר מיך, איג... איג, — שטאמלט ער, ווײַטער א שטרעק־אויס די האנט אונ ווײַטער א רײַב מיט די שפּיצ פינגער, — גאנצ מעגלעך, אז צוריקקומענדיק וועל איך אײַך שוינ דאָ נישט טרעפנ. איר וועט שוינ זײַנ מיט גאָטס הילפ אפנ אָרט. מע קוקט שוינ אוואדע אפ אײַך שטארק ארויס. אָ־וואַ, כ'לעבנ! ווייסט איר וואָס? נעמט דערווײַל אונ שרײַבט מיר כאָטש אונטער אָט דעם כעזשבנ. לאָז כאָטש זײַנ גרייט דאָס צעטל, זיכ צערעכנט פאר מײַנ פאָרנ. זײַט מיר געזונט, קומט בעשאָלעם אפ אײַער נײַ אָרט אונ לאָזט גריסנ גאָר פרײַנטלעכ אײַער ליבהארציקנ רעב שמערלען! וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר, וואָס דאָס איז פאר א רעב שמערל!.. נישטאָ אזא רעב שמערל, גייט זוכט אזעלכנ מיט ליכט, נישטאָ, נישטאָ! איר וועט ערשט שפּעטער אָנהייבנ צו דערפילנ, וואָס הייסט אזוינס רעב שמערל!

איידל, עס פארשטייט זיכ, שרײַבט גערנ אונטער דעם כעזשבנ, נישט איבערצוקוקנ אים פריִער אפילע, געזעגנט זיכ זייער פײַנ מיט דעם באלעבאָס, שטארק צופרידנ מיט אים, וואָס ער האָט דאָ אזוי אָפּגעלויבט אינ טאָג ארײַנ איר מאנ. פאר גרויס פרייד פארזיכערט זי אים, אז דאָס געלט וועט טייקעפּ געצאָלט ווערנ דאָ אונ נאָכ מיט א שיינער מאטאָנע.

זי איז איבערגליקלעכ.

באנאכט איז שמערל אהיימ געקומענ לוסטיק, דאָס פּאָנעמ פאר־פלאמט. ער האָט ארומגעכאפּט דאָס ווײַב אונ אָנגעהויבנ צו פלאָנטענ מיט דער צונג עפּעס האלבע ווערטער, ווי א שיקער:

— געעקט !.. באשפריצט מיט מאשקע אונ יעלה ויצמח [1], ברעכ טעפּ !.. ס'וועט אופגייִנ ווי אינ א גאָרטנ... ס'וועט שפּראָצ...צנ !..

— וואָס רעדסטו אזוינס ? וואָס איז דאָס פאר א לאָשנ ? — רופט זיכ אָנ איידל שטארק פארוווּנדערט, אויסרײַסנדיק זיכ פונעמ מאנס הענט.

— אײַ-אײַ-אײַ, שמייִליק !.. זעט נאָר די כסידעסטע דאָ !.. קוק מיִכ אָנ, ריר מיכ נישט אָנ !.. נישט צופרידנ ? נו, איז „אינה מקודשת" [2], געסמאהע דיר פארפול !.. יבנה המקדש !.. [3] פארשטייסט וואָס דאָס איז טײַטש אפּ יעוואָניש, הא ? — טוט שמערל א זאָג אָנ־געצונדנ, אָנקוקנדיק דאָס ווײַב בייז אונ לאָזט אויס מיט א פּײַפ.

— נו, גענוג, גענוג, גיי שוינ, גיי בעסער שלאָפנ ! — נעמט איידל אײַנ דעמ מאנ מיט גוטע רייד, אראָפּשלינגענדיק זײַנע מיִעסע ווערטער.

ער לאָזט זיכ אײַנריידנ אונ זי נעמט אימ אונטערנ אָרעמ, לייגט אימ ארײַנ אינ בעט, אָנזאָגנדיק אימ, ער זאָל שלאָפנ.

א גאנצע נאכט איז דערנאָכ איידל געלעגנ בא זיכ אפּ איר געלעגער אונ האָט נישט געקאָנט אנ אויג צומאכנ. דעמ מאנס אופּ־רונג הײַנט האָט איר געשלאָגנ צומ הארצנ. עפּעס אזוי גראָב ! אזעל־כע מעשונעדיקע ווערטער האָט זי נאָכ קיינמאָל נישט געהערט. דער קאָפּ האָט זיכ איר געשפּאָלטנ טראכטנדיק אונ איבערטראכטנדיק: ווייס איכ ווו ער איז געוועננ ? מיט וועמענ ער איז זיכ דאָרט צונויפגע־קומענ ? א מאנצבל, א קאשע אפּ א מאנצבל !.. פאר גרויס פארדרוס זײַנענ איר די אויגנ פארלאָפנ מיט טרערנ. „נייִן, ניינ, ווײַטער וועט עס שוינ בא מיר נישט אזוי זײַנ ! פונ הײַנט אָנ וועל איכ שוינ קליגער ווערנ. מע באדארפ אימ האלטנ אינ די הענט... אָנ מיר — קיינ טריט; אָנ מיר — נישט אפּ א האָר !.. א ווײַב באדארפ אלצדינג וויסנ !"... אזוי האָט זיכ איידל געגעבנ דאָס וואָרט, ווי זיכ אופּצו-

———

1 יאאלע וועיִצמאכ.
2 „איינאָ מעקודעשעס".
3 יִבאָנע האמיקדאָש.

פירן מיט דעם מאַן אַפ ווײַטער, נעמען אים אין די הענט אַרײַן, צוליב זייער ביידנס טויווע וועגן טאַקע. דאָס האָט זי אַ ביסל באַרויִקט, און זי איז לעסאָפּ אַנשלאָפֿן געוואָרן.

אופגעשטאַנען אַפ מאָרגן איז איידל שפּעטלעך און איז נאָך געבליבן ליגן אַפ איר געלעגער, טראַכטנדיק בא זיך, געמאַכט אַ פּלאַן, ווי אַזוי מע נעמט עפּעס דעם מאַן אין די הענט אַרײַן, ער זאָל פאַר איר מוירע באַקומען. דאָס איינציקע מיטל, וואָס זי געפינט צו דעם, איז ברוגעז ווערן. ברוגעז זײַן איז בא ווײַבער איבערהויפּט דאָס בעסטע מיטל אַקעגן די מאַנען, בעשאַס עפּעס נאָר אַ מילכאָמע, באַזונדערס אין דער ערשטער צײַט נאָך דער כאַסענע. דער שטאַרקסטער מאַן אַפילע קאָן זיך נישט האַלטן פעסט קעגן אַן אָנגעברוגעזט ווײַב מער ווי עטלעכע טעג. דערנאָך מוז ער בעכאַרפּע אויבעבושע אַנידערלייגן דאָס געווער און בעטן ראַכמים, ווערן אַ שטיל שעפּעלע, — ביז צום צווייטן ברוגעז.

איידל האָט זיך צוגעגרייט אָנצוהייבן איר אַרבעט נאָך אין דעם זעלבן טאָג. זי האָט אָנגענומען, ווי אַפ אַ פּראָבע, אַ בייזע מינע, געמאַכט זיך ברוגעזדיק, פאַרקרימט די נאָז, אָנגעלאָדן, גרייט צו דער מילכאָמע און געוואַרט, קוים זאָל זיך נאָר דער מאַן ווײַזן מיט אַ „גוט־מאָרגן" — וועט זי דעם ברוגעז באַלד אויסשיסן. אומזיסט אָבער איר וואַרטן, ער ווײַזט זיך נישט. עס הייבט זי שוין אָן טאַקע גוט צו פאַרדריסן, עס קאָכט אין איר ווי אין אַ קעסל. זי ווייסט שוין נישט, וואָס זי זאָל טאָן. ליגן און וואַרטן קאָן זי נישט מער, ווײַל ביז ווי לאַנג קאָן זי דען אַזוי ליגן? איין ברייִרע, מע מוז אופשטיין. נאָר אַרײַן צו אים דאָרט אין דעם צווייטן כיידער — דאָס נישט, אַפ קיין פאַל נישט! אַזוי דרייט זי זיך אַרום אין צימער נאָך נישט רעכט אָנגעטאָן; זי פאַרטיפט זיך אין אירע געדאַנקען, טראַכט, איז ברוגעז, פלאַם־פײַער; דערווײַל הערט זי זיך טאַקע צו מיט איין אויער צו יענעם צימער. דאָרט איז שטיל. זי ווערט ציקאַווע און עפנט פּאַמעלעכן אַ ביסל די טיר. קיין שאָרך! זי האַלט עס מער נישט אויס און עפנט שוין מיטאַמאָל די גאַנצע טיר, טוט אַ קוק אַרײַן — ער איז נישטאָ!.. ס'איז אַ צעפּוקעניש, אַ שרעק צו האַלטן אַ פאַרדרוס אין זיך, נישט אויסצוגיסן. זי טראַכט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ: „אָ, אַן עק, דאָס לעצטע מאָל וועט עס אים בא מיר זײַן!

ער גייט זיך אהינ ערגעצ צו זײַנע דאָרט, פארברענגט זיך די צײַט מיט ווייס איך וועמענ, אונ ארנ זאָל עס אימ אָנהייבנ א ווײַב... א לאָשנ א ביסל נעכטנ באנאכט אקעגנ א ווײַב! הא, זאָל איך עס שווײַגנ? ניינ!.. הא — וואָס איז מיט מיר עפּעס אזוינס? ווי קומט צו מיר אזעלכע מיִעסע געדאנקענ, אזוינס גאָר צו טראכטנ? עפּעס איז ער אהער געקומענ זיך דאָ שפּילנ, אזא מענטש מיט געשעפטנ? אוי, דאָס הארצ, מײַנ הארצ!.. לאָמיך זיך נאָר אָנטאָנ"...

זי טוט א קוק אונטער דעמ פּאראוואנ אינ דעמ צימער אונ גיט זיך א וואָרפ צוריק טויט, אָנ א נעשאָמע...

— וואָס איז, מאדאמ? נישטאָ אפּ אײַך, ווי איז מיר, עפּעס נישטאָ דאָך קיינ פּאָנעמ! — טוט דאָס דינסטמיידל פונ דער אכסאניע א פרעג, ארײַנקומענדיק צו איידלענ אינ שטוב מיטנ בעזעמ אינ דער האנט.

— זאכנ!.. ווו די זאכנ, מײַנע זאכנ? — שרײַט איידל נישט מיט איר קאָל, אונ עס ציטערנ איר אלע גלידער.

— אהא, די זאכנ? — מאכט דאָס מיידל אפּ א מינ זינגענדיק לאָשנ מיט א געלעכטערל, ציִענדיק די ווערטער. — מער קיינ צאָרעס נישט!.. שא, נישקאָשע, הי־הי־הי, נאָך גאנצפרי, כלחוך השור [1], איידער די ציג אונדזערע איז ארויס מיט דער סטאדע אינ פעלד ארײַנ, האָט אײַער מאנ אוועקגעפירט די זאכנ, שא, נישקאָשע, אונ מיר געזאָגט, הי־הי־הי, האָט ער מיר געזאָגט אײַער מאנ...

— נו, גיכער, גיכער, זאָג שוינ!.. — טרײַבט איידל דאָס דינסטמיידל. — וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— וואָס געזאָגט? — מאכט דאָס מיידל א ביסל לעקישעוואטע, אונ צוויי שורעס ווײַסע ציינ אנטפּלעקנ זיך בא איר אינ מויל. — ווארט נאָר אויס, לאָמיך זיך כאָטש דערמאָנענ, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, ער... הא, יאָ, טאקע אזוי: אינ א שאָ ארומ, האָט ער געזאָגט, הי־הי־הי, וועט ער קומענ אונ וועט אײַך נעמענ דאָרט אהינ.

— ווו אהינ?

— וואָס הייסט ווו אהינ? — וווּנדערט זיך דאָס מיידל, ציִענדיק מיט די אקסלענ. — אהינ איז אהינ. מיסטאמע ווייסט איר דאָך, ווו דאָס איז אהינ...

---

1 קילכויך האשויר.

— ווי שפּעט איז שוינ אצינד? — פרעגט איידל אופגערעגט.

— ווי שפּעט עס איז אצינד, ווילט איר וויסנ? — ענטפערט דאָס מיידל, פּאַרקרימענדיק דערבײַ דאָס פּאָנעם מיט כיינ. — ס'איז שוינ לאַנג האַלבער טאָג; צײַט, הי־הי־הי, צו עסנ שוינ דאָס אַנדערע מאָל. הונדערט מאָל אוואַדע בינ איך געקומענ געוואָר ווערנ צו אײַך, אונ איר, אָנ אײַנאָרע, האָט געשמאַק געשלאָפנ, ווי נאָך אַ באָד. הי־הי... וואָס זײַט איר עפּעס אַזוי בלייך? אוי, זאָל איך עפּשער גייג אײַך ברענגענ אָנצובײַסנ?

— ניינ, ניינ! — ענטפערט איידל, אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, געגרנ געווענ אַרויסצופּאַטערנ דאָס דינסטמיידל אונ בלײַבנ אַליינ.

דעם גאַנצנ טאָג האָט איידל צוגעבראַכט אינ צאָרעס אונ אָפּגעגעבנ זיך אַ רעכענונג פונ אַלצדינג, וואָס מיט איר איז געשענ. די גאַנצע מײַסע מיט שמערלענ הייבט זי אָנ גוט צו באַטראַכטנ, צעגלידערנ אינ די געדאַנקענ, אונ עס קומט איר אויס מעשונע־ווילד, דער אָנהייב פונ דער מײַסע נאָך ווילדער ווי דער סאָפּ...

פלוצים קומט, ווי פונעם הימל אַראָפּגעפאַלנ, עפּעס אַ שמערל. וועָר שמערל, וואָס שמערל, פונוואַנענ שמערל? דאָס ווייסט קיינער נישט! גלאַט אַזוי אַ שמערל, אַ מאַנצבל, אַ יונגערמאַנ, אונ גענוג... ס'איז אַ כאַסענע, עס שפּילנ קלעזמער, מע טאַנצט אונ מע שפּרינגט, אַ סימכע, אַ פרייד... זי, אַ ייִדישע טאָכטער, גייט אונטער דער כופּע, ווײַל זי איז זיך סוימעכ אָפּ די עלטערנ, מיסטאַמע ווייסנ זיי דאָך וואָס זיי טוענ, מיט וועמענ זיי מאַכנ איר כאַסענע. די עלטערנ אירע ווידער האָבנ זיך סוימעכ געווענ אָפּ די שאַדכאָנים, גאַנצ ערלעכע ייִדנ, וואָס קאָנענ נישט זאָגנ קיינ ליגנ, כאָלילע, אונ די שאַדכאָנים זײַנענ זיך סוימעכ אָפּ דעם, וואָס זיי האָבנ געהערט פונעם אוילעם; ס'איז אַ קלאַנג אינ שטאָט, אונ אַז עס קלינגט איז דאָך מיסטאַמע עמעס, טוירעס־לאָקשנ!

אצינד ערשט עפענענ זיך איר די אויגנ, אונ זי זעט, ווי שענדלעך דאָס איז, זיך צו פאַרבינדנ מיט אַ מענטש איידער מע קענ אים פריִער גוט, ווער ער איז אונ וואָס ער איז. אצינד ערשט גיט זי זיך אַ כאַפּ: גוואַלד, ווי נאַריש מיר ייִדנ זײַנענ, וואָס לאָזנ זיך

אייַנריידנ, פארבלענדנ אינ שידוכימ פונ יענע ליגנערס, וואָס באדינענ זיכ מיט דעמ ווערטל „זיווג מנ השמימ"[1], ווייַל עס טויג זיי צו דער פּארנאָסע. אפּ אלצדינג בא א שידעכ האָבנ זיי נאָר דאָס איינע ווערטל, די איינע טשוועע אפ אלע טייַנעס. פארקערט, יענע אלע טייַנעס, אשטייגער: עס געשיקט זיכ נישט דאָס, ס'איז עפּעס נישט רעכט יענצ, א ביסל קרומ, א ביסל א מומ; אָט דאָס טאקע גופע דינט ערשט פאר א באווייַז, אז ס'איז פונעמ אייבערשטנ און מע טאָר גאָר ניט איבערדענקענ, נאָכקלערנ וועגנ דעמ. נאראָנימ גלייבנ און עס פאלט זיי גאָר ניט אייַנ צו פרעגנ: וויאזוי ווייסנ עס אָט די יענע ליגנערס, וואָס גאָט וויל? האָט ער עס עפּשער זיי דערציילט? און אויב יאָ אזוי, ווי די דאָזיקע ליגנערס זאָגנ, אז זיי זייַנענ שליכימ פונ גאָט, וואָלטנ דאָכ אלע שידוכימ, וואָס ווערנ דורכ זיי אויסגעפירט, באדארפט האָבנ א האפט, א קיומ אפ אייביק, הייַנט פארוואָס זעענ מיר אזויפיל אומגליקלעכע פּאָרפאָלקנ, אזויפיל געוויינ און טרערנ, סינע און קריג, גרושעס און אגונעס צווישנ אונדזערע יידנ??!...

אוי, ס'איז א שווינדל! די גאנצע זאכ מיט די זיווגימ איז נישט מער ווי נארישקייַט און באטריגערייַ. דאָס זעט זי שוינ בא זיכ אליינ. ווו איז אָבער פריער געוועננ איר סייכל, ווו איז געוועננ דער סייכל פונ די עלטערנ? ריבוינעשעלוילעמ, מענטשנ אכוצ וואָס זיי זייַנענ זכאָרימ און נעקייווס, זייַנענ זיי דאָכ עפּעס דערצו אויכ מענטשנ מיט א נעשאָמע, מיט מענטשלעכקייַט, מיט געפילנ — און עס באדארפ דאָכ בא זיי אנדערש זייַנ ווי בא בעהיימעס!.. צוליב כאפּעניש און אייַלעניש אָנ בארעכענונג איז זי מיעס אריינגעפאלנ גאָט ווייסט וועמענ אינ די הענט אריינ, און איז אצינד אינ א גרויסער צאָרע. זי איז נאקעט, בלויז, נאָר אינ איינ סיצנ קליידל אפ איר לייַב, אָנ א גראָשנ אינ קעשענע און עלנט ווי א שטיינ אינ דער פרעמד. וואָס וועט איר סאָפ זייַנ דאָ און דער סאָפ פונ אירע עלטערנ דאָרט, אז זיי וועלנ באקומענ די בסורע וועגנ זייער אומגליקלעכער טאָכטער? אזא אומגליק, אזא שאנדע! ס'איז א בושע אינ פּאָנעמ און א ווייטעק אינ הארצ!

---

1 זיווג מינ השאָמאימ.

דאכט זיך, גענוג ביטער, גענוג פינצטער, און פּלוצים — גיי טרעף א מענטשנס הארץ! — גיט איר א שײַן א שטיקל האָפענונג: „ניין, אומעגלעך! לאָמיך נישט זינדיקן מיט די רייד, אומזיסט אים כוישעד זײַן, עס קאָן זיך אויסלאָזן גאָרנישט... מע באדארף ווארטן, האָבן געדולד, לאָז דערוויַיל זײַן שא!.. גוט וואָס דער באלעבאָס פון דער אכסאניע איז גראָד אצינד אוועקגעפאָרן אף א פּאָר טעג. לאָז ער נישט וויסן. לאָז דערווײַל זײַן שא!"...

זי שטעלט זיך קוקן אין פענצטער, זי קוקט און נעמט זיך די אויגן ארויס קוקנדיק. — נישטאָ!

אזוי איז איר פארגאנגען דער טאָג אין לייד, אין אנגסטן, אין טרערן, נישט צו נעמען אין מויל ארײַן עפּעס עסן. באנאכט איז זי אנידערגעפאלן אף איר געלעגער ווי א דערהארגעטע.

אף מאָרגן פרי קומט ארײַן דאָס יידל מיט דעם בלינדן אייגל. איידל ווערט עפעס ווי לעבעדיק, דערזעענדיק פאר זיך א באקאנטן מענטש, האגאמ ער איז פריִער נישט געווען בא איר אזא כאָשעוו, און טוט זיך א לאָז אים אנטקעגן.

— אוי, א זייער אָנגעלייגטער גאסט, כ'לעבן! ווען איך זאָל געווען וויסן, ווו איר ווױנט, וואָלט איך נאָך נעכטן געקומען צו אײַך אהיים... איר האָט געהערט?.. זאָגט, עפּשער ווייסט איר עפּעס.. עפּשער ווייסט איר, ווו ער איז? — טוט איידל א פרעג, ווערגנדיק זיך מיט טרערן און נעמט נישט פונעם יידל קיין אויג אראָפּ.

— איך האָב געהערט! ער זאָל אזוי וויסן פון זײַן לעבן צו זאָגן, דער מאמזער, דער גאזלען, ווי איך ווייס פון זײַן געביין. גענוג געלט, גענוג צײַט קאָסט מיך אָט דער קאָלבויניק. פייגערן זאָל ער, ווו ער איז, קיין גוטס זאָל אים נישט זײַן, אזוי לאנג ווי ער וועט לעבן, פאר מײַן געלט. אײַ, איך זאָל וויסן, ווו ער איז ערגעץ, הע־הע־הע! וואָלט אים שוין, נישקאָשע, א רועך אין זײַן טאטנס טאטן ארײַן! — רופט זיך אָן דאָס יידל שטארק בייז, מאכנדיק דער־בײַ מיט דעם גראָבן פינגער אהין און אהער.

— אוי, אומגליקלעך, אזוי אומגליקלעך!.. איך בין געקוילעט, געבליבן אזוי ווי איר קוקט מיך דאָ אָן! איך האָב נישט מער אין

מײַנ פארמעגנ װי דאָס אײנציקע קלײדל, װאָס אפ מיר. װאָס קאָנ איך אצינד טאָנ, װוּ זאָל איך אצינד גײנ? — װײנט אײדל אונ באַדעקט זיך דאָס פּאָנעם מיט בײדע הענט.

קײנ טשװוּע.

אײדל כליפּעט, אונ דאָס ייִדל באטראכט זי שװײַגנדיק, מעסט זי אױס מיט דעם געזונטנ אױג פונ קאָפּ ביז פיס, אונ יענצ מיט דעם װײַסנ פּינטעלע ארבעט אױך, װארפנדיק זיך בלינדערהײט ארופּ אונ אראָפּ.

— װײנט נישט, איך בעט אײַך, א שאָד אײַערע אױגנ, װי איך בינ א ייִד! — טאָרעט זי פּלוצימ דאָס ייִדל באמ אקסל, מאכנ־דיק עפּעס מיט א קאָל פונ געבעט, גלײַך װי עס רײַסט אימ שטארק דאָס הארצ. — נו, גענוג! האָט ראכמאָנעס אפ אײַערע יונגע יאָר אונ הערט אופ צו װײנענ!.. לאָמיר זיך נישט נארנ אונ באטראכטנ די זאכ געלאסנ, אזױ װי זי איז. אינעמעסנ האָט איר דאָך דאָ גאָר נישט פארלױרנ. אדעראבע, אינ דער ערד ארײַנ מיט אזא קעלעװ שעביקלאָװימ! איר מעגט נאָך אופהײבנ די הענט צו זײַנ ליבנ נאָמענ אונ מאכנ א בראָכע „באָרעך שעפּאָטראני!”... אונ װאָס איז אזױנס דאָ, איך בעט אײַך, דאָס װײנענ? איר זײַט דאָך צװישנ ייִדנ, נישט ערגעצ אינ א װאלד צװישנ גאזלאָנימ אָדער אינ א מידבער צװישנ כײַעס־ראָעס, כאָלילע!

— אײַ, ס'איז דאָך אָבער שלעכט, אצינד איז מיר זײער בי־טער! — קלאָגט זיך אײדל װי פאר אנ אײגענעמ. — נישטאָ צום לעבנ קײנ גראָשנ אינ קעשענע, אונ איך בינ נאָך שולדיק אנדערע. ער איז אװעק, אונ האָט מיך דאָ איבערגעלאָזט פאר א מאשקנ. אפ דער אכסאניע קומט, מע האָט שױנ ארײַנגעשיקט צו מיר מאָנענ, הײַנט קומט דאָך אײַך אױך, איר האָט דאָך אפ מיר א װעקסל...

— נו, װאָס איז, אז עס קומט? זאָלט איר זיך צערײַסנ, זיך נעמענ אזױ צום הארצנ אונ כאָלילעװעכאס[1] מיר נישט, דיר נישט? גאנצ סײכלדיק, כ'לעבנ! אדעראבע, װעגנ דעם טאמ אלײנ טאקע, װאָס איר זײַט שולדיק אנדערע, ליגט אפ אײַך א כיִעװ קעגנ זיך

---

1 דאָ זײַנענ, װײַזט אױס, דורכגעלאָזנ די װערטער: „שטארבנ אָדער זיך, סאָנע־ציִענ, א מײַסע אָנטאָנ”. פארגלײַך אױבנ, ז. 41, שורע 1 (אונטנ).

אלײן, איר זאָלט אָפּהיטן אײַער געזונט, טײַער האלטן אײַערע שײנע אויגן און אײַער לײַב, איר זאָלט קאָנען, פארשטײט איר מיך, אר־בעטן און פארדינען אפּ פּארנאָסע, און דערנאָך זיך ארומצאָלן מיט אײַערע באַלכויוועס. עס האָט זיך שוין בא ייִדן אזעלכע זאכן גע־טראָפן!.. איך פון מײַן זײַט, אָבֿ, בין גרײט צו ווארטן. נו, וואָס זשע איז דאָ פאר אזא אומגליק? אײַ, די מוירע, וואָס איר בלײַבט אן אגונע? עט!.. טאקע נאָכאמאָל עט, נארישקײַטן, כ'לעבן! מיר וועלן שוין מיט דעם אײבערשטנס הילף אפ דעם אויך געפינען א טאכבולע, נישקאָשע!..

אײדל בלײַבט שטײן זײער גערירט פון אזעלכע גוטע טרײסט־ווערטער און ווײסט נישט רעכט ווי צו דאנקען דעם ייִדל פאר זײַן גוטסקײַט, וואָס ער שטײט איר בײַ אין דער נויט.

— אָט ווײסט איר וואָס, — ווענדט זיך דאָס ייִדל צו אײדלען גאָר פרײַנטלעך, — קומט, זײַט מוחל, דערווײַל צו מיר אהײם אפּ קווארטיר. בא מײַן ווײַב וועט עס שטארק אָנגעלײגט זײַן, ווי איך בין א ייִד! איך זאָל אזוי לעבן, ווי איר וועט דערמיט מײַן ווײַב מאכן א פארגעניגן. זי איז זײער א גוט מענטש, איטלעכער איז איר ליב. לאָזט זיך נישט, כ'לעבן, לאנג בעטן, פארדינען וועט איר, איך וועל שוין אימירצעשעם טראכטן, אז איר זאָלט פארדינען. עט, גאָרנישט, מיר וועלן זיך נאָך אָפּרעכענען, אבי געזונט... אָט גײ איך באצאָלן פאר אײַך אפּ דער אכסאניע.

„א ייִדישע נעשאָמע קאָן מען טאקע ניט שאצן! — טראכט זיך אײדל נאָך דעם ווי דאָס ייִדל איז ארויסגעגאנגען. — אפּן אָנבליק איז ער, דאכט זיך, עפּעס נישט אזוי, און וואָט פאר א גוט הארץ ער האָט! א ייִד בלײַבט טאקע א ייִד. ווי מיִעס ער מעג זיך זײַן פון דרויסן, אזוי שײן, אזוי רײן איז ער אינוועײניק. גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאר די זינד, איך האָב עס פריִער אין אים גאָר נישט ארויסגעזען און האָב אים נישט געקאָנט לײַדן"...

בעשאס אײדל טראכט דאָ אזוי און האָט שטארק כאראָטע דע־רופּ, וואָס זי האָט אין הארצן אומזיסט-אומנישט פײַנט געהאט אזא קאָשערע נעשאָמע, קומט דאָס ייִדל ארײַן צוריק, נעמט אײדלען ארויס פון דער אכסאניע און פירט זי צו זיך אהײם — צו זײַן ווײַב ש ײ נ צ ע.

שײנצע איז א באַלײַבטע, א בײַכיקע, א דיקע, קורץ־געוואקסענע ייִדענע, שוין א באטאָגטע, אין די עלטערע יאָרן. דאָס פּאָנעם אונטן צו מעגושעם ברייט פון די פעטע אראָפּהענגענדיקע פּאָר באקן מיט געלע פלאמעס, צווישן וועלכע עס שלענגלען זיך רויטע דינע עדערלעך; אויבן־צו איז עס צוגעשפּיצט מיט א קליין שמאָל שטערנדל, אונטער וועלכן עס זיצן פּארטיפּט צוויי גרויע קליינע פײַכטע אייגעלעך מיט א גלאנץ עפּעס ווי פון גלאָז. די גאנצע געשטאלט פון איר גוף איבערהויפּט, אָט אזוי ווי ער גייט פון אונטן ברייט און דערנאָך שמעלער, שמעלער ביז ארויף, זעט אויס גאָר טאקע עפּעס ווי א היטל צוקער. דער מאלעך דאָרט האָט זיך בא איר געבוירן ווערן, אפּאָנעם, געפּלײַסט, ווי א בעריע א מעשאָרעס, אײַנגעפּאקט איר נעשאָמעלע און ארויסגעלאָזט אף דער וועלט אזא סכוירע אין א שקארמיץ... אף דער וועלט האָט די דאָזיקע סכוירע געהאט א גאנג און שטארק געגאָלטן אונטער דעם נאָמען „די מומע שײנצע".

אין דער יוגנט איז שײנצע געווען דאָס, וואָס מע טאָר נישט זאָגן... מוידווײַז האָט זי זיך אופּגעהאלטן אין איינעם פון יענע הײַזער, וואָס מע טאָר אויך נישט זאָגן, — און נישקאָשע געלעבט. נאָר פּלוצים, שוין א ביסל אין די יאָרן, נעמט זי און האָט כאסענע, שטעלט זיך פאר א. ווײַב בא לייווי באָכער...

שײנצע איז דאָס מאזל געגאנגען, זי עפּנט א הײַזל און איז מיט דער צײַט געוואָרן א באלעבאָסטע מיט א געשעפּט אליין פאר זיך. שײנצע האָט שטארק אָפּגעהיט דאָס ייִדישקײַט, איז געוואָרנט געווען אין די ווײַבערשע מיצוועס, געגאנגען שאבעס אין שול ארײַן מיט א גרויסן גראָבן „קאָרבן־מינכע" און געוויינט בא די טכינעס, געגאָסן טײַכן טרערן. אפן קאָפּ האָט זי געטראָגן א זײַדן טיכל, נישט קיין היטעלע, כאָלילע, טאקע גוט, גוט אראָפּגערוקט, עס זאָל איר קיין האָר ניט ארויסקוקן. אָט דאָס טיכעלע איז בא איר געווען גאָר קיין קאטאָוועס, איר גאנצער שטאָלץ; דאָס טיכעלע האָט דאָך פארדעקט די כארפּע און געוויזן דער וועלט, אז זי איז א ווײַבל. צו איר גליק איז איר נישט מער אָפּגעגאנגען ווי קינדער. נאָר קינדער אָבער האָט זי נישט געהאט, און דאָס האָט איר פארומערט דאָס לעבן. „גיי פרעג גאָט א קאשע", איז דער שטייגער אירער געווען זיך צו קלאָגן, טאפּנדיק זיך באם קאָפּ. „שוין א צר־

געדעקטער קאָפּ, באַרעכאשעם, שוין מיט א טיכל, און פּאַרט גאָר־ניִשט, אלץ טאקע וואָס פריִער. מיסטאמע איז אזוי רעכט!״..

שיינצע און לייווי זײַנען געווען א גלײַך פּאָרפאָלק, טאקע „א זיווג מן השמים״[1]. ביידע האָבן געארבעט אין דער פּארנאָסע, ארויסווײַזנדיק זייער בעריעשאפט, איטלעכער נאָך זײַן גאנג. און ווען שיינצע האָט בא דער וועלט פארדינט דעם נאָמען „מומע״, האָט לייווי פון זײַן זײַט קאָשער פארדינט דעם נאָמען „באָכער״. ווי בלינד ער איז געווען אף איין אייגל, איז קיינער צווישן זײַן כעוורע ניִשט געווען אזא מייווין אף „סכוירע״, ווי ער. מע באדארף ניִשט פארגעסן ווער די כעוורעלײַט, וואָס האנדלען בא יידן מיט „לעבעדיקער סכוירע״, ווער אזוינס זיי זײַנען. אלע דורכגעטריבענע, קלוגע מאמזיירים, יאָלדן מיט ביינער. עפּעס א שפּאַס, וואָס זיי טוען איבער, קערן וועלטן, דרייען און פארדרייען בא יענע די קעפּ, בלענדן און פארפירן הונדערטער נעפאשעס מיט אלערליי האמצאָעס. ס׳איז דאָ צווישן זיי אלע מינע פּאָקוסניקעס, קאָמעדיאנטן, וואָס מאכן די שפּיל, פארשטעלן זיך, קעדיי יענע צו פארפירן, פּאר כאסאנים, פאר מענטשן מיט געשעפטן, פאר אגענטן, פּאר גלאט גוטע, שיינע, קאָשערע יידן אוקעדוימע נאָך אנדערע אזעלכע פּאָקוסן, ווי עס פּאסט צום איניען. הײַנט, אז אזוינע לײַט האָבן טארבעס פאר לייווין, האלטן פון אים ווי פון א רעבן און פרעגן אים אמאָל א שײַלע אין א הארב שטיקל ארבעט, איז מיסטאמע לייווי א באָכער, טאקע וואָס א באָכער הייסט!

אָט אין דער דאָזיקער גאנצער מײַסע מיט איידלען איז שמערל, דער מאן קלוימערשט, און לייווי באָכער, דאָס יידל מיט דעם בלינדן אייגל, געווען יאדאכאס. דער באל־אכסאניע, א געוועזענער מעשאָרעס, א פאקטער, וואָס פארשטייט אן אייסעק, האָט אויך בא זיי געטאנצט אין קאָן. די דאָזיקע פארשוינען האָבן דאָ געמאכט די שפּיל גאָר ווי אין א טעאטער. איטלעכער האָט געשפּילט זײַן ראָליע ווי א מײַסטער[2].

דעם עמעס מוז מען זאָגן, אז אין דער דאָזיקער מײַסע

1 מין האשאָמאַיִם.

2 דער פאָלגנדיקער טעקסט ביזן אינטערוואל (אף דער ז. 253) איז צוגעגעבן פון מענדעלעס מאנוסקריפּט.

האָט געהאט א גרויסנ כײלעק אויכ האָדל די מעקלערנ, שײנצעס א כאווערטע פונ די יונגע יאָרנ. זי האָט, ווי דער שטײגער איז, געשמעקט, צנויפגעפירט, געארבעט שטילערהײט אפ אלע קײלימ אונ איז אפ מאָרגנ אינדערפרי נאָכ אײדלס ארײַנטרעטנ צו לײווי באַכער אינ הויז, געקומענ אהינ רײדנ אײסעק אונ דערבײַ טאקע עפעס א שמעק טאָנ. אָט איז זי מיט איר קאָוועד אלײנ: א הויכע, א דארע, מיט אײַנגעפאלענע באקנ, דינע פארבליוּוטע ליפעלעכ, א דינ, שפיצעכדיק נעזל אונ בלויע שטעכעדיקע אײגעלעכ. אמאָל האָט זי געמוזט זײַנ זײער שײנ, נאָר אצינד איז זי אָפּגעבליאקעוועט, געקנײטשט אונ זעט אויס אינגאנצנ ווי אנ אָפּגעריבענע מאטבײע, אנ אָפּגעשלאָגענע הוישײַנע.

אינ א באזונדער כײדערל דאָרט זיצנ זיכ די בײדע כאווערטעס, די מומע שײנצע אונ האָדל די מעקלערנ, בא א גלעזל קאפע מיט פוטער־געבעקסלעכ. די מומע שײנצע, נאָכ נישט רעכט אָנגעטאָנ, פעט, דיק, אָנגעגאָסנ, פאקט געשמאק אפ בײדע באקנ אונ בעט אלץ האָדלענ, זי זאָל עסנ.

— זאָלסטו מיר געזונט זײַנ, האָדל, עפעס עסטו מיר גאָר ווי א קינד: פאמעלעכנ, צו שטיקעלעכ, קימ־קימ וואָס דו קײַסט. אָט נעמ, איכ בעט דיכ, א שטיק טאקע, אזוי־אזוי, מיטאמאָל, אונ עס!

— זאָלסטו מיר געזונט זײַנ, שײנצעניו! — ענטפערט האָדל מיט כײנ, צונויפשנירנדיק די ליפעלעכ אינ א לאנג, שמאָל פיסקעלע אונ טוט ווי א פײגעלע א זופ פונעמ גלעזל קאפע. — וואָס דענ טו איכ? איכ עס מיר, נישקאָשע. זײער געראָטענע בא דיר פוטער־געבעקסלעכ. אזא מאזל זאָל איכ האָבנ, וואָס פאר א באלעבאָסטע, שײנצעניו, דו ביסט.

אקעגנ א שאָ זיצט זיכ דאָ אזוי דאָס פאָרל, טוט זיכ ווויל אונ פירט דערבײַ א געשפרעכ איבער פיל זאכנ, דערמאָנענדיק זיכ אינ אלטע, אמאָלדיקע צײַטנ. בײדע האָבנ מוידווײַז געהאט אײנ ברויט, בײדע דערצויגנ געוואָרנ אפ אײנ אָרט, אונ, ווי שײנצע, זיכ אויכ פלוצימ מעיאשעוו געוועג אונ כאסענע געהאט עפעס פאר א מענדיע, א מינ נעפעש, מישטײנסגעזאָגט. נאָר דאָס מאזל האָט איר אָבער נישט אזוי געדינט ווי שײנצענ. קינדער האָט האָדל — א וווּנדער, כ׳לעבנ! — דאפקע געהאט, אונ געוועזנ איז זי א קאפצנטע.

זי האָט פארשטאנענ אנ אייסעק נישט ערגער פונ שיינצענ, שוינ געפּרוּווט איבערדינענ, ווי מע זאָגט, אלע אווידעזאָרעס, זיכ שטרעקנ אינ אלע עקנ, נאָר איר איז נישט באשערט געווענ אליינ פאר זיכ זיינ א באלעבאָסטע מיט א געשעפט אונ געמוזט ווערנ א מעקלערנ, זיכ דרייענ ארומ שיינצענ. דאָס האָט זי געשטאָכנ ווי א מעסער, א דאמ־סוינע איז זי שיינצענ געווענ בא זיכ אינ הארצנ. בא א שמועס מיט איר איז זי צוקער־זיס, מיט א צונויפגעשנירט פּיסקעלע אונ מיט שיינענדיקע אייגעלעכ, דאכט זיכ, די נעשאָמע גייט איר אויס פאר גרויס פרייד, וואָס יענער איז גוט, שטייט אפ אזא שטופּע, נאָר אינמיטנ געשפּרעכ טוט זי שיינצענ א פּיק, רוקט איר ארײַנ א שפּילקע, א שטעכווערטל, גלאט אזוי זיכ, אָנ א מיינ קלוימערשט.

— אזוי, שיינצעניו-קרוינ, מיט דיר צו זיצנ איז מײַנ לעבנ. איכ קוועל גאָר אָנ. אָנ אײַנאָרע, א גראפינ̇יע!.. אנו, געדענקסטו, הא, וואָס אמאָל דאָרטנ, דאָרטנ?.. ווער וואָלט זיכ עס גערינ̇כט? אוי, נאכעס, כ׳לעבנ, האָב איכ פונ דיר. דער אייבערשטער זאָל מיכ נאָר ווערנ מעזאקע זײַנ צו דערלעבנ בא דיר קינדער. קרעכצ נישט, קרעכצ נישט, שיינצעניו! איכ ווייס, ווייס, ווי שלעכט, ווי ביטער ס׳איז אָנ קינדער. וואָס דענ האָט געטויגט דאָס גאנצע כאסענע האָבנ? דאָס איינציקע טרייסט איז מיר מײַנע קינדער. נישקאָשע, סערדצע, דער וואָס לעבט אייביק קאָנ נאָכ אפ דיר ראכמאָנעס האָבנ... לאָמיכ שוינ כאָטש גיינ...

— וואָס איז אזוינס דאָס אײַלעניש אפ דיר, האָדל? א קאטאָוועס, זי האָט זיכ פארבענקט אהיימ נאָכ אירנ, א לאנגע צײַט, אז זי האָט איר אלטנ, ווייס איכ וואָס... נישט געזענ!

— זאָלסטו טאקע ויסנ, אזא מאזל אלע מײַנע... דיר אויכ, שיינצעניו, וואָס פאר א מענדיע מײַנער איז... פאר דעמ ווײַבל וועסטו מיר דאנקענ. סכוירע! האָסט מיכ אפּילע א ביסל געקריוודעט. ווענ ניט איכ, וואָלט די סכוירע געגאנגענ אהינ... צומ פּעטער יישמאָעל... דער פּעטער איז א מייוונ אפ סכוירע. נאָר — טע!.. וואָס מאכט זי עפּעס, דאָס ווײַבל, ווי הייסט זי? איידל, דאכט זיכ, הא? — לאָזט אויס האָדל איר שמועס, אופהייבנדיק זיכ פונעמ בענקל.

— וואָס מאכט זי, פרעגסטו? — זאָגט די מומע שיינצע אָנגעבלאָזנ. — זי מאכט זיכ נאריש. ליגט אונ ווײנט אונ... ווייס איכ

וואָס? אוי, האָט מענ עס פונ זיי, ביזוואנענ מע מאכט פונ זיי לײַט, שטיקלעכ מענטשנ.

— נו, וואָס זאָל מענ טאָנ? ווער עס האָט די קי, האָט די מי, — טרייסט האָדל די מומע שיינצע מיט א זיס גנייוויש שמייכעלע. — אוואדע איז אמאָל, אינ אונדזערע צײַטנ, עפּעס גאָר אנדערש געווענ. געדענקסטו כאָטש, שיינצעניו?.. לאָמיכ כאָטש נעמענ א פּאָר פוטער־געבעקסלעכ אהיימ פאר די קינדער. לאָזנ זיי אויכ וויסנ...

— וואַרט נאָר, האָדל, פאר זיי וועל איכ דיר געבנ לעקעכ. הא! אז עס האלט שוינ דערבײַ, טאָמער וואָלסטו גענומענ א ביסל בראנפנ אונ אײַנטונקענ טאקע אויכ א שטיקל לעקעכ? אונ אז דו וועסט מיכ גוט בעטנ, וועל איכ אויכ נעמענ א ביסל בראנפנ אונ ביידע מאכנ „לעכאַימ”.

— טא, אז דו ווילסט...— מאכט האָדל מיט א קנייטשעלע, אונ אינ די אייגעלעכ האָט זיכ איר אָנגעצונדנ א פײַערל.

באמ געזעגענענ זיכ זײַנענ ביידע כאווערטעס געווענ שטארק אופגערוימט, זייער באריידעוודיק, לעבעדיק, פריילעכ. האָדל האָט אָנגעווינטשעוועט שיינצענ, זי זאָל מעגאדל זײַנ אייניקלעכ, דערלעבנ זענ אינ איר פיל נאכעס, אונ האלעוואַי ווײַטער איינע צו דער אנדערער אפ אזעלכע סימכעס...

דאָ בא לייווי באָכער אינ הויז שטעלט זיכ פּאָר איינלענ א נײַע וועלט מיט נײַע צאָרעס... די פריִערדיקע זײַנענ נישט מער געווענ ווי א האקדאָמע צו דער מײַסע, וואָס הייבט זיכ ערשט דאָ מיט איר אָנ... די מײַסע אליינ איז זייער א שרעקלעכע, אָבער א גאנצ געוויינטלעכע; א מײַסע, וואָס טרעפט זיכ קימאט יעדנ טאָג מיט נאָכ א סאכ אנדערע יידישע טעכטער, אזעלכע אומגליקלעכע נעפאשעס ווי איידל. א מײַסע, וואָס איז באקאנט אונ מע פארשפּאָרט א סאכ צו ריידנ וועגנ איר... עס הייבט זיכ אָנ מיט גוטנ, דערנאָכ גייט עס מיט בייזנ. עס האָט אינ זיכ אלערליי טאמענ, זויער אונ ביטער. פונ איינ זײַט: דאָס פילנ דעמ כויוו אָפּצוהיטנ זײַנ ווערט, זײַנ מענטשלעכנ קאָוועד אונ אָרנטלעכקײַט. פונ דער אנדערער זײַט:

נויט, עלנט, הונגער, פייַנ, צוואנג, וועקסלענ, באלכויוועס, אזעס־פענעמער, אלע מינע שלעק אונ אָנשיקעניש... ס'איז אינוויייניק אינ זיכ א קאָכעניש, א שטורעמ, א מילכאָמע, אונ דער מענטש איז נישט מער ווי א זינדיקער מענטש, פלייש אונ בלוט,—אונ פאלט!..

. . . .

איידל נעבעכ איז טאקע אויכ געפאלנ, אָבער טיפ געזונקענ איז זי נישט. עמעס, ס'איז אפ איר אויסגעגאָסנ געוואָרנ דער צאָרנ, מע האָט איר אָנגעטאָנ געבראָטענע לייד, געפייַניקט, צוגענומענ בא איר דאָס געזונט; — אָבער די נעשאָמע, דעמ גייַסט, א מאטאָנע פונ גאָט, — דאָס צונעמענ בא איר האָט מענ נישט געקאָנט. אויכ די אייגענע מייַסע טאקע, וואָס מיט דעמ סאָטנ אונ איוונ: בא דיר, וועלט, אינ דער האנט איז יענעמס לייַב, נאָר נישט זייַנ נעפעש... אונ דאָס איז איינס פונ דעמ אייבערשטנס גרויסע ניסימ, זיסט וואָלטנ די מענטשנ מיט זייערע כעפציעס שוינ לאנג געמאכט איינער פונ אנדערנ ווילדע כייַעס.

אינ איידלענ האָט זיכ נאָכ געקלאפט א מענטשלעכ הארצ מיט געפילנ פונ גוטסקייַט אונ ראכמאָנעס. זי האָט געפילט דאָס ביטערע הארצ פונ פיל אומגליקלעכע נעפאשעס נעבעכ, וואָס זייַנענ מיט איר דאָרט געווענ אונ מיט וועלכע עס האָט זיכ אויכ אזעלכע טרויעריקע מייַסעס פארלאָפנ. זי איז זיי בייַגעשטאנענ אינ די נויטנ, געווענ פאר זיי א גוטע מייליצטע אונ בעשאס אמאָל א קאס, א רוגזע, פלעגט זי זיכ ארויסשטעלנ פאר זיי אקעגנ לייווינ אונ דער מומע שיינצע, נישט קוקנדיק דערופ, וואָס זי פלעגט אָפט דורכ דעמ האָבנ יעסורימ, צוציענ צו זיכ סינע אונ לייד.

לייווי באָכער — דעמ שוואכ מוז מענ אימ אָפגעבנ — פלעגט זיכ זייער געטריַ באשעפטיקנ מיט דער דערציונג פונ זייַנע „לערנ־מיידלעכ”, ווי זיי האָבנ בא אימ געהייסנ, געקנעלט מיט זיי, ווי א גוטער מעלאמעד, אונ אָנגעווענדט אלע מיטל, ארויסצוטרייַבנ פונ זיי דאָס קליינשטעטלדיקע ווילדקייַט, דאָס שעמענ זיכ פאר לייַט, דאָס נארישע שמייליקע אקשאָנעס, אונ לערנענ זיי דערכערעצ, צו זייַנ פארטיקע מענטשנ...

— דערכערעצ איז פריער פונ אלע זאכנ! — אזוי איז דער

שטייגער זײַנער געווען צו זאָגן. — א מיידעלע באַדאַרף זײַן א שטיליטשקע, א גוטיטשקע, ליב האָבן מענטשן און אויפנעמען איטלעכן פרײַנטלעך מיט א זיס שמייכלדיק פּאָנעם...

און אז עס האָט ניט געהאָלפן קיין רייד, פלעגט ער שוין געברויכן די הענט, א שטעקן און א רימען אויך. נאָר עפּעס נישט אזוי, זײַנען געפלויגן פּעטש, קלעפּ, וויפל ס'איז נאָר אַרײַן. אַמאָל איז מען אויך געזעסן בא אים פאַרשפּאַרט אין א קעלער, אָן עסן, אָן טרינקען, און דאָרט האָט די גרעסטע אקשנטע אפילע טשוווע געטאָן אף אירע זינד, אַרויסגעשלאָגן זיך פונעם קאָפּ נאַרישקײַט, די קליינשטעטלדיקע מיִעסע געננ, ווי בושע, שמייליקײַט אוקעדוימע אזעלכע ווילדע זאכן...

דער טײַוול, דער מאַלעך־כאַבאָלע, וואָס איז פול און פול מיט אויגן, מאכט נישט אָן אזא מוירע, ווי לייווי באָכער מיט דעם בלינדן אייגל. אין אים שטעקט עפּשער א צענדליק טײַוול, און דאָס בלינדע אייגל זײַנס, וואָס ווארפט זיך אים אין אלע זײַטן, איז עפּעס נאָר טאקע ווי א מעס, וואָס האָט נישט קיין רו אין קייווער און בלאָנקעט זיך ארום נאָכן טויט אף דעם אוילעם־האַטויע. זייער פיל מינע נעפּאַשעס אזוינע זײַנען דאָ אף גאָטס וועלטל, וואָס האָבן, דאכט זיך, א מענטשלעך געשטאַלט, עסן און טרינקען ווי מענטשן, און בעמעס זײַנען זיי גאָר רוכעס, טײַוול. דאָס זײַנען דער נידעריקסטער סאָרט לייצים, טײַוול שעבעטײַוול, דעזוערטירן, וואָס האָבן זיך דאָרט אין גענעם אָפּגעריסן פון דער קייט, אריבער די גרענעץ ביגנייווע און געקומען אהער, צו פאַרפירן דעם אוילעם מיט האָקוס־פּאָקוס, אָנצוטאָן דער וועלט גרויסע צאָרעס, און עס איז נישט פון זיי פּאַטער צו ווערן ניט דורך א שפּרוך, ניט דורך אויסרייכערן מיט ווײַרעך און אויך ניט דורך טינט, וואָס דער סאָטן אפילע מיט זײַן גאַנצער קאָמפּאַניע ציטערן דערפאַר. די געגעם־פּאָליציי מיט אירע רוכעס יאָגן נישט נאָך אזעלכע מיִעסע דעזוערטירן, אויסוואורפן, צו כאַפּן זיי און זיי צו שלײַדערן צו אַלדי שווארצע יאָר צוריק אין דער ערד ארײַן; אַדעראַבע, עס טוט זיי האַנאָע, וואָס זיי זײַנען פּאָטער אזעלכע פאַרשטונקענע רוכעס, מעכילע!..

הײַנט ווער שמועסט די מומע שיינצע, זי האָט געוועלטיקט גאָר א שרעק, געוואָלט, אז כוץ איר זאָל קײנער אין שטוב נישט טאָרן

אופהייבן דעם קאָפּ, האָבן עפּעס א ווילן. זי פּלעגט זיך אלץ קלאָגן אַף הײַנטיקע צײַטן, אַף הײַנטיקע מענטשן:

— אָט אזוי האָט מען עס הײַנט פון זיי, פון מײַנע יעפּייפעס דאָ, מיין איך! מע וואשט זיי, מע רייניקט זיי, מע שוכט און קליידט זיי, און אז עס כאַפּט די זעט, ווערט עס פּריצעס, קיינמאָל נישט צופרידן, גלײַך מע וואָלט זיי דאָ געקוילעט. אוי צײַטן, הײַנטיקע צײַטן!..

איז איינע געווען זייער שיין, פלעגט עס זי אין הארצן שטארק פארדריסן, פלעגט זיך שטעלן מיט יענער פארהערן און דערציילן איר פון יענע גוטע יאָרן:

— אָט אזוי, טאָכטער, בין איך שיין געווען, נאָך עפּשער צען מאָל מער, מע האָט זיך פּאָשעט אַף מיר געהאנגען. נעם זיך נאָר נישט איבער, דו נארעלע! אוואדע הייסט עס אצינד—איך בין אלט, נאָר ווי דו קוקסט מיך אָן אָט־אָ—דערבײַ האָט זי געמאכט א פריקרע-זיס שמייכעלע, אויסשטרעקנדיק זיך ווי גרויס זי איז, דאָס קעפּעלע פארוואָרפן אהינטער, דאָס בײַכל אויסגעפּוצט פאָרנט־צו, נעמענדיק זיך מיט ביידע הענט בא די זײַטן:—אָט ווי דו קוקסט מיך אָן־אָ, איז נאָך שיינצע גאָר נישקאָשעדיק... מאך נאָר נישט קיין כיין, דו!

האָט זיך איינע אמאָל אײַנגעשפּארט אין עפּעס א זאך, נישט געטאָן באלד וואָס זי הייסט, האָט זיך די מומע שיינצע צעשריִען, און דינע רויטע עדערלעך זײַנען איר ארויסגעטראָטן אַף די פּעטע, מיט שמאלצ אָ:געגאָסענע באקן:

— אויך מיר א מענטש!.. זי מיינט, זי איז אויך עפּעס, זי האָט אויך א ווילן!.. דו ביסט נישט מער, כצופּע איינע, ווי א גוילעם, א שטיק פליש, א נעווײלע!..

א דאמ-סוינע איז די מומע שיינצע געווען איידלען אי פאר איר שיינקײַט אי פאר איר גוטסקײַט, וואָס זי שטייט אזוי פאר די כאַ־ווערטעס אירע און דורך דעם זיי ארויסגעבראכט אויס דער האָזע... אונטער די אויגן פלעגט זי זיך אלץ באקלאָגן אַף איידלען:

— אָט האָסטו דיר דעם דאנק פאר דער טויווע, וואָס מיר האָבן איר געטאָן! דער מאן מײַנער איז איר בײַגעשטאנען אין דעם אומגליק, בעשאס זי איז געבליבן א וויסטע אגונע, עלנט ווי א

שטיין. נישט גענוג, וואָס ער האָט זי ניט געמאָנט זייַנע אייגן געלט, וואָס קומט פון איר, האָט ער נאָך אנדערע אויסגעצאָלט כויוועס פאר איר. מיר האָבן זי אריַינגענומען אין הויז צו זיך, זי עסט אונדזער זאלץ און ברויט, טראָגט אונדזערע קליידער און טוט זיך אָן וווילטיק פון אונדזער גוטס. ווען נישט מיר, וואָלט זי דאָך, די אגונע, געפייגערט פאר הונגער, און הייַנט... הייַנט...

די מומע שיינצע איז, נאָך איר שטייגער דענקען, עפשער טאקע פאר זיך נישט גראָב אומגערעכט געווען. בעעמעס, האָט דאָך איידל מיט אירע גוטע רייד, מיט איר גאנצער באנעמונג אייַנגעגעבן אירע כאווערטעס סייכל, זיי געלערנט נישט צו פארלירן אינגאנצן דאָס מענטשלעכקייַט, האָבן אליין פאר זיך אויך א שטיקל ווילן; פונקט פארקערט פון דער מומע שיינצעס טוירע.

— מע איז טאקע, — פלעגט זי זאָגן, — באם טייַוול אין די הענט; ער האלט פעסט מיט ביידע לאפעס, שלעכט, מע איז געפאנגען. נאָר דער גוף ווי דער גוף, גאָטס נעשאָמע אָבער מוז מען אָפּהיטן, זי האלטן ריין ווי ווייַט מעגלעך. גרויסע צאדייקעסן, שטייט געשריבן אין ספאָרים, זייַנען אמאָל אויך געווען געפאנגען און דער גוטער גאָט האָט זיי מויכל געווען די זינד צוליב דער ריינער נעשאָמע זייערער...

די כאווערטעס האָט דאָס הארץ געצויגן צו איר, זי איז בא זיי געווען דער קאָפּ. מאלווינקע, א יאָדערדיק מיידל, א קלוגס, א לעבעדיקס, א פרייליכס, מיט א ברייט פאָנעם און א פאריסן נעזל, האָט איידלען געקרוינט מיט דעם נאָמען „אָפּיצערקע”, און אזוי האָט זי געהייסן בא איטלעכן. די „טערקיניע” אפילע, וואָס פריִער איז זי געווען די עלטסטע, האָט מויכל געווען אפ איר קאָוועד און איז צוגעקאָכט געוואָרן צו איידלען, זי האָט אין איר געקלעפּט נאָך פיל מער פון אלע אנדערע.

די דאָזיקע טערקיניע, גיטל מיטן נאָמען, האָט געשטאמט פון א קליין שטעטל ערגעץ, דאלפינעווקע, וואָס די אייַנוווינער דאָרט זייַנען ערלעכע יידן, ביטערע קאפּצאָנים. עפּעס איינער, דער גוטער־יאָר ווייסט אים ווער ער איז, איז אמאָל געקומען אהין אין שטעטל און געלאָזט מעלדן: היניי, זייַט וויסן, ווער פון די היגע מיידלעך וויל מאכן א גוט לעבן, פארדינען גאָלד פון האנט־ארבעט,

זאָל פאָרן מיט אים אהיים קיין סטאמבול... דער גאנצער אוילעמ ייִדן פונעמ שטעטל האָט זיך באלד טאקע א לאָז געטאָן צו אים, איטלעכער וויינט, בעט: גוואלד, האָט ראכמאָנעס און נעמט מייַן טאָכטער! ער האָט זיך דערבארעמט און אויסגעקליבן דרייַ מיידלעך, די שענסטע אינ שטעטל, און גיטל איז אריַין אין דעם צעטל פון די דאָזיקע „גליקלעכע“. דער שפּיץ פון דער זאך איז געווען, אז נאָך פיל פאָרעניש איז גיטל מעגולגל געוואָרן צו לייווי באָכער אין הויז און איז דאָרט לעמאזל געוואָרן א „טערקיניע“, נישט אָנצוקוקן די טערקישע שטאָט סטאמבול אפילע אין די אויגן.

איידלען האָט אין דער מיִעסער לאגע אירער צוגעגעבן קראפט אויסצוהאלטן אירע צאָרעס נאָר דער גלויבן, די האָפענונג אויסגעלייזט צו ווערן פונעמ טייַוולס האנט. זי האָט אלץ געהאָפט, געהאָפט — און לעסאָף . . . .

דער סאָף אירער איז געווען, ווי דער סאָף פון אלע אומגליקלעכע אירס גלייַכן — א קרענק, א פלאָג, וואָס האָט זיך איר דערנאָך אריַינגעכאפּט אין די ביינער. א היפשע צייַט איז זי אוועקגעלעגן אין שפּיטאָל, אין אן אָפּגעזונדערט אָרט דאָרט, אָפּגעריסן פון דער וועלט, פארוואָרפן, פארגעסן, ווי א פארדארטע בלום, א צעבראָכענע קיילע, א שארבן, וואָס נוצט נישט מער קיינעמ, וואָס מע מייַדט עס אויס און שייַעט זיך עס אָנצוקוקן...

די מומע שיינצע איז די גאנצע צייַט אפילע איינ מאָל נישט געקומען צו איר געוואָר ווערן, אויך פארבאָטן און שטארק אָפּגעהיט, אז די כאווערטעס אירע זאָלן צו איר אהין אפילע די נאָז נישט ווייַזן. זעלטן פלעגט זיי נאָך פיל מי געראָטן איבערשיקן איר א ביסל אייַנגעמאכטס צומ קוויקן זיך דורך מאלווינקען, וואָס פלעגט זיך אייַנשטעלן ביגנייווע און אריַינכאפּן זיך צו איידלען מיט דער איבערגעפּעקלטער טרייפער סכוירע[1].

---

1 דער פאָלגנדיקער טעקסט ביזן אינטערוואל (אפ דער ז. 260) איז צוגעגעבן פון מענדעלעס מאנוסקריפּט.

אז האָדל די מעקלערן איז איינמאָל אקעגן א פּאָר שאָ אוועק־געזעסן בא דער מומע שיינצע אין צימער, שוין זיך אָנגערעדט זאט פון דער היינטיקער פאַרדאָרבענער וועלט, מיעסע צייטן; שוין איינ־געטונקט דאָס שטיקל לעקעך, פאַרזוכט דעם ביטערן טראָפּן אויך און געהאַלטן באַם אוועקגיין, — האָט זי זיך פּלוצים געטאָן א כאַפּ, ווי דערמאָנענדיק זיך אין עפּעס זייער א וויכטיקער זאַך.

— אוי, אוי, שיינצעניו, גאָר פאַרגעסן! איך האָב געקאָנט אוועקגיין און עס זאָל זיך בלייבן אזוי... טפו! דו הערסט, סערדצע? נעכטן גיי איך מיר פאַרביי דעם ביקער־כולים, טראַכט איך מיר, לאָמיך אריין געוואָר ווערן צו דער שיינער יעפייפע דיינער, צו דער אגונע, ווי זי הייסט בא דיר. אוי, נעשאָמע מיינע, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? האַלעוויי אונדזערע סאָנים, אַלע, וואָס ווינטשן אונדז בייז, זאָלן אין איר שטאַנד איבערקומען! ס'איז זי נישט צו דערקענען, אזוי פאַרענדערט האָט זי זיך. ווו איר כיין, ווו איר שיינקייט, — א הויפן ביינער, מישטיינסגעזאָגט!.. איך זאָל אזוי דערלעבן זען פיל גוטס, ווי עס האָט מיר זיך אין די אויגן געשטעלט טרערן און אויסגעריסן זיך מיר א שטיק הארץ, אָנקוקנדיק זי אזוי אַפ איר בעטל דאָרט. זי קוקט מיך אויך אָן, אויסשטעלנדיק אַפ מיר א פּאָר פאַרזאָטענע אויגן, קוקט, קרעכצט, שווייגט, און עס גיסן זיך איר הייסע טרערן. איך טרייסט זי, טרייסט זי, ווי וויַט איך קאָן, און אין הארצן בא מיר ווייס איך זייער גוט, אז מיין טרייסט איז אומ־זיסט — זי איז א צעבראָכענער שאַרבן, א פאַרדאַרטע פוילע פּעטריש־קע. פון שאָלעמ־וועגן זאָג איך א ליגן, אז דו גריסט איר, — איז זי פאַרציטערט געוואָרן מיט אַלע אייוורים. אין די אויגן צינדט זיך איר אָן א פייערל, און פונעם מויל שיטן זיך שטילע קלאָגעס מיט א מין קאַס, שטיל, קוים וואָס מע הערט. אזוי ווי דו האָסט עס ניט גע־הערט, אזוי זאָל עס דיר ניט שאַטן. זאָל עס אויסגיין צו סאָנימס קעפּ און צו אַלע מעשוגענע הינט...

— אָמיין, אָמיין! — שרייַט שיינצע, אונטערשפּרינגענדיק פון דעם אָרט, גלייַך ווי א שלאַנג וואָלט זי א ביס געטאָן. — נו, פרעג איך דיך, איז היינט א וועלט? וואָס האָט מען איר דאָ אזוינס געטאָן? אדעראַבע... מע איז איר, דער אגונע, בייגעשטאַנען אין די נויטן, אויסגעצאָלט כויוועס, אריינגענומען אין שטוב אַפ אַלעמ גרייטן. און

אז עס מאכט זיך, ניט דאָ געדאכט, עפּעס אַמאָל, ווייס איך וואָס... טאָ ווער איז דען שולדיק?.. אים קיין, קומט דאָך אויס גאָרנישט... אַן עק, אַ סאָף, אַ מענטש איז נישט קיין מענטש, זיץ פאַרכאַסמעט און האָב מוירע, ווייס איך וואָס!.. ס'איז אויס וועלט, זאָג איך דיר, האָדל, אויס וועלט!

— שיינצעניו־לעב, ערגער זיך נישט אַזוי, מאַך דיר נישט קאַליע דאָס בלוט. אומזיסטע קלאָלעס באַווערן זיך ניט, זיי גייען אַוועק מיט דעם רויך אַף פּוסטע פעלדער, אַף וויסטע וועלדער. באַ דיינע לעבן, שווער איך דיר, דו זאָלסט מיר אַזוי געזונט זיין, ווי איך האָב כאַראָטע און בין אַף מיר אַליין אין קאַס, וואָס איך האָב מיך ניט איינגעהאַלטן און דיר אָפּדערציילט אַזעלכע זאַכן. באַדאַרפסטו נאָך האָבן אַ בעסערע פון דער שוועע?.. איך בעט דיך, סערדצע, קרוין, נעם זיך נישט אַזוי צום האַרצן און באַרויִק זיך אַ ביסל, ווען נישט מיר צוליב, טו עס כאָטש צוליב דיר, צוליב דיין גוף, דיין געזונט, וואָס איז מיר טייער, — אַזוי זאָגט האָדל עפּעס מיט אַ מין קרימעלע אַף די ליפּעלעך, אופהייבנדיק זיך פונעם בענקל, און וואַרפט אַן אויג אַף אַ גרויסן בוטל מיט פריש געשטעלטן ווישניק, פאַרוקט אין אַ ווינקל. — ווייסטו וואָס איך קוק און טראַכט, שיינ־צעניו? איך טראַכט, אַז אַצינד וואָלט דיר נישט געשאַדט נעמען אַ קאַפּעלע ווישניק צו באַרויִקן זיך אַ ביסל.

— איך וועל דיך פאָלגן, — מאַכט די מומע שיינצע אָפּסאָפּענ־דיק זיך, גלייך ווי זי וואָלט געהאַקט האָלץ, — נאָר מיט דעם טנאַי, דו זאָלסט אויך פאַרזוכן. זייער גוטער ווישניק!

— אָך, פון דיין געזונט ווענגן וויפל נאָר מעגלעך! — לאָזט זיך האָדל איינריידן און נעמט זיך העלפן שיינצען אופהייבן דעם בוטל.

אוועקגעגאַנגען איז האָדל גאַנץ פריילעך. דער מומע שיינצען האָבן זיך צעשפּילט די געבליטן (נישט די נערוון, כאָלילע) און זיך געלייגט שלאָפן.

איידל איז געלעגן אין שפּיטאָל ביז זי איז אַרויס שלאָף, צע־בראָכן, געל ווי וואַקס, אויסגעדאַרט, אויסגעטריקנט; די האָר אויס־געקראָכן, אין אַן אַלט אָפּגעבליאַקעוועט קליידל... און נישט צו־

האָבן קיין אָרט, ווו דעם קאָפּ אנידערצולייגן, איז זי קימאט נאקעט, הונגעריק, פארשמאכט צוגעקומען אָוונט-צײַט צו לייווי באָכערס הויז. די מומע שיינצע אָבער האָט זי נישט געלאָזט אפּ דער שוועל, פאר־שפּארט פאר איר די טיר, און זי איז נעבעך געבליבן געפּלעפט, נישט צו וויסן, ווו זיך אהינצוטאָן, ווו די נאכט איבערצולעבן.

אפּ דעם אנדערן טאָג אינדערפרי האָט מען זי געפונען בא לייווי באָכער אין גאָרטן — הענגענדיק אפּ א בוים...

. . . .

ווען מען איז אָנגעגאנגען אזא נעפּעש, מישטיינסגעזאָגט, ווי אן איידל, אז זי האָט זיך געהאנגען? איז דען אזעלכע גאָר ווערט פון איר צו ריידן, זי אפּ דעם מויל צו ברענגען? עס פארשטייט זיך, אז ניין, א שיינע ריינע קאפּאָרע!.. אָנגעגאנגען איז זי נאָר אירע כאווערטעס, אזעלכע נעפּאשעס, מישטיינסגעזאָגט, אזא „סכוירע״, ווי זי אליין. דער טאָג פון איידלס טויט איז בא זיי אלע געווען א טרויער. איר לעבן פונעם אָנהייב אָן און איר וויסטער סאָף האָט זיי געריררט גוט בא דער לעבער, שטארק אָנצוהערעניש געגעבן ווי ווײַט אומגליקלעך, דערנידעריקט זיי זײַנען — און זיי האָבן זיך שטארק פארטראכט.

נישט צו מאכן קיין גרויסע צערעמאָניעס האָט מען איידלען, אזוי ווי זי איז, ארײַנגעוואָרפן אין א מיסט־וועגעלע, געפירט אפּן בעסוילעם און זי באגראָבן ווי א הונט אונטער דעם פּלויט דאָרט.

אפּ דעם פרישן קייווער איז געשטאנען די טערקיניע און מאל־ווינקע, אראָפּגעלאָזט די קעפּ, און דערבײַ ביטער געיאָמערט, גע־קלאָגט.

— ע־ע! צו וואָס זיך נעמען אזוי צום הארצן? — טוט מאל־ווינקע א זאָג, אויסווישנדיק זיך די אויגן און א מאך געבנדיק מיט דער האנט.

— דו זעסט, מאלווינקע, אָט דאָס, דאָס? — מאכט די טערקי־ניע, אויסשטעלנדיק א פּאָר רויטע פארשוואָלענע אויגן פון הייסע בלוטיקע טרערן און ווײַזט איר מיט א פינגער אפּן פּלויט אין א ווינקעלע.

— שפּינען־געוועב זע איך, מיט הוילע הײַטלעך פון פליגן.

— אָט דאָס, שוועסטער, ביסטו, בין איך, זײַנען די אונדזע־

ריקע אלע, אָט אזוי איז אונדזער סאָף! די שפינען אונדזערע נאָגנ אונדז, געפאנגענע אינ דער נעץ, נאָגנ, נאָגנ אויס, גייענ זיך דערנאָך ווייַטער זייער וועג, אונ מיר הענגענ, פוילנ!.. אוי, א צעזעצעניש! — לאָזט אויס די טערקיניע אפ א וויינענדיק קאָל, אָנכאפנדיק זיך באמ הארצנ. — יענע, וואָס פייַניקנ, פארפירנ, נאָגנ, זיי זייַנענ עס די פייַנע לייַט, אונ די געפייַניקטע, פארפירטע, אויסגענאָגטע זייַנענ... דו ווייסט וואָס?.. יענע האָבנ דאָ אפנ בעסוילעמ, זע נאָר, זע, דעמ אויבנאָנ, מאצייוועס מיט לאנגע שוואָכימ, אונ איידל, די גוטע, די טייַערע, וואָס מע האָט פארוויסט איר וועלט, פארגיפט איר לעבנ, זי איז דאָ באגראָבנ ווי א הונט אונטערנ פלויט! טאטע־מאמע, דער לעבעדיקער גאָט ווייסט, ווו זיי זייַנענ ערגעץ, קאָנענ אפילע נישט האָבנ די האָפענונג זיך אמאָל אויסצווויינענ אפ זייער טאָכטערס קייווער. אוי, מייַנ אומגליקלעכע איידל, צו וואָס מענטשנ האָבנ דיך געבראכט!.. אוי, ווו ביסטו, אל מלא רחמים [1], גוטער, דערבארעמדיקער גאָט!..

— וואָס העלפט דאָס קלאָגנ, וואָס העלפט דאָס וויינענ, אז ס'איז גאָר נישט צו מאכנ? שאַ־שאַ, גענוג! — נעמט מאלווינקע אייַנ מיט רייד די טערקיניע, בעט, אז זי זאָל ניט וויינענ, אונ צעוויינט זיך אליינ.

— איך בינ אויך געווענ א קינד, א געליבט ציטעריק קינד, — צעגיסט זיך די טערקיניע אינ א נייַעמ קוואל טרערנ, — די מאמע האָט געהאט מיט מיר גענוג מי, נעכטווייַז איבער מיר ניט געשלאָפנ, ניט דערעסנ, ניט דערטרונקענ, ביז זי האָט דערלעבט צו זענ איר קינד אויסגעוואקסנ ווי א בליענדיקע רויז; פלוצימ קומענ מענטשנ צומ גרייטנ, מענטשנ אָנ הארצ, אָנ ראכמאָנעס, אונ האָבנ די רויז אירע אויסגעריסנ, צעטראָטנ... לאָמיך זשע כאָטש אצינד אויסוויינענ, לאָז אינ דעמ דאָזיקנ פרישנ קייווער אהינ פאלנ צו איר מייַנע בלוטיקע טרערנ, זי זאָל וויסנ, אז עס באקלאָגט אונ באוויינט זי איר געטרייַע אומגליקלעכע שוועסטער.......................

....

1 אייל מאָליי ראכמימ.

באמערקונגען

געשיכטלעכע עקסקורסנ

פאַרטראַכט אינ די 60־ער יאָרנ אונ פאַנאַנדערגעוויקלט אינ די 80-ער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט, איז „דאָס ווינטשפינגערל“ דערשינענ אינ זײַנ ענדגילטיקער רעדאַקציע ערשט אינ 1911. אַ סאַך דערשײַנונגענ, וועלכע מענדעלע באַרירט אינעם „ווינטשפינגערל“, האָבנ שוינ דעמלט געפאָדערט ברייטערע דערקלערונגענ פונ געשיכטלעכנ כאַראַקטער. נאָכ מער זײַנעג אַזוינע דערקלערונגענ נייטיק אַצינד פאַרנ סאָוועטישנ לייענער.

I. „גלופּסק“ — בערדיטשעוו אונ זײַנ יידישע באַפעלקערונג

1

די פּריצישע שטעטלעכ זײַנענ אופגעקומענ אינ פאַרצײַטיקנ פוילנ אינ דעם לעצטנ פּעריִאָד פונ זײַנ עקזיסטענצ (XVII—XVIII יאָרהונדערט). דאָס איז געווענ די צײַט פונ דער עקאָנאָמישער, סאָציִאַל־פּאָליטישער אונ גײַסטיקער דעגראַדאַציע פונ דעם לאַנד. אַלס איינע פונ די וויכטיקסטע סיבעס אונ אַנטפּלעקונגענ פונ דעם דאָזיקנ צעפאַל־פּראָצעס איז געווענ די אומבאַגרענעצטע מאַכט פונ דער שליאַכטע, וועלכע האָט געשטיקט אונ געדריקט דעם האַנדל, דעם האַנטווערק, די אַנטוויקלונג פונ דער שטאָט. דער שטאָט איז אַנטקעגנגעשטעלט געוואָרנ דאָס פּריצישע, פעאָדאַלע שטעטל, וואָס לעבט אינגאַנצנ פונ דעם פּאָרעצס גנאָד. דעם פּאָרעצ האָט געהערט אינ אַזוינע יִשוּוִים דער באָדנ, אַפּ וועלכנ עס זײַנענ געשטאַנענ די הײַזער פונ די אײַנוווינער; דער פּאָרעצ האָט געקאָנט דערלויבנ אָדער פאַרווערנ צו

באשעפטיקן זיך מיט דעם אָדער יענעם צווײַג האנדל און מעלאָכע, דערלויבן אָדער פארווערן ארײַנפירן צי ארויספירן די אָדער יענע סכוירעס; דער פּאָרעץ האָט געהאט א רײַ מאָנאָפּאָליעס; פאר אלץ האָט מען דעם פּאָרעץ געמוזט צאָלן.

דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע האלב־לײַבקנעכטישע יישו־ווים, ווו דער פּעאָדאלער „סאר" (דער גוטבאזיצער) איז געווען דער פולער הערשער, און די באפעלקערונג (מערסטנס א יידישע) האָט געטראָגן אף זיך דעם יאָך פון א רײַ אָפּצאָלן פאר אים, איז נאָכן אונטערגאנג פון דער פוילישער מעלוכע אריבער צו רוסלאנד. די צארישע רעגירונג האָט אין אָט די יישווים איבערגעלאָזן דעם אלטן סיידער ניט גערירט.

גאנצע שטעטלעך פלעגן אונטערגיין אונטערן יאָך פון די פּרי־צישע אָפּצאָלן, אנדערע האָבן יאָרן און צענדליקער יאָרן געפירט פּראָצעסן מיטן פּאָרעץ, וועלכער פלעגט ווילקירלעך שאפן נײַע אָדער ארופשרויפן די אלטע אָפּצאָלן. אָבער דער גרעסטער טייל האָט, גע־בויגן אין דרײַען, געשלעפּט דעם דוירעסדיקן יאָך.

נאָך סאָף 60־ער יאָרן פון XIX י. ה. איז אין דער רעכטברעגיקער אוקראַינע אליין געווען 347 פּריצישע יישווים — 339 שטעטלעך און 8 שטעט. אי. ג. אָרשאנסקי האָט באצייכנט די יידישע באפעלקערונג פון די דאָזיקע יישווים אלס „יידן לײַבקנעכט".

צו אָט די פּריצישע (סעניאָראלע) יישווים האָט אויך געהערט די שטאָט בערדיטשעוו, וועלכע מענדעלע שילדערט אין „ווינטשפינ־גערל" אונטער דעם נאָמען „גלופּסק".

בערדיטשעוו איז אין דער ערשטער העלפט פון XIX יאָרהונ־דערט געווען איינער פון די רײַכסטע פּונקטן אין רוסלאנד[1], פון אוקראַינע שוין אָפּגערעדט, אָבער געהערט האָט די שטאָט צו א פּאָרעץ און האָט זיך אָפיציעל גערעכנט אלס א שטעטל.

בערדיטשעוו האָט ארײַנגעטראָגן דעם גוטבאזיצער אין די 40־ער יאָרן פון XIX יאָרהונדערט ביז 80 000 זילבער־רובל פון א גאנצער

1 אין דער הישטאדלעס, וואָס בערדיטשעווער „כאָשעווע באלעבאטים" האָבן אָנ־געגעבן אין יאָר 1843 וועגן פּראָקלאמירן בערדיטשעוו פאר א שטאָט, איז אָנגעוויזן, אז נאָך אין 1801 האָט דער סענאט אין איינעם פון זײַנע „אוקאזן" באצייכנט בער־דיטשעוו אלס א „קאָמערציע־אָרט אין אייראָפּע".

ריי באשטײַערונג-ארטיקלענ — אָפּצאָל פונ געטראנקענ, טשינש פונ הײַזער, קראָמענ אונ סקלאדנ, אָפּצאָל פאר זאוואָדנ, מילנ א.אנד. אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, אקציז פאר שעכטנ פי, אָפּצאָל פונ יעדנ פערד, וואָס פירט ארײַנ סכוירע אינ שטאָט, פונ יעדער שטיק פי, וואָס מע טרײַבט ארײַנ אינ שטאָט צו פארקויפנ, אאוו.

איינע פונ די גרעסטע האכנאָסעס (אויב ניט די סאמע גרעסטע) פלעגט דער פּאָרעצ באקומענ פונ דער מאָנאָפּאָליע אפ טרײַבנ אונ פארקויפנ בראנפנ — פונ דער פּראָפּינאציע [1].

ביכלאל איז בערדיטשעוו געווענ אינ גאָר א גרויסער מאָס די פארקערפערונג פונ דעמ גאנצנ יידישנ עלנט אינ לײַבקנעכטישנ רוס־לאנד: פונ פארקריפּלטנ סאָציאל־עקאָנאָמישנ באשטאנד, פונ פּאוּ־פּעריזמ, פונ פילפאכער אונטערדריקונג (מיצאד דער מעלוכע, דעמ פּאָרעצ, דעמ קאָהאָל), פונ אלטפרענקישנ לעבנשטייגער אונ זיטנ. בערדיטשעוו האָט בעפיירעש געקאָנט דינענ אלס א פאראלגעמיינערנ־דיקער, אנ אלײדישער „גלופּסק".

2

לויט אָפּיציעלע אָנגאבנ, האָט די יידישע באפעלקערונג אינ בערדיטשעוו באטראָפנ אינ יאָר 1789 ניט מער ווי 1951 מאנ, אונ

---

1 אזוי ווי אויסער דער גרענעצ פונ דער שטאָט האָט זיכ דעמ גוטבאזיצערס רעכט אויסגענומענ אונ פארנ אייגענעמ געברויכ האָט מענ געמעגט ארײַנברענגענ פרײַ, אָנ אָפּצאָל, א געוויסנ מינימומ פרעמדנ, וואָלוועלנ בראנפנ, איז דאָס ארײַנ־ברענגענ בראנפנ, באזונדערס ערעוו־שאבעס, געוואָרנ א מאסנ־דערשײַנונג.

אינ א קאָרעספּאָנדענצ פונ בערדיטשעוו, געדרוקט אינ א בײַלאגע צו דער רוסישער צײַטונג „Московские Ведомости" פונ די לעצטע 60־ער יאָרנ, ווערנ באשריבנ די דאָזיקע בראנפנ־צוגנ:

„יעדנ טאָג קאָנ מענ באגעגענענ ידנ, וועלכע לאָזנ זיכ אוועק אויסער דער שטאָט מיט ווײַב אונ קינדער, זיבנ אירע אונ מער. יעדער איינער, אָנ אויס־נאמ, אפילע א צווייאָריק קינד, אלס שטאָטישער אײַנוווינער מיט די רעכט פונ א דערוואקסענעמ, האלט א קליינ פלעשעלע, אונ יעדער איינער קויפט אויסער דער שטאָט אזויפיל בראנפנ, וויפל עס האלט דאָס פלעשל, דערבײַ וועלוועלער איידער באמ באזיצער אפנ זאוואָד".

דעמ קאָרעספּאָנדענטס מיטיילונג שטימט מיט מענדעלעס באשרײַבונג אינ „ווינטש־פינגערל" (1 טייל, בוכ III, קאפּיטל 8).

אינ די 40־ער יאָרנ פונעמ XIX יאָרהונדערט — שוינ העכער 35 טויזנט מאנ.

די דיפערענצירטקײַט פונ דער ייִדישער באפעלקערונג אינ בערדיטשעוו איז שוינ אינ די 40־ער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט געווענ גאנצ גרויס. א געוויסע פאָרשטעלונג וועגנ דעמ גיט די פאָלגנדיקע טאבעלע (זע טאבעלע אפ ז. 269).

ווער זײַנענ דאָס יענע, וואָס „פארדינגענ זיכ אפנ יאָר"? דאָס זײַנענ, ערשטנס, לוינ־ארבעטער — געזעלנ („פויעלימ") אונ לערנ־ייִנגלעכ בא דעמ באלמעלאָכע; צווייטנס, הויז־ארבעטער: הויפ-וועכטער, מעשאָרסימ; פונ די פרויענ: קעכנס, אמענ, דינסטנ.

אונדזערע ציפערנ זײַנענ גענומענ פונ אנ אָפיציעל צעטל פונ די צאָלערס פונ ליכט־אָפּצאָל. אָט דעמ שטײַער פלעגנ דארפנ צאָלנ פאמיליע־מענטשנ (לויטנ ייִדישנ רעליגיעזנ געזעצ האָט די פרוי געדארפט בענטשנ ליכט שאבעס אונ יאָנטעוו). צווישנ די הויז-באדינערס איז געווענ די מערהײַט מיידלעכ. לערנ־ייִנגלעכ, לערנ-מיידלעכ, האנדלס־אָנגעשטעלטע פלעגנ ארבעטנ בא א באלעבאָס דאָסראָוו נאָר פאר דער כאסענע. מיר ווייסנ פונ דעמ ייִדישנ לעבנ־שטייגער אפילע פונ שפּעטערדיקע יאָרנ, אז בייס דער ארבעט בא יענעמ פלעגט א געזעל בא א באלמעלאָכע אָדער א דינסט שטרעבנ אָנצוקלײַבנ עטלעכע רובל, קעדיי קריגנ די מעגלעכקײַט כאסענע צו האָבנ אונ ווערנ א „באלעבאָס פאר זיכ". אויב אינעמ אָפיציעלנ צעטל פיגורירנ דאָכ העכער דריטהאלבנ טויזנט מאנ, „וואָס פארדינגענ זיכ אפנ יאָר", האָט די פאקטישע צאָל זייערע געמוזט זײַנ א סאכ מער.

נאטירלעכ, אז אויב בערדיטשעוו האָט פארמאָגט ביז 200 רײַכע ייִדישע הײַזער אונ בא 900 מיטעלע, אויב הויז־דינסטנ פרויענ האָט געקאָנט זײַנ אינ בערדיטשעוו בא א 2000, וואָס זײַנענ ערגעצ ווו געווענ אָנגעשטעלט, כיצ יענע, וואָס זוכנ ערשט שטעלעס, אויב נעמענ אינ אכט, אז וואָס ווײַטער צומ מיטנ יאָרהונדערט האָט „קאפּצאנסק" געשיקט קיינ „גלופּסק" אלצ מער אונ מער „טראנכפּאָרטנ לעבעדיקע סכוירע", איז אנטשטאנענ א נויטווענדיקײַט אינ א מינ ארבעט־קאָנטאָר. אזא מינ פרימיטיווע קאָנטאָר איז עס געווענ די „זאָרג־באנק", וועלכע מענדעלע שילדערט אינעמ „ווינטשפּינגערל".

דער פראָפעסיאָנעלער צוזאמענשטעל פונ דער בערדיטשעווער ייִדישער באפעלקערונג אינ 1849

1) האנטווערקערײַ אונ מײַסטערס פונ פארשיידענע מעלאָכעס

	פונ רײַכנ גראד		פונ מיטעלנ גראד		פונ אָרעמענ גראד	
	מישפ.	פערזאָנענ	מישפּאָכעס	פערזאָנענ	מישפ.	פערזאָנענ
	31	115	531	3 208	897	5 201
2) באשעפטיקטע מיט קליינ-פאבריקאציע						
	—	—	1	5	29	81
3) פאבריקאנטנ, וואָס באזיצנ ריכטיקע אײַנריכטונגענ						
	2	7	9	59	—	—
4) ייִדישע מײַסטערס אונ ארבעטער אפ אָט-אָ-די פאבריקנ						
	—	—	—	—	8	70
5) איבעריקע ארבעטנדיקע						
באלעגאָלעס	—	—	—	—	105	595
טאָג-ארבעטער	—	—	—	—	783	6 044
לוינ-ארבעטער, וואָס פארדינגענ זיך אפנ יאָר	—	—	—	—	—	2 650 (1 073 מענער + 1 587 פרויענ)
6) האנדלס-לײַט						
	87	519	177	1 014	264	1 556
7) קאָמיסיאָנערנ, ליפעראנטנ, מעקלערס						
קאָמיסיאָנערנ	11	70	17	116	—	—
ליפעראנטנ	—	—	12	73	9	55
מעקלערס	—	—	—	—	157	880
8) ארענדאטאָרנ פונ פארשיידענע פריצישע אָפּצאָלנ						
	51	—	119	—	185	—
9) באנקירנ אונ ראנטיע						
	15	118	—	—	—	—
10) אָנ באשטימטע פראָפעסיעס						
	—	—	—	—	597	4 202

מענדעלעס באַשרײַבונג פונ דער „זאָרג־באַנק" איז זייער א באַ־לערעוודיקער דאָקומענט צו דער געשיכטע פונ דער ייִדישער אַרבע־טערשאַפט.

II. די רעקרוטשינע

1

ביז 1827 האָבנ ייִדנ אינ רוסלאַנד, ווי אינ פאַרצײַטיקנ פוילנ, געצאָלט א ספעציִעלנ מיליטער־אָפצאָל. אינ דער אַרמיי האָבנ זיי ניט געדינט, ווי דאָסראָוו אזויגערופענע „אינאָראָדצעס" (פאַרשיידענע ניט-רוסישע פעלקערשאַפטנ, וואָס האָבנ געליטנ די ווילדסטע אונטער־דריקונג מיצאַד די צאַרישע קאָלאָניזאַטאָרנ).

אינ 1827 איז אַרויס א ספעציִעלער „סטאַטוט וועגנ רעקרוטנ-פליכט אונ מיליטער־דינסט פונ ייִדנ". צווישנ די „מיט דער בײַטש געשריבענע" צאַרישע ייִדנ־געזעצנ פאַרנעמט דער דאָזיקער „סטאַטוט" איינס פונ די אָנגעזעענסטע ערטער.

לאָמיר זיך באַקאַנענ מיט א פאָר פונקטנ פונ דעמ דאָזיקנ דאָ־קומענט:

„§8. די ייִדנ, וואָס די געמיינדעס שטעלנ צו צו די רעקרוטנ-נאַבאָרנ, דאַרפנ זײַנ פונ 12 ביז 25 יאָר [אַלט]".

„§34. די ייִדישע געמיינדע מעג דורך אירנ א פּריגאָוואָר (באַ־שטימונג פונ אַנ אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פונ דער געמיינדע. — אָ. מ.) אָפגעבנ פאַר א רעקרוט יעדנ ייִדנ אינ יעדער צײַט פאַר ניט פּינקטלעכקײַט אינ [צאָלנ] שטײַערנ, פאַר אַרומ-שלעפערײַ (бродяжничество) אונ אַנדערע אומאָרדענונ-גענ, וועלכע קאָנענ אינ איר ניט דערלאָזט ווערנ" (מײַנ אונטערשטרײַכונג. — אָ. מ.).

דער פאַראַגראַף 37 האָט געפאָדערט, אַז די ייִדישע מישפּאָכעס זאָלנ זײַנ פאַרשריבנ אינ ספעציִעלע רײַ־ביכער, אונ יעדע פאַמיליע זאָל צושטעלנ אירע רעקרוטנ דאַנ, ווענ ס'וועט האַלטנ באַ איר רײַ. אינ דער הויסאָפע צו דעמ דאָזיקנ פאַראַגראַף ווערט געזאָגט, אַז אינ די רײַ־ביכער דאַרפנ שטיינ „פונ פאָרנט" די ניט-פאַרמעגלעכע מישפּאָכעס („ייִדנ ניט אײַנגעזעסענע, וועלכע... זײַנענ ניט ראַיעל אינ

צאָלן שטײַערן") און „פון הינטן" די פארמעגלעכע („וועלכע פארנעמען זיך מיט נוצלעכע באשעפטיקונגען, זײַנען... פּינקטלעך אין צאָלן שטײַערן").

דאָס איז דער געזעץ און דער „גײַסט פונעם געזעץ" שוין אין זײַן ערשטער סטאדיע, דה. אין די יאָרן 1827—1828.

דאָס איז אָבער ווײַט ניט אלץ. צושטעלן די רעקרוטן פלעגט קאָהאָל. די באלעבאטים פון קאָהאָל, די גווירים, האָבן געטאָן אלץ, קעדיי אראָפּצוּווארפן דעם יאָך פון רעקרוטשינע פון זיך און ארופווארפן אים אף דער מאסע.

לויטן געזעץ זײַנען געווען פרײַ פון רעקרוטשינע נאָר די פאמיליעס פון „קופּצעס". אָבער אויך די רײַכע מעשטשאנעס פלעגן זיך ארויסדרייען פון די נאבאָרן, און די גאנצע לאסט פון דער ווילדער, אומענטשלעכער, 25-יאָריקער קאזארמע-פאנשטשינע איז געפאלן אף דער ייִדישער אָרעמשאפט.

דער פּאראגראף 34 און די „הויסאָפע" צום פּאראגראף 37 האָבן געגעבן דעם קאָהאָל די פולע מעגלעכקײַט אָפּצוגעבן פאר א סאָלדאט ווע‌מען און ווען עס האָט זיך אים נאָר געגלוסט.

דער צארישער געזעץ איז געווען אינגאנצן אף דער זײַט פון דעם רײַכן. די, מישטיינסגעזאָגט, באוואָרענישן פון די אינטערעסן פון דעם געמיינעם מאן, וואָס מע קאָן אָנווײַזן אין איינ‌יקע פּונקטן פונעם געזעץ, זײַנען פּאראליזירט געוואָרן דורך אנדערע פּונקטן פון דעם זעלבן געזעץ, אָבער מער. פאר אלץ דורך א גאנצער סיסטעם מיסברויכן, וואָס קאָהאָל פלעגט אָנווענדן.

אזויווי פון רעקרוטשינע פלעגט מען לויפן ווי פון פײַער, פלעגן ספּעציעלע קאָהאָלשע באאמטע — כאפּערס, „לאָווטשיקעס" — זיך נאָכיאָגן נאָך די קאָרבאָנעס פון דער צארישער קאזארמע און כאפּן זיי. אָפט פלעגן ארײַנפאלן אין זייערע נעצן קינדער, אומגליקלעכע קינדער פון דער ייִדישער אָרעמשאפט, קינדער פון אלמאָנעס, יעסוימים. מע פלעגט ניט שטארק איבערקלײַבן — צי איז דאָס קינד ייִנגער פאר 12 יאָר (דער „בארעמהארציקער" צארישער געזעץ האָט דערלויבט אוועקצוראבעווען ייִדישע קינדער נאָר פון 12 יאָר אָן), צי עס איז אן איינציק קינד אאוו. די גרויסע, געשולטע פעלשונג-מײַסטערס פון די קאָהאָלשע קאנצעליאריעס פלעגן שוין אלץ באוואָרענען.

דעם אפּאָגיי אירן האָט די רעקרוטשינע בא ייִדן דערגרייכט די לעצטע יאָרן פון ניקאָלײַ I קיניגן. אין צוזאמענהאנג מיט דער פאַרשטארקונג פון דער רעאקציע אין רוסלאנד נאָך דער מײַרעוו־אייראָפּייִשער רעוואָליוציע פון 1848 יאָר איז די צארישע ייִדן־פּאָליטיק געוואָרן נאָך מער רעפּרעסיוו ווי פריִער. צו אָט די יאָרן געהערט דער באַרימטער געזעץ וועגן „ראזריאדן" [1] און א גאנצע סעריע ניט ווייניקער בארימטע געזעצן וועגן פילפאכער רעקרוטשינע — ייִדן האָבן געמוזט צושטעלן 10 רעקרוטן פונעם טויזנט (ניט־ייִדן — 5), געבן רעקרוטן בא י ע ד ן נאבאָר, סײַ ווען מע נעמט בלויז פון דעם מיזרעך־טייל אָדער בלויז פון דעם מײַרעוו־טייל רוסלאנד, פאַר יעדן ניט־דערגעבענעם רעקרוט צושטעלן אלס שטראָף 3 רעקרוטן ניט ייִנגער פון 20 יאָר, כוץ דעם ניט־דערגעבענעם. קעדיי ניט דערלאָזן, אז ייִדן זאָלן אויסמײַדן מיליטער־דינסט, ווערט אין יאָר 1852 „צײַטוויַיליק" דערלויבט סײַ ייִדישע געמיינדעס סײַ יעדן ייִדן באזונדער צו כאפּן און אָפּגעבן פאַר רעקרוטן יענע, וועלכע האָבן קיין פּאס ניט.

ווי ווײַט עס איז דערגאנגען די רעציכע פון דער צארישער אדמיניסטראציע, פון קאָהאָל און זײַנע געדונגענע אגענטן באַם אויספילן די דאָזיקע געזעצן — קאָן מען זיך לײַכט פאָרשטעלן.

א דאָקומענט פון יענער צײַט דערציילט:

„בעשאס נאבאָר ווערן אלע וועגן פאַר ייִדן געפערלעך, מאכמעס אומעטום האָבן זיך געשאפן באנדעס, וועלכע האנדלען מיט מענטשן, וואָס האָבן קיין פּאס ניט, און לאָקערן אפ רײַזנדער, פאַר וועלכע דער פּאס איז אויך ניט שטענדיק קיין באַוואָרעניש. גאנצע הײַזער זײַנען אָנגעפילט מיט פאַרהאַלטענע, און דער האנדל פירט זיך סיסטעמאטיש. ווער עס דארף א רעקרוט — קומ און קויף מיט אן אויסוואל. פאַר עטלעכע צענד־

1 ייִדן זײַנען אײַנגעטיילט געוואָרן אין עטלעכע קאטעגאָריעס פון מער און ווייניקער „נוצלעכע". די לעצטע קאטעגאָריע — די אָרעמשאפט — איז לויט דעם דאָזיקן געזעץ אונטערגעוואָרפן געוואָרן אונטער א ספּעציעלן רעזשים פון רעפּרעסיעס; רעקרוטן האָט זי געדארפט צושטעלן 5 (!) מאָל אזויפיל, איידער די איבעריקע ייִדישע באפעלקערונג.

ליק רובל קאָנ מענ קריגנ א פארבײַט פארנ אײגענעמ זונ. מיט אײנ וואָרט — בא ייִדנ איז געוואָרנ אנ עמעסער מענטשנ־האנדל, וואָס שײדט זיך מיט גאָרנישט ניט אונטער פונ יענעמ האנדל, וועלכער גײט אָנ צווישנ אפריקע אונ אמעריקע. דער כילעק באשטײט... דערינענ, וואָס דאָ קויפט מענ אונ מע פארקויפט ווײַסע מענטשנ אונ פיל ביליקער אײדער נעגערס.

אינ אײנעמ א שטעטל האָט זיך דער סבאָרשטשיק געמאכט א פארנאָסע דערפונ אונ האָט א לאנגע צײַט געהאנדלט מיט מענטשנ, וואָס האָבנ קײנ פאס ניט..."

2

אָפיציעלע קוועלנ דערצײלנ, אז אינ 9־טנ טײלווײַזנ נאבאָר (א נאבאָר פונ אײנ טײל רוסלאנד — פונ דעמ מײַרעוו-טײל אָדער דעמ מיזרעכ־טײל) האָט בערדיטשעווער ייִדישע געמײנדע ניט דערגעבנ 45 רעקרוטנ. לויטנ געזעצ איז פונ איר אזויארומ געקומענ 3×45 — הונדערט פינפ אונ דרײַסיק שטראָפ־רעקרוטנ, ניט ייִנגער פאר 20 יאָר. ס'האָט זיך אָבער ארויסגעשטעלט, אז ס'איז ניטאָ וועמענ צו נעמענ. פונ די 192 יונגעלײַט אינ עלטער פונ 20 ביז 25 יאָר, וואָס האָבנ זיך גערעכנט אפנ דיסקאָנט פונ בערדיטשעווער קאָהאָל, איז קײנ אײנער ניט געבליבנ.

האָט מענ זיך גענומענ צו כאפערײַ. דערבײַ האָבנ שוינ געאר־בעט ניט נאָר דעמ קאָהאָלס כאפערס. ספעציעלע קאָמאנדעס סאָלדאטנ זײַנענ געקומענ צו הילפ דעמ קאָהאָל. נאָכ צוויי „עקספעדיציעס" אינ שטאָט אונ אינ דער אומגעגנט האָט מענ געכאפט 900 מאנ, אָבער דער צוועק פונ די עקספעדיציעס איז דאָכ ניט דערגרײכט געוואָרנ: פונ די 900 מאנ האָבנ בא 400 געהאט ניט קײנ בערדי־טשעווער פעסער, אונ פונ די העכער 500 מאנ, וואָס זײַנענ געבליבנ, זײַנענ ניט מער ווי 20 (!) געווענ פײַק צו מיליטערישער דינסט.

אזויארומ זײַנענ געבליבנ 115 ניט־דערגעבענע שטראָפ־רעקרוטנ. דאנ האָט דער גובערנאטאָר דערלויבט צו נעמענ פאר רעקרוטנ ייִנג־

לעכ. איז אוועק א נײַע כאפעריַ. דער נײַער פאנג האָט ארײַנגע־בראכט 496 קאָרבאָנעס. פונ זיי האָט מענ געדעקט דעמ רעקרוטנ־כויוו. דערבײַ האָט מענ אָפּגעגעבנ 81 ייִנגלעכ, ניט עלטער פונ 12—15 יאָר.

מענאשע מאָרגוליס, וואָס שטאמט פונ בערדיטשעוו, דערציילט וועגנ די דאָזיקע געשעענישנ אינ זײַנע מעמוארנ:

„די גאנצע שטאָט איז געווענ ארומגערינגלט מיט סאָלדאטנ. ארומ דער שטאָט, אפ א שטרעקע פונ 18—20 ווערסט, האָבנ גענישטערט קווארטאלנע נאדזיראטעלעס מיט אָטריאדנ סאָלדאטנ, אונ יעדנ ייִדנ, וואָס זיי האָבנ באגעגנט, פלעגנ זיי אומקערנ אינ שטאָט ארײַנ. א פאניק האָט געהערשט אומעטומ. די טפּי־סע אונ אלע פּאָליציי־צירקלענ זײַנענ שוינ ניט געווענ אימשטאנד ארײַנצונעמענ אלעמענ, ווועמענ מע האָט געכאפּט. מע האָט פאר־פולט מיט די פארהאלטענע דעמ קאטוילישנ מאָנאסטיר... אונ פיל פּריוואטע הײַזער. צווישנ די פארכאפּטע זײַנענ געווענ פאָרגעשטעלט דרײַ דוירעס: זינ, פאָטערס אונ זיידעס... אינ שטאָט זײַנענ דערווײַל פונ צײַט צו צײַט געגאנגענ אָבלאוועס, אונ יעדעס מאָל פלעגנ זיכ באווײַזנ אלצ נײַע אונ נײַע קאָר־באָנעס... וואָס איז פאָרגעקומענ פאר די זעקס וואָכנ פונ אויס־פירנ די גזיירע, איז ניט צו באשרײַבנ".

III. פּראָסטיטוציע אונ פרויענ־האנדל

...לייווי באָכערס דאָזיקע הײַזל איז איינס פונ יענע הײַזער, וואָס זײַנענ א פלעק אפּנ פּאָלק ייִסראָעל אונ פארשווארצנ אימ פאר דער וועלט דאָס פּאָנעמ. נאָר שיינע, קאָשערע ייִדנ גייענ פארבײַ, זיי שווײַגנ אונ שפּײַענ אויס...

„ווינטשפּינגערל"

אינ דער העצע, וואָס די אנטיסעמיטישע פּרעסע האָט פונ סאָפ 60־ער יאָרנ אָנ אופגעהויבנ קעגנ ייִדנ, פלעגט פונ צײַט צו צײַט ארופשווימענ אויכ דער מאָטיוו — ייִדנ זײַנענ הענדלער מיט לעבעדי־קער סכוירע.

אינ אָדעס, איינעמ פונ די געוועזענע צענטרענ פונ דעמ וועלט־

האנדל מיט פארנארטע אונ אָפּגענארטע פּרויענ נאָכ פונ דער ערשטער העלפט פונעמ XIX יאָרה. אָנ, פלעגנ פעריאָדיש אופגעדעקט ווערנ אָרגאניזירטע באנדעס פונ די דאָזיקע נידערטרעכטיקע „סאָכרימ“. א געוויסע פאָרשטעלונג וועגנ די מאסשטאבנ פונ דעמ האנדל קאָנ מענ זיכ שאפנ פונ דעמ פאָלגנדיקנ פאקט:

אינ יאָר 1858 (אפּאָנעמ, אונטער דער ווירקונג פונ די ליבערא־לע וויגטנ, וואָס האָבנ דאנ גענומענ וווייענ אינ רוסלאנד) האָט מענ זיכ לויט דער איניציאטיוו פונ דעמ שעפ פונ דער זשאנדארמעריע אינ פעטערבורג גענומענ פאר די הענדלער מיט לעבעדיקער סכוירע אינ אָדעס. צווישנ די דאָזיקע הענדלער זײַנענ געווענ שטארק פאר־טראָטנ אויסלענדישע (דערהויפּט טערקישע) יידנ, וואָס פלעגנ פאר־קויפנ די אומגליקלעכע פרויענ אינ די טערקישע שאנדהײַזער. ס'איז געשאפנ געוואָרנ א ספּעציעלע קאָמיסיע צו דורכקאָנטראָלירנ דאָס ווינרעכט פונ אויסלענדישע יידנ אינ אָדעס. די קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט, אז פונ 1־טנ סענטיאבער 1858 ביזנ 1־טנ דעקא־בער 1859 זײַנענ געקומענ אומגעזעצלעכ קיינ אָדעס 294 אויסלענדישע יידנ. פונ זיי זײַנענ 237 געווענ אָנ באשטימטע פּראָפעסיעס. אייניקע זײַנענ געקומענ „זיכ צו זענ מיט באקאנטע“.

ס'איז קלאָר, אז די דאָזיקע פילע צענדליקער מענטשנ אָנ באש־טימטע פּראָפעסיעס, וואָס קומענ ספּעציעל „זענ זיכ מיט באקאנטע“, זײַנענ געווענ פונ דער פינצטערער קנופּיע פרויענ־הענדלער.

פארשטייט זיכ, אז די אויספאָרשונג האָט זיכ אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. די צעצווײַגטע אונ רײַכע אינטערנאציאָנאלע באנדע איז געווענ פארבונדנ מיט דער טערקישער אונ מיט דער רוסישער אד־מיניסטראציע. גאָר גיכ האָט מענ די גאנצע זאכ „פארריבנ“.

ביכלאל פלעגט נאָר דער מינדסטער טייל פונ די פארברעכנס פונ די פרויענ־הענדלער דערגיינ ביזנ געריכט, אונ אפילע פאר־נעמ געריכט פלעגנ די דאָזיקע לײַט אויכ זייער אָפט ארויס ריינ.

ס'איז כאראקטעריסטיש, אז די יידישע בורזשואזע פּרעסע האָט געזוענ ווי ווײַט מעגלעכ די זאכ צו פארשווײַגנ.

אָ. ראבינאָוויטשעס «Рассвет» (1860—1861) איז ארויסגעגאנגענ אינ אָדעס, אינעמ סאמע צענטער פונעמ פרויענ־האנדל. אָבער ער האָט

אויסגעמיטן צו באהאנדלען די פראגע, כאָטש אינעם פּראָספּעקט וועגן דער דערשיינונג פונעם זשורנאל איז געווען געמאָלדן, אז „מיר וועלן ניט פארשוויַיגן ניט אונדזערע באדערפעניִשן, ניט אונדזערע פעלערן".

וועגן צעדערבוימס „המליץ" און „קול מבשר", וואָס זיַינען אויך דערשינען אין אָדעס, איז שוין אָפּגערעדט. אָרשאנסקיס „День" האָט אויך ניט באריִרט אָט דעם איניען. די צוריקגעהאלטנקייַט פון דער יידישער פּרעסע קאָן מען וויַיטער אויך נאָכשפּירן.

דאָס, וואָס מענדעלע האָט ניט מוירע געהאט אופצוהייבן די דאָזיקע פראגע אין זיַין ווערק, באוויַיזט אן איבעריק מאָל זיַין טיפן הומאניזם.

IV. פון די האסקאָלע־שטריַיטן

1

דער ראָמאן צווישן רעפאָעלן און כאנצען ווערט אינעם „ווינטש־פינגערל" געשילדערט אפן פאָן פון דער אופלעבונג אין די 60־ער יאָרן צווישן די יידישע בירגערלעכע קריַיזן. באשטימטע מאָמענטן פון דער האסקאָלע־פּראָגראם אין שטייגער־ און פאמיליען־לעבן האָבן דעמלט אָנגעהויבן פארווירקלעכט ווערן. די אונטערוואקסנדיקע יוגנט, אָפּט אפילע יונגע פאמיליען־מענטשן (מע דארף געדענקען, אז צו 17—18 יאָר האָט מען דאן בא יידן שוין געהאלטן נאָך דער כאסע־נע) הייבן אָן ביסלעכוויַיז ענדערן דאָס אָנטאָן, מע דערלויבט זיך ארויסגיין אין גאס א שפּאציר טאָן מיט דער פרוי, מע קוקט אריַין אין דער העברייִשער אָדער יידישער צייַטונג, וואָס הייבט דאן אָן צו דערשיַינען. מע שטעלט זיך קעגן טאטע־מאמע מיט זייערע פאר־עלטערטע געזעצן, מע הייבט אָן צו טראכטן וועגן א „טאכלעס" פאר זיך און פאר די קינדער. די מער פּראָגרעסיווע פארבינדן די אלע ענדערונגען אין שטייגער, אין פאמיליען־לעבן מיט רעפאָרמעס אין דער סאָציאל־עקאָנאָמישער און רעכטלעכער לאגע פון די יידן.

די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון יידישן בירגערטום גיבן זיך א וואָרף צו בילדונג.

איינע א העלדן פון לעוואנדעס ראָמאן «Горячее время», וועל־כער שילדערט די ערשטע 60־ער יאָרן, כאראקטעריזירט אזוי איר

שטאָט: „דאָ לערנען אלע, פון קליין ביז גרויס, באזונדערס פרויען; די פאנסיאָנען פאר מיידלעך זיינען דאָ איבערפולט; די היגע לערערס זיינען פארנומען פון איינדערפרי ביז אינאָווענט״.

און ווירקלעך: די פרויען־בילדונג האָט בא יידן, באזונדערס אין די גרעסערע צענטרען (אין מינסק, מאָלעוו, בערדיטשעוו, זשיטאָמיר אדג.), גענומען שטארק וואקסן יענע יאָרן.

געבילדעט האָבן זיך ניט נאָר די קינדער, נאָר די טאטעס און די מאמעס אויך.

„פאנאטישע יונגעלייט האָבן אוועקגעוואָרפן דאָס לערנען און זיך גענומען צו האסקאָלע״, שרייבט דער באקאנטער מעמואריסט יעכעזקל קאָטיק. די שוין דערמאָנטע העלדין פון לעוואנדעס «Горячее время» דערציילט: „לעקציעס נעמט ניט נאָר יונגווארג, נאָר אפילע פרויען אין די יאָרן״.

אף די נאטורוויסנשאפטלעכע קורסן פאר פרויען אין קיעוו צום סאָף פון די 60־ער יאָרן לערנען זיך בא א צענדליק יידישע סטודענטנס.

אין ציריך (אין דער שווייץ) איז אין 1870 געווען 10 סטודענטנס פון רוסלאנד, פון זיי 7 יידישע.

אין א קאָרעספאָנדענץ אין דער צייטונג «День» וועגן קיעוו פון סאָף 60־ער יאָרן רעדט זיך שוין וועגן א יידישער סטודענטנשאפט.

2

מע דארף ניט מיינען, אז מענדעלע טרייבט איבער, ווען ער שרייבט אינעם „ווינטשפינגערל״ (אין צוזאמענהאנג מיטן בייז לעבן צווישן כאנצען און דעם „מאנעלע״ דעם „צוציק״, וואָס איר טאטע האָט איר געגעבן): „מע זאָל זוכן אף באלאָנעס אין די מעטריקעביכער פון יענער צייט, וואָלט זיך גאנץ זיכער דערוויזן, אז אזויפיל געטן, ווי דענסטמאָל, איז נאָך בא יידן ניט געווען״.

בא יעכעזקל קאָטיק אין זיינע „זיכרוינעס״ לייענען מיר אויך:

„דאָס איז געווען די בארימטע צייט פון געטן צווישן מאן און ווייב צוליב דער האסקאָלע. שווערן האָבן אָפגעגעט זייערע איידעמס, מאכמעס די טעכטער האָבן קיין דייע נישט געהאט. דער

טאטע האָט געזאָגט, אז איר מאנ איז געוואָרנ אנ אפּיקוירעס, מוז מענ אים אָפּגעטנ". וועגנ זיכ אַליינ דערציילט דער זעלבער שרײַבער: „אז דער פֿאָטער האָט באמערקט, אז איכ לערנ מיכ רוסיש, האָט ער מיר געגעבנ צוויי פּעטש אונ געזאָגט: מיר לעבנ גאָט צו דאנקענ אונ מיר קענענ נישט קיינ רוסיש. דו ווילסט רוסיש. פֿאר קיינ פֿאל וועל איכ דיר ניט לאָזנ".

„ווי אָפֿט קומענ איצט פֿאָר צוזאמענשטויסנ צווישנ עלטערנ אונ קינדער! — רופֿט אויס א קאָרעספּאָנדענט פֿונ מאָלעוו אפֿנ דניעפּער, וואָס שילדערט די שטאָט אינ די 60־ער יאָרנ. — ...מיר קענענ צוויי פֿרײַלנס, וואָס פֿירנ שוינ העכער דרײַ יאָר א קאמפּ מיט דעמ פֿאמיליע־דעספּאָטיזמ אונ מיט די פֿאָרורטיילנ. ניט געקוקט אפֿנ שרעקלעכנ פֿאנאטיזמ פֿונ די עלטערנ, האָבנ זיי קימאט ווי אָפּגעהאלטנ א ניצאָכנ. צוריק מיט צוויי יאָר האָט מענ זיי געשראָקנ, אז מע וועט זייערע ביכער פֿארברענענ, אונ איצט נעמענ זיי שטונדנ בא לערער פֿונ גימנאזיעס אונ לערנענ ניט ווייניקער פֿאר 14 שאָ אינ מעסלעס... אָבער גאָר אָפֿט קומענ פֿאָר סיכסוכימ צווישנ עלטערנ אונ קינדער, ווענ עס האנדלט זיכ וועגנ כאסענע האָבנ... די טאָכטער וויל ניט פֿאָרנ זיכ אָנקוקנ מיטנ כאָסנ, זי טײַנעט, אז זי איז ניט קיינ סכוירע, מע זאָל זי באקוקנ. א ליאדע שנעק שפּעט אָפּ פֿונעמ שאדכנ אינ די אויגנ, ער וואָרנט אימ, אז זײַנ טירכע איז ארויסגעוואָרפֿנ, מאכמעס ער קלײַבט זיכ גאָר אָנצוקומענ אינ א לערנ־אנשטאלט".

קעדיי צו שטודירנ, פֿלעגט אָפֿט אויסקומענ צו אנטלויפֿנ פֿונ די עלטערנ, פֿונ שווער אונ שוויגער, פֿונ דער יעשיווע.

3

די קאָנסערוואטיווע מערהײַט פֿונעמ יידישנ בירגערטומ, אפֿילע אינ די גרעסטע שטעט אונ גאָר באזונדערס אינ די קלענערע פּונקטנ, שטעלט זיכ אנטשיידנ קעגנ די רעפֿאָרמאטאָרישע פּרוווּנ פֿונ דער יוגנט. עס צעפֿלאקערט זיכ א קאמפּ, „ס'איז א קריגערײַ, א געווערטלערײַ צווישנ ביידע צדאָדימ... איינער דעמ אנדערנ טוט אינ דער

גאל אריינ״. דער קאמפ, ווי מיר האָבנ געזענ, דרינגט אריינ אינ דער פאמיליע — צעקריגט עלטערנ מיט קינדער, שוויגער־עלטערנ מיט איידעמס אונ שניר, צעשיידט יונגע פאָרפאָלקנ, אָבער ער וואקסט גיכ אריבער די ראמענ פונ א פאמיליענ-קאָנפליקט. די קאָנסערוואטיוו־קלעריקאלע פניי פונ די יידישע שטעט אונ די ראבאָנימ הייבנ אָנ פארפאָלגנ די מאסקילימ.

פונ דער באוווסטער אווטאָביאָגראפיע פונעמ העברייישנ שרייבער מ. ל. ליליענבלומ „חטאת נעורים״ ווייסנ מיר, וויפל ער האָט געהאט אויסצושטיינ פאר זיינ גאנצ מעסיקער „אפיקאָרסעס״: „דער פאנאטישער מארשאלאָווער ראָוו האָט אופגעהויבנ אנ אליארמ, אז בא מיר האָט מענ געפונענ וועלטלעכע ביכער... מע האָט מיכ פארשריענ פאר אנ אפיקוירעס... די קאָהאָלס־לייט האָבנ זיכ געקליבנ פאלש איידעס צו זאָגנ אפ מיר, קעדיי צו פארשיקנ מיכ קיינ סיביר... מע האָט אָנגערייצט אפ מיר יינגלעכ, זיינענ זיי מיר נאָכגעלאָפנ אינ די גאסנ... די ווענט אינ די באָטעמעדראָשימ, די סלופעס אפ די גאסנ זיינענ געווענ פארקלעפט מיט פאסקווילנ קעגנ מיר. מאָסרימ האָבנ אָנגעגעבנ דער מאכט אפ מיר, אז איכ פארנעמ זיכ מיט פעלשנ רעקרוטנ־קוויטאנציעס, איכ זיי ניהיליזמ צווישנ דער יוגנט. אייניקע כסידימ האָבנ אָפגעמאכט מיכ שטילערהייט צו סאמענ״...

מ. ל. ליליענבלומס אונ י. ל. גאָרדאָנס ארטיקלענ אינ דער העברייישער פרעסע וועגנ א מעסיקער רעפאָרמ אינ דער רעליגיע, אינ דער ראבאָנעס אונ ביכלאל די גאנצע האסקאָלע האָט ארויסגערופנ אנ אָרגאניזירטע קאמפאניע פונ דעמ יידישנ קלער קעגנ די „אפיקאָרסימ״. עס שאפט זיכ א ראבאָנישע אָרגאניזאציע „חברת מצדיקי הרבים״ מיט אָפטיילונגענ אינ פארשיידענע שטעט צו באקעמפנ די האסקאָלע. ראבאָנימ האלטנ אָפ א ספעציעלנ צוזאמענפאָר אינ קאָוונע. זיי לאָזנ ארויס א ריי בראָשורנ קעגנ די „מיעסקייטנ אונ אומריינקייטנ״ („תולדות השרצים והרמשים״ — אזוי הייסט איינע א בראָשור, וואָס זיי האָבנ געפלאנט). אפ די שפאלטנ פונ דעמ קלעריקאלנ „הלבנון״ ווערט געפירט אנ עקלהאפטע אנטימאסקילישע קאמפאניע. אינ קאָוונע קלעפט מענ פאנאנדער א מעסירע־אופרופ אינ רוסיש קעגנ די אפיקאָרסימ, ווו זיי ווערנ ארויסגעשטעלט אלס בונטאָוושטשיקעס.

מענדעלע איז טרײַ דער געשיכטלעכער ווירקלעכקײַט, ווען ער באטאָנט אינעם „ווינטשפינגערל״, אז די זעלבע פרומאקעס, וואָס פלעגן אָנטאָן צאָרעס די „אָרעמע באלאווירעניקעס״, זײַנען געווען גאנץ טאָלעראנט צו רעפאָעלן — א קאָמיסיאָנער, א סויכער.

פון די אלע פארפאָלגונגען, וואָס א מאסקל האָט יענע צײַט געהאט אויסצושטיין, אָפטמאָל פאר דער מינדסטער מאָס פרײַדענקערײַ, האָט דער מאסקל דער גוויר, דער מאסקל דער טאקיף ניט געליטן. אָפטמאָל פלעגן מאסקיליש־געשטימטע יידישע נעגידים נעמען אונטער זייער שוץ יענע עלעמענטן פון דער האסקאָלע־באוועגונג (עלנטע יונגע־לײַטלעך, יעשיוועבאָכערים אדג.), וואָס קאָהאָל און די קלייקוידעש פלעגן פארפאָלגן.

אין פארשיידענע מעמוארן און אין דער ליטעראטור קאָן מען טרעפן א ריי אזעלכע בײַשפּילן.

V. דער אקציז און די אקציזניקעס

אין צארישן רוסלאנד איז דער פארקויף פון בראנפן געווען א מאָנאָפּאָל פון דער מעלוכע. אין 1847 ווערט אײַנגעפירט די אזויגערופענע „אקציז־קאָנצעסיאָנעלע קאָמיסיאָנערשאפט״ אפ פארקויפן בראנפן. לויט דער דאָזיקער סיסטעם פלעגט זיך דער קאָנצעסיאָנער פארפליכטן צו קויפן בא קאזנא אין דעם מעשעך צײַט, אפ וועלכן ער האָט באקומען די קאָנצעסיע, ניט ווייניקער פון א געוויסן קוואנטום בראנפן, און בענעגייע דעם דאָזיקן קוואנטום איז ער געווען א מין קאָמיסיאָנער בא דער רעגירונג. די קאָנצעסיעס איבער א געוויסן קאנט פלעגן אָפּגעגעבן ווערן אין ארענדע דורך אן אאוקציאָן („טאָרגעס״) אפ עטלעכע יאָר צײַט.

א פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס פאר א גרויסע געשעפטן דאָס זײַנען געווען, קאָן מען זיך שאפן פון פאָלגנדיקן צעטל פון די יערלעכע קאָנצעסיע־סומעס, וואָס די יידישע קאָנצעסיאָנערן האָבן באדארפט ארײַנטראָגן צום סאָף פון די 50־ער יאָרן (די נעמען און די סומעס נעמען מיר ארויס פון אן אָפיציעלן אלגעמיינעם צעטל פון די קאָנצעסיאָנערן און זייערע אָפּצאָלן איבערן גאנצן לאנד).

ייִדישע בראַנפֿן־אַטקופּשטשיקעס סאָפּ 50־ער יאָרן פֿון XIX י.ה.

מעכוי־עוו צו צאָלן יערלעך

גינצבורג, ערן־בירגער	3 777 440 רוב.
ווייַנשטיין, קופּעצ	1 517 440 „
ווייַסבערג, קאָלעזיע־אסעסאָר	1 243 774 „
באַלאַכאָווסקי, קופּעצ	642 400 „
גאָרוויצ, קופּעצ	634 202 „
האָראָדעצקי, ערן־בירגער	379 222 „
שנעור, קופּעצ	355 857 „
לאָכוויצקי, קופּעצ	315 257 „
קראָז, קופּעצ	273 121 „
וואַרשאַווסקי, קופּעצ	249 102 „
ראַבינאָוויטש, קופּעצ	223 500 „
לאַנדבערג, קופּעצ	170 767 „
האָראָדעצקי, ערן־בירגער	170 650 „
פּרענקל, קופּעצ	114 878 „

אונטער די דאָזיקע גרויסע קאַפּיטאַליסטן איז געשטאַנען אַ גאַנצע יעראַרכיע פֿון מיטעלע, קלענערע, קליינע און גאָר קליינע אונטערנעמער.

דער אַוטאָר פֿון די באַוווּסטע «Записки еврея», ג. באָגראָוו, וואָס איז אַליין געווען אַ שטיק צייַט „אין דעם דאָזיקן ברויט", דערציילט:

„אָט די גרויסע קאָנצעסיע־וואַלפֿישן פֿלעגן פֿאַרכאַפּן צו זיך אין פֿאַקט גאַנצע קאַנטן און עקספּלואַטירן די קלענערע לייַט, וואָס האָבן שוין פֿון זיי געדונגען קאָנצעסיעס איבער איינציקע גובערניעס. די גובערניאַלע אַליגאַטאָרן פֿלעגן אויסציִען דעם קליי פֿון די גרויסע קאָנצעסיע־העכט, וועלכע האָבן געהאַט צו שאַפֿן מיט זייער מאָנאָפּאָליע איבער אַן אויעזד. די אויעזדנע רויבפֿיש פֿלעגן שלינגען די קליינע פֿישעלעך, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אין זייערע נעסטן אין פֿאַרשיידע פּונקטן פֿונעם אויעזד. ווידער דאָס דאָזיקע קאָנצעסיאָנעלע קליינוואַרג האָט געפּרעסן די גירי־קע שענקערס. און די שענקערס, די מאָליוסקן, פֿלעגן זיך שפּייַזן

פונעם פאָלק, וואָס האָט געהאלטנ אינ איינ זופּנ דאָס שמעקנדיקע וואסער אונ איז קיינמאָל ניט געבליבנ זאט".

מיילע, אפ דער „עקספּלואטאציע" פונ די „העכט" מיצאד די „וואלפישנ" איז ניטאָ וואָס צו קלאָגנ זיכ, — די „העכט" פלעגנ זייער שטעטל אליינ באשטיינ. אָבער דאָס אלגעמיינע בילד שילדערט באָגראָוו ריכטיק.

ארומ אָט־אָ־די גרעסערע אונ קלענערע קאָנצעסיאָנערנ אונ שענקערס האָבנ זיכ גרופּירט זייער פיל אָנגעשטעלטע, אונ דער אקציז האָט ווירקלעכ „באשעפטיקט מיט פארשיידענע מינע שטעלעס טויזנטער מענטשנ פונעם געהויבענעמ אונ געמיינעמ גראד" („ווינטשפּינגערל").

אינ דער געשיכטע פונ דער האסקאָלע בכלל אונ אינ דער אייראָפּעיזירונג אונ דער סעקוליאריזירונג בא ייִדנ ביפראט האָט דער אקציז אָפּגעשפּילט א געוויסע ראָליע. באָגראָוו שרייבט אינ זיינע שוינ דערמאָנטע «Записки еврея»:

„דער צעכ פונ קאָנצעסיע־אָנגעשטעלטע האָט ארייַנגענומענ אינ זיכ קימאט אלצ, וואָס עס איז געווענ גראמעטנע אונ פייִק בא ייִדנ... דער קאָנצעסיע־אמט מיט זיינ הייבנ אונ אראָפּלאָזנ א מענטשנ, מיט זיינע היפּשע סכירעס אונ געשאנקענ, מיט זיינ קעמוי קאזיאָנער פאָרמאליסטיק האָט צוגעצויגנ די ייִדישע יוגנט, וועלכע האָט געפילט אינסטינקטיוו, אינ דער לופט, דאָס אָנקומענ פונ א נייער עפּאָכע אונ האָט זיכ געריסנ אראָפּצוווארפנ פונ די הענט אונ פיס די שווערע קייטנ פונ דעמ פאנאטישנ אלטווארג. דער אקציז האָט פאָרגעשטעלט פארנ ייִדנ די איינציקע קאריער אפ צושלאָגנ זיכ צו א שטיקל געזעלשאפטלעכער לאגע, צו אנ אָנשטענדיק לעבנ דורכ אינטעלעקטועלער ארבעט, ניט דורכ קאפּיטאל אונ שווינדל, אונ וויכטיקער פונ אלצ — צו עמאנסיפּירנ זיכ פונ דער ייִדישער געזעלשאפטלעכער מיינונג, וואָס פלעגט שטארק שטיקנ יעדנ איינציקנ, וועלכער האָט געהאנדלט אונ געלעבט ניט לויט דער אלגעמיינ־אָנגענומענער פּראָגראמ".

VI. די קאַזיאָנע ייִדישע בילדונג אין די צײַטן פֿון ניקאָלײַ I און אלעקסאנדער II

1

אין איינעם אַן אָפֿיציעלן דאָקומענט פֿונעם ערשטן פֿערטל פֿון XIX יאָרהונדערט ווערט אויסגעדריקט דער געדאַנק, אַז ייִדן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט האַנדל און געווערבן, גיבן דער קאַזנאַ פֿיל ווייניקער, איידער מע האָט געקאָנט פֿון זיי דערוואַרטן: דער צאַריזם האָט, הייסט עס, זיך אָפּגענאַרט אין כּעזשבן מיט די ייִדן, ווען ער האָט זיי איבערגענומען אײַנײנעם מיטן איבעריקן לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר פֿון דער אונטערגעגאַנגענער „זשעטשט פּאָספּאָליטאַ".

דער גרויסער פּאַופּעריזם פֿון די ייִדישע מאַסן און די שווערע אָפּצאָלן, וואָס זײַנען אָפּ זיי געלעגן, — פֿאַר דער מעלוכע, דעם קאָהאָל, דעם פּאָרעץ, — די מיסברויכן פֿון די קאָהאָלס־לײַט האָבן געבראַכט דערצו, אַז די „נעדאָימקעס" פֿון די ייִדן פֿאַר דער קאַזנאַ זײַנען געווען זייער גרויס.

אין הינזיכט פֿון צושטעלן רעקרוטן זײַנען די ייִדישע געמיינדעס אויך געווען שטאַרק הינטערשטעליק.

ייִדן מיט זייערע ספּעציפֿישע פּראָפֿעסיעס אין די דערפֿער זײַנען פֿאַר דעם לײַבקנעכטישן סיידער געוואָרן וואָס ווײַטער אַלץ ווייניקער געווונטשן.

די פֿעאָדאַלע אָרדענונג לעבט איבער אַ קריזיס — די ווירטשאַפֿט ווערט אַלץ ווייניקער רענטאַבל, די פּויערים בונטעווען אַלץ מער. מע הייבט אָן וואַרפֿן זיך צו פֿאַרשיידענע מיטלען, כּדי צו פֿאַרלענגערן די יאָרן פֿון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג.

דער גוטבאַזיצער פֿאַרשטאַרקט די עקספּלואַטאַציע פֿון דעם לײַבקנעכט, ער נעמט צו גרויסע שטעכס ערד בײַ די פּויערים און דערקלערט עס פֿאַר זײַנס, ער הייבט אָן אַליין אינטערעסירן זיך מיט דער ווירטשאַפֿט. אין די געגנטן פֿון געוועזענעם פּוילן, ווו ס'איז געווען אַזוי פֿאַרשפּרייט די פֿיגור פֿון דעם ייִדישן רענדאַר נאָך פֿון אַמאָל, טרײַבט דער פּאָרעץ דורך דעם רענדאַר און דאָס דאַרף באַטײַטן, אַז דער פּאָרעץ אַליין באַשירעמט קלוימערשט די פּויערים פֿון עקספּלואַטאַציע.

די רעגירונג שאפט איין געהיימען קאָמיטעט (секретный комитет) נאָך דעם צווייטן צו באטראכטן די פויערים־פראגע, דער קייסער אליין נעמט אָנטייל אין דער ארבעט פון די דאָזיקע קאָמיטעטן; אין שווערע הונגער־יאָרן ווערן ארויסגעשיקט אפ די ערטער הויכע באַאמטע מיט ברייטע פולמאכטן — ווי די אָפיציעלע דאָקומענטן זאָגן, „קעדיי ארויסצוווייזן די אונטערטאנער... די שטענדיקע זאָרגזאמקייט פון זיין מאיעסטעט". וויטער ווערן פאָרגענומען איינצלנע, גאנץ קליינע „פארלייכטערונגען" אין דער לאגע פון די פויערים. די דאָזיקע „פארלייכטערונגען" בלייבן אפילע אפן פאפיר, אָבער א טאראראם ווערט ארום זיי אופגעהויבן א גרויסער. די באלעבאטים פונעם לייבקנעכטישן סיידער מיינען, אז מיט איינציקע קליינע לאטקעלעך וועט זיך זיי איינגעבן צוצולאטען דעם אלטן בעגעד, וואָס הייבט אָן צעקראָכן ווערן.

פאר דער דאָזיקער פאָליטיק פון האלב־דעמאגאָגיע, האלב־זעלבסט־אָפנארעריי זיינען יידן געוואָרן איינער פון די פאסיקסטע אָביעקטן. רעגירונגס־דאָקומענטן, געשריבענע מיט פריצישע הענט, קלאָגן זיך, אז די יידן „האלטן אין שווערער פארשקלאפונג" דעם פויער, אז „זייער אופהאלטן זיך אין די דערפער און זייער בראנפן־פארקויף דאָרטן איז די הויפט־סיבע (מיין קורסיוו. — א׳ מ׳) פון דער געפאלנקייט פון די ווייסרוסישע פויערים".

דער לייבקנעכטישער סיידער נעמט זיך רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן לויט זיין גוסט — ער טרייבט יידן פון די דערפער, פון די גרענעץ־געביטן, פירט איין פאר זיי דעם „טכום", אאוו. אאוו.

נאָך עטלעכע יאָרצענדליקער אקטיווע לייבייגנטימערישע יידן־פאָליטיק האָט די הויכע צארישע אדמיניסטראציע זיך ארומגעזען, אז אלע מאָסמיטלען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן בנוגע יידן „באם אויספילן דעם אלגעמיינעם פלאן צו רעאָרגאניזירן גרינטלעך דאָס יידישע פאָלק, האָבן ניט געהאט קיין פולע", און פון איצט אָן „דארפן די האנדלונגען פון דער רעגירונג זיין געווענדט אפ די צוויי וויכטיקסטע זאכן: א) אפ מאָראליש־רעליגיעזער בילדונג פון דעם יידישן פאָלק... ב) אפ אָפשאפן אָדער אָפשוואכן בא די יידן די ספעציעלע פארוואלטונג־ און פינאנץ־אנשטאלטן"[1].

---

1 פון דעם מיניסטער קיסעליאָווס א מעמאָראנדום אָנהייב 40־ער יאָרן.

אין דער דאָזיקער ריכטונג זײַנען טאַקע געווען געווענדט די ייִדן־געזעצן פֿון די 40־ער יאָרן. ס'איז אָפֿיציעל קאַסירט געוואָרן דער קאָהאָל (ניט אָפֿיציעל האָט מען אים געלאָזן), עס זײַנען געבליבן ספּעציעלע ייִדישע שטײַערן און שטײַער־זאַמלער — „סבאָרשטשיקעס", ייִדישע „פּאָווערענעס" אַף צושטעלן רעקרוטן אאַז"וו. און עס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן קאַזיאָנע שולן פֿאַר ייִדישע קינדער.

2

די קאַזיאָנע ייִדישע שולן זײַנען געווען פֿון צוויי קאַטעגאָריעס — אַ עלעמענטאַר־שול און אַ שול פֿון עטוואָס אַ העכערן טיפּ. די סיסטעם פֿון אָט די ייִדישע שולן איז געווען געקרוינט מיט צוויי האַלב־מיטעלע, האַלב־הויכע לערן־אַנשטאַלטן — ראַבינער־שולן. די ראַבינער־שולן (איינע אין ווילנע, די צווייטע אין זשיטאָמיר, געעפֿנט אין 1847) האָבן געזאָלט גרייטן, ערשטנס, לערער פֿאַר די נײַע שולן און, צווייטנס, אויפֿגעקלערטע, געבילדעטע ראַבאָנים, אַנשטאָט שטייגער פֿון מײַרעוו־אייראָפּע. דער צאַרישער געזעצגעבער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז דורך דער סיסטעם פֿון קאַזיאָנער בילדונג וועט דערצויגן ווערן אַ נײַער דור ייִדן, אַ דור פֿון ראַיעלע שטײַערן־צאָלער, פֿון גוטע רעקרוטן־צושטעלער, וואָס וועט זיך מעלדן (און ניט אויסבאַהאַלטן זיך מאַסנווײַז) בײַם די פֿאָלקס־ציילונגען, וואָס וועט זײַן ווייניקער פֿאַרבונדן מיטן דאָרף אאַז"וו. די רעגירונג האָט געמיינט, אַז פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג וועט זיך אויסבילדן אַ גאַנצע גרופּע מענטשן, וואָס וועלן האָבן דורכגעמאַכט אַ רעגירונג־שול און וועלן ווערן די אַגענטור, דער אָנשפּאַר פֿאַרן צאַריזם אין דער ייִדישער סוויווע גופֿא. פֿון דעם דאָזיקן לײַבקנעכטיש־מאַנילאָווישן טרוים וועגן רעפֿאָרמירן דאָס ייִדישע לעבן דורך דער שול און נאָר דורך דער שול — אין אַלע איבעריקע געביטן ווערט די פּאָליטיק בענעגייע ייִדן וואָס ווײַטער אַלץ מער אַכזאָריעסדיק — האָט זיך, נאַטירלעך, אויסגעלאָזן אַ טײַך.

דער באַקאַנטער טיפּ — דאָקטאָר פֿילאָסאָפֿיע, ראַבינער און פּרײַדיקער — אין די מײַרעווודיקע ייִדישע „קולטוס־געמיינדעס", איז געווען אַ באַשטאַנדטייל, אַ דעטאַל פֿון דעם גאַנצן ייִדישן לעבן אין מײַ־

רעוואָלוציע נאָכ דער פּראָקלאַמירונג פונ דער ייִדישער גלײַכבארעכטיקונג.

דער צאריזמ האָט געשטרעבט צו נעמענ פונ דער בורזשואזער עמאנסיפּאציע אינ מײַרעוו־אייראָפּע נאָר די שאָלעכצ — די אופּגעקלערטע אונ אופקלערנדיקע ראבינער — אונ לאָזנ ניט געענדערט דעמ קערנ — די ייִדישע רעכטלאָזיקײַט.

דער רעזולטאט איז געוועג, אז צו דעמ שטאט פונ רוסלענדישע טשינאָווניקעס איז צוגעקומענ נאָכ איינ טשינאָווניק, — דער общественный раввин — דער „קאזיאָנער ראָוו", ווי די ייִדישע מאסע האָט אימ טרעפלעכ באצייכנט, אונ ייִדנ זײַנענ געבליבנ דאָס זעלבע „הארטנעקיקע פאָלק" וואָס פריִער.

גרויסע האָפענונגענ האָט געלייגט אפ די שולנ די מאסקילישע אינטעליגענצ. ס'איז באוווסט, וואָז פאר אנ אָנגעזעענע אָרט בילדונג, אופקלערונג האָט פארנומענ אינ דער פּראָגראמ פונ דער האסקאָלע, אונ די דערווארטונגענ, וואָס די מאסקילימ האָבנ אינ דער הינזיכט ארופגעלייגט אפ דער רעגירונג. דאָקטאָר ליליענטאלנ, אנ אופגעקלערטנ ראבינער פונ ריגע, וואָס איז אָנהייב 40־ער יאָרנ ארומגעפאָרנ לויטנ אופטראָג פונ דער רעגירונג איבער א ריי שטעט אינ טכומ, קעדיי צוצוגרייטנ די געזעלשאפטלעכע מיינונג בא ייִדנ צו דער שול־רעפאָרמע, האָבנ די מאסקילישע קרײַזנ אומעטומ באגעגנט מיט באגײַסטערונג. מאסקילימ זײַנענ געווענ שטארק פארטראָטנ צווישנ די לערער אינ די שולנ אונ אינ די ראבינער־שולנ. צווישנ די פּעדאגאָגנ אונ אדמיניסטראטאָרנ אינ די ראבינער־שולנ קאָנ מענ אָנציילנ א ריי נעמענ פונ די אָנגעזעענסטע מאסקילימ.

דאָכ האָבנ די דאָזיקע איבערגעגעבענע טוער גאָרנישט ניט געקאָנט אופטאָנ. די ייִדישע מאסע האָט אינ דער טאָגטעגלעכער פּראקטיק געפּילט אפ זיכ די „כסאָדימ" פונ דעמ צאריזמ אונ האָט זיכ באצויגנ צו דער קאזיאָנער בילדונג גאנצ לעבלעכ. די שולנ פלעגנ אָפט גאָר ניט עקזיסטירנ, זיי פלעגנ זיכ נאָר רעכענענ אפנ פּאפּיר. דאָס קליינע ביסעלע טאלמידימ, וואָס פלעגט יאָ גיינ אינ דער שול, זײַנענ געווינלעכ געווענ קינדער פונ דער אָרעמשאפט, וואָס קאָהאָל אָדער רײַכע לײַט פלעגנ דינגענ, קעדיי ניט ארויסצוווײַזנ אָפנ קיינ אָפּאָזיציע צו דער מאכט. „די אָרעמקײַט אונ פארשיידנארטיקײַט פונ דעמ

אָנמאָנ, אינ וועלכע עס פלעגנ קומענ די שילער אינ ווילנער ראַבינער-אינסטיטוט, זײַנענ געווענ אפ אזויפיל אופאלנדיק", דערציילט דער אָפיציעלער היסטאָריקער, „אז יעדע פאָרשטעלונג ווענג אנ אײַנגעאָרדנטנ לערנ-אנשטאלט האָט געמוזט פארשווינדנ".

פונ דער אָפיציעלער סטאטיסטיק קאָנ מענ זענ, אז די צאָל שילער אינ די ראבינער-שולנ איז געשטיגנ פונ יאָר צו יאָר. דאָכ איז עס אינ קיינ פאל ניט קיינ באווײַז, אז די באציִונג פונ דער ייִדישער מאסע צו די דאָזיקע שולנ האָט זיכ געענדערט. די סיבע איז דאָ גאָר אנ אנדערע: אינ 1850 האָט מענ די טאלמידים פונ די ראַבינער-שולנ געגעבנ דאָס רעכט צו זײַנ פרײַ פונ רעקרוטנ-פליכט, קאָלזמאנ זיי לערנענ זיכ, — זײַנענ די ראבינער-שולנ געוואָרנ אנ אָרט, ווו מע פלעגט זיכ אויסבאהאלטנ פונ רעקרוטשינע. שפעטער, נאָכנ געזעצ פונ 1861, וועלכער האָט געוויסע קאטעגאָריעס פונ די, וואָס האָבנ געענדיקט הויכשולנ, געגעבנ דאָס רעכט צו וווינענ אויסערנ טכום און פארנעמענ אייניקע מעלוכע-שטעלעס (פונ סאָפ 70-ער יאָרנ האָט מענ שוינ ייִדנ צו קיינ מעלוכע-אמטנ ניט צוגעלאָזט), זײַנענ די ראבינער-שולנ פארוואנדלט געוואָרנ פאקטיש אינ א פארערגערטער אופלאגע פונ א געוויינלעכער גימנאזיע (נאָכנ ענדיקנ די ראַבינער-שולנ האָט מענ אפ ארײַנצוטרעטנ אינ א הויכשול געדארפט אָפגעבנ א פאָר עקזאמענעס), און נאָכנ ענדיקנ די ראבינער-שולנ פלעגנ פיל טאקע ארײַנטרעטנ אינ אוניווערסיטעט אָדער אינ א טעכנישער הויכשול.

פאר די ייִדישע געמיינדעס איז דער אָפיציעלער („קאזיאָנער") ראָוו געווענ אנ איבעריקער צארישער אגענט, און זיי האָבנ געפרווט ווי ווײַט מעגלעכ צו באפרײַענ זיכ פונ אים. לויטנ געזעצ האָט דער קאנדידאט אפ ראבינער געדארפט אויסגעוויילט ווערנ פונ דער געמיינדע אפ 3 יאָר — פלעגט מענ זיי פאָשעט ניט אויסוויילנ. אנ אנדער פאָרמ פונ באָיקאָט איז געווענ פאָרלייגנ דעמ „ראבינטשוק" א נישטיקנ געהאלט אזוי, אז ער זאָל זיכ אליינ אָפזאָגנ.

די באציִונג צו די לערער, וואָס די ראבינער-שולנ האָבנ ארויסגעלאָזט, איז געווענ ניט בעסער. ביזנ יאָר 1862 האָבנ ייִדנ ניט געטאָרט שטיינ אינ דער שפיצ פונ די שולנ. די לאגע פונ דעמ לערער אינ די ייִדישע קאזיאָנע שולנ אונטער דער אָנפירונג פונ ניט-

ייִדישע פּאַרוואַלטערס שיקורים, אַנטיסעמיטן און ביכלאַל גאָר קליי־ נע מענטשעלעך (דעם געמיינסטן מין טשינאָווניקעס פלעגט מען שיקן אין די ייִדישע שולן), מיט געדונגענע טאַלמידים, בא א נישטיקן געהאַלט, — די לאַגע פון א „פּאַרשטויסענעם", א מין באַיקאָטירטן אין דער ייִדישער געמיינדע, איז געווען העכסט טרויעריק.

פון די 60־ער יאָרן אָן הייבט אָן די רעגירונג ליקווידירן א ריי שולן, און ענדלעך, אין 1873, ווערט דורכגעפירט א ראַדיקאַלע „רעפאָרם" — ס'ווערן צוגעמאַכט די לעצטע עטלעכע שולן פון דער העכערער מאַדרייגע. פון די 104 עלעמענטאַר־שולן ליקווידירט מען 54, און די ראַבינער־שולן ווערן פאַרוואַנדלט אין פּעדאַגאָגישע אינס־ טיטוטן, וואָס גרייטן לערער פאַר די איבערגעבליבענע ייִדישע פאָלקס־ שולן.

אָפיציעל איז די דאָזיקע אַקציע מאָטיווירט געוואָרן אַזוי: די רע־ גירונג האָט אַפּ די דאָזיקע לערן-אַנשטאַלטן פון לעכאַטכילע אָן גע־ קוקט ווי אַפּ א צייטווייליקער דערשיינונג, ווי אַפּ שולן, וואָס דאַרפן דינען אַלס אַן איבערגאַנג אין די אַלגעמיינע לערן־אַנשטאַלטן, און אַזויווי די ייִדן האָבן זיך א לאָז געטאָן אין די אַלגעמיינע שולן, פאַלט בעמיילע אָפּ די נייטיקייט אין ספּעציעלע שולן. די ליקווידאַ־ ציע ווידער פון די ראַבינער־שולן האָט דער זעלבער אָפיציעלער קוואַל דערקלערט גאַנץ אָפן דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך ניט באַרעכטיקט.

א. מאַרגוליס

וואָרט־דערקלערונגענ

באַ די העברעיִשע ווערטער איז אינ קלאַמערנ אָנגעצייכנט זייער העברעיִשער אויסלייג

פֿינפֿטער בוך

צו ז. 7.

ת מ ש י ל ה ו ב מ ע ש י י ד י ך (טאַמשילײַהו בעמאַסײ יאָדעכאָ) — דו מאַכסט אימ געוועלטיקנ איבער די ווערק פֿונ דײַנע הענט. ס'איז אַנ אָנהייב פֿונ אַ פּאַסוק אינ טילימ (VII, 7). דער ווײַטערדיקער צעטל פֿונ אַלע „באַשעפֿענישנ, וואָס ליגנ דעמ מענטשנ אונטער די פֿיס", איז די ייִדישע איבערזעצונג פֿונ די ווײַטערדיקע צוויי פּסוקימ (VIII, 9).

צו ז. 8 .

מ ע ק א ט ר ע ג (מקטרג) — באַשולדיקט, העצט.

צו ז. 10.

מ י ט כ ו פ ע א ו נ ק י ד ו ש נ — געמיינט: מיטנ גאַנצנ ייִדישנ רעליגיעזנ ריטואַל פֿונ אַ כאַסענע.

ג אַ ב ע ט ע ס — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: פֿרויענ, וואָס גיבנ זיכ אָפּ מיט פֿילאַנטראָפּיע.

צו ז. 12.

מ ע ג אַ ד י ל (מגדיל) זײַנ — אויסהאָדעווענ.

צו ז. 16.

„פֿ י ר ג ר י ס ל" („שורע־גריסל", „אָפּאַר", „אופֿיר") — די פֿאַרשריפֿטנ; אַ פּאָר ווערטער אָדער שורעס (אָפּטמאָל פֿונ אַ „ברייוונשטעלער"), וועלכע דער לערער — דער „שרײַבער" שרײַבט אָנ פֿאַר זײַנע שילערנס אונ שילער.

י ע וואָ נ י ש — דאָ געמיינט: רוסיש.

צו ז. 17.

פּ אַ ס ק ע נ ע נ ש ײַ ל ע ס — פֿאַרענטפֿערנ פֿראַגנ (ריטועלע). דעמ אויס=

דרוק, וואָס איז געגומען פוג רעליגיעזג שטייגער, ווענדט דאָ מענדעלע אָג צו אזא געבעט, ווי דער האנדל מיט „לעבעדיקער סכוירע“.

צו ז. 18.

צום פעטער ישמעאל—צום טערק. געמיינט: קיינ סטאמבול. אהינ פלעגט מעג פארקויפג פיל פארפירטע פרויענ.

א גרויסע אפויטעקע—א גרויסע מאטבייע, א סאך געלט.

צו ז. 23.

שטריימל — אג אלטמאָדיש יידיש היטל, ארומגעלייגט מיט פוטער; דער ווערכ סאמעט אוג אונטנ באלייגט מיט סויבלענע עקלעכ. דאָס היטל פלעגט מעג טראָגג געוויינטלעכ נאָר שאבעס אוג יאָנטעוו.

טורבאנ — א טערקיש היטל.

צו ז. 25.

פארמאָגט קוירעכס אויצרעס — געמיינט: זייער רייכ.

א מושלעם — א פולקומער; א מענטש מיט אלזייטיקע טאלאנטג.

צו ז. 26.

זיווג מן השמים (זיווג מינ האשאָמאַיִמ) — א שידעכ איז פוג הימל (פוג גאָט).

סיידער האָוילאָמ (סדר העולם)—די אָרדענונג פוג דער וועלט.

וועכוצ לאָזע (וחוץ לזה)—אוג אויסער דעמ.

געסמאהע אייכ פארפול!—מע הערט אייכ א סאכ. מע פרעגט בא אייכ א סאכ. דאָס ווערטל ווערט געברויכט אלס אג איראָניע.

צו ז. 27.

לעולם תקח (לעוילאָמ טיקאכ)—שטענדיק נעמ.

מעסאלעק (מסלק) צו זייג—צו דעקג, צו אָפצאָלג אינגאנצג.

צו ז. 33.

יעלה ויצמח (יאאלע — געוויינטלעכ ארויסגערעדט: יילע — וועיִצמאכ) — עס וועט אופגייג אוג וועט שפראָצג.

איגה מקודשת (אינאָ מעקודעשעס)—געמיינט: איז אויס שידעכ. פיגוראל: איז ניט געפידלט.

יבנה המקדש (יִבאָנע האמיקדאָש) — די דאָזיקע פראזע, וואָס איז גענומענ פוג די טפילעס, ווערט דאָ געברויכט צוליבג וואָרט „יִבאָנע“, וואָס איז לויט א קלאנגענ־אסאָציאציע ענלעכ אפ א פארשפרייט רוסיש זידלוואָרט.

צו ז. 35.

בעכארפע אובעבושע (בחרפה ובבושה)—מיט כארפע אוג שאנדע.

צו ז. 38.

מום—א פיזישער דעפעקט, א פעלער.

צו ז. 39.

אגונעס (עגונות)—פרויען, וואס זייערע מאנען האבן זיי פארלאזט און ניט געגעבן קיין גט. לויט דער רעליגיעזער פארשריפט, האבן אזוינע פרויען ניט געקאנט כאסענע האבן מיט אנדערע.

צו ז. 40

ווײַל ער וועט לעבן—אזוי לאנג, ווי ער וועט לעבן.

באָרוך שעפּאָטראַני (ברוך שפטרני)—געלויבט איז דער, וואס האט מיך באפרײַט.

צו ז. 42.

א טאכבולע (תחבולה) — א מיטל.

צו ז. 43.

א מאכניס-אוירעכטע—א גאסטפרײַנטלעכע.

ראכמאָנים בניי ראכמאָנים (רחמנים בני רחמנים) —געמיינט: בארעמהארציקע.

צו ז. 48.

יודע לבבות (יוידייא לעוואָזוים)—דער וואס ווייסט יענעמס הארץ.

צו ז. 49.

שײַען זיך—מורא האבן.

צו ז. 51.

בעגילופן (בגילופן) — פריילעך; געמיינט: „פארקנאקט“, שיקערלעך.

צו ז. 52.

כן יאבדו! (קיין יוווידו)—בוכשטעבלעך: אזוי זאלן זיי אומקומען. געמיינט: א רעכט אף זיי.

צו ז. 55.

דעם מאשכים (משחית)—דעם פארדארבער; געמיינט: דעם טײַוול.

גווול (גבול)—גרענעץ; ספערע, געביט.

אין שויל-טאכטיע—אין גרוב, אין דר'ערד.

צו ז. 60.

שרײַ „כײַ וועקײַעמ“ — געמיינט: ס'איז ניטא וואס צו מאכן.

צו ז. 61.

מאכט מען אים... א לעווײַע—דא געמיינט: באגלייט מען אים, פירט מען אים אָפּ.

די מאלאכע־כאבאלע (מלאכי חבלה) — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט די פאָליציי.

צו ז. 62.

כאראָבי יעמו — א קרענק אימ.
איז קעשיינא — פונ קעשענע.
ניכײַ יעמו מאקע טאקי באהאטשקי — זאָל ער האָבנ אזא גרויסע מאקע.
יאביידנע קאָבוטע — איכ בינ אנ אָרעמע פרוי.
טשויעטע, ניכײַ טענ טשעלאָוויטשע קאזשע — איר הערט, זאָל יאָט דער מענטש זאָגנ.
דאבער אימ — זאָג אימ. דאָס איז קלוימערשט אפ העברייִש (דער פאָ־ליציאַנט זאָל ניט פארשטיינ).
טשיטוני באטשיל... יאקווינ — צי דו האָסט ניט געזענ... ווי ער.
יאק ווינ... כאפאל — ווי ער... האָט געכאפט.

צו ז. 63.

סדאָמ (סדום) — א לעגענדארע שטאָט, וועגנ וועלכער די ביבל דער־ציילט, אז זי איז אומגעקומענ איבער די זינד פונ אירע אײַנוווינער.
קאָליו יא ברעשו, ניכײַ מעני יאזיק סאָכנע — אויב איכ זאָג ליגנ, זאָל מיר אָפּגעדאַרט ווערנ די צונג.
טשויעטע, פאניע! יא סעבי אידע יאק... — איר הערט, הער, איכ גיי מיר ווי...
יא ראָבילא דאָטשקע מאָיע וועסילא. ווינטשויטע מעני מאזלטאָוו, נאטי וזאמ לעקעכ... אידע יא, ראָבי סעבי האָצ־האָצ פאָ זשידיווסקי, א צע טשאָלאָוויק מי, מענ־דיע, אידע טאָזשע. מוזיקא איגראיע, טימ טשאסאָמ ביס פרינעס אָט צע... — איכ האָב געמאכט מײַנ טאָכטער׳ כאסענע. ווינטשט מיר מאזלטאָוו, נאט אײַכ לעקעכ... גיי איכ, מאכ מיר האָצ־האָצ ווי בא יידנ, אונ דאָס איז מײַנ מאנ, מענדיע, גייט אויכ, די מוזיק שפּילט. דערווײַל האָט דער רוצח אָנגעטראָגנ אָט דעמ...
זײַט אימ מעטאמע (מטמא) — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: קויפט אימ אונטער, גיט אימ עפּעס אינ האנט ארײַנ.

צו ז. 64.

עד פרוטה אחרונה (אד פרוטאָ אכרוינאָ) — ביז דעמ לעצטנ גראָשנ.
שטר חצי זכר (שטאר כאָצי זאָכאָר) — אנ אקט, וואָס מע פלעגט אמאָל ארויסגעבנ א טאָכטער, אז אינ פאל פונ טויט פונ אירע עלטערנ זאָל זי באקומענ א העלפט פונ דעמ בוילעק יערושע, וואָס עס וועט באקומענ א זונ.
צו קיינ גנײַ ניט זײַנ — צו קיינ שאנד ניט זײַנ.

צו ז. 67.

מאלעכ=האדוימע (מלאך הדומה)—דער מאלעכ, וואס זײַנ פונקציע איז נעמענ אפ יענער=וועלט די טויטע צום פארהער.

מעכאבל—געמיינט: הער שעד, דער בייזער רועכ.

צו ז. 72.

די קלאוטע (כלבתא) — די צויג.

די אדויגים (אדונים)—די הארנ. דא געמיינט: די פאליציי=באאמטע.

צו ז. 73.

מאסע=מאטנ—א ייסעק, געשעפט.

לאהאדאמ—עס הייבט זיכ גאר ניט אנ א קאטעגארישע אפלייקענונג. דער אויסדרוק קומט פונ דער העברייִשער פארקירצונג „להד"ם" (לא היו דברים מעולם—לוי האיו דוואָרים מייוילאם—דאס איז גאר קיינמאל אפ דער וועלט ניט געווענ).

זעקסטער בוך

צו ז. 76.

קלאפנמויצל—א היטל מיט קלאפעס.

צו ז. 84.

אופגעוויירעניע — דא געמיינט: אופגעקלערטע.

די קליפע—דא געמיינט: דער בייזער גײַסט.

כל באיהלא ישובון (קאל באָעהאָ לוי יעשוווּנ)—אלע, וואס גייענ אהינ ארײַנ, וועלנ זיכ ניט אומקערנ. אט דעם ביבלישנ זאצ טײַטשט רעב אשער: איז אוינער א ביסל געכאפט, וועט שוינ פונ אים קיינ סויכער ניט זײַנ...

צו ז. 87.

ראכאש—אינ געגעבענעם קאנטעקסט געמיינט: כאבאר.

נאצכאנעס—דאס וועלנ אויספירנ.

לעילא ולעילא (לעיילא אולעיילא) — געמיינט: זייער הויכ.

צו ז. 89.

יעפאסטויאר—א שיינהייט.

בארטענורא—געמיינט: דער קאמענטאר צו דער מישנע, וועלכנ עס האט געמאכט אָוואדיע פונ בארטענורא (2=טע העלפט פונ XV יאָרהונדערט).

פטום הקטורת (פיטום האקטוירעס)—דער אנהייב פונ א געוויסנ אויסצוג פונ טאלמוד, וואס גייט ארײַנ אינ דאוונענ.

צו ז. 92.

מינכע־צײַט—די צײַט פונ פארנאכטיקנ דאװנענ.
געשמײַדיק—פלינק, גיכ.

צו ז. 93.

טשװע־געלט.. טפילע־געלט... צדאָקע־געלט—ס'איז אנ אָנ־דײַטונג אפ דער פרומער פראזע „תשובה, תפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה"—דאָס טשװע־טאָנ, טפילע אונ צדאָקע טרײַבנ אָפ די בײזע גזײרע. דאָ געמײנט: מע דארפ געבנ געלט, געלט אונ װידער געלט...

צו ז. 96.

אולי ירחם (אולײַ יעראכײם)—עפשער װעט ער ראכמאָנעס האָבנ.

צו ז. 97.

מאחינו בני ישראל (מײאכײנו בנײ ײסראָעל)—געמײנט: א ײד.
אשיר־האמײַלע — דאָ געמײנט: א מעסירע.

צו ז. 98.

העװל־האװאָלים (הבל הבלים) — געמײנט: נארישקײַטנ.
שפרינגענ „בואי בשלום" (בױ! בעשאָלױמ) — דאָ געמײנט: דרײענ זיכ אהינ אונ אהער.

צו ז. 99.

פױגײ־עבעקאָװעד (פוגע בכבוד) געװענ — באלײדיקט.
אמעלופנ־קינד—געמײנט: א כײדער־ײנגל.

צו ז. 100.

דער לועכ—דער (ײדישער) קאלענדאר. אינ לועכ פלעגט אויכ זײַנ אָנ־געװיזנ דער װעטער, אונ די דאָזיקע מעטעאָראלאָגישע אָנגאבנ פלעגנ מער־סטנטײלס װידערשפרעכנ דער װירקלעכקײַט.
ראױ לברכה (ראָױ ליװראָכאָ) — טױג צו מאכנ א בראָכע.
כדת ישראל (קעדאס ײסראָעל)—לױטנ ײדישנ רעליגיעזנ דינ.

צו ז. 101.

בײַטנ זיכ די יאָצרעס—דאָ געמײנט: בײַטנ זיכ די ראָלנ.
כשם שאני רוקד (קעשײמ שעאני רױקײד)—דער אָנהײב פונ א פאָ־סוק אינ דער טפילע פונ מעקאדעש זײַנ די לעװאָנע. באמ זאָגנ דעמ דאָזיקנ פאָסעק, שפרינגענ די דאװנער אונטער.

צו ז. 103.

ויאמר (װאױמאר)—אונ ער האָט געזאָגט.
וידבר (װײַדאבײר) — אונ ער האָט גערעדט.
הענטשקע־לאָשנ—די גנײװישע שפראכ.

לעראָצנ (לרצון)—געמיינט: צום הארצנ.
א צאדיק טאָמימ—געמיינט: אנ אָרנטלעכער מענטש.

צו ז. 104.

קנאס—שטראָף, שטראָף-געלט.
בהנ שלכמ (בעהענ שעלאָכעמ)—מיט אײַער ערנוואָרט.
בהנ שלי (בעהענ שעלי)—מיט מײַנ ערנוואָרט.

צו ז. 107.

כסידעס (חסידות)—א ריכטונג אינ דער ייִדישער רעליגיע. אנטשטאַ-נענ אינ XVIII יאָרהונדערט אינ פּאָדאָליע אונ פונ דאָרטנ פארשפּרייט זיכ אינ אוקראַינע אונ פוילנ אונ פארכאפּט אויכ אײַנצלנע ערטער אינ ווײַסרוסלאנד אונ אינ ליטע. די כסידימ זײַנענ געווענ די סאמע טיפּישע פאָרשטייער פונ אָבסקוראנטיזמ אינ דער ייִדישער סוויווע, פארביסענע קעגנער פונ יעדער אויפקלערונג.

היסלײַוועס (התלהבות) — ברענ, ענטוזיאזמ.
הויכע אוילאָמעס (עולמות) — הויכע וועלטנ.

צו ז. 108.

יהי חלקי עמה (יעהי כעלקי אימאָ)—זאָל זײַנ מײַנ כיילעק (מײַנ גוירל) מיט איר. רעב אַוראָמ מאָטיווירט ווײַטער זײַנ ווונטש: „אָפּ מיר געזאָגט געוואָרנ א כיילעק אוילעמהאבע, וואָס זי האָט דערמיט פארדינט!"

כיילעק אוילעמהאבע (חלק עולם הבא) — א כיילעק אינ יענער-וועלט.

צו ז. 109.

שראָצימ (שרצים)—געמיינט: קריכנדיקע באשעפענישנ, מיעסקײַטנ.

צו ז. 110.

פארופענע ערטער—ערטער, וואָס האָבנ א שלעכטנ נאָמענ.

צו ז. 111.

צום טונעיאדעווקער, זאָל לעבנ—צום טונעיאדעווקער רעבנ.
בשמחה רבה (בעסימכאָ ראבאָ) — מיט גרויס פרייד.

זיבעטער בוך

צו ז. 114.

פרימעטעס—סימאָנימ. געמיינט: אויסערלעכע סימאָנימ צום ערנײַנ-שטעלנ אינ פּאס.

גלײַכ ווי זיי וואָלטנ אימ ארויסגעלאָזט פונ דער

אָרוועס—אַנ אָנדײַטונג אפ דעמ טאַלמודישנ אַפאָריזמ (שבועות 77) „כל ישראל ערבים זה בזה“ (אַלע ייִדנ זײַנענ אָרעוו איינער פאַרנ צווייטנ).

צו ז. 115.

אַכאָגע—א ניט־ייִדישער יאָנטעוו. א שאָוויניסטישער אויסדרוק.
כעדווע (חדוה)—פרייד.

צו ז. 121.

ווי בילאָמס אײזל אמאָל — אַנ אָנדײַטונג אפ דער ביבלישער מײַסע וועגנ דעמ, ווי דער וואָרזאָגער בילאָמ איז געפאָרנ צו באַלאַק, דעמ קיניג פונ מויאָוו, שילטנ די בנײ־ייִסראָעל. אפנ וועג האָט דער אײזל דערזענ א מאַלעכ אונ האָט זיכ אָפּגעשטעלט. אַזוי ווי בילאָמ האָט ניט געוווסט די סיבע דערפונ, האָט ער געשלאָגנ דעמ אײזל. דעמאָלט „האָט גאָט געעפנט דעמ אײזלס מויל“, אונ דער אײזל האָט געזאָגט צו בילאָמענ: „וואָס האָב איכ דיר אַזוינס געטאָנ, וואָס דו האָסט מיכ געשלאָגנ“...

צו ז. 122.

כײַעס־ראָעס — בייזע כײַעס.

צו ז. 123.

שאבעס־פעטריכע וועאַלעקסי — דער שאבעס פונ פעטריכע אונ אַלעקסי. א פאַראָדיסטישע אַנאַלאָגיע צו די נעמענ, וואָס פאַרשיידענע שאבאָסימ האָבנ באַקומענ אינ ייִדישנ רעליגיעזנ שטייגער („שאבעס נאַכמו“, „שאַבעס האַגאָדל“ אאַוו.).

צו ז. 125.

שהחינו וקימנו והגיענו (שעהעכיאָנו וועקיִמאָנו וועהיגיאָנו)—וואָס האָט אונדז געלאָזט לעבנ אונ אופגעהאַלטנ אונ געלאָזט דערגרייכנ (דערפירט) צו...

צו ז. 128.

שימשנ־האַגיבער אונ פלישטימ—אַנ אָנדײַטונג וועגנ דעמ ציקל לעגענדעס, וואָס אַנטהאַלטנ זיכ אינ דער ביבל וועגנ דעמ העלד שימשנ, וועלכער האָט געקעמפט קעגנ די פלישטימ (שטאַמענ, וואָס האָבנ באַוווינט דעמ יאַמ־ברעג פונ דער אוראַלטער פאַלעסטינע).

צו ז. 129.

אותו ואת בנו (אויסוי וועעס בנוי)—אינ דער ביבל (ויקרא 22) איז דאָ א פאָסעק: „אַנ אָקס אָדער א שעפס אימ מיט זײַנ זונ (אותו ואת בנו) זאָלט איר ניט קוילענ אינ איינ טאָג“. שנײַער־וואָלפ טײַטשט עס, אַז מע קאָנ כאַבנ „אימ מיט זײַנ זונ“ אונ אָפּגעבנ בײדנ פאַר רעקרוטנ...
צו דער אַקײדע—צומ בינדנ אונ ברענגענ פאַר א קאָרבנ...

צו ז. 133.

באסאר=וואדאמ (בשר ודם)—פלייש אונ בלוט. געמיינט: א מענטש.

איינער פונ די שילער—געמיינט: איינער פונ די שילער פונ דער ראבינער=שול.

פונ די גרויסע מײמינימ (מאמינים)—פונ די גאר גלויביקע.

א העלער—אנ אלטע עסטרײַכישע מאטבייע.

רוכניעס (רוחניות)—גײַסטיקײַט, גײַסטיקע זאכנ.

מאזשגיעכ—אופזעער.

צו ז. 134.

אימקיינ (אם כן)—אלזא, אויב אזוי.

צו ז. 136.

„שקאלעס ניע זשעלאיעמ"—קיינ שולנ ווילנ מיר ניט. דאס איז געווענ דער ענטפער, וואס פילע פארשטייער פונ דער יידישער באפעלקערונג האבנ געגעבנ דעמ אופגעקלערטנ יידנ ליליענטאל, ווענ ער האט באזוכט אייניקע יידישע שטעט. די „שקאלעס" האט מענ בעטעמעס „פארגעשריבנ פונ אויבנ"—ניקאלײַ דעמ ערשטנס רעגירונג האט געוואלט מיט די „שקאלעס" רוסיפיצירנ די יידישע באפעלקערונג אונ דערציענ די יידישע יוגנט אינ גײַסט פונ רוסישנ פאטריאטיזמ אונ געהארכזאמקײַט צומ קייסער.

צו ז. 137.

אינ די געצעלטנ יאנקעווס—ס'איז א יידישע איבערזעצונג פונ דער העברעיִשער מעליצע „באהלי יעקב". געמיינט: בא יידנ.

צו ז. 138.

לעטוירע אולעכופע (לתורה ולחופה)—צומ לערנענ אונ צו כופע האבנ.

אפ לעוילאמ=וואעד (לעולם ועד)—אפ אייביק.

צו ז. 139.

אטנאשעניע, ראספאריאזשעניע—ווענדונג, פאראָרדענונג.

צעלעמ=עלויהימ (צלם אלהים)—בוכשטעבלעכ: גאטס געשטאלט. געמיינט: דעמ אלט=שטייגערישנ יידישנ אויסזענ.

שוואכ (שבח)—געמיינט: קאמפלימענט.

צו ז. 140.

מעקאיעמ צו זײַנ די אוויירע—איראָניש פאראפראזירט דעמ אלטנ יידישנ אויסדרוק „מעקאיעמ זײַנ א מיצווע".

א העטער (היתר)—א דערלויבעניש (געמיינט: פונ רעליגיעזע אויטאריטעטנ).

צו ז. 141.

כעוורע פ״צ—פארקירצונג פונ די ווערטער „פויאליי צעדעק" („פועלי צדק"). געמיינט: באלמעלאכעס.

פאלקס=פײטאנימ — פאלקס=דיכטער.

מישלאכעסנ—אנשיקענישנ.

זי איז מעכאפער (מכפר)—זי פארגיט, זי איז מויכל.

צו ז. 142.

טישבוירעס—ברוכצאלנ.

סוישטשעס—אויסגעלאסענע לעב=יונגענ.

מוישע=מעכוירעווניקעס — א טערמינ, געשאפנ אינ XIX יאר= הונדערט צו באציכענענ א בונטשנ, וואס פארנעמט א שטעלע נאר אדאנק פראטעקציע.

אדנ — האר; געמיינט: נאטשאלניק.

צו ז. 143.

סור=בור אומאפיליעס—געמיינט: אפגעבאפט.

ניבולפע (נבול פה) — צינישע רייד, פארנאגראפיע.

שאטנעז (שעטנז)—געמיינט: א געמיש פונ וואל אונ לײנ אינ דער קלײדונג. פארבאטנ לויט די פארשריפטנ פונ דער יידישער רעליגיע.

צו ז. 144.

האגוויר האגאדל ועהאנוירא—געמיינט: דער גאר גרויסער גוויר (דער ארענדאר, וואס האט אפגעקויפט דעמ אקציז בא דער מעלוכע).

אנ ערעוו=ראוו (ערב רב) — א מישמאש.

די ערשטע פארשע בערײשיס (פרשה בראשית)—דער ערשטער אפשניט פונעמ ערשטנ ביבלישנ בוכ „בערײשיס".

„חײ אדם" („כאיעי אדאמ")—א בוכ, וואס האט קורצ אונ פאפולער איבער= געגעבנ די יידישע רעליגיעזע דינימ. דער אווטאר פונעמ בוכ איז אווראמ דאנציג (1747—1820).

באל=לאשנ—שפראכ=קענער. אייגנטלעכ געמיינט: קענער פונ דער הע= ברײשער שפראכ.

פיוטימ — האלב=קאנאניזירטע רעליגיעזע הימנענ אינ גראמענ.

יאצרעס (יוצרות) — רעליגיעזע הימנענ, וועלכע מע זאגט אינ איי= ניקע שאבאסימ.

„שולכנ=ארעכ („שלחן ערוך") — דער יידישער רעליגיעז=רעכטלעכער קאדעקס, דערשינענ אינ 1550. דער אווטאר איז יאסעפ קארא (1488—1575).

„רעפארמעס" אינ „שולכנ=ארעכ" האט געפאדערט א טײל פונ די יידישע אויפקלערער אינ דײטשלאנד. אינ רוסלאנד האט די דאזיקע פא= דערונג געפונענ א שוואכנ אפקלאנג.

צו ז. 145.

בייס שאמײַ (בית שמאי) מיט בייס הילעל (בית הלל)—צוויי שולנ, ריכטונגענ אינ דער אנטוויקלונג פונעמ טאלמודישנ רעכט. אינ טאלמוד ווערנ די דאָזיקע שולנ איינ מאָל דערמאָנט אינ צוזאמענהאנג מיט א דיסקוסיע איבער דעמ, צי מע מעג עסנ אנ איי, וואָס איז געלייגט געוואָרנ אומ יאָנטעוו, אָדער ניט...

נוילעד (נולד) געוואָרנ—געבאָרנ געוואָרנ (וועגנ אנ איי: געלייגט געוואָרנ).

צו ז. 146.

קאָפּלשמוינעדיקער—אייגנטלעכ: אכטפאכיקער. דאָ געמיינט: זייער דיקער.

צו ז. 147.

לעשעמ שאָמאַימ (לשם שמים) — פונ גאָטס וועגנ.

שאָלעש סודעס (שלש סעודות)—דרײַ סודעס, וועלכע דער ריטואל פאָדערט צו עסנ אומ שאבעס.

די בראָכע „שעהעכיאָנו“ (שהחינו) מאכנ רעליגיעזע יידנ אפ פרוכט, וועלכע זיי האָבנ נאָכ ניט געגעסנ אינ דעמ לויפנדיקנ סעזאָנ, אפ א נײַעמ בעגעד אא.

ארבע קויסעס—פיר קויסעס פאָדערט דער ריטואל צו טרינקענ פויסעכ צומ סיידער.

די „ערשטע מיצווע“ איז „פרו ורבו“ (פרו אורוו)—פרוכפערט זיכ אונ מערט זיכ.

נעגל=וואסער—דאָס וואשנ די הענט אונדערפרי גלײַכ נאָכנ אופשטיינ (לויט דער רעליגיעזער פאָרשריפט).

„על נטילת ידים“ (אל נעטילאס יאָדאָימ)—צומ וואשנ די הענט. אזוי ענדיקט זיכ (אונ אזוי רופט מענ) די בראָכע נאָכנ וואשנ די הענט.

טרעסטנ (אָדער: טרעסנ)—גאלונעס.

אויבעלעכ — מעדאלנ.

פארנעס ייכאָדאָשימ (פרנסי חדשים)—די מיטגלידער פונ דער קאָהאָל=פארוואלטונג.

צו ז. 148.

כל ישראל אחים (קאָל יִסראָעל אכימ)—אלע יידנ זײַנע ברידער (א נאציאָנאליסטיש=רעליגיעזע פאָרמולע—בא מענדעלענ איראָניש).

אָדנ האגאָדל (אדון הגדול)—גרויסער האר, אויבער=נאטשאלניק.

צו ז. 149.

קעמינהעג ייד (כמנהג ייד)—ווי עס פירט זיכ א ייד.

אַפּאָר וואָיפּער (עפר ואפר) — שטויב און אַש.
ביזשע — ביזאָיען, שאַנד.

צו ז. 150.

ניט אויסגעמאַכט — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: ניט פֿעסטגעשטעלט, ניט באַשלאָסן אויף געוויס.

צו ז. 152.

פּאַרציוויטיקע כאַכאָמים (חכמים) — דאָ געמיינט: פּאַרציוויטיקע געלערנטע.

צו ז. 153.

דינטוירען — אַ לאַנדעניש באַם ראָוו.

טריפֿע־פּאָסלען — וועלטלעכע, ניט רעליגיעזע ביכער.

אָדעם קאָרעוו לעאַצמוי (אדם קרוב לעצמו) — דער אייגנטלעכער זין פֿון דעם דאָזיקן טאַלמודישן זאַץ (סנהדרין 18) איז, אַז אַ מענטש איז אַ קאָרעוו זיך אַליין. דער ברייטער אויפֿגעטייטשט עס אויס, אַז יעדער מענטש איז נעענטער צו זיך אַליין איידער צו אַן אַנדערן.

צו ז. 155.

לעכאָל האַדייעס (לכל הדעות) — נאָך אַלע מיינונגען נאָך, פֿון אַלע שטאַנדפּונקטן.

אין אונדזער בעסמעדרעש — אין דער ראַבינער־שול — די ראַבינער־שול האָט אויף העברעיִש געהייסן „בית מדרש לרבנים" (בעסמעדרעש לאַראַבאָנים).

צו ז. 157.

טענדע־ווערענדע — אַ פֿעלערינע.

אַכטער בוך

צו ז. 158.

גוווירעס האַבוירע (גבורות הבורא) — גאָטס גוווּרע, גאָטס קראַפֿט.

צו ז. 159.

בייס האַמיקדעש (בית המקדש) — דער טעמפּל אינעם פּאַרציוויטיקן ירושלאַיִם.

קטוירעס (קטורת) — רייכערונג פֿון פֿאַרשיידענע געווירצן אינעם ירושאַלאַיִמער טעמפּל.

לעווייִם (לוויים) — די קאַסטע זינגער און געהילפֿ־באַדינער אינעם אַמאָליקן טעמפּל אין ירושאַלאַיִם.

דאָר־האַמאַבול (דור המבול) — דער דאָר, וועגן וועלכן די ביבל דער־

ציילט, אז גאָט האָט אים באשטראָפט פאר זײַנע זינד מיט א פארפלייצונג (א מאבל).

נויעכ, כאָם — פערסאָנאזשנ פונ דער ביבלישער דערציילונג וועגנ דעמ מאבל אונ דער צײַט, וואָס איז געקומענ באלד נאָכנ מאבל.

צו ז. 160.

עוועד־קנײַני (עבד כנעני) — געמיינט אנ אייביקער קנעכט.

צו ז. 162.

דינכפיע — די פאליקע, עפילעפסיע.

סאר־האמאשקימ (שר המשקים) — דער ווײַנשעפער בא די אנדאלטע קוניגנ. דאָ געברויכט מעטאפאָריש.

צו ז. 163.

„נעמאָניע" — גלויבנ. איראָניש, אָנשטאָט עמונע.

שפיצ־נאָמענ — פאמיליע־נאָמענ.

צו ז. 169.

מעשאנע מאָקעמ (משנה מקום) — ענדערט דאָס אָרט, בײַט זײַנ וווינ־אָרט.

צו ז. 170.

שמח זבולן בצאתך (סמאכ זוולנ בעצייסעכאָ) — פריי זיכ, זוולנ, בא דײַנ ארויסגאנג. ס'איז א ביבלישער פאָסעק (דברים XXXIII, 18). רעב אָשער פאסט עס צו צו זיכ: „פריי זיכ, מעקלער, מיט דײַנ ארויסגאנג"...

פה קדוש (פע קאָדויש) — הייליק מויל.

צו ז. 171.

לוי האָיאָ (לאָ היה) — ס'איז ניט געווענ. געמיינט: ס'איז ניט גע־שטויגנ אונ ניט געפלויגנ.

צו ז. 172.

„מפעלות אלהים" (מיפאלויס עלויהימ) — א מיסטישער בוכ, פול מיט אָבערגלויבערישע „סגולעס אונ רעפועס". דערשינענ אינ זאלקווע (זשול־קעוו) 1710.

„תולדות אָדם" (טוילדויס אָדאָמ) — א סייפער פונ אָבערגלויבערישע „סגולעס". דערשינענ אינ זאלקווע (זשולקעוו) 1720.

צו ז. 173.

א בעריע ניפלאָע — א וווּנדערלעכער בעריע.

צו ז. 174.

מײַסערא (מעשה רע) — דאָ געמיינט: שלעכטער שטריכ, שלעכטע זײַט.

צו ז. 175.

מאמעש ווי די שטעקלעכ יאנקעוו אווינוס — אנ אנדייטונג אפ דער ביבלישער מייסע וועגנ די מיטלענ, וואס יאנקעוו, דער לעגענדארישער „אורפאטער“ פונ די בני=ישראעל, זאל האבנ אנגעווענדט צו די שאפ, זיי זאלנ געבנ א גרעסערנ צוקומ (בראשית XXX, 31—43).

צו ז. 176.

כתוב (קאקאסוו)—ווי אינ פאסעק שטייט; ווי עס שטייט געשריבנ אינ דער טוירע.

צו ז. 177.

תנ"ה—פארקירצונג פונ די העברעישע ווערטער: חלה, נדה, הדלקה (כאלע, נידע, האדלאקא) די דריי אויגערופענע „ווייבערשע מיצוועס“: כאלע נעמענ (ארייננווארפנ אינ פייער א שטיקל טייג פארנ באקנ, גאט זאל לאזנ גוט אויסבאקנ דאס ברויט), נידע—אפהיטנ די דינימ, וואס זיינענ פארבונדנ מיטנ געשלעכט=לעבנ, אונ האדלאקע—בענטשנ ליכט ערעוו=שאבעס אונ ערעוו=יאנטעוו.

לייגנ קנייטלעכ צו די ריינע נעשאמע־ליכט—לייגנ קנייטלעכ (אונ זאגנ דערביי געוויסע טכינעס) צו די ליכט, וועלכע מע צינדט אנ באַ רעליגיעזע יידנ צו א יארצייט.

צו ז. 178.

טאנאכ (תנ"ך)—די ביבל.

ביור (באור)—א מאסקילישער קאמענטאר אפ דער ביבל, פארפאסט פונ מוישע מענדעלסאנ (1729—1786) אונ זיינע צייט=כאווירים.

מעדרעש (מדרש, ריכטיקער: דרוש)—דער מעטאד פונ דערקלערנ ביבלישע טעקסטנ מיט אלעגאריעס אונ לעגענדעס.

פשאט—דער פאשעטער, לאגישער זינ; דא געמיינט: דער מעטאד צו דערקלערנ א טעקסט לויט זיינ לאגישנ זינ.

ידיעה ובחירה (יעדיִע אוּווכירא) — די פראגע וועגנ דעמ, ווי מע פארט צונויפ דעמ גרונט=געדאנק פונ דער רעליגיע—אז גאט ווייסט אלצ פאראויס אונ האט שוינ אלע געשעענישנ פאראויסבאשטימט—מיט דער פרייהייט פונ אויסוויילנ, מיט דעמ פרייענ מענטשלעכנ ווילנ.

שכר ועונש (סכאר וועוינעש)—באלוינונג (פאר גוטע מייסימ) אונ שטראפ (פאר שלעכטע מייסימ).

סינעס=כינעמ—אומזיסטע (ניט=מאטיווירטע, ניט בארעכטיקטע) פיינטשאפט.

צו ז. 179.

כילעל=האשעמ (חלול השם)—גאט=לעסטערונג.

מאלכעס-ברויטלעכ — א מינ צוקער-געבעקס.

צו ז. 181.

קיבעד-אוו (כבוד אב) — ערע צומ פאָטער.
קיבעד-באָנימ (כבוד בנים) — ערע צו קינדער.
אפשיטע שוינ — שוינ אָפּגערעדט, זעלבסטפארשטענדלעכ.

צו ז. 182.

מעקאבל (מקבל) געווענ — באקומענ.

צו ז. 184.

מידעס טויווס (מדות טובות) — גוטע מידעס, גוטע זיטנ.

צו ז. 185.

ייִדיש — דאָ געמיינט: העברעיִש אונ די רעליגיעזע לימודימ.

צו ז. 187.

קראָניקענ — כראָניקעס, אנאלנ.
א מוירע-הוירע (מורה הוראה) — א שטאָט-ראַוו.

דער סאָפ פונ דער מײַסע

צו ז. 188.

די סורייפעס אינ די אכציקער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט אינ ייִדישנ טכומ זײַנענ, ווארשײַנלעכ, ניט געווענ קיינ סטיכיִשער אומגליק, נאָר אנ אָרגאניזירטע אקציע מיצאד דער צארישער אדמיניסטראציע צו רויִנירנ די ייִדישע באפעלקערונג (ווי די פאָגראָמענ).
מעכאבלימ (מחבלים) — פארדארבער, שעדיקער.

צו ז. 189.

קיסע-האקאָווער (כסא הכבוד) — גאָטס טראָנ.
אינ הויפ — געמיינט: באמ פאָרעצ.

צו ז. 190.

ווי אמאָל לויטס ווײַב איז געוואָרנ א שטיק זאלצ — אנ אָנדײַטונג אפ א ביבלישער לעגענדע (בראשית XIX).

צו ז. 191.

מי יחיה ומי ימות (מי יִכיע אומי יאָמוס), מי ינוח ומי ינוע (מי יאָנואכ אומי יאָנוא) — פראזנ פונ דער יאָמימ-נוראָימדיקער טפילע „ונתנה תוקפ" („אונעסאנע טויקעפ").
א „מאָלע" — די טפילע „אל מלא רחמים" (איל מאָלע ראכמימ), וואָס רעליגיעזע ייִדנ זאָגנ נאָכ א פארשטאָרבענעמ.

אַת נשמת אליעזר־יעקב (עס נושמאס עליעזער־יאנקעו)—די נעשאָמע פונ ליעזער־יאנקל.

געגנואַלטעוועט — דאָ געמיינט: פארגוואַלטיקט.

אַת נשמת הקדושה האשה בוילעבת בנציון ונשמות ובנותיה הקדושות והטהורות...—די נעשאָמע פונ דער הייליקער (דער מארטירערנ) ביילע בענציענס אונ די נעשאָמעס פונ אירע טעכטער, די הייליקע אונ די לויטערע...

צו ז. 192.

העקדעש—א קאָהאָלש הויז פאר אָרעמע אַלטע לײַט אונ פאר קראַנקע; געווענ אַנגעהייער שמוציק אונ פארוואָרלאָזט.

צו ז. 193.

מעוואַער־באָמעץ געווענ—אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: אויסגעראַמט דאָס, מיט וואָס מע טאָר ניט האַנדלענ.

אַפּ די מעלאָמדימ ציטערט די הויט—וויַיל זיי האָבנ ניט קיינ „פאַטענטנ“ (אָדער „בלעטלעכ“)—שײַנענ, אַז זיי מעגנ זיכ פארנעמענ מיט זייער אַרבעט.

צו ז. 194.

קיינ סילעק—דאָ געמיינט: קיינ מיטל צו באַפרידיקנ.

אַ פּיזמענ—דאָ געמיינט: א לידל.

צו ז. 195.

באַלדאַבירענס—רעדנערס.

צו ז. 196.

מאַ שמויכעמ (מה שמכם)—ווי רופט מענ אײַכ?

אַפּ קאַמע וועקאַמע (כמה וכמה) זאַכנ—אַפּ זייער א סאַכ זאַכנ.

צו ז. 197.

קויהאַנימ־דוכענענ—בענטשנ דעמ אוילעמ דאַוונערס, וואָס איז פארזאַמלט אינ סינאַגאָגע. יאָנטעוו פלעגנ די קויהאַנימ „דוכענענ“. זיי פלעגנ זאָגנ די פּסוקימ „יברכך אדני“ (יעוואָרעכעכאָ אַדוינוי—במדבר VI, 24—26) אונ זינגענ, ביים דער אוילעמ פלעגט זאָגנ א באַשטימטע טפילע וועגנ דעמ, אַז עס זאָלנ זיכ אויסלאָזנ צו גוטנ די כאַלוימעס, וועלכע עס האָבנ זיכ געכאָלעמט די דאַוונער.

צו ז. 198.

יעהי־ראָצנ—די טפילע, וואָס הייבט זיכ אָנ מיט די ווערטער „יהי רצון“. פונ דער דאָזיקער טפילע איז דאָס גענומענ די פאָלגנדיקע פראַזע:

חזקם ואַמצם, ואם צריכים רפואָה... (באַזקיימ וועאַמציימ,

ווען מ׳ צריכים רעפואה...)—שטארק זיי און פעסטיק זיי, און אויב מען דארף זיי היילן...

אן אונטערגאנג—אין געגעבענעם קאנטעקסט געמיינט: אן איבער־גאנג, א קראנקייט, וואס גייט איבער.

כויקער וועדוירעש (חוקר ודורש) געווען—אויסגעפארשט.

„מאיאפעס" („מה יפית")—איינע פון די שאבעסדיקע זמירעס, וואס די רעליגיעזע יידן פלעגן זינגען מיט א באזונדערן ניגון. די פוילישע פריצים פלעגן צווינגען זייערע יידישע ארענדאטארן צו זינגען פאר זיי די זמירעס. אזוי ארום איז „מאיאפעס" געווארן א סינאנים פון ליוב־געזאנגען פארן פאריץ און פון כניפע צו מאכטהאבער.

א פכיסעס־האקאוועד (פחיתת הכבוד)—א דערנידעריקונג, א באליידיקונג.

די טויערן פון פארנאסע—ס׳איז די יידישע איבערזעצונג פון דעם העברעישן מעטאפארישן אויסדרוק „שערי הפרנסה". געמיינט: די קוואלן, פון וועלכע מע קאן ציען כאיונע.

צו ז. 199.

בעצימצעם (בצמצום)—קארג, קנאפ, קוים־קוים.

צדאקע—וואוילטעטיקייט, פילאנטראפיע. די גאנצע וויטערדיקע טיראדע איז אן אנדייטונג אף דער העצע פון דער דעמאלטיקער אנטיסעמיטישער פרעסע, וועלכע האט געפאדערט פארשמעלערן די ראמען פון דער עקאנאמישער טעטיקייט פון דער יידישער באפעלקערונג און האט מאסקירט אירע רעאקציאנערע שטרעבונגען מיט טערעצ, אז זי וויל פארהיטן דאס פויערטום פון דער „יידישער עקספלואטאציע".

פיזעם—מוסקוס־טראפנס. מע גיט עס שמעקן א טויט־קראנקן.

נאכאלעהיימעס—געמיינט: נאך אלעמען.

מעקוימעס (מקומות)—ערטער.

צו ז. 200.

יענע געוויסע זאך — זע ז. XLV פון ערשטן טייל „ווינטש־פינגערל".

מענטשן פון מוישעס גלויבן—געמיינט: אסימילירטע יידן, וואס האלטן דאס יידנטום פאר א רעליגיע און אנערקענען ניט די עקזיסטענץ פון א יידיש פאלק.

צו ז. 201.

במהרה בימינו (בימהיירא בעיאמיינו)—אינגיכן, אין אונדזערע טעג (צייטן).

אמן וכן יהי רצון (אמיין וועכיין יעהי ראצוין)—אמיין, און אזוי זאל זיין דיין ווילן.

א מעשׂה איבער א מעשׂה

צו ז. 205.

אָמר (אָמאר) מענדעלע מוכר־ספֿרים — זאָגט מענדעלע מוכר־ספֿרים. מיט דעם דאָזיקן אָנהייב אימיטירט מענדעלע (און פּאַראָדירט) דעם טראַדי־ציאָנעלן נוסח פֿון די פֿאָרווערטער צו די העברעישע רעליגיעזע ביכער.

ק"קן — געמיינט: שטעט. א מערצאָל פֿון דער פֿאַרקירצונג: ק"ק (קהלה קדושה — די הייליקע געמיינדע; געמיינט: די שטאָט).

צו ז. 206.

נרצה (נירצע) — באַוויליקט, אָנגענומען פֿאַר גוט.

אינהאלט

זייט

צווייטער טייל

פינפטער בוך 7

זע־סטער בוך 74

זיבעטער בוך 113

אכטער בוך 158

דער סאָף פון דער מײַסע 188

וואריאנטן

א מײַסע איבער א מײַסע 205

א נאכט אין צאָרעס 216

קאָרבאָנעס 233

באמערקונגען

אָ. מארגוליס — געשיכטלעכע עקסקורסן 265

וואָרט־דערקלערונגען 289

Редактор—А. Гурштейн. Корректор—М. Иткович. Техред.—М. Погостер. Сдано в набор 13/XI-37 г. Подписано к печати 31/XII-37 г. Ф. б. 62×94 1/16 19 1/4 п. л. 18 уч. авт. л. „Эмес“ № 84.

Уполном. Главлита РСФСР Б—33439.
Тираж 4000 экз.

Типография „Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. 966

Цена в переплете 10 руб.